## אַ. ווייטער

(אײזיק־מאיר דעװענישסקי)

# כּתבים

מיט דער ביאָגראַפיע פונם מחבר, זײַן בילד און פאַקסימילע

צונויפגעזאַמלט און אויפגעשטעלט א. י. גאָלדשמידט

ערשטער באַנד

ווילנער פאַרלאַג
פון ב. א. קלעצקין


EX LIBRIS LIMUWIAE·
A. 2P2.
AMORE·MORE·ORE·RE · FIRMANTUR·AMICITIAE·
LIT



א. ווייטער
(אייזיק-מאיר דעוועניסקי)

# כתבים

מיט דער ביאָגראַפיע פונם מחבר, זיין בילד און פאַקסימילע

צונויפגעזאַמלט און אויפגעשטעלט א. י. גאָלדשמידט

KORPORATSIOON LITUVIA TARTU

S/l. Lituania
von

1923
ווילנער פאַרלאַג פון ב. א. קלעצקין
יידישע אָפּטיילונג

ווילנער פערלאג
ב.א.קלעצקין

TARTU ÜLIKOOLI
RAAMATUKOGU

A. Wajter. Dzieła. Zbierał E. I. Goldszmidt.

Drukarnia „Wydawnictwo Wileńskie“ B. Kleckina,
M.-Stefańska 23.

דרוקעריי „ווילנער פארלאג“ פון ב. א. קלעצקין, קליין סטעפן-גאס 23.

# צו די לעזער

דער טראַגישער טויט פון א. וויַיטער, דעם טאַ=
לענטפולן שריפטשטעלער און זעלטענער, מערקווירדיקער
פערזענליכקייט, האָט אויף דער הייסער מינוט אַרויסגע=
גערופן אַ התעוררות ביי זיינע פאַרערער און ביי די, וואָס
האָבן אים נעענטער געקענט, און — מ'האָט אַריינגעשטעלט
אין לייען=זאַל פון דער יידישער לערער=געזעלשאַפט אין
ווילנע אַ ביכער=שאַף אויף זיין נאָמען, געשאַפן אַ „וויַיטער=
בוך" צו זיין אָנדענק און אויפגעשטעלט אים אַ מצבה=מאָ=
נומענט. דער בעסטער און איינציק=וויכטיקסטער מאָנומענט
וואָלט אָבער געדאַרפט זיין — אַ פולשטענדיקע זאַמ=
לונג פון אַלע ווערק פונם מסירת=נפשדיקן טוער
פאַר אונזער רענעסאַנס, וואָס זיינען צעזייט און צעשפּרייט
איבער פאַרשיידענע צייטשריפטן. ובמקום שאין אנשים —
האָט זיך פאַר דער דאָזיקער אויפגאַבע גענומען איינער
פון די נאָענטסטע חברים און פריינד פונם „חבר אַראָן",
דער שרייבער פון די דאָזיקע שורות. ער האָט אויפגע=
זאַמלט אַלע זאַכן אַ. וויַיטערס פון די בונדישע פרעסע=
אָרגאַנען און פון וויַיטערס אייגענע זשורנאַלן און אַ ביסל פון
אַנדערע אויסגאַבעס, וואָס זיינען שוין ביי היינטיקן טאָג
אַ יקר המציאות. אָבער אַ. וויַיטער האָט אַ סך געשריבן
אין „פריינד" פאַר די יאָרן 1908, 1909, 1910 און 1911,
אויך אין „באָברויסקער וואָכנבלאַט" און אינם געוועזענעם
אָרגאַן פון גאַליציאַנער יידישן אַרבעטער=בונד „סאָציאַל=
דעמאָקראַט". האָט זיך דער זאַמלער געווענדט מיט בריוו
און אין דער יידישער פרעסע צו וויַיטערס יוגנט=פריינד
י. שאַדאָווסקי און א. פאָדגור, צו זיין נאָענטן פריינד
מענדל עלקין (איינעם פון די אַרויסגעבער פון „באָב=
רויסקער וואָכנבלאַט") און אַנדערע, און בכלל צו „אַלע
ליבהאָבער פון דער יידישער ליטעראַטור" און קאָלעקציאָ=
נערן, וואָס ביי זיי געפינען זיך קאָמפּלעקטן „פריינד" פאַר

די דערמאָנטע יאָרן און די אָנגערופענע ושורנאַלן, מיט אַ בקשה מודיע צו זיין וועגן דעם אין די צייטונגען אָדער אין „ווילנער פאַרלאַג“ פון ב. א. קלעצקין, וואָס האָט זיך אָנגענומען אַרויסצוגעבן אַלע ווערק פון א. וויטער, און מיט אַ הבטחה, אַז פאַר דער טרחה און פאַר דער ערלויבעניש דורכצוקוקן די צייטשריפטן און אַרויסצושרייבן פון דאָרטן די נייטיקע אַרטיקלען וועט געהעריק באַלוינט ווערן. די ה״ה פּאָדגור און שאַדאָווסקי זיינען נאָך געבעטן געוואָרן מודיע צו זיין, צי געפינען זיך נאָך ביי זיי א. וויטערס כתבים אָדער בריוו, אַחוץ די וואָס זיי האָבן שוין איבער־געגעבן. אָבער קיינער, אַחוץ מענדל עלקין, האָט זיך ניט אָפּגערופן; מענדל עלקין ווידער האָט מיט גאָרנישט ניט געקענט מיטהעלפן, ווייל זיין גאַנצע ביבליאָטעק איז פאַר־לאָרן געגאַנגען. דעריבער איז באַשלאָסן געוואָרן דערווייל אָפּצודרוקן די ערשטע זאַמלונג פון אַלע בעלעטריסטישע און פובליציסטישע ווערק פון א. וויטער.

עס האָט זיך אָבער נאָך ניט אָנגעקליבן קיין מאַ־טעריאַל פאַר אַ באַנד בעלעטריסטיק און אַ באַנד פובלי־ציסטיק באַזונדער. איז דער זאַמלער געצוואונגען געווען דערווייל, ביז דער צווייטער זאַמלונג, צו געבן דעם גאַנצן מאַטעריאַל אין איין באַנד, נאָר איינגעטיילט אין באַזונדע־רע אָפּטיילונגען. די בעלעטריסטיק גייט כראָנאָלאָגיש, דער איבעריקער מאַטעריאַל פאַרשיידנאַרטיק, טיילוויז מחמת צופעליקע טעכנישע סיבות און טיילווייז צוליב דעם עצם כאַראַקטער פון די זאַכן.

די דריי באַוואוסטע דראַמאַטישע ווערק („פּאַרטאָג“, „אין פייער“ און „דער שטומער“) גייען באַזונדער.

די איבערזעצונגען פון די צוויי העבּרעאישע שירים און פונם רוסישן ליד, ווי אויך דער ניי־פאַרעפנטליכטער בריוו אין העבר. אָריגינאַל און איבערזעצונג, גייען לויטן וואונטש פון פאַרלאַג, וואָס האָט עס געפונען פאַר נייטיק.

דער זאַמלער.

# אייזיק=מאיר דעוועגישסקי (א. ווייטער).
## זיין לעבן און ווירקן

### I. א. ווייטערס משפחה.

אייזיק=מאיר דעוועגישסקי איז, לויט די דאַטן פון זיינע קרובים, געבאָרן אין אַ פרייטאָג אין תמוז תרל״ח אָדער תרל״ט (צוליב פריזיוו=עניבים פאַרשריבן מיט פיר יאָר עלטער) אינם קליין-שטעטעלע ביניאַקאָני (ווילנער געגנט) אין זעער אַ מיוחסדיקער פאַמיליע, וואָס איז געווען אַ לעצטע טרעפּ פון אַ לייטער רבנים, דיינים, בכלל לומדים מופלגים, גרויסע בעלי=כשרונות, „קאָפּ=מענטשן", געזעלשאַפטליכע עסקנים און פרנסים=מנהיגים פון פאַר-שיידענע ליטוויש-יידישע קהילות. די משפחה איז געווען זעער אַ גרויסע, ברייט=פונאַנדערגעצווייגטע אויף אַ שטח פון דזיוועגישאָק (דעוועגישקי), גרויס=סאָלעטשניק, ביניאַקאָן, וואָראָנאָוואָ, לידע, וואַסילישאָק, איישישאָק, וואָלאָזשין, האָראָדאָק (מינסקער גוב.) און אַ סך אַנדערע שטעטלעך און שטעט, אויך ווילנע דערין. די דאָזיקע אַלע שטעט און שטעטלעך זיינען געווען דורך און דורך פאַרוואַנדט צווישן זיך, אַנדערע גאַנצע שטעטלעך אַפילו, ווי ביני=יאַקאָן, סאָלעטשניק, למשל, זיינען לכתחילה באַשטאַנען לחלוטין פון איין משפחה=שטאַם שמשון וואָראָנאָווער (די „שימ-שעליוקעס") — דעוועגישסקי.

און אַלע מיטגלידער פון דער דאָזיקער אומגעהייער פאַר-צווייגטער משפחה האָבן געציטערט און געפלאַטערט פאַר דער ריינקייט, שטרענגסטער אומבאַפלעקטקייט פון זייער רבנישן און פרום-לומדישן יחוס, האָבן זיך געפילט ווי ערבים איינער פאַרן אַנדערן און האָבן איינער דעם אַנדערן אין דעם פּרט אַ ברייטע דעה געזאָגט.

נאָר באַלד איז געקומען די תקופה פון דער אַזוי=גערופּע-

נער „אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג“ אין ליטע, פון אייזנבאַן און
„השכלה“ און האָט אַריינגעטראָגן אַ „רוח רעה“ (ווי די עלטערע
האָבן זיך אויסגעדריקט) אין דער משפחה, אַ גייסטיקע שפּאַלטונג
און עס איז ביסלעכווייז פאַרשוואונדן די אידילישקייט פון איר
פּאַטריאַרכאַלישן לעבן.

אַ. ווייטערס עלטער־זיידע פון מוטערס צד און זיידע פון
פאָטערס צד ר׳ י ע ק ב ד ע װ ו ע נ י ש ס ק י (פון דזיווענישאָק) איז
געווען אַ זון פונם א י י ש י ש ק ע ר חזן ר׳ י ה ו ש ע־ה ע ש ל, האָט
געלערנט בהתמדה אין מערעטש, געגרייט זיך צו רבנות, אין
אַ געוויסער צייט אַרום אָבער פאַרלאָזן דאָס לערנען, אַוועק קיין
דזיווענישאָק און גענומען זיך פאַר מסחר מיט וואַלד, באַזעצט זיך
אין ביניאַקאָן און איינגעשאַפט זיך פעלדער, איינגעאָרדנט אַ קרעטש־
מע, אַ מיל און פאַרפירט אַ ברייט לעבן. ער איז געווען אַ גרויסער
קאָפּמענטש, אויסערגעוויינליך ענערגיש, מיט אַן אָריגינעלן פעסטן
כאַראַקטער. זיין ווייב א ב י ג י ל איז געווען שיין הן בגוף הן ברוח,
קלוג, פרום און גוט, אויך ענערגיש, מיט אַ שטאַרקן ווילן, אַן עכ־
טער טיפּ פון אַ יידיש־פּאַטריאַרכאַלער אשת־חיל און אַ מוסטער־
האַפטער „עזר כנגדו“. מ׳האָט אָפט ליב געהאַט פאַרגלייכן זי מיט
דער ביבלישער אביגיל. זייער פלייסיקע אַרבעט האָט זיי אַוועק־
געשטעלט אין אַ גאַנץ תקיפן מעמד, זיי איינגעבראַכט אַפילו אַ גע־
וויסע עשירות. „ר׳ יאַנקל ביניאַקאָנער“, ווי מ׳האָט אים מיט דרך
ארץ שוין גערופן, האָט זיך אָבער ניט געיאָגט נאָך עשירות. ער
האָט געהאַט פינף זין און זעקס טעכטער און זיין גאַנץ פאַרמעגן
האָט ער אַוועקגעגעבן אויף זייער דערציאונג און אויף צרכי צבור
אין די שטעטלעך פונם אַזוי גערופענעם „ביניאַקאָנער גליל“, וואו
ער איז געווען פרנס און מנהיג. בעת ניט ווייניק פון זיינע צייט־
חברים און שכנים האָבן אָנגעלעבט קאַפּיטאַל און מאַיאָנטקעס,
האָט ר׳ יאַנקל געהאַלטן ביי זיך, און בכבוד, די בעסטע מלמדים,
שאַרפע לומדים און בעלי מידות טובות, כדי צו מאַכן זיינע קינ־
דער פאַר „י י ד ן־מ ע נ ט ש ן“. פאַר דעם דאָזיקן אידעאַל זיינעם
איז אים קיין זאַך ניט צו שווער געווען, איז ביי אים רעכט גע־
ווען זיין גאַנצן אייגנס אַוועקצוגעבן. דאָס אַלץ און זיין איבער־

געגעבענע אַרבעט לטובת הכלל, זיין פזרנות פאַר נויט־באַדערפ־טיקע אָן אונטערשייד פון גלויבן האָט אים געשאַפן אַ שיינעם נאָמען ביי יידן און ביי קריסטן אין דער גאַנצער פאַראַפיע.

אין פאָטערס וועגן זיינען געגאַנגען אויך זיינע קינדער און זיי אַלע האָבן באַקומען דעם נאָמען „די באַרופענע״.

אַלע פינף זין זיינען געווען גרויסע לומדים און מערקוויר־דיקע מענטשן. דער עלטסטער זון, אליהו, אַן איידים פונם אַמאָ־ליקן ווילנער גביר און יחסן משה טשערנעס, איז געווען אַ למדן מופלג, אַ מוסמך, וואָס האָט ניט געוואָלט האַלטן די תורה פאַר אַ „קרדום לחפר בה״, האָט בשום אופן ניט געוואָלט ווערן קיין רב און האָט געלערנט תורה לשמה. אָבער נאָכן טויט פון זיין ווייב זיינען אים פאַרבליבן קליינע קינדער, די געשעפטן זיי־נען אוועק שלעכט און ער איז געצוואונגען געווען אָנצונעמען רבנות אין האָראָדאָק (מינסקער גוב.), וואו ער איז געשטאָרבן אָן אַ צייט, מיטנעמענדיק מיט זיך אין קבר אַ ניט־אַרויסגעזאָגטע, אונטער שטרענג פאַרמאַכטע ליפן טיף אין האַרצן איינגעשלאָסענע בענקשאַפט, אַ טיפן סוד.

דער צווייטער זון ר׳ יאַנקלס, משה יהודה לייב (דער פאָטער פון אַ. ווייטערס מוטער), האָט אויך ווי זיין פאָטער פרי־ער געהאַט געלערנט אין מערעטש, איז געווען אַן אויסערגעוויינ־ליכער מתמיד, האָט באַקומען דעם נאָמען „מערעטשער עילוי״, איז געוואָרן באַליבט ביי די גרעסטע רבנים אין ליטע, וואָס האָבן געמאָלדן, אַז ער איז „ראוי להוראה״, און אַ סך פון זיי האָבן גע־האַלטן זיך פאַר אַ כבוד און אַ גליק צו קריגן אים פאַר אַן איידים. „דער כבוד און דאָס גליק״ איז אויסגעפאַלן אויפן גורל פון הרב ר׳ שלמה דיין אין וואָראָנאָווע, וואָס האָט אים אַריינגעכאַפּט ווי אַן אבן־טוב פאַר זיין טאָכטער חנה־צביה, אַ יפת־תואר און אַ מפורסמת מיט אירע גוטע מעלות. ר׳ שלמה האָט געהאָפט, אַז זיין איידים וועט באַלד פאַרנעמען זיין שטעלע אַלס דיין אין וואָ־ראָנאָווע אָדער וועט ווערן רב ערגעץ אין אַן אַנדער שטעטל. דאָס איז אָבער ניט געשען.

ביים פאָטער (ר׳ יאַנקלען) האָבן זיך די געשעפטן פאַר־

בראָכן, זיין עקרת הבית, די מוטער אביגיל, איז אומגעריכט גע־
שטאָרבן אין די מיטעלע יאָרן, און ער האָט געדאַרפט איינער אויס־
האַלטן אַ גרויסע פאַמיליע, דערוואַקסענע און ניט דערוואַקסענע
זין און טעכטער, וואָס האָבן גאַנץ ווייניק מיטגעהאָלפן אין דער
בעל-הבתישקייט. אַחוץ אליהון און משה־לייבן זיינען געווען
נאָך דריי זין: שמואל (ווייטערס פאָטער), יצחק־מאיר און
דוד, וואָס זיינען אויך געווען „אוכלים ואינם עושים", געזעסן
יומם ולילה על התורה ועל העבודה און האָבן, פונקט ווי די על־
טערע ברידער, זיך געגרייט צו רבנות. אין שטוב זיינען אומגע־
גאַנגען זעקס טעכטער און מ'האָט געמוזט טראַכטן וועגן „תכליתים"
פאַר זיי. איז דער מצב פונם אַלטן דעווענישסקי געוואָרן קריטיש.
דאָס האָט שטאַרק געווירקט אויף משה־לייבן, און — ער האָט פאַר־
לאָזן מערעטש, פאַרוואָרפן די רבנישע קאַריערע און איז געקומען
קיין ביניאַקאָן העלפן דעם אַלטן אויסגעהאָרעוועטן פאָטער. ער
האָט זיך גענומען מיט גרויס ענערגיע ברענגען אין אָרדענונג די
בעל־הבתישקייט, האָט איינגעפירט צווישן די עלטערע אַ געהערי־
קע פאַרטיילונג פון דער אַרבעט און געהאָלפן דעם פאָטער האָ־
דעווען די יינגערע. אין ביניאַקאָנער קרעטשמע איז געזעסן דער
אַלטער פאָטער און אין מיל האָט זיך באַזעצט משה־לייב מיט זיין
פאַמיליע און האָט צוגענומען צו זיך דעם ברודער שמואלן.

קיין רב איז פון זיי שוין קיינער ניט געוואָרן. יצחק־
מאיר איז געווען אַ שאַרפער למדן, אַ „שאַרפער קאָפּ", ווי מ'האָט
אים גערופן, איז געוואָרן אַ משכיל, אַ סוחר, נאָר געבליבן זע־
ער פרום און האָט געקוקט אויף די וואָס זיינען „מציץ ונפגע",
אויף די „וואָס גייען אַראָפּ פון דרך", מיט אַ טיפן צער און שטי־
לער פאַרביטערונג. פון אָנהייב פלעגט ער נאָך ריידן צו אַ „גע־
כאַפּטן": „חכמות, לשונות — געוויס, אָבער צו וואָס „פאַרקריכן"?
איז דער רמב"ם „פאַרקראָכן"? איז דער אבן עזרא „פאַרקראָכן"?
און אַברבנאל? און דער ווילנער גאון דער גרעסטער בעל־הנדסה
(מאַטעמאַטיקער)?.." און אַז ער האָט געזען, אַז זיינע רייד זיינען
אַרויסגעוואָרפן, איז ער אַנטשוויגן געוואָרן און זיין גאַנץ לעבן
פאַרבליבן אַ שטרענגער שווייגער...

כמעט דאָסזעלביקע איז געווען מיטן ייִנגסטן ברודער דודן, וואָס האָט זיך געוואָרפן פון איין עסק צום אַנדערן, איז זעער פאַראָרימט געוואָרן, האָט עמיגרירט קיין אַמעריקע און איז ווי אין וואַסער אַריין.

משה-לייב האָט אַ סך געאַרבעט און געליטן פאַר דער גאַנצער משפחה, פאַר די שוועסטער און ברידער, געזאָרגט פאַר זיי, באַזונדערס נאָכן טויט פון פאָטער, ווי פאַר די אייגענע קינדער, האָט זיי חתונה געמאַכט און אײַנגעאָרדנט אין ביניאַקאָן גופא און אין פאַרשיידענע שטעטלעך פון דער סביבה. ער האָט ניט געוואָלט, די „נחלה" זאָל צעברעקלט ווערן, האָט ער געזעען דורכאויס חתונה צו מאַכן די קרובים צווישן זיך. ער האָט געהאַט דריי קינדער: צוויי טעכטער, מלכה און ליבע, און אַ זון אברהם-יצחק. אַז מלכה איז אונטערגעוואַקסן, האָט ער באַשלאָסן זי חתונה צו מאַכן מיטן ייִנגערן ברודער שמואל, וואָס האָט זיך געהאָדעוועט ביי אים אין שטוב צוזאַמען מיט זיינע אייגענע קינדער. די כלה-מיידל אַליין האָט דעם שידוך ניט געוואָלט און מיט איר האָט געהאַלטן אויך די מוטער, חנה-צביה. ערשטנס, איז מלכה געווען כמעט אַ קינד נאָך לגבי שמואלן; צווייטנס זיינען זיי געווען ניט גלייך מיט די כאַראַקטערן. מלכה האָט געהאַט אַ ווייכע צאַרטע נשמה מיט אַ נטיה צו וועלטליכקייט, מיט אַ ליבע צו דער נאַטור, מיט שטילע שטרעבונגען צו עפּעס העכערס, שענערס, וואָס איז געלעגן מחוץ לתחום פון דער קליינשטעטלש-פאַרצייטיקער קרעמעריש-פרומער אַטמאָספערע, מיט שטומע, ניט-אַרויסגעזאָגטע פאַרלאַנגען, און איז אומגעגאַנגען שטענדיק אַ פאַרחלומטע, ווי זי וואָלט געלעבט עפּעס אין אַנדערע ווייטע וועלטן. שמואל, פאַרקערט, האָט געהאַט אַ הייסן ליידנשאַפטליכן טעמפּעראַמענט, איז געווען אַ שטרענג פרומער-פאַנאַטישער מענטש, מיט אַן אײַזנפעסטן, באַפעלערישן כאַראַקטער, אַן עקשן, וואָס האָט געהאַלטן אַלעמען און אַלץ אַרום אין מורא. אַפילו קריסטן-שכנים האָבן געציטערט פאַר „מוניען" און האָבן אים געפאָלגט — „אין פייער און אין וואַסער". נאָר איין מעלה האָט ער געהאַט, וואָס האָט אַרויסגערופן ביי אַלעמען טיפע

אַכטונג צו אים, — אַבסאָלוטע ערליכקייט, קריסטאָל־ריינע אָרנסט־ליכקייט. דאָס אַלץ האָט געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ ריין מאַיע־סטעטישער האַלטונג.

די מוטער, חנה־צביה, האָט קלאָר געזעען, אַז דאָס איז לחלוטין ניט קיין פּאָר, און איז אין הארצן געווען לגמרי קעגן משה־לייבס פּלאַן, האָט אָבער קיין מוט ניט געהאַט אַרויסצוזאָגן דאָס דעם מאַן אָפן, האָט בכלל געגלויבט, אַז אַ ווייב אַ יידישע טאָכטער מוז אין אַלץ פאָלגן דעם מאַן, — בכן האָט זי געשוויגן. די טאָכטער, מלכה, האָט שוין געהאַט אַ פעסטערן כאַראַקטער פון דער מוטער און האָט געפּרוּווט דערווידערן. זיינען פאָרגעקומען סצענעס, טרערן האָבן זיך געגאָסן. דער פאָטער האָט געפּרוּווט ווירקן מיט גוטן, האָט עס ניט געהאָלפן, אָבער נאָך אַ „ירגזון“ זיינעם האָט מלכה נאָכגעגעבן, האָט פאַרביסן די ליפּן און איז אַנטשוויגן געוואָרן.

ס'איז געווען חתונה, און משה־לייב האָט אָוועקגעגעבן דעם יונגן פאָרפאָלק די קרעטשמע, וואָס האָט געגעבן מער פּראָ־פיט, און אַליין איז ער געבליבן זיצן אין מיל.

די באַציאונגען פון פאָרפאָלק זיינען פונם ערשטן טאָג אָן געווען קאַלטע. ער איז געווען פאַרטאָן אין קלויז, אין מאַרק און אין קרעטשמע, און זי איז אומגעגאַנגען שטענדיק פאַר־טרויערט און האָט אויסגעמיידט געזעלשאַפט. ס'איז געוואָרן אַ שווערע אַטמאָספערע פון ניטגוטלעבן, ניט געקוקט דערויף, וואָס איר וואָרט איז ביי אים הייליק געווען און וואָס זי איז בכלל נאָכגיביק געווען.

זיי האָבן געהאַט אַ סך קינדער, אָבער קיין קינדער האָבן זיך ביי זיי ניט געהאַלטן. איין קינד, וועלוועלע, האָט זיך שוין געהאַלטן לענגער, שוין דאָס אַכטע יאָר דערלעבט, — איז ער פּלוצלינג דערהרגעט געוואָרן דורך אַ בריק פון אַ פערד. דאָס אַלץ האָט די פאַמיליע נאָך אומגליקליכער געמאַכט. און אַ מערק־ווירדיקע ערשיינונג: סיי שמואל סיי מלכה האָבן קיינמאָל נאָך זייער חתונה קיין טרערן ניט פאַרגאָסן, האָבן אויסגעהאַלטן די קלעפּ פון לעבן און זיינען געבליבן יעדערער פעסט אַיינגע־

שלאָסן אין זיך. נאָר װעלװוקעס שוידערליכער טויט האָט ביי שמואלן אַרויסגערופן אַ היסטערישן געוויין, און די פיזיש-שוואַכע מלכה, וואָס איז געווען זעער אַ צערטליכע מוטער, האָט דווקא אַרויסגעוויזן כאַראַקטער און האָט אים באַרואיקט. — בכלל איז וויינען פרעמד געווען אין דער דאָזיקער משפחה. —

אין אַ געוויסער צייט אַרום זיינען זיי געטרייסט געוואָרן: ס'איז ביי זיי געבאָרן געוואָרן אַ ניי „געראָטן קינד", ווי אַלע אַרומיקע האָבן מיט זיכערקייט געמאָלדן, און זיין נאָמען איז געווען — יצחק-אייזיק-מאיר.

---

## II. ווייטערס קינדהייט.

מיט לייב און מיט לעבן האָט זיך מלכה איבערגעגעבן איר „בן-יחידל" אַייזיק-מאירלען, וואָס זי האָט אים צוליב אַ סגולה שטענדיק מיט ביידע נעמען גערופן. זי האָט איצט דערשפירט דעם ערשטן מאָל, אַז זי האָט אַ אינטערעס אין לעבן באַקומען, און זי האָט גענומען ציטערן און פלאַטערן פאַר איר „נשמהלע", געפּיעשטשעט עס, געצערטלט כמעט ביז צו משוגעת. זי האָט גענומען מורא האָבן פאַר אַן „עין הרע", וואָס האָט געוויס געשאַדט יענע קינדער, און וואָס איז געקומען פון דער קרעטשמע, וואו עס שוויבלט און גריבלט דעם גאַנצן טאָג מיט כל-המינים מענטשן, „ווער ווייס ווער זיי זיינען", און זי האָט באַשלאָסן אַרויסצוראַטעווען איר בן-יקירל פון דער „פאַרשאָלטענער" קרעטשמע, פון דער סביבה פון בראַנפן און מאַכאָרקע, פון שכורים, זלזולים און קללות פויערישע. „אַייזיק-מאירל מוז אַ געבענטשט קינד אויסוואַקסן, פרום צו גאָט און גוט צו לייט?"

און דער אַלטער זיידע משה-ליב איז אויך מיט די דאָזיקע געפילן און רעיונות דורכגעדרונגען געוואָרן, און — האָט צוגענומען דאָס קינד צו זיך אין מיל אַריין, וואו די סביבה איז לחלוטין אַן אַנדערע געווען, אַ שטילע און אַ מאָראַליש-זויבערע.

אַגב האָט זיך משה=ליב געשפּירט פאַר שולדיק אינם טראַגישן לעבן פון זיין טאָכטער, און האָט געזעען כאָטש מיט עפּעס צו פאַר= ריכטן עס. ער האָט זיך בלב ונפש איבערגעגעבן דער דערציאונג פונם „טייערן איינקל״, וואָס איז אויך געוואָרן — די נשמה זיינע, און ער האָט אַרומגערינגלט דאָס לעבן פונם קינד מיט אַלע מיגלייכסטע באַקוועמליכקייטן, מיט אַלע צערטליכקייטן. שמואל האָט אין אַלץ נאָכגעגעבן זיין ווייב, נאָר ער האָט זיין אויג ניט אַראָפּגעלאָזט פונם זון אינם פּרט פון דערציאונג. אַז אייזיק-מאירל איז אַלט געוואָרן פינף יאָר, האָט דער זיידע גענומען פאַר אים אַ מלמד צו זיך אין שטוב. דער דאָזיקער מלמד, ר׳ יאָסל, איז געווען אַן אָריגינעלער מענטש. ער איז געווען אַ קעגנער פונם מנהג פון יענע יאָרן אָנצוהייבן מיט קינ- דער חומש, און דווקא פון „ויקרא״. ער האָט געהאַלטן, אַז דער נאַטירליכסטער ספר, וואָס איז צוגעפּאַסט פאַר די צאַרטע קינ= דערשע נשמות, איז — תהילים! און נאָכדעם ווי אייזיק-מאיר האָט אין אַ פּאָר טעג דורכגעמאַכט דעם אלף בית, האָט דער רבי אָנגע= הויבן מיט אים תהילים. פון נאָך סוכות ביז חנוכה האָט דער תלמיד דורגעלערנט גאַנץ תהילים און געוואוסט אים אויף אויס= ווייניק.

אַז דער עלטער=זיידע דער ישיש ר׳ שלמה דיין פון וואָראָ- נאָווע, וואָס האָט נאָך דעמאָלט געלעבט, האָט דאָס דערהערט, האָט ער געוואָרנט, „מ׳זאָל היטן דאָס קינד, און שטאַרק היטן, ניט ווייזן עס פאַר מענטשן, ניט ריידן וועגן זיינע ידיעות, ס׳זאָל אים קיין עין=הרע ניט שאַדטן״...

דער צווייטער רבי איי׳זיק=מאירס איז געווען ר׳ אברהם שלמה מיכיילישקער, אַ גרויסער בעל-תנ״ך, אַ בעל-דקדוק און אַ משכיל און האָט דערצו געשמט פאַר אַ גרויסן בעל=פּעולה. צו אַכט יאָר איז אייזיק=מאיר קלאָר געווען גאַנץ תנ״ך, דורכגע= גאַנגען דעם „מסלול״, דעם „תלמוד לשון עבר״, באַקאַנט געוואָרן אַפילו מיטן רד״ק און שוין געלערנט גמרא. דאַן האָט משה ליב גענומען „פאַר דער משפּחה״ אַ ספּעציעלן גמרא=מלמד, דעם גע= וועזענעם ראש-ישיבה פון דזיוועניש אָק און אָשמענע ר׳ פּסח ב״ר

שמואל אינגעל, וואָס האָט אַמאָל געהאַט געלערנט אויך מיט אייזיק־מאירס פאָטער און מיט זיינע צוויי יינגערע פעטערס, יצחק מאיר און דוד, און איצט האָט ער געזאָלט לערנען ניט בלויז מיטן וואונדערליכן איינִיקל, נאָר אויך מיט משה־ליבס דערוואַק־סענעם זון אברהם יצחק, ווי בכלל מיט די גרויסע בחורים פון שטעטל, זין פון תקיפע בעלי־בתים, „צוליב וואוילע שידוכים". ר׳ פסח איז געווען אַ מוסמך, אַ גרויסער תלמודיסט און אַ שטרענ־גער בעל־מידות. ער האָט שאלות געפסקנט און האָט אין אַלץ מקיל געווען. ער האָט געהאַלטן, אַז העכער פון אַלץ איז די עטיק, די מאָראַל, די „חובות פון האַרצן". ער האָט געלערנט מיט זיינע תלמידים בכלל און מיט אייזיק מאירן בפרט זייער אַ סך גמרא מיט מפרשים, אָן פלפול, נאָר שטרענג לאָגיש, אָבער ער האָט אָפּגעגעבן ניט ווייניק צייט אויך אויף אַזוינע ספרים, ווי דער „חובות הלבבות" און זיין גלייכן, וואָס האָבן געפּרעדיקט מסירת־נפש פאַר אַ אידעאַל, וואָס איז הייליק. ער האָט אַפילו געראַטן זיינע תלמידים צו לייענען געוויסע השכלה־ספרים, ווי למשל „מסתרי פּאַריז", וואו ער האָט איינגעזעען אַ בייסנדיקע קריטיק אויפן שקר און די עוולות פון דער וועלט. ער האָט געהאַט אויף אייזיק־מאירן אַ גוואַל־דיקע השפעה; דער תלמיד איז געווען פּשוט באַגייסטערט פון רבין, וואָס איז געווען תוכו כברו, האַרמאָניש אין זיין דענקען, ריידן און טאָן. אַכט תלמידים האָט ר׳ פסח געהאַט, האָט געלערנט מיט זיי אין קלייזל, וואָס ביי „מוניעס קרעטשמע", און אייזיק מאיר האָט דאָ געהאַט די געלעגנהייט בולט צו זען דעם קאָנ־טראַסט צווישן דער איידעלער תורה דעם רבינס און דעם לעבן אין קרעטשמע. און דאָס האָט זיך געלייגט שטאַרק אויף דער נשמה דעם קינדס. אייזיק-מאיר האָט גענומען שטעלן דעם רבין ניט זעלטן גאַנץ האַרבע שאלות, וואָס ס׳האָט זיך ניט אַזוי לייכט געלאָזט אויף זיי ענטפערן. האָט איינמאָל אין אַ שבת צו כבוד ר׳ פסח געמאָלדן משה־ליבן, אַז ער איז שוין „צו שוואַך" פאַר די „וואוילע קינדער" מיט זייערע יונגע שאַרפע קעפּ, בפרט פאַר אייזיק-מאירלען, און האָט אים געעצהט אַוועקצושיקן דעם איינִיקל אין אַ וואָסער־ס׳איז מקום תורה.

האָט מען גענומען קלערן, וואוהין שיקט מען דעם טייערן בן־יחידל. די מוטער האָט אים בשום אופן ניט געוואָלט אָפּלאָזן פון זיך. זי האָט זיך גאָר ניט געקענט פאָרשטעלן, ווי וועט זי גאָר קענען לעבן, ניט זעענדיק אייזיק־מאירן. זי האָט דאָך געאַרבעט נאָר פאַר אים, געלעבט נאָר פאַר אים, איז יעדע רגע גרייט געווען זיך מקריב זיין פאַר אים בפועל ממש. האָבן דאָ דער פאָטער און דער מאַן געהאַט אַ שווערע אויפגאַבע. ביידע האָבן זיי געחלומט צו מאַכן אייזיק־מאירן ניט אַנדערש פאַר אַ רב, און צוליב דעם מוזן זיי אים אַוועקשיקן קיין איישישאָק, קיין דערמיר, נאָך בעסער קיין וואָלאָזשין. איז אָבער מלכה בבחינת „נפשה קשורה בנפשו" און זיי האָבן געציטערט פאַר איר לעבן. איז געבליבן אַ פּשרה: אייזיק־מאיר וועט פאָרן קיין סאָלעטשניק, זיבן וויאָרסט סך הכל פון ביניאַקאָני; זיין וועט ער דאָרטן ביי קרובים, אונטער דער השגחה פונם שוועסטערקינד משה דוויאַלאַנסקי, „אויף ווען מ׳קען זיך פאַרלאָזן", און די מוטער וועט זיך קענען זען מיט איר קינד עטליכע מאָל אין וואָך. אַחוץ דעם וועט אייזיק־מאירן אויך פרייליך זיין, ווייל מ׳האָט געשיקט קיין סאָלעטשניק אויך זיין קרוב און נאָענטן חבר שמואל בויער, מיט וועמען ער האָט געלערנט צוזאַמען ביי ר׳ פּסחן.

אייזיק־מאיר איז אַלט געווען אַ יאָר 12 — 13, ווען ער איז געקומען קיין סאָלעטשניק. דאָרטן האָט ער געלערנט אין בית־מדרש ביים רב פון שטעטל ר׳ נחום סענזאָן, אויך זייערער אַ קרוב. דאָס איז געווען אַ מערקווירדיקער יונגערמאַן, אַ „פייערדיקער" למדן און אַ בקי אין דער גאַנצער תּלמודישער און יידישוויסנשאַפטליכער ליטעראַטור פון מיטלאַלטער, דערצו אַ קענער אין „לימודיות" (מאַטעמאַטיק) און באַזונדערס אין „תּשבורת" (אַלגעברע), — בקיצור אויך אַ גרויסער משכּיל, און דאָך זייער פרום (איצט אין לידס, ענגלאַנד). די סביבה האָט אים אָבער ניט באַגריפן און האָט אים געהאַלטן אין חשד. איז אָט דער דאָזיקער ר׳ נחום האָט געלערנט מיט זיינע תּלמידים תּלמוד אויף גאָר אַ הויכן שטייגער, האָט זיי אַריינגעפירט אין די העכערע ספרים פון

„האמונות והדעות“ און „מורה נבוכים“ און האָט זיי צוגע־גרייט צו זעלבשטענדיקן דענקען.

אַייזיק־מאיר האָט געלערנט מיט אַ נאָך ניט געזעענער התמדה, זיך אויסגעצייכנט מיט אַ שנעלער תּפיסה, שאַרפן שוואונג פון געדאַנק און אויסערגעוויינליכן כּוח הזכּרון, און זיין פּעולה אין לערנען האָט אַריבערגעשטייגט אַלע דערוואַרטונגען. אַלע האָבן שוין מיט התפּעלות אַרויסגערעדט קורץ און קלאָר:

— אַ עילוי!

און אויפריכטיק מיט ליבע צוגעגעבן:

— קיין עין הרע זאָל אים ניט שאַדטן! —

דער זיידע, וואָס האָט ליב געהאַט אייזיק־מאירן מער ווי אַלעמען, האָט אויסגעדריקט זיין איינציקן פאַרלאַנג און זיכערע האָפענונג:

— מיין אַייזיק־מאירל וועט זיין אַ גדול בישראל!

דער פאָטער, שמואל, האָט קלערער באַטאָנט:

— מיין אייזיק־מאירקע וועט זיין אַ רב, אַ גרויסער רב, אין אַ עיר ואם בישראל! אין אים וועלן דער זיידע און דער טאַטע באַקומען זייער תּיקון!

און די מוטער, מלכּה, האָט געשוויגן אָדער געוואונטשן איר בן־יקירל נאָר איינס:

— זאָל ער נאָר געזונט זיין, האַרצעדיקער גאָט, און האַלטן זיך ביי אונז אויף לאַנגע יאָר!

דער רבי ר׳ נחום איז געווען אויפן זיבעטן הימל פון אַנט־ציקונג. ער האָט זיך געשעצט גליקלעך, וואָס „ער איז דער רבי פון אַזאַ תּלמיד“. אַייזיק־מאיר פלעגט אַלע וואָך פּינקטלעך שרייבן צו די עלטערן אַהיים בריוו, שיינע, זיס־מליצהדיקע. איז דער רבי געווען פון זיי אין הוילער התפּעלות, און פאַרן אָפּשיקן זיי פלעגט ער זיי ווייזן מבינים פון שטעטל, און אַייזיק־מאיר האָט באַלד באַקומען אַ נאָמען פון אַ „ספרא רבא“. דער סאָלעטש־ניקער רב פלעגט זיך רעכענען אויך פאַרן רב פון ביניאַקאָני, און פלעגט עטליכע מאָל אין וואָך אַהין פאָרן. פלעגט ר׳ נחום אַלע מאָל אָפּשטאַטן אַ וויזיט דעם גבאי משה־לייבן און דעם

„שיינעם בעל־הבית" שמואלן, און די טעמע פון זייערע אַלע שמועסן איז דורכאויס געווען — אַייזיק־מאיר. דעמאָלט זיינען אויסגעאַרבעט געוואָרן אַלע פּלענער פאַר אַייזיק־מאירס צוקונפט.

אייזיק־מאיר איז דערווייל אַ ביסל געענדערט געוואָרן. ער האָט זיך אָנגעהויבן אינטערעסירן מיט שאלות, וואָס שטייען ברומו של עולם. פאַרשיידענע השכלה־ביכער פלעגן אים נאָך זייענדיק אין דער היים צופעליק אַריינפאַלן אין האַנט און ער פלעגט זיי ניט אַלע מאָל מיט חשק לייענען. ער פלעגט ניט באַגרייפן, וואָס ווילן יענע מאָדנע „ספרים", וואָס זיינען געשריבן מיט עפּעס מאָדנע צייכנס. זיין פעטער יצחק־מאיר האָט געהאַט אַן אָפּגעקליבענע ביבליאָטעק פון זייער ערנסטע, מאָדנע שווערע ביכער, ווי „המנוחה והתנועה" (סטאַטיק און דינאַמיק) פון צבי הירש ראַבינאָוויטש, „איל משולש" (אַלגעבּרע, געאָמעטריע און טריגאָנאָמעטריע) פון ווילנער גאון וכדומה, וואָס ער האָט זיי ניט פאַרשטאַנען. ליבער איז אים געווען דער „המליץ", וואָס דער פעטער פלעגט אויסשרייבן. אָבער קיין גרויסע חכמות האָט ער דאָרטן ניט באַ־געגנט. איצט אָבער, נאָכדעם ווי דער רבי ר׳ נחום האָט אים „ליכטיק געמאַכט" אין מוח, האָט ער מיט אַ באַזונדערער זשעד־נעקייט געזוכט ביכער, וואָס ער האָט אייגנטליך פאַר זיי קיין נאָמען נאָך ניט געהאַט. און ער האָט גרויס צער געהאַט, ווען אים פלעגט זיך ניט איינגעבן צו געפינען דאָס געגאַרטע. איינמאָל האָט ער ביים „פעטער משה דווילאַנסקי", ווי ער פלעגט אים רופן, דערזען צופעליק אָפן דעם ספרים־אַלמער, און ער האָט זיך צוגעכאַפּט צו אים, ווי אַ דאָרשטיקער אין אַ מדבר צו אַ וואַ־סער־קוואַל. ער האָט דאָרטן אַ גאַנצן אוצר געפונען: דעם ריב״לס „זרובבל", זיין „תעודה", דעם „עמק הבכא" פון ר׳ יוסף הכהן, דעם „יון מצולה" פון ר׳ נתן האַנאָווער און אַ סך אַנדערע ענ־ליכע ספרים. ער האָט ניט געגעסן און ניט געטרונקען ביז ער האָט ניט דורכגעלייענט די דאָזיקע פיר דערמאָנטע ספרים, ער האָט זיי געשלונגען כמעט מיט איין אָטעם. זיי האָבן אויף אים געמאַכט אַן אומגעהייערן רושם. פון איין זייט איז אים קלאָר גע־וואָרן, אַז אַ מענטש דאַרף קענען שפּראַכן און חכמות (וויסנ־

שאַפטן), פון דער אַנדערער — אַז דער גורל פון זיין פאָלק איז אַ מאוימדיקער. ער האָט עס ביז אַהער, דאַכט זיך, גאָר ניט געשפּירט, קיינמאָל, דאַכט זיך, וועגן דעם גאָר ניט פאַרטראַכט זיך אַפילו. און ער האָט גענומען זוכן אַן ענטפער אויףביידע פראַגן, וואָס האָבן אים שוין ניט אָפּגעלאָזן. איין זאַך איז ביי אים געווען זיכער, אַז כדי כאָטש אַ ביסל צו פאַרשטיין אין וועלט און לעבן, מוז מען זעער אַ סך לערנען.

אין סאָלעטשניק האָט אין בית־המדרש געלערנט אַ דער־וואַקסענער בחור פון טשערניגאָוו, אַ מוסמך, וואָס האָט אויסגע־שריבן פון וואַרשע די „רוסישע מעטאָדע" פון הנ"ץ, וואָס איז אין יענע צייטן געווען זעער פּאָפּולער. ער האָט זעער ליב באַ־קומען דעם מערקווירדיקן יינגל דעם עילוי און האָט מיט אים צוזאַמען געלערנט רוסיש. די גאַנצע רוסישע גראַמאַטיק נעטי־מאָלאָגיע און סינטאַקסיס) האָט אייזיק־מאיר דורכגעמאַכט אין קאַרגע צוויי וואָכן און האָט אָנגעהויבן לייענען רוסישע ביכער און שרייבן רוסיש. די מענטשן, וואָס האָבן זיך דערפון דערוואוסט, זיינען געווען איבערראַשט פון זיין „גאונישן" קאָפּ. קיין גאונות איז דאָ אָבער ניט שייך געווען: ער האָט געקענט גוט דעם דקדוק פון דער העברעאישער שפּראַך, האָט זיך אים דעריבער אַזוי לייכט געגעבן די רוסישע גראַמאַטיק.

באַלד האָט דער טשערניגאָווער „פּרוש" באַקומען אַ לערנ־בוך אויף חשבון, און זיי האָבן ביידע אויך זעער גיך דורכגע־מאַכט דעם קורס פון אַריטמעטיק.

אייזיק־מאיר האָט זיך גענומען מער אינטערעסירן מיט דער ביבליאָטעק פון משה דווילאַנסקי.

דער דאָזיקער משה דווילאַנסקי איז געווען שמואלס אַ שוועסטערקינד און מלכהס אַ פעטער (פון איר מוטערס צד) בכן ווייטערס אַן עלטער־פעטער. ער איז לחלוטין ניט ענליך געווען מיט זיין כאַראַקטער אויף זיינע שוועסטערקינדער משה־ליב און שמואל. בעת יענע זיינען געווען קנאים, אויסגעשפּראָ־כענע קעגנער פון וועלטליכער - בילדונג, איז דווילאַנסקי געווען

אַ משכּיל און זעער אַ טאָלעראַנטער, הגם אויך זעער אַ פרומער מענטש. אַ למדן מופלג, ווי משה=ליבּ, האָט ער גוט געקענט פּויליש, רוסיש, דייטש, בּוכהאַלטעריע, — אַלץ אַווטאָדידאַקטיש, — געוועזן אַ גוטער מענטש און אַ חכם מיט אַ זעלטן גוטן קאָפּ, געקענט די וועלט און בּאַצויגן זיך צו אַלץ ערנסט, פילאָסאָפיש, אויך געוועזן בּכלל מער שווייגער ווי ריידער. ער האָט זיך גערעכנט פאַרן וויכטיקסטן מיטגליד און בּעל-יועץ אין דער משפּחה, וואָס האָט אים ליבּ געהאַט ווי אַן עלטערן, ווי אַ פאָטער. ער האָט כּל ימיו געהאַלטן אין אַרענדע די מיל בּיים גרויס-סאָלעטשניקער כּריץ, איז געוועזן ניט אָרים, הגם אויך ניט רייך, האָט קובע עתּים געוועזן לתּורה, זיך איינגעשאַפט אַ בּיבּליאָטעק און שטענדיק צוגעקויפט ספרים אַנטיקן, אויסגעשריבּן דעם „הלבנון", דעם „המליץ" און זיין הויז איז געוועזן אַ בּית=ועד פאַר דער יוגנט אין שטעטל. און אָט דאָ בּיים פעטער אין הויז האָט זיך אייזיק-מאיר בּאַקענט מיטן „כּרם חמד", „בּכּורי עתּים", „הכּרמל" און „השחר", מיט די ווערק פון אד"ם הכּהן, מיכ"ל, מאַפּו, י. ל. גאָרדאָן און פּרץ סמאָלענסקין. ער האָט זיך שוין גענומען פאַרטראַכטן, אומבּלאָנקען אַליין אין די פעלדער און וועלדלעך אַרום שטעטל און אָנגעהויבּן איבּערגעבּן זיינע געדאַנקען אויף פּאַפּיר.

די נאַטור, ווי אַרום בּיניאַקאָני, אַזוי אויך אַרום גרויס=סאָלעטשניק, איז געוועזן זעער אַ שיינע, מיט בּונטפאַרבּיקע לאַנדשאַפטן, בּאַוועלדערטע, בּאַפעלדערטע און בּאַוועסערטע. האָט אייזיק-מאיר מאַסן מליצות און לידער אָנגעשריבּן, אויף העבּרעיש נאַטירליך, וואו ער האָט די נאַטור בּאַזונגען, און האָט זיינע כּתבים צעטיילט צווישן זיינע חברים. דער רבּ ר' נחום איז אַבּיסל בּרוגז געוואָרן אויף זיין תּלמיד, וואָס איז ווייניקער מתמיד געוואָרן, האָט צופעליק אַמאָל געפונען זיינע שירים און געוואָלט זיי אַריינוואַרפן אין פייער. אָבּער ער האָט אין זיי אַפריער אַזוי ווי כּלאחר יד אַריינגעבּליקט און איז אויפגעשפּרונגען פון התפּעלות פונם „לשון", פון די „הפּלאדיקע מליצות", וואָס ער האָט אַליין אויך זעער ליבּ געהאַט. דאָך האָט ער בּאַשלאָסן, אַז קיין תּכלית פאַר אייזיק=מאירן וועט פון די שירים ניט אַרויסקומען, און האָט

אָנגעהויבן איבערצייגן דעם תּלמידס זיידן און פֿאָטער, אַז דעם „שגץ״ איז שוין צייט אַרויסצוגיין לערנען „פֿאַר זיך״.

דעמאָלט האָט דער זיידע איינגעאָרדנט אַ „סיום״ — כּיד הגביר. ס׳איז איינגעלאַדן געוואָרן ניט נאָר די גאַנצע ברייט־פֿו־נאַנדערגעצווייגטע משפּחה, נאָר אויך גוטע פֿריינד און בכלל שכנים און באַקאַנטע פֿון דער גאַנצער געגנט. די שמחה איז געווען אַן אַלגעמיינע. ס׳האָט געמאַכט אַן איינדרוק, אַז עס ווערט געפּייערט ניט קיין סיום, נאָר עפּעס אַן אויסערגעוויינלעכע חתונה—מיט דער תּורה. אייזיק־מאירס עלטערן האָבן אגב שוין לאַנג גע־לאָזט שרייבן אַ ספר־תּורה פֿאַר אַ סגולה, „צו פֿאַרהיטן דאָס טייער קינד פֿון אַלדאָס בייז״, און האָבן עס אַוועקגעגעבן אין ביניאַקאָ־נער בית־מדרש. איצט האָט מען מצרף געווען די ספר־תּורה צו דער שמחה פֿון אייזיק־מאירס סיום אין דער „ישיבה״, און די התלהבות פֿונם גאַנצן עולם בכלל און פֿון די עלטערן און זיידן בפֿרט איז געוואָרן גאָר אַן אויסטערלישע. שמואל האָט אויסגע־רופֿן אין עקסטאַז צו זיין ברודער־שווער:

— דו הערסט, משה־ליב, מיר האָבן ניט זוכה געווען צו ווערן מורי־הוראה בישראל, — וועלן מיר באַקומען אונזער תּיקון אין א י י ז י ק־מ א י ר ן ! (דאָ האָט ער אָנשטאָט א י י ז י ק־מ א י ר ק ע צום ערשטן מאָל געבראַוכט דעם בכּבודיקן א י י ז י ק־מ א י ר). ער וועט, אם ירצה השם, אויף זיכער זיין אַ רב, אַ רב און נאָר אַ רב, אַהאָ, מיין אייזיק־מאיר! לחיים, ברודער! לחיים, שווער! לחיים, מאַמע מלכּה! לחיים, כּל ישראל! — — —

און דער גאַנצער עולם געסט האָט אונטערגעכאַפּט מיט אויפֿריכטיקן מיטגעפֿיל:

— הלואי, הלואי זאָל גאָט געבן! לחיים! לחיים!

דאָס איז געווען דער אַפּאָגעאום פֿון גליק און פֿרייד אין דער משפּחה דעווענישסקי!

מ׳האָט שפּעטער געזאָגט, אַז משה־ליב און שמואל האָבן זיך רואינירט מאַטעריעל אויף דעם דאָזיקן סיום.

נאָכן סיום האָט מען אייזיק־מאירן אַוועקגעשיקט לערנען „פֿאַר זיך״ קיין ק אַ ל ע ל י ש אָ ק, אַ שטעטקע צווישן ביניאַקאָני

און דזיוועניש‏אָק, „ווידער נאָענט פון דער היים" — צוליב דער מוטער.

אין קאַלעלישאָק האָט אייזיק-מאיר געלערנט „פאַר זיך", איז שוין געווען, הייסט עס, זעלבשטענדיק, האָט אָבער אינם דאָזיקן העק געפילט זיך זייער שלעכט, פאַרבראַכט דאָ ניט לאַנג און נאָך אַ סך מאַטערניש און תחנונים האָט ער סוף-כל-סוף גע-פועלט ביי דער מוטער צו לאָזן אים פאָרן קיין סמאָרגאָן, וואָס איז דעמאָלט געווען אַ מקום-תורה.

---

## III. פרוש — עקסטערן — רעוואָלוציאָנער.

געקומען קיין סמאָרגאָן אין 1895 מיט אַ קאָלאָסאַלן באַגאַזש פון תלמוד און העברעאישער השכלה, האָט אייזיק-מאיר ערנסט באַשלאָסן ממשיך צו זיין דעם תלמודישן שטודיום, כדי אויף אַזאַ אופן צו קומען צו אַ צוועק. ער האָט געשטרעבט צום אידעאַל פון יהודה-ליב גאָרדאָן, וואָס האָט געשריבן צו „יעקב בן ישעיהו מזא"ה", אַז ער האָפט אין אים צו זען אַ מאָדערנעם רב, וואָס פאַראייניקט תורה מיט השכלה און האָט אַ לעבעדיקן חוש פאַרן לעבעדיקן לעבן... ניט די רבנישע קאַריערע האָט אים געצויגן, — ער האָט בכלל קיין שום שטרעבונג ניט געהאַט צו עפּעס אַ קאַר-יערע; ער האָט זיך געטראָגן מיטן געדאַנק, אַז ער האָט עפּעס אַ חוב פאַרן פאָלק, „אַ חוב פונם הארצן", און כדי צו קענען די-נען דעם פאָלק כאָטש מיט עפּעס, מוז מען זיין גוט צוגעגרייט הן אין תורה הן אין חכמה לויטן מוסטער פון די חכמי ישראל פון דער וואונדערבאַרער אַראַביש-שפּאַנישער תקופה. און ער האָט זיך מיט אַ ברען גענומען לערנען אין דער דאָזיקער ריכטונג.

אין סמאָרגאָן איז אין יענער צייט ניט געווען דער מנהג פון „טעג" פאַר די „וואוילע יונגעלייט", וואָס גרייטן זיך צו סמיכה: מ'האָט עס געהאַלטן פאַר אַ פחיתת הכבוד פאַר זיי, — און מ'האָט זיי געצאָלט „וואָכער" — 75 — 90 קאָפּ. אַ וואָך. אויך

איז די „קאָנסטיטוציע“ פאַר זיי געווען אַ פּרייערע ווי אין אַנדערע מקומות: ווער עס האָט געוואָלט, האָט געקאָנט לערנען ניט אַ גאַנצן טאָג, נאָר קובע עתּים זיין לתּורה ווי אים איז ליבּער. אין דער פרייער צייט ווידער האָט קיינער ניט נאָכגעשפּירט די „פּרושים“, וואָס זיי טוען אויף זייערע „סטאַנציעס“, און זיי האָבּן זיך געקענט פאַרנעמען דאַן אָן שטער מיט וועלטליכער בּילדונג. האָבּן עס אַ סך לערנער טאַקע גאַנץ גוט אויסגענוצט, און אַייזיק־מאיר אויך בּתוכם. בּיז 10 אַזייגער אינדערפרי פלעגט ער זיך פאַרנעמען אויף זיין קוואַרטיר מיט „לימודים“ בּיי אַ לערער ל ע ו ו י ן (אַ געבּילדעטער, שטילער און שטרענג קאָנספּיראַטיווער יונגערמאַן, איינער פון די פּיאָנערן פון דער יידישער אַרבּעטער־בּאַוועגונג). פון 10 פלעגט ער לערנען אין בּית־מדרש מיט אַן אויסערגעוויינליכער התמדה לאַנגע שעהן נאָכאַנאַנד אָן שום הפסקה, קיינעם אַרום ניט געזען, מיט קיינעם קיין שום עסק ניט געהאַט, מיטן רוב פּרושים ניט געקענט זיך אַפילו, און בּשעתן לערנען איז ער געווען בּבחינת „כּל עצמותי תּאמרנה“, האָט פאַרהילכט די קלויז מיטן אייגנאַרטיקן צאַרטן טעמבּר פון זיין האַרמאָניש־זינגענדיקער און מאַגיש־רירנדיקער שטים, וואָס ער האָט געירשנט פון זיין מוטער. ווייבּער פלעגן זיך אָפּשטעלן בּיים בּית־מדרש הערן און גערירטע בּיז טרערן פון זיינע סקאָרבּאָווע ניגונים זיך בּענטשן מיט „אַזאַ קינד“ און בּענטשן אויך זיין מוטער. פרומע מיידלעך, פון נאָענטע און וויטע גאַסן אָן אַ שום נייטיקייט געקומענע, פלעגן שעמעדיק־גערויטלט גיין פאַרבּיישלייכן פאַר דער קלויז הין און צוריק, אָבּער אַ מאָל און ווידער אַ מאָל, כּדי כאָטש מיט אַ ווינקל אויג אומבּאַמערקט אין אַ פענסטער דאָרט אַ בּליק צו טאָן, כּדי די „מאַכלדיקע“ שטים צו הערן. אַפילו מאַנסבּילן פאַר׳הַב׳עטע, פאַרשמעיה׳טע פלעגן ניט אויסהאַלטן און אָפּשטעלן זיך כאָטש אויף אַ רגע הערן דאָס וואונדערקינד...

אַ ליבּלינג איז אַייזיק־מאיר בּיי אַלעמען געוואָרן. ער איז צו אַלעמען פריינדליך און גוט געווען, איז אַלעמאָל אין יענעמס לאַגע אַריין, דעם צווייטן אויסגערעכנט. ס׳איז געווען אַ „חוק“,

אַז די „וואָכער״ מוז יעדער לערנער נעמען, סיי ער נייטיקט זיך, סיי ניט. דאָס איז אַריין אין דיסציפּלין, יעדער האָט געמוזט פילן אַ התחייבות אויף אַ פאָרמעלע. אַייזיק-מאיר האָט ניט געקוקט דערויף און האָט זיך שוין פון אָנהייב קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט צו נעמען „וואָכער״, ווייל ער „נייטיקט זיך ניט״ און וויל ניט צונעמען ביי נויטבאַדערפטיקע.

ער פלעגט באַקומען פון דער היים 10 רובל אַ חודש, פון וואָס ער פלעגט נאָך אַראָפּנעמען אַ טייל צו צאָלן דעם לערער,— איז דאָס אים געווען עד בלי די. די מוטער האָט ניט אויפגעהערט צו טראַכטן, ריידן און מאָן וועגן איר אייזיק-מאירן. ס'איז שוין געווען נאָך אַ קינד, אליהו, אָבער אייזיק מאיר איז געווען דער עיקר. הן אין דער צייט פון זיין לערנען אין סאָלעטשניק און קאַלעלישאָק, הן נאָכדעם אין סמאָרגאָן פלעגט די מוטער אַחוץ געלט אים פינקטליך שיקן פעקלעך שפּייז, זיסקייטן און „גאַנצע טשעמאָדאַנעס״ זאַכן כל המינים, כדי „עס זאָל אים קיין זאַך ניט פעלן און ער זאָל קענען רואיק לערנען״. און געוואוינט האָט ער אויך אין סמאָרגאָן ביי קרובים, וואָס האָבן אים זאָרגעוודיק אויפגעפּאַסט. איז אים געווען זייער גוט, ווי זעלטן ווען, און פון גוטסקייט פלעגט ער זיך טיילן מיט די אָרימע, נויטבאַדערפטיקע חברים אַלץ וואָס די. מוטער פלעגט אים שיקן. ער האָט געהאַט בלויז איין זאָרג — אַריינצונעמען אין זיך וואָס מער תורה, וואָס מער וויסן.

ער האָט זיך גענומען פאַר די שווערסטע מסיכתות און פאַר די האַרבסטע און טיפסטע מפרשים. אין אַ צוויי-דריי חדשים איז ער דורכגעגאַנגען „נדרים״ און „נזיר״, וואָס האָבן געמאַכט אויף אים אַ שטאַרקן רושם אין עטישן זין. אַ וואָרט איז ביי אים טייער און הייליק געוואָרן און אַ באַגייסטערונג פאַר מאָראַלישער ריינקייט און צניעות האָט דורכגעדרונגען טיף אַלע פיברען פון זיין נשמה. איצט האָט ער גענומען סיסטעמאַטיש דורכגיין די סדרים, דעם אַלפס און דעם רמב״ם, און זיין כוח הזכרון איז אים אומעטום בייגעשטאַנען אַזוי, אַז ער פלעגט נאָר

אין מאָל דורכלערנען אַ ענין און אים געדענקען, ניט איבער־חזרנדיק.

מיט אייזיק מאירן צוזאַמען האָבן אין בית־מדרש געלערנט עטליכע גוטע חברים, וואָס האָבן מיט זייער התמדה געווירקט איינער אויפן אַנדערן,—געטרייע פריינד זיינע, מיט וועמען ער איז געבליבן פאַרבונדן אויף־אַלעמאָל. איינער איז געווען ישראל ראַבינאָוויטש, מיט וועמען ער האָט געלערנט צוזאַמען נאָך אינדערהיים ביי זיין באַליבטן רבין ר׳ פסחן און מיט וועמען ער האָט דאָ איצט געוואוינט צוזאַמען אויף איין קוואַרטיר. אַ צווייטער איז געווען דעם ווענדזיגאָלער רבס זון, ראָזנסאָן, אַן עלטערער פון זיי, וואָס האָט שוין געהאַלטן ביים אַרויסנעמען סמיכה, געווען אַ משכיל און געקענט גוט די רוסישע ליטעראַטור. אַ דריטער—דעם העברעאישן דיכטער יהודה ליב גמזוס אַ שוואָגער, ביטשקאָווסקי, אַ עילוי, שפּעטער אינזשענער־טעכנאָלאָג און רעוואָלוציאָנער. איז אָט אין דער דאָזיקער גרופּע מתמידים און וואויל־לערנער האָט זיך פאַמעליך, ביסלעכווייז געגומען וועבן עפּעס נייס. באַלד איז געשעען עפּעס ענליכס אויף אַ קלויז־„מרידה״. דער בן הרב ראָזנסאָן, וואָס האָט געשמט מיט זיין בקיאות און חריפות, האָט ניט געקענט באַקומען קיין סמיכה סיידן נאָך אַ ספּעציעלן פאַרהער. דאָס האָט אויפגעבראַכט די גאַנצע גרופּע, באַזונדערס אייזיק מאירן. גיכער פון אַלץ איז דאָס געווען אַ פאַל פון גאַנץ געוויינליכן פּשוטן ישיבה־ביוראָקראַטיזם, אָבער די יונגע פּאָטענציעלע מורדים האָבן דערין אייננעזעען אַן אַקט פון נקמה מצד דעם סמיכה־געבער פון ראָזנסאָנען פאַר זיין השכלה, און מ׳האָט באַשלאָסן דערויף צו רעאַגירן. די רעאַגירונג איז געווען אַן אייגנאַרטיקע, אַ קונדסישע, אויף אַ מיסטיפיקאַטאָרישן שטייגער, און די הויפּט־פידל האָט אין איר געשפּילט — אייזיק מאיר, וואָס האָט זיך מער ווי אַלע איינגעשטעלט פאַרן באַליידיקטן. גאַנץ סמאָרגאָן האָט געקאָכט מיטן שפּיצל, וואָס איז אָפּגעטאָן געוואָרן דעם סמיכה־געבער, און מ׳האָט מיט צופרידנקייט, מיט אַ שמייכל און באַוואונדערונג אויסגערופן אויפן אַדרעס פונעם געהיימען קונדס:

— אַי אַ מאדים! אַי אַ מזיק!

פון דעמאָלט אָן האָט זיך אייזיק מאיר מער געגומען צו השכּלה. דורך זיין לערער לעווין איז ער דאַן באַקאַנט געוואָרן מיט אַ געהיימען קרייזל פאַר זעלבסטבּילדונג, וואָס האָט געהאַט איינגעאָרדנט אַ נישקשהדיקע ביבליאָטעק, וואו בראש איז געשטאַנען איינע „סאַרע דעם קוואַשניקס", אַן אַקושערין, דאַכט זיך, לויט פּראָפעסיע. די דאָזיקע סאַרע איז געווען איבערגעגעבן דער ביבליאָטעק בלב ונפש, איז געווען גרייט פאַר איר אויף אַלע קרבנות. איר איינציקע זאָרג איז געווען נאָר צו קריגן וואָס מער און וואָס בעסערע ביכער אויף אַלע געביטן פון ליטעראַטור און וויסנשאַפט, קיין אונטערשייד אויף וועלכער שפּראַך: העברעאיש, יידיש, רוסיש, פּויליש. ביי איר האָט מען געקענט קריגן די בעסטע ביכער און צייטשריפטן, ווי די נייסטע אזוי אויך אַלטע יקר-המציאותדיקע עקזעמפּלאַרן, מאַסן פאַרשיידנאַרטיקע וויכטיקע ווערק און אַרטיקלען אויסגעשניטן פון העברעאישע, יידישע און רוסישע צייטשריפטן און זאָרגעוודיק צונויפגעקלעפּט אין בוךפאָרם. דאָ איז געווען אַ מישמאַש פון חבת-ציונדיקער ליטעראַטור (למשל, „דניאל דירונדה", ווי בכלל די אויסגאַבן פון „אחיאָסף", אחד העמס ווערק, די זאַמלונג „דער וועקער" וכדומה), נאַציאָנאַל-ראַדיקאַלער (קאָמפּלעקטן „השחר" פון פּרץ סמאָלענסקין, שלום עליכמס „יודישע פאָלקס-ביבליאָטעק", ספּעקטאָרס „הויזפריינד", מענדעלעס „קליין מענשעלע", „די טאַקסע", „דער פּריזיוו" און באַזונדערס „די קליאַטשע" אין עטליכע עקזעמפּלאַרן) און סאָציאַליסטישער און האַלב-סאָציאַליסטישער (די צייטשריפטן „האמת" פון אהרן ליבערמאַן און „אספת חכמים" פון ראָדקינסאָן, דעם רעדאַקטאָר פון „הקול" און „קול לעם", י. ל. פּרצעס „יודישע ביבליאָטעק", „ליטעראַטור און לעבען" און זיינע „בּלעטלעך", וואָס זיינען דעמאָלט אַרויסגעגאַנגען און געוואָרן שטאַרק פאַרשפּרייט).

און כאָטש די ביבליאָטעק איז געווען אַן אומלעגאַלע און איז שטרענג קאָנספּיראַטיוו אָפּגעהיט געוואָרן, האָט זי געהאַט

גרויסע קרייזן לעזער, וואָס זיינען באַשטאַנען בכלל פון צוויי גאַנץ פאַרשיידענע קאַטעגאָריעס — פון בית־מדרש־לייט און אַרבעטער.

סמאָרגאָן איז דעמאָלט געווען אַ גרויסער אינדוסטריעלער צענטער, האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ סך גרויסע גאַרבערייען, וואו ס'האָבן זיך קאָנצענטרירט מאַסן יידישע און ניט־יידישע אַרבעטער פון ארבע פינות ליטע ופוילן. צווישן די אַרבעטער איז שוין אָנגעגאַנגען אַ אינטענסיווע סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע און ס'האָבן זיך שוין אויסגעטיילט אָרגאַניזירטע „קעמערלעך", וואָס האָבן געבילדעט דעם בריק צווישן דער „אינטעליגענץ" און דעם „פּראָלעטאַריאַט", — אַ וואָרט, וואָס איז דעמאָלט אויף דער יידישער גאַס צוערשט דערהערט געוואָרן. און דאָ, אין די „קעמערלעך", האָבן זיך צוערשט באַגעגנט אויך די יידישע און ניט יידישע „אינטעליגענטן". דאָ האָט זיך באַגעגנט אויך דער שוין דערמאָנטער לערער לעווין מיטן האַלב רוסיפיצירטן פּאָליאַק סעניצקי (גערופן זיך אויך סטעפּאָזשינסקי), אַ הויז־אייגנטימער ביי סמאָרגאָן און אַ העכסט געבילדעטער מענטש. דער דאָזיקער סעניצקי־סטעפּאָזשינסקי איז געווען אַן אַקציזניק, נאָר איז אָפּגעזאָגט געוואָרן פון זיין שטעל פאַר „פּאָליטישער אומכשרקייט". דאָס איז געווען אַ מערקווירדיקער מענטש, וואָס האָט אויפריכטיק געשטרעבט צו אַ ברידערליכער התקרבות צווישן פעלקער בכלל און צווישן פּאָליאַקן און יידן בפרט, און ניט אין דער ריכטונג פון אַסימילאַציע, נאָר דווקא אויפן וועג פון פרייער נאַציאָנאַל־קולטורעלער אַווטאָנאָמיע, — אַ וואָרט, וואָס איז דאַן, אין די 90־קער יאָרן, נאָך כמעט אין ערגעץ ניט געהערט געוואָרן... ער איז געווען אַ רעוואָלוציאָנער, באַגייסטערט פאַר מיצקעוויטשן, דעם שענסטן מענטשן פוילנס, און — מיכאַילאָווסקין, איינעם פון די שענסטע רוסישע מענטשן, וואָס זיינען ווען עס איז געווען. מיצקעוויטשעס ראָמאַנטיק האָט ער צונויפגעגאָסן מיט מיכאַילאָווסקיס אידעאַליזם אין איין איינהייט און האָט געשאַפן אַרום זיך אַ ליכטיקע אַטמאָספערע. ער האָט געקענט יידיש און האָט זיך אָפּגעגעבן דער פּראָפּאַגאַנדע פון זיינע אייגנאַרטיקע פרייהייטס־אידעען צווישן דער יידישער יוגנט, באַזונדערס

דער בית־מדרש־יונגנס, וואָס ער איז פון איר אַנטציקט גע־וועז.

דורך זיין לערער לעווין איז אייזיק מאיר באַקאַנט געוואָרן מיט דעם דאָזיקן מערקווירדיקן פּאָליאַק און זיי האָבן זיך קעגנ־זייטיק ליב באַקומען (שפּעטער האָט אייזיק מאיר, שוין אַ ווייטער, אָנגעשריבן דעם הערליכן בילד פון דעם דאָזיקן נייעם פריינד זיינעם, אָבער דער כתב־יד איז בעת זיין נע־ונד־לעבן פאַרלאָרן געגאַנגען). סעניצקי האָט געהאַט אַ רייכע ביבליאָטעק פון די בעסטע ווערק פון דער פּוילישער און רוסישער ליטעראַטור און האָט מיט פאַרגעניגן געליען זיינע ביכער יעדערן פון זיינע באַקאַנטע־וואָס האָט נאָר ביי אים געבעטן. אייזיק מאירן אָבער האָט ער געמאַכט פאַרן גאַנצן „בעל־הבית" איבער זיין ביבליאָטעק.

איצט איז פאָרגעקומען אַ מערקווירדיקע ערשיינונג אין לעבן פון אייזיק מאירן. זיין ערציאונג און אַנטוויקלונג איז געגאַנגען פון פיר פאַרשיידנאַרטיקע זייטן אין איין און דערזעלבער צייט:

פון זיין זיידען משה־לייבן האָט ער גערירשנט די פּעאיקייט אַריינצוטראָגן אין אַלץ אָרדענונג און אָרגאַניזאַציע און די ליבע צו פּינקטליכקייט און האַרמאָניע. דאָס איז אים געלעגן אין בלוט. האָט ער זיך אַליין איינמאָל אַיינגעשטעלט אַ „עת לכל", האָט ער עס שטרענג אָפּגעהיט. ביז צען אַ זייגער אינדערפרי פלעגט ער לערנען שפּראַכן און וועלטליכע לימודים; פון צען ביז דריי אָדער ביז פיר בייטאָג פלעגט ער נאָך אַלץ אָן הפסקות לערנען אין בית־מדרש תלמוד און מפרשים; נאָכן אָפּעסן מיטאָג פלעגט ער זיך נעמען לייענען עטליכע שעה; נאָכן לייענען פלעגט ער אַוועקגיין זען זיך מיט די חברים פון „זעלבסטבילדונגס־קרייז" און מיט זיין „נייעם לערער" סעניצקין, און די שבת־צונאַכטסן האָט ער אָפּגעגעבן — דעם „ליבאַוויטשער שטיבל", וואו אַ „חוזר" פלעגט „זאָגן חסידות" פאַרן עולם. און נאָכדעם ווי אים איז ניט געפעלן געוואָרן די צו גרויסע רואיקייט און האַלב־מתנגדישע קאַלטליכקייט פון די „ליבאַוויטשער", איז ער אַריבער אין „קוי־דענאָווער שטיבל", וואו ס'האָט געהערשט מער דביקות, וואו מ'פלעגט זינגען און גיין אַ „ריקודל" „מיט פייער", „מיט אַ ברען",

פון וואָס ער פלעגט שטיל און טיף הנאה האָבן, הגם אַליין פלעגט ער זיך ניט באַטייליקן דערין און ניט מיטזינגען, ווייל ער האָט שוין אין דער צייט בכלל אויפגעהערט זינגען אַפילו בעתן גמרא-לערנען. — ער האָט דורכגעלייענט אַלע וויכטיקע ווערק פון דער מיטלאַלטערליכער און נייער העברעאישער ליטעראַטור, דאָס וויכטיקסטע, וואָס איז געווען דעמאָלט אין דער יידישער ליטעראַטור, און איז מיט דער הילף פון סעניצקין גוט באַקאַנט געוואָרן מיט די שאַפונגען פון די קאָריפעען פון דער רוסישער ליטעראַטור. סעניצקי האָט אים אַריינגעפירט אין דער אייראָפּעאישער אידעען=וועלט; האָט פאַר אים אַנטפלעקט זשאַן-זשאַק רוסאָ און קאַנטן, די עדלסטע פערזענליכקייט פון ראָבערט אָוען; געוויזן אים די וואונד פון דער מענטשהייט; פונאַנדערגעוויקלט פאַר אים די טראַגישע געשטאַלט פונם געפייניקטן פוילישן פאָלק אין זיין אייגענעם לאַנד, וואָס „זיין גורל איז אין וויכטיקע פרטים ענליך אויפן גורל פון יידישן פאָלק", דעם אייביקן קרבן פון דער וועלטס חטאים, ווי מיצקעוויטש האָט עס שוין אַמאָל באַמערקט. אַ געוואַלטיקן רושם האָבן אויף אַייזיק=מאירן געמאַכט ראַדישטשעוו און נאָוויקאָוו, ריליייעוו, בעלינסקי און טשערנישעווסקי, דאָבראָליובאָוו, פּיסאַרעוו און באַזונדערס דער קאַנטיאַנער מיכאַילאָווסקי מיט זיין אמת=וואָרהייט און אמת=גערעכטיקייט. אַייזיק מאיר איז אין איין און דערזעלביקער צייט געווען פּאָזיטיוויסט און מעטאַפּיזיקער, רעאַליסט און ראָמאַנטיקער, נאַציאָנאַליסט און אינטערנאַציאָנאַליסט. ער האָט אין זיך אַ גאַנצע וועלט געטראָגן, און זיין האַרץ האָט פאַר אַ גאַנצער וועלט געליטן, — ער האָט אַ גאַנצע וועלט ראַטעווען געוואָלט, אַ וועלט, וואָס טרענקט זיך אין מ"ט, אפשר אין די גאַנצע נ' שערי טומאה, שקר און אומרעכט... אַייזיק=מאיר איז אַרומגעגאַנגען פאַרטיפט אין אַ וועלט פון חלומות אויפן וואָר, פונקט ווי זיין מוטער אַמאָל אויף איר שטייגער, און האָט פונקט ווי זי געשוויגן. עפּעס האָט אין אים געוויינט און געלאַכט, געקולותט און געגלעט, — עפּעס האָט זיך געוועבט ביים אין זיין נשמה — — — פיר השפעות האָט ער אויף זיך געהאַט:

פון מתנגדישן בית־מדרש און פונם חסידישן שטיבל, פון דער נייער נאַציאָנאַל-ראַדיקאַלער העברעאיש־יידישער ליטעראַטור און פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אידעאַליסטיש־רעוואָלוציאָנערער. און אין זיין נשמה האָט זיך עפּעס אָנגעהויבן אי רייסן אי וועבן, אי וועבן אי רייסן... און אַ שאַרפן ווייטאָג האָט ער אין האַרצן באַלד דערשפּירט, און האָט פאַרביסן די ליפּן ביז בלוט — — —

און כּדי צו פאַרשטיקן די „בייזע רעיונות" זיינע, די „הפקר־דיקע" מחשבות, האָט זיך אייזיק מאיר נאָך מער פאַרטיפט אין לערנען אין בית־מדרש און נאָך אָפטער באַזוכט דאָס קוידענאָ־ווער שטיבל, נאָך מיט מער התמדה ווי פריער זיך אַריינגעטאָן אין דער תורה פונם ווילנער גאון און פון בעשט, וואָס ער האָט זיי גלייך ליב געהאַט — דעם ערשטן פאַר זיין אמת־וואָר־הייט און דעם צווייטן פאַר זיין אמת־גערעכטיקייט. אָבער אין דער זעלביקער צייט האָט ער אויך נאָך מיט מער תשוקה געליינט די ליכטיקע שאַפונגען פון מיכאַילאָווסקי, וואָס האָבן אים דערמאָנט דעם „חובות הלבבות" פון רבנו בחיי... ביידע, דער כמעט אוראַלטער ייִד און דער מאָדערנער רוס, האָבן געזוכט אַ גאַנצע פערזענליכקייט, וואָס שמעלצט צונויף דעם אמת פון מוח מיטן אמת פון האַרצן אין איין אמת, אין אַ אידעעל־האַרמאָנישן מאָניזם; ביידע זיינען זיי שטרענג געווען אין זייערע פאָדערונגען צום מענטשן, האָבן שטרענגע חובות אַרויפ־געלייגט אויף אים, חובות פאַרן עבר, פאַרן הווה און פאַרן עתיד, געמאָלדן אים אַ קאַטעגאָרישן אימפּעראַטיוו און גערופן אים ערגעץ צו „תשובה"; ביידע האָבן זיי, יעדערער אויף זיין שטייגער, דער־וויזן, אַז די גאולה פון יחיד און פון כלל קען קומען בלויז דאַן, ווען דער פּרינציפּ פון אַבסאָלוטער מאָראַלישער ריינקייט און פון אַבסאָלוטער גערעכטיקייט וועט טיף דורכדרינגען דעם באַוואוסטזיין פונם מענטש, און אַז אויב ניט — וועט די גאולה קיינמאָל ניט קומען! — — —

אונטער דער השפּעה און מיט דער הילף פון סעניצקי־סטעפּאַזשינסקי האָט אייזיק מאיר זיך גענומען לערנען פּויליש און געטאָן דערין אַ גרויסע פּעולה, איז באַקאַנט געוואָרן מיט דער פּוי־

לישער געשיכטע און ליטעראַטור און איז פאַרבליבן איינגעליבט אין פוילן און איר קולטור ביזן לעצטן מאָמענט פון זיין לעבן.

און אין משך פון דער גאַנצער צייט, ווען ער האָט אַזויפיל געלערנט און געלייענט, האָט ער אויך געשריבן. שרייבן, באַשרייבן, אַרומשרייבן, שילדערן, פאָעטיזירן — איז געווען איינער פון די כאַראַקטער-שטריכן אין דער משפחה. דער זיידע משה-ליב האָט ליב געהאַט צו פאַרשרייבן אַ שיינעם איינפאַל, וואָס איז אים געקומען אין קאָפּ לערנענדיק אָדער לייענענדיק אַ ספר, מאַכן אַ „ביאור" אָדער אַ „הערה" אויף אַ פסוק פון תנ"ך אָדער אויף אַ מאמר התלמוד. דער עלטער-פעטער משה דווילאַנסקי האָט געפירט אַ טאָג-בוך, פלעגט פינקטליך פאַרשרייבן אַלץ, וואָס ער פלעגט געפינען פאַר וויכטיק און נייטיק, מיט אַלע קליפּערלעך, און געוויינליך ניט קיין ליבהאָבער פון ריידן, פלעגט ער אויף פּאַפּיר זיך גאַנץ ברייטליך פאַרחקירהן. דער פעטער יצחק מאיר, אַ קלוגער און אַ שטרענגער שוויגער, פלעגט נאָכן ענדיקן די טאָג עסקים „זיך אויסטאָן פון דער וואָכעדיקייט", נעמען זיך פאַר אַ בלאַט גמרא, פאַר אַ בלאַט צייטונג, פאַר אַ בוך, פאַרטיפן זיך אין „שאלות העומדות ברומו של עולם", ווי ער פלעגט זיך אויסדריקן, און — איבערגעבן זיינע רעיונות אויף פּאַפּיר אין שיינע מליצות. דער פאָטער, שמואל, האָט אויך ליב געהאַט אַלץ צו פאַרשרייבן, נאָר „קורץ-קורץ", — ער האָט קיינמאָל קיין צייט ניט געהאַט פון זיינע „ברענענדיקע עסקים". די מוטער, מלכה, האָט געקענט גלענצנדיק העברעאיש, וואָס זי האָט געלערנט ביי די קאַנדיציע-מלמדים אין איר פאָטערס הויז, איז געווען „קלאָר תנ"ך", האָט געקענט אויך פויליש און רוסיש, אַ סך געלייענט און אויסגעגאָסן איר אייביק ביטער האַרץ — אין שרייבן, אין זעער צאַרט און שיין שרייבן. — איז אָט דעם דאָזיקן משפחה-שטריך האָט גערירשנט אויך אייזיק מאיר און האָט ביי יעדער געלעגנהייט געשריבן: בריוו אָן אַ שיעור צו קרובים, חברים און גוטע פריינד; לידער כל המינים און — סצענישע בילדלעך אין העברעאיש, יידיש און רוסיש. פון דער צייט איז פאַרבליבן איינאיינציק רוסיש לידל, וואָס איז אָפּגעדרוקט אין דעם באַנד „כתבים".

באַלד איז אייזיק מאירן געקומען אַ נייע אידעע אין קאָפּ, און ער האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אויף העברעאיש און יידיש אַ געשריבענעם זשורנאַל, „אָרגאַן פון די סמאָרגאָנער פּרושים”, אין אַלגעמיין אין גייסט פון אַהרן ליבערמאַנס „האמת” און פּרצעס „בלעטלעך”, וואָס האָבן געהאַט אויף אים אַ גרויסע ווירקונג. ער האָט געפונען צווישן זיינע חברים אייניקע גאַנץ פּעאיקע מיטאַרבעטער, אָבער דעם גרעסטן טייל פון די „נומערן” האָט ער אַליין אויסגעפילט, וואָס עס האָט אים געקאָסט צייט, געזונט און געלט. ער האָט דאָ אָנגעשריבן אַ מאַסע לידער, סאַטירעס און סצענעס אויף נאַציאָנאַלע, רעליגיעזע און סאָציאַלע מאָטיוון, וואָס האָבן געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אויף די פּרושים. אַנדערע פלעגן אַ סך זאַכן זיינע איבערשרייבן פאַר זיך לזכרון. מ׳האָט אָנגעהויבן אויף אים זאָגן, אַז ער וואַקסט אַ „סופר ומשורר בישראל”, און מ׳האָט אים געראַטן צו שיקן זיינע חערק „אין די רעדאַקציעס”. ער האָט געפאָלגט און אַוועקגעשיקט עטליכע שירים צו י. ל. פּרצן, און יענער האָט אים געענטפערט מיט זעער אַ פריינדליכן בריוו, וואָס „ניט אַלע האָבן זוכה געווען צו אַזאַ”. פּרץ האָט אים „פאַראויסגעזאָגט” אַ גוטע ליטעראַרישע צוקונפט, און אייזיק מאיר האָט אין זיך דערשפּירט נייע כּוחות. איצט האָט אייזיק מאיר שוין אָנגעהויבן שרייבן ניט גלאַט אַזוי זיך, פון תּענוג וועגן, נאָר האַלטנדיק, אַז אויף אים ליגט אַ חוב צו שרייבן, אַז ער האָט וואָס נייס צו זאָגן. און ניט בלויז שרייבן, נאָר אויך פאָרשטעלן. ער האָט ניט געפונען קיין שום רעכטס אין דער יידישער „דראַמאַטישער” ליטעראַטור, האָט ער זיך גענומען פאַר אינסצענירונגען. האָט אויסגעקליבן פאַר פּאַסיק „פּישקע דעם קרומען”, אינסצענירט עס, צוזאַמען מיט זיין פריינד ישראל ראַבינאָוויטש דורכגעאַרבעט די ראָלן און פּורים תּרנ״ו געשטעלט אויף דער „בינע” אָנשטאָט די טראַדיציאָנעלע פּורים-שפּילן. דער רושם איז געווען אַן אויסערגעוויינליכער. די יונגערע זיינען געווען אין התפּעלות און די עלטערע — אויפגעבראַכט עד חרמה פון דער „חציפות”, פונם „חלול השם”... „פּרושים זאָלן נאָכמאַכן די גויים ?!” — און — — —

משה-ליב און שמואל האָבן באַקומען אַ טרויעריקע ידיעה פון סמאָרגאָן, אַז זייער אייזיק מאיר איז אַרויס „לתּרבות רעה". ביי דער פאַמיליע אין ביניאַקאָן איז געוואָרן אַ תּשעה באב... ס'האָבן זיך אָנגעהויבן קעגנזייטיקע באַשולדיקונגען. געוויינליך איז שולדיק געווען די מאַמע „מיט איר השׂכלה", מיט איר נאָכגעבן אַלע קאַפּריזן פונם „בן סורר ומורה"... איר צער איז געווען זעער גרויס און זי איז אַוועקגעפאָרן קיין סמאָרגאָן זען, „וואָס דאָרטן טוט זיך". זי האָט אָבער קיין שום „שרעקליכע" זאַך ניט געפונען: אייזיק-מאיר איז געזעסן אין בית-מדרש און געלערנט מיט דער זעלביקער התמדה ווי אַלעמאָל און איז נאָך אַלץ דער-זעלביקער פרומער יינגל ווי געווען. זי האָט זיך אומגעקערט אַהיים און אַלעמען באַרואיקט. אָבער ביי משה-ליבן און שמואלן איז געבליבן, אַז מ'מוז אייזיק-מאירן צונעמען פון סמאָרגאָן, און מ'האָט אים אין אַ געוויסער צייט אַרום אַוועקגעשיקט — קיין איישישאָק, וואָס איז געווען דעמאָלט אַ גרויסער מקום-תּורה.

אין סמאָרגאָן האָט אייזיק-מאיר פאַרבראַכט עפּעס מער ווי אַ יאָר, ביזן סוף תּרנ"ו, און ער האָט דעמדאָזיקן יאָר געהאַלטן פאַרן שענסטן פעריאָד פון זיין לעבן, ווייל סמאָרגאָן האָט אים געגעבן דעם פעסטסטן יסוד פון זיין גאַנצער אַנטוויקלונג.

אין איישישאָק איז געווען אַ קיבוץ פון אַ מאָן פופציק יונגע לייט וואוילע לערנער. די פרומקייט איז דאָ געווען שטאַרקער ווי אין סמאָרגאָן, דערפאַר האָט דאָ די געהיימע השׂכלה געטראָגן אויך אַן אַנדער כאַראַקטער ווי דאָרטן. אין סמאָרגאָן, ווי אין אַ אינדוסטריעלן צענטר, האָט דאָמינירט דער קאָלעקטיווער מאָמענט, דער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער; אינדיווידועלע און רעליגיאָנס-פראַגן זיינען געשטאַנען אויף אַ צווייטער מדרגה. אין דער לחלוטין אומאינדוסטריעלער איישישאָק, פאַרקערט, האָבן אינדיווידועלע און רעליגיעזע פּראָבלעמען מערער פאַרנומען די מוחות. דערפאַר האָבן אין סמאָרגאָן געהאַט די הויפּט-השפּעה אהרן ליבערמאַן און י. ל. פּרץ מיט זיינע „בלעטלעך", וואָס האָבן ביז אַ געוויסן גראַד באַפּרוכפּערט די מוחות, און אין איישישאָק — ד"ר ערטער מיט זיין „הצופה לבית ישׂראל" און ליליענבלום מיט זיין „קהל

רפאים״ און „חטאת נעורים״, וואָס האָבן אָנגעמאַכט בלויז חורבונות אין די נשמות פון די אָרימע ישיבה=בחורים. אין דער צייט ווען אין די סמאָרגאָנער ישיבות האָט עס געקאָכט פון לעבעדיקע וויכּוחים וועגן „חיבת=ציון״ און „התבוללות״ (אַסימילאַציע), וועגן דעם נאָר-וואָס אויפגעקומענעם פּאָליטישן ציוניזם און סאָציאַליזם, האָט מען זיך אין אײשישאָק, ווי אין די 70-קער יאָרן, אַרומגע-ריסן וועגן „תיקונים״ אין „דת״, פּונקט ווי פון די דערמאָנטע יאָרן אָן וואָלט זיך גאָרנישט געענדערט.

אַזאַ איז געווען די סביבה אין אײשישאָק, ווען אייזיק=מאיר איז אָנגעקומען אַהער אין האַרבסט 1896.

די עלטערן האָבן אים איינגעאָרדנט אויף קוואַרטיר אין איינער פון די פּרימסטע פאַמיליעס אין שטאָט, ביי „ר׳ ישראל ר׳ חיים ר׳ משהלס״, וואָס האָט געדאַרפט השגחה געבן אויף אים. דער זיידע פון דער דאָזיקער פאַמיליע, ר׳ משהל, איז געווען דער גרינדער און מאַטעריעלער שטיצער פון דער ישיבה, און די שטיצע און השגחה איבער די ישיבה-לייט בכלל איז געוואָרן אין דעם הויז אַ טראַדיציע. אויף אייזיק-מאירן אָבער איז די השגחה פאַרשטאַרקט געוואָרן כפל כפלים. ער איז דאָ געווען צוזאַמען מיט זיין עלטערן שוועסטערקינד דוד-יצחקן, אַ זון פון -זיין פעטער אליהו דעם רב פון האָראָדאָק, און מיט זיין פריינד ישראל ראַבינאָוויטש, מיט וועמען ער האָט געלערנט צוזאַמען אין סמאָר=גאָן. זיינען משה-ליב און שמואל אינגאַנצן זיכער געווען פאַר זייער בן-יקיר, אַז ער וועט שוין גיין אין דרך-הישר, נאָכמער ווייל דאָ האָבן אויך געוואוינט זייערע אַ שוועסטער און אַנדערע קרובים, וואָס האָבן אויך געדאַרפט זיין זיי צו הילף.

ס׳האָט אָבער קיין זאַך ניט געהאָלפן. אייזיק=מאיר איז גע=וואָרן אויס מתמיד. ער האָט, אמת, נאָך געלערנט אַ ביסל אי תלמוד אי פּוסקים, אָבער וועגן אַ רבנישער קאַריערע האָט ער שוין מער ניט געטראַכט, האָט זיך תחילת נאָך אָפּגעגעבן מער מיט לייענען וועלטליכע ביכער, אָבער באַלד אויך דאָס כמעט געוואָרפן און אָנגעהויבן אומגיין איבערן בית-המדרש הין און צוריק, הין און צוריק פאַרטראַכט נאָר אין זיך. זיין שוועסטער=

## XXXIII

קינד אַביגדור איז אינגאַנצן געווען אונטער ליליענבלומס השפּעה און האָט ליידנשאַפטליך און אָן רחמנות געשטורימט די יסודות פון דער טראַדיציע. ער האָט געהאַט רעדנערישע כשרונות און פלעגט שָׁעהן לאַנג אָן הפסקות אַגיטירן די פּרושים אַוועקצוואַרפן „אַלץ־אַלץ" און ווערן נייע מענטשן, זוכן עפּעס פאַר זיך אַתכלית אין לעבן. באַזונדערס האָט ער זיך אַנעם געטאָן צו אייזיק־מאירן.

— מיר זיינען „חללי התלמוד", — האָט ער איינמאָל אויסגע־שריען צו אייזיקן מאירן מיט אַציטער פון טרערן אין שטים — און טויגן צו גאָרנישט!

— מענטש איינער, — האָט אים אייזיק מאיר תוך כדי דבור געענטפערט, — טראַכט זיך אַריין: אפשר זיינען מיר גאָר חללי ההשכלה? זי האָט אונז די מוחות צעטומלט!...

אָבער יענער האָט זיך ביי דאָס זייניקע געהאַלטן, האָט געטענהט, אַז ער ווייס שוין „אַלץ", „דעם גאַנצן אמת", און טאָר דאָ שוין מער ניט פאַרבלייבן, און האָט גערופן מיט זיך אויך אייזיק מאירן, ווי די איבעריקע מיינונגס־חברים. אייזיק מאיר האָט דער־ווידערט, אַז איצט ווייס ער ערשט גאָרנישט, אַז זיין נשמה ווערט געפּייניגט פון ספקות, בלאָנדזשעט כסדר אַרום ווי אין אַן עולם התוהו, און ער מוז נאָך זוכן דעם ענטפער, ער וואַרט נאָך אויפן ריכטיקן וועג־ווייזער... און האָט ווידער גענומען שפּרייזן פאַרמוטשט, מיט פאַרמאַכטע ליפּן, הין און צוריק, הין און צוריק. זעלטן ווען מ׳האָט פון אים אַוואָרט געהערט — — —

אייזיק מאיר איז אייגנטליך געווען שוין לחלוטין אַפרייער אין דענקען און ריידן, האָט ניט איינמאָל אַרויסגעוויזן פרייקייט אַפילו במעשה, — פונדעסטוועגן — פונדעסטוועגן איז ערגעץ אויף יענער זייט פון זיין „באַוואוסטזיין" עפּעס פאַרבליבן אַזוינס וואָס אָן אַנאָמען, וואָס האָט אים אָפּגעהאַלטן פון איבעררייסן מיט אַלץ, וואָס אים איז ביז אַהער געווען הייליק און טייער. נאָכמער, — אַט דאָס „עפּעס" איז מיט־אַמאָל געוואָרן ביי אים שטאַרקער פון אַלע „דערגרייכונגען" פון דער נייער צוימענבּרעכערישער פילאָסאָפיע וואָס ער האָט איינגעזאַפּט אין זיין געדאַנקען־אַפּאַראַט. ער האָט זיך מיט־אַמאָל אַהייב געטאָן און איז אַוועק — קיין ראַדון צו

ר׳ ישראל מאיר הכהן דעם בעל „חפץ חיים״, וואָס האָט אין זיין ישיבה איינגעפירט דעם ענין מוסר און „תשובה״... זיין האַרץ האָט אים ווי געטאָן אויפן חורבן פון די גרונדפעסטן פון זיין טיפן גלויבן, וואָרינען ער האָט איינגעזעען אַ חורבן אין אַ גרעסערן מאַסשטאַב, אַ סך מער ווי אַן אינדיווידועלן... און ער האָט זיך אָפּטובלען געוואָלט אין פייער פון סיגופים און פון אויפריכטיקער תשובה... ער האָט אָבער באַלד דערשפירט, אַז „עס לאָזט זיך ניט״, און האָט זיך אומגעקערט צוריק קיין איישישאָק, וואו ער איז שוין אויך לאַנג מער ניט פאַרבליבן. ס׳איז ווידער אָנגעקומען צו די עלטערן אַ קלאַנג, אַז די „קליפה האָט גובר געווען״, — איז ווידער געוואָרן אַ יעלה, איז די מוטער חידער אַהעקגעפאָרן צום זון, האָט אים אָפּגענומען פון איישישאָק, וואו ער האָט פאַרבראַכט סך הכל פון נאָך סוכות תרנ״ז ביז פסח, און אַוועקגעשיקט אים קיין קאָוונע, וואו ס׳האָט געלעבט און נפטר געוואָרן דער „רשכבה״ג״ ר׳ יצחק אלחנן, וואָס „זיין זכות וועט מגין זיין אויף איר קינד״. כאָטש זי איז געווען אַ משכלת אין פולן זין פון וואָרט, האָבן אירע ליידן און איר קרענקליך ציטערן־פלאַטערן פאַרן געזונט, לעבן און גליק פון איר אייזיק מאירן געמאַכט זי באַזונדערס נערוועאיש און אָבערגלויבעריש. דערצו האָט נאָך מיטגעווירקט אַן אומגעריכטער קלאַפּ, וואָס האָט זי געטראָפן: אין משך פון פערטהאַלבן וואָכן זיינען געשטאָרבן אירע עלטערן (דער פאָטער כ״ח שבט און די מוטער כ״ג אדר תרנ״ז), וואָס האָבן געהאָדעוועט אירע קינדער און זיינען געווען איר גאַנצע שטיצע אין איר טרויעריקן לעבן. דאָס האָט זי אינגאַנצן צעטרייסלט, — און זי האָט גענומען פאָרן צו „גוטע יידן״ נאָך עצות און סגולות פאַר איר ליבסטן זון. איז קאָוונער ישיבה אויך געווען איינע פון די סגולות.

דער פאָטער האָט געוואָלט, דער זון זאָל בעסער פאָרן קיין וואָלאָזשין, אָבער אייזיק מאיר האָט אים דערוויזן, אַז נאָך דער פטירה פון ר׳ הירש־לייבן (כ״ח אב תרנ״ג) איז אינגאַנצן אַראָפּ דער גלאַנץ פון דער וואָלאָזשינער ישיבה און איר פלאַץ האָט פאַרנומען די ישיבה אין קאָוונע, און האָט אים פאַרזיכערט, אַז ער איז אַ געטרייער זון פון זיין פאָלק און וועט ניט פאַרלאָזן די

תּורה, נאָר ער וויל שטודירן אויך חכמות חיצוניות, ווייל ער וויל זיין אַ געבילדעטער רב, אַ ראַבינער, ווי דאָס איז געווען ר׳ עזריאל הילדעסהיימער פון בערלין, וואָס שמואל האָט פון אים זעער שטאַרק געהאַלטן. דאָס האָט געווירקט אויף שמואלס אַמביציע און ער האָט דעם זון געגעבן זיין הסכם.

אייזיק מאירס פרייד איז געווען אָן לשער. דעם האַלביאָר, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין איישישאָק, האָט ער געהאַלטן פאַר אָפּגעבּבטלטע, פאַרלאָרענע צייט, ווייל ער האָט דאָרטן ווייניק אויפגעטאָן הן אין יידישע הן אין אַלגעמיינע לימודים. ער האָט זיך מיט אַלע כּוחות געריסן אין דער גרויסער שטאָט אַריין, וואו ער וועט פאַר זיך „דערזען די ליכטיקע וועלט״. — אין דער צייט האָט ער אַוועקגעשיקט אין „המליץ״ אַ קאָרעספּאָנדענץ, די ערשטע קאָרעספּאָנדענץ, וועגן דער יוגנט, וואָס ווערט צענישטשעט אָן תּורה און אָן חכמה. אויף דעם מאָטיוו האָט ער דעמאָלט געהאַט אַ סך אָנגעשריבן שירים און דערציילונגען אויף העברעאיש, יידיש און רוסיש, נאָר פונקט ווי דער ווייט גרעסטער טייל פון זיינע סך ווערק בכלל, זיינען אויך די כּתבים פון איישישקער צייט פאַרלאָרן געגאַנגען. פאַרבליבן איז נאָר איין איינציק יידיש לידל, וואָס גייט אַריין אין די „כּתבים״, און אַ סטראָפע פון אַ העברעאישן טיף־פעסימיסטישן שיר, וואָס איז, אויך ווי דאָס יידישע לידל, איינגעהיט געוואָרן ביי זיין יוגנט־פריינד א. פאָדגור, מיט וועמען ער האָט געלערנט צוזאַמען אין איישישאָק:

הַמַּטָּרָה.

לְמַטְּרַת הַחַיִּים לְפָנִים שָׁאַלְתִּי
וְאֶחְקֹר חָקֹר, אַךְ הָהּ מַה נּוֹאַלְתִּי!
פִּתְרוֹן הַחִידָה זֶה עַתָּה מָצָאתִי
וְאִוָּכַח, כִּי — לָמוּת מַטְּרַת הַחַיִּים...

קומענדיק קיין קאָוונע נאָך פּסח 1897, איז אייזיק מאיר לגמרי אַן אַנדערער געוואָרן. ער איז אָנגעקומען לערנען אין „נייעם בית־המדרש״, אָבער ביי אים איז שוין געווען אַ באַשלאָסענע זאַך אים ביי דער ערשטער געלעגנהייט צו פאַרלאָזן

און אָנהייבן ערנסט גרייטן זיך צום עקזאַמען אויפן גאַנצן קורס פון גימנאַזיע. אָבער דערויף דאַרף מען שוין האָבן גאָר אַ סך מיטלען. ער האָט געוואוסט, אַז אינדערהיים איז דער מאַטעריע־לער מצב ניט קיין גלענצנדיקער. דער פאָטער איז פאַרקאָכט אין געשעפטן, לויפט, פאָרט אום, רוט ניט, פיבערט, אָבער פון זיינע גע־שעפטן לאָזט זיך גאָרנישט אויס. ער פאַלט דורך מיט מענטשן, מיט סוחרים, מיט שותּפים, פאַרלירט אייגנס און פרעמדס און פאַרפלאָנ־טערט זיך, פאַרלירט זיך אָבער ניט, הייבט זיך ווידער אויף, איז כּסדר מונטער, חלומט, טראַכט און האַלט אין איין ריידן—וועגן זיין זון, וואָס וועט דערלאַנגען גאָר הויך, וועט זיין אַ גרויסער געבילדע־טער רב א. אַז. וו. א. אַז. וו. אייזיק מאיר ווייס עס אַלץ און האָט רחמנות אויפן פאָטער, וויל אים מער צו לאַסט ניט זיין, ניט „עקספּלואַטירן” אים, וויל זעלבשטענדיק ווערן, אַליין אָנ־הייבן עפּעס פאַרדינען: „צייט שוין אייגנטליך”!... מ׳דאַרף זיך פאַר „שטונדן” נעמען... אָבער ווי אַזוי פירט מען דאָס דורך? די מאַמע רואינירט זיך אויף אים, שיקט און שיקט אים געלט און פּעקלעך, און אַז ער וועט זיך אַפילו אָפּזאָגן, וועט זי אים ניט הערן און וועט אים אַלץ שיקן און שיקן, פאַר זיך ניט לאָזן און אים שיקן. אָבער עס מוז דאָך אַ סוף נעמען, מ׳מוז דאָך ווען עס איז פאָרט איבעררייסן מיט אַזאַ שטייגער לעבן!... „ס׳האָט זיך אָבער נאָך ניט געלאָזן”, און ער האָט זיך גענומען געהיים גרייטן צום עקזאַמען. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַ סך נייטיקע ידיעות האָט ער שוין געהאַט אין אַ געניגנדיקער מאָס, נאָר אָן אַ סיסטעם, און אַנדערע לימודים האָט ער נאָך געדאַרפט ערשט אָנהייבן. האָט ער זיך אַוועקגעזעצט איבער די לערנביכער מיט דערזעלביקער התמדה, ווי אַמאָל אין סמאָרגאָן איבער דער גמרא, און אין אַ לפי־ערך קורצער צייט האָט ער דורכגעמאַכט דעם קורס, האָט זיך געשטעלט אין „אָקרוג” צום עקזאַמען און—איז „דורכגעפאַלן”... ער איז געוועזן אויסער זיך: סטייטש, ער ווייס דאָך אַזוי גוט אַלץ, אַפילו גריכיש האָט ער גובר געוועזן, טאָ ווי קומט עס?! זיין צער איז געוועזן טיף און שאַרף און שטאַרק איז געוועזן זיין אויפרעגונג און צאָרן — אויפן סדר העולם — — —

אין דער היים האָט מען נאָך אַלץ ניט געוואוסט וועגן דעם ראַדיקאַלן שינוי, וואָס איז געוואָרן מיט אייזיק־מאירן. דער פּאָ־טער האָט נאָך אַלץ געמיינט, אַז ער לערנט נאָך ש"ס און פּוסקים. אַפילו ווען אייזיק־מאיר איז אונטער דער צייט אויף ימים־טובים געווען אינדערהיים צוגאַסט, האָט ער אויך פון קיין זאַך ניט גע־לאָזט מערקן. ער איז געווען אומעטיק, איז אומגעגאַנגען פאַר־טראַכט, פאַרזאָרגט, אָבער דאָס איז ביי אים געווען אַ גאַנץ גע־וויינליכע זאַך. ער האָט נאָר דערציילט זיין צער זיין גוטן פריינד שמואל בויערן, מיט וועמען ער האָט אַמאָל געלערנט צוזאַמען און וואָס האָט אים אין צייטן פון נויט געהאָלפן.

נאָכן „דורכפאַל" אויפן עקזאַמען האָט זיך אייזיק־מאיר ווידער גענומען גרייטן, אָבער שוין ניט מיט אַזאַ ענערגיע און פלייס ווי פריער. איצט האָט ער זיך שוין אָפּגעגעבן מער מיט לייענען און איז אָפטער אומגעגאַנגען מיט באַקאַנטע פון גאָר אַ נייעם מין — —

קאָוונע איז אין יענער צייט געווען אַ מערקווירדיקער קול־טור־צענטער. פון איין זייט זיינען דאָ געווען ישיבות, קיבוצים פון פּרושים און מוסרניקעס, און פון דער אַנדערער — אַ נעסט פון השכלה נאָך פון די צייטן פון אברהם מאַפּו און פון גע־היימער אינטענסיווער סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע. דאָ זיינען געווען גרויסע מעטאַל־זאַוואָדן, וואו ס'האָבן געאַרבעט ליטווינער און פּאָליאַקן, פאַבריקן און וואַרשטאַטן פון פאַרשיידנאַרטיקע אינדוסטריעס, וואו ס'האָבן געאַרבעט יידן און קריסטן, און דאָ זיינען זיך צונויפגעקומען די פעדים פונם גאַנצן געוועזענעם בער־שטער־ראַיאָן. האָט זיך דאָ געגרינדעט אַ קרייז פון יידישע און קריסטליכע סאָציאַלדעמאָקראַטן אונטער דער אָנפירונג פונם ווילנער סאָציאַלדעמאָקראַט (שפּעטער בונדיסט) נח (י. פּאָרטנאָי), וואָס איז געווען לערער אין אַ קאָוונער שול. דאָ איז אויך געווען אַן אָרגאַניזאַציע פון פּ. פּ. ס. און יוזעף פּילסודסקי האָט דאָ געדרוקט דעם אומלעגאַלן אָרגאַן אירן „ראָבאָטניק". בכן האָט עס געקאָכט אין קאָוונער אונטערערדישן וועלטל. און אָט אין דעם דאָזיקן וועלטל איז דורך חברים עקסטערנס אַריינגעפירט געוואָרן אויך — אייזיק־מאיר דעוועניסקי. ער איז דאָ באַקאַנט געוואָרן

מיט די דעמאָלטיקע וויכטיקסטע יידישע, פוילישע און ליטווישע סאָציאַלדעמאָקראַטישע טוער, אויך מיט יוזעף פילסודסקי, און פאַר אים האָט זיך געעפנט אַ גאַנץ אַנדערע, נייע וועלט, גאָר ניט די וואָס אין ס״אָרגאָן.

דעווענישסקי (צווישן די עקסטערנס האָט מען אַייזיק מאירן גערופן מיט דער פאַמיליע) האָט זיך פון סמאָרגאָן אָן אין הארצן געהאַלטן פאַר אַ רעוואָלוציאָנער, און אים האָט טיף געקרענקט, וועןמ׳האָט דאָ, אין אַ קאָוונער קרייזל, מבטל געווען זיין רעוואָלוציאָניזם, „וואָס שוועבט ערגעץ אין די וואָלקנס“, און זיין גאַנצן „מיכאַילאָווסקישן“ אידעאַליסטישן אונטערשלאַק. און כּדי ער זאָל פאַרשטיין, „וואו ער האַלט אין דער וועלט“, האָט מען אים געגעבן צו לייענען בעלטאָווס (פלעכאַנאָווס „К вопросу о развитіи монистическаго взгляда на исторію“ (צו דער פראַגע וועגן דער אַנטוויקלונג פונם מאָניסטישן קוק אויף געשיכטע), וואו דער מחבר האָט מיט אַ באַזונדערן סאַרקאַזם און גיפטיקייט „צעשמעטערט“ אַלע אַווטאָריטעטן פון דער אידעאַליסטישער פילאָסאָפיע און פונם אוטאָפּיסטישן סאָציאַליזם. דאָ זיינען „אָן רחמנות“ אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן פון זייערע פּיעדעסטאַלן אי דעקאַרט, אי קאַנט, אַפילו העגעל, ווי סען־סימאָן, פוריע און ראָבערט אָועןניטאָ מער קיין קאַטעגאָרישער אימפּעראַטיוו און קיין אַבסאָלוט; העגעל איז מיט זיין דיאַלעקטישן אידעאַליזם געשטאַנען „מיטן קאָפּ אַראָפּ“, זיינען געקומען לודוויג פייערבאַך, מאַרקס און ענגעלס און האָבן אים „אַוועקגעשטעלט אויף די פיס“. די אַנטוויקלונג פון פילאָסאָפיע איז געקומען צום דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם און די „אוטאָפּיע“ פון „אייביקער גערעכטיקייט“ — צום וויסנשאַפטליכן סאָציאַליזם, וואָס שטייט מיט ביידע פיס אויפן פעסטן באָדן פון דער בפועל־ממשדיקער ערד. — מיכאַילאָווסקין האָט מען „אַפילו אַראָפּוואַרפן ניט געדאַרפט“: ער איז „געוואָרן“ אַ „קליינטשינקער“, אַ „פיצע־מאָנטשינקער“, „קוים צו באַמערקן“...

דעוועניש‌סקי האָט זיך געשפּירט דערשלאָגן: „ווידער אַ גייסטעס־וועלט חרוב געוואָרן!...“ און ער האָט ניט געוואָלט מסכּים זיין. עפּעס האָט צו אים אַ שטים פון אינעווייניק צוגערופן:

„ניט אַלץ איז דאָ אַבּסאָלוט, ניט אַלץ איז דאָ אמת!“ זאָגט דאָך די דיאַלעקטיק: „ניטאָ קיין אַבּסאָלוט“, — איז דאָך, קאָנסעקווענט, די דיאַלעקטיק גופא אויך ניט אַבּסאָלוט... און בנוגע די אַראָפּוואַרפער פון זיינע אַווטאָריטעטן האָט ער געהאַט דעם זעלביקן ניט גוטן געפיל, ווי בעת ער האָט געלייענט דעם „הצופה לבית־ישראל“, וואו ד״ר ערטער האָט אַרויסגעשטעלט די חסידים אין די העסליכסטע געשטאַלטן, און ער האָט געטראַכט: „ניין, ברודערקע, — דו שאַרזשירסט!“ ער האָט געקענט די חסידים און האָט אין זיי גאָר אַ שיינקייט געפונען. ער האָט געקענט מיכאַילאָווסקין, און האָט בעלטאָוון ניט געגעבן גערעכט. דאָך איז ער אַריינגעצויגן געוואָרן אינם נייעם געדאַנקען־גאַנג פון דער מאַטעריאַליסטישער פילאָסאָפיע און האָט גענומען מיט חשק לייענען די מאַטעריאַליסטישע און מאַרקסיסטישע ליטעראַטור. ער האָט שוין געהאַט דורכשטודירט דרעפּערס „געשיכטע פון דער גייסטיקער אַנטוויקלונג אין אייראָפּע“, באָקלס „געשיכטע פון דער ציוויליזאַציע אין ענגלאַנד“ און האָט זיך גענומען מיט אַ ברען פאַר העגעלן, פייערבאַכן, לאַסאַלן, מאַרקסן, ענגעלסן. ער האָט ניט ליב געהאַט קיין פּאָפּולאַריזאַציעס, האָט שטודירט נאָר די עצם אָריגינאַלן, קאַפּיטאַלע ווערק. און אַזוי איז ער געוואָרן — אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט.

אין דערזעלבער צייט האָט דעווענישסקי ניט אויפגעהערט לייענען העברעאיש, ווי בכלל אַלץ, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען נייס וועגן יידישע פּראָבלעמען אין אַלע שפּראַכן, וועלכע זיינען אים צוטריטליך געווען. ער איז געווען אַ שטענדיקער לעזער פון „השלוח“ און האָט זיך פאַרטיפט אין אחד העם׳ס אָריגינעלער פילאָסאָפיע, זיך דורכגעדרונגען מיט זיין לערע וועגן אינערליכער פרייהייט און געזוכט אַ האַרמאָנישן סינטעז צווישן דעם סאָציאַלן אידעאַל, וואָס האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויפן באָדן פון קאָסמאָפּאָליטיזם און טעאָרעטישן פאַרלייקענען דעם ענין נאַציע, און דעם ערשט־אויפגעוואַכטן יידישן נאַטירליך־נאַציאָנאַלן געפיל. אין די קרייזלעך האָט עס געקאָכט פון דיסקוסיעס וועגן סאָציאַליזם און פּאָליטישן ציוניזם, וועגן בירגערליכע און נאַציאָ=

נאַלע רעכט, און דעוועגישסקי האָט גענומען אין זיי דעם טיכ־טיקסטן אָנטייל, איז באַלד געוואָרן איינער פון די צענטראַלסטע פיגורן אין די דאָזיקע קרייזלעך. אין דער צייט האָט ער אַ סך געשריבן העברעאישע שירים אויף עכט־סאָציאַליסטישע טעמעס. צוויי פון זיי האָט ער דורך דער פאַרמיטלונג פונם שריפטשטע־לער שמואל ראָזענפעלד, מיט וועמען ער איז באַקאַנט געוואָרן ערגעץ אין אַ קרייזל, געשיקט אין „השלוח", און זיי זיינען זעער געפעלן געוואָרן אַחד־העמ'ען, דעם דעמאָלטיקן רע־דאַקטאָר פונם זשורנאַל, אָבער ער האָט זיי ניט געדרוקט מחמת מורא פאַר דער צענזור. אויסער די דאָזיקע צוויי שירים און נאָך אַ דריטן שיר, וואָס זיינען אַיינגעהיט געוואָרן ביי דעוועגישסקיס ישיבה־חבר י. שאַדאָווסקי און ביי זיין שוועסטערקינד שבתיאל בלאָך און וואָס זיינען איצט אָפּגעדרוקט אין די „כתבים", זיינען אַלע איבעריקע ווערק זיינע פון קאָוונער צייט פאַרלאָרן געגאַנגען. אויף יידיש איז לחלוטין ניט געווען וואו צו דרוקן זיך: „פרצעס בלעטלעך" זיינען שוין מער ניט אַרויס־געגאַנגען און קיין אַנדער צייטשריפט איז נאָך ניט געשאַפן גע־וואָרן. — דעוועגישסקי האָט אין די קרייזלעך אויך דעקלאַמירט אייגענע און פרעמדע ווערק, און מיט גרויס ערפאָלג.

דאָ איז דעוועגישסקי באַקאַנט געוואָרן מיט אַלטער דעם בערשטער, וואָס ביי אים אין דירה פלעגן פאָרקומען די פראָפּאַגאַנדיסטישע קרייזלעך און דיסקוסיעס, און אויך מיט אברהם (וואָלף) אַלעקסאַנדריסקי, אַ געוועזענעם ישיבה־בחור, וואָס איז געוואָרן אַן אַרבעטער, אַ בערשטער. דאָס זייגען געווען אָריגינעלע טיפּן, באַגייסטערטע אידעאַליסטן, באַזונדערס אברהם, וואָס מ'האָט אים גערופן „אַבראַם דער בערשטער", און דעוועגישסקי איז מיט זיי נאָענט באַפריינדעט געוואָרן. אין די דאָ־זיקע קרייזלעך האָט ער זיך געטראָפן אויך מיט „מיטיאַ דעם כודאָזשניק" (אַ זון פון אַ שניידער, וואָס איז אַרויסגעשיקט גע־וואָרן פון מאָסקווע בעתן גרויסן גירוש פון די יידישע בעלי־מלאכות און קליין־הענדלער אין יאָר 1891), וואָס איז שפּעטער באַוואוסט געוואָרן אַלס רוסישער דיכטער דמיטרי צענזאָר,

און מיט אַ ב ר ה ם ר י י ז י נ ע ן, וואָס האָט דעמאָלט געדינט אין קאָוונע אין מיליטער.

ערגעץ אין אַ קרייזל איז ער דאַן באַקאַנט געוואָרן מיט אַ ווילנערין מ. וו., אַ שילערין פון קאָוונער פּרויען-גימנאַזיע. אַ טאָכטער פון אַ רייכער פאַמיליע, איז זי געווען באַגייסטערט פאַרן דעמאָלט אויף דער יידישער גאַס נייעם אידעאַל פון אַר-בעטער-באַפרייאונג און האָט באַלד באַקומען אַ גרויסע ווירקונג אויף אים, אויף א י ס אַ אַ ק ד ע וו ע נ י ש ס ק י, וואָס האָט איר זיין מוזע געווידמעט — — —

אונטער די דאָזיקע אַלע מעכטיקע השפעות האָט אייזיק מאיר ויך סוף כל סוף אַנטשלאָסן און — ענדגילטיק פאַרלאָזן דעם בית-מדרש. ער איז אַריבער אויף קוואַרטיר צו אַ לערער מ. י. ג ו ט מ אַ ן „אַנטקעגן דער גימנאַזיע-קירך", וואו ער האָט געוואוינט צוזאַמען מיט דמיטרי צענזאָר, האָט באַקומען אַ פּאָר גראָשענע „שטונדן", איז געוואָרן „זעלבשטענדיק" און האָט זיך מיט נייער ענערגיע גענומען גרייטן צו אַ צווייטן עקזאַמען און אין די אָוונטן אינטענסיוו אַרבעטן אין די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע קרייזלעך.

מאַטעריעל האָט ער דעמאָלט שטאַרק געליטן, אָבער פון דער היים האָט ער קיין געלט ניט געבעטן. פאַרקערט, ער האָט דורכאויס געשריבן די עלטערן, אַז ער האָט גענוג, אַז ער פאַר-דינט פון העברעאישע שטונדן, אַז זיי זאָלן זיך ניט אָנשטרענגען און אים ניט שיקן ניט קיין געלט, ניט קיין „פּאָסילקעס". פון קיינעם, אַפילו פון מ. וו., האָט ער קיין שטיצע ניט געוואָלט אָננעמען. שטיצע בתורת הלוואה האָט ער אָנגענומען בלויז פון דריי אינטימע פריינד זיינע — ש. בּויער, ש. בלאָך און י. ראַבינאָוויטש.

דעם פאָטער איז זעער ניט געפעלן געוואָרן די מעשה מיט די „העברעאישע שטונדן". „אַ בחור, וואָס גרייט זיך צו סמיכה, — האָט ער געטענהט צו מלכהן, — טאָר ניט בטלען קיין צייט אויף הײנטוועלטיקע מלמדות" (ער האָט תּכלית שנאה פיינט געהאַט דעם פאַר אים פרעמדן טערמין „העברעאישע שטונדן" און האָט עס טיטולירט אויף זיין שטייגער). אין דערזעלביקער

צייט האָבן שטעטלשע „שונאים" גענומען פאַרשפּרייטן פּאַרשיי־
דענע אומגעלומפּערטע קלאַנגען וועגן אייזיק מאירן, אָבער אַלץ
הינטן אַרום, אויף קליינשטעטלש־קלוגעטשקער שפּראַך מיט גע־
מאַכטער תמימות געווענדט זיך צו קרובים מיט גיפטיקע פראַגן
וועגן זייער צוקינפטיקן „רב". דירעקט צו די עלטערן איז קיין
קלאַנג ניט דערגאַנגען, און שמואל האָט נאָך אַלץ געגלויבט, אַז
זיין עלטסטער זון זיצט און לערנט, און פלעגט אין שמועסן מיט
באַקאַנטע נאָך אַלץ גליקליך־באַרימעריש לעבעדיק־פרייליך אויס־
רופן: „מיין זון ווערט אינגיכן רב! אָהאָ מיין זון!"... אַז עמיצער
האָט אים איינמאָל געגעבן אָנצוהערעניש, אַז זיין זון „שטודירט",
האָט ער זיך אויסגעלאַכט: „שוין צוויי מאָל געהערט די מעשה...
נאַרישקייטן!...

אייזיק מאיר האָט שוין טאַקע באמת מער ניט שטודירט. ער
האָט ניט אויסגעהאַלטן אויף דעם צווייטן עקזאַמען — מחמת ער
האָט, לויט דער מיינונג פון די עקזאַמענאַטאָרן, אַרויסגעזאָגט „צו
זעלבשטענדיקע" מיינונגען אין געשיכטע און „סלאַווענאָסט"
(ליטעראַטור), — און האָט זיך מיט לייב און מיט לעבן אַריינ־
געוואָרפן אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. ער איז געוואָרן
רעוואָלוציאָנער־פראָפעסיאָנאַל אין די רייען פון „אַלגעמיינעם
יידישן אַרבעטער־בונד אין פוילן, ליטע און רוסלאַנד" (געגרינ־
דעט סוכות 1897) — — —

---

## IV. „חבר אַראָן".

אייזיק מאיר דעווענישסקי איז געוואָרן רעוואָלוציאָנער־
פראָפעסיאָנאַל, נאָר אָן געהאַלט, ווייל ער האָט געהאַלטן, אַז
אַ סאָציאַליסט דאַרף אַליין אַרבעטן אויף זיין לעבנסמיטל, אַלץ
געבן דער אָרגאַניזאַציע און קיין זאַך ביי איר פאַר זיך ניט נע־
מען. פאַר זיינע אויגן זיינען שטענדיק געשטאַנען די באַצויבערנ־
דיקע געשטאַלטן פון די עדלסטע פרייהייטס־ראַנגלער פון אַלע

ציִיטן, וואָס האָבן אַלץ אַוועקגעגעבן, אַפילו דאָס לעבן, פאַר דאָס, וואָס איז ביי זיי הייליק און טייער געווען, — און ער האָט זיך אויסגעאַרבעט אַן אייגענע שטרענגע רעוואָלוציאָנערע מאָראַל. — באַזונדערס ליב און טייער איז אים געווען דער וואונדערבאַרער און דאַן געהיימניספּולער אַהרן ליבערמאַן („דניאל איש חמודות", „בר-דררא", Freeman), און ער האָט זיין נאָמען אויסגעקליבן פאַר זיין פּאַרטייאישן פּסעוודאָנים — „חבר אַראָן". אין משך פון זיין שפּעטערדיקן רעוואָלוציאָנערן און נע-ונדנעם לעבן איז אים אָפט אויסגעקומען צו בייטן זיינע נעמען און פּאַרטייאישע פּסעוודאָנימען, אָבער דער נאָמען „חבר אַראָן" איז דער געדויערהאַפטסטער און אים דער ליבסטער פון זיי געווען און איז אויך ביי אַלעמען אויף אַלעמאָל פאַרבליבן אין זכרון. און די צייט, ווען ער האָט זיך גערופן מיטן דאָזיקן נאָמען, בילדעט איינעם פון די וויכטיקסטע פּעריאָדן פון זיין לעבן.

איצט איז ער ווי אַ באַנייטער געוואָרן; פון די ספקות, וואָס האָבן אים לאַנג געפּייניגט, איז קיין זכר ניט געבליבן; ער האָט אַ ציל, אַ תּכלית אין לעבן באַקומען, און די „אידעאַלן" פונם מעשטשאַניש-עגאָאיסטישן עקסטערניזם זיינען ביי אים אויסגעקומען קאָמיש. ער איז געווען אויסערגעוויינליך ערנסט ניט נאָך זיינע יאָרן. אַ הויכער שלאַנקער ברונעט מיט אַ הויכן ברייטן קלאָרן שטערן, מיט אַן עטוואָס פולן, נאָר בלאַסליכן געזיכט, מיט אַ פיינגעשניצטן עכט אָריענטאַלישן נאָז און שטרענג פאַרמאַכטע ליפּן און מיט אַ פּאָר טיף-קלוגע, דענקענדיקע, שטרענגע און דאָך מאָדנע צערטליך-גוטע אויגן, וואָס האָבן געקוקט שטאָלץ, פריי און מונטער אויף דער וועלט — אין דער ווייטער צוקונפט אַריין, — האָט חבר אַראָן פּשוט באַצויבערט אַלעמען, מיט וועמען דאָס לעבן האָט אים צונויפגעבראַכט, די חברים אַרבעטער און „אינטעליגענטן", ווי אויך מענטשן פון אַלע שיכטן פון דער געזעלשאַפט. זיין פּנים, ווי זיין גאַנצע פיגור, זיין שטיין, זיין גיין, זיינע באַוועגונגען און זיין אַרט ריידן האָבן געעטעמט מיט שטאַרקן ווילן און ענערגיע, און מיט זיינע אָרגאַניזאַטאָרישע און

ליבליך־דיסציפלינירערישע כשרונות האָט ער געווירקט היפּנאָטיש אויף עלטערע און יינגערע.—באַזונדערס האָט ער זיך באַפריינדעט מיטן דערמאָנטן „אברהם דעם בערשטער" (איצט אין אַמעריקע), וואָס איז געווען די נשמה פונם בערשטער־בונד. דער דאָזיקער אַברהם איז ניט געווען קיין רעדנער און קיין אָרגאַניזאַטאָר, און דאָך איז ער געוואָרן איינער פון די וויכטיקסטע אָרגאַניזאַטאָרן פונם בערשטער־בונד. אַ מענטש מיט אַ שטאַרקן כאַראַקטער, פּע־איק אויף מסירת־נפש פאַר זיין אידעאַל, אַ שטרענגער קאָנספּי־ראַטאָר און אומדערמידליכער טוער און וועקער צו „אַרבעט", האָט ער ווי אַ קינד אָן אויפהער געחלומט וועגן דער קומענדי־קער גאולה פון דער פאַרפּייניגטער מענטשהייט און האָט מיט זיין שטרענג ערליכער און עדעלער פּערזענליכקייט באַגייסטערט די יידישע אַרבעטער. און אַדאַנק אים האָט זיך חבר אַראָן אינ־גאַנצן איבערגעגעבן דער אַרבעט אין די רייען פון די בערשטער.

חבר אַראָן האָט געזוכט אַן אַרבעט, וואו ער זאָל קענען זיין זעלבשטענדיק, פריי, וואו ער זאָל קענען אַנטפּלעקן אַלע פאַרבאָרגענע כּוחות פון זיין נשמה, — און איצט האָט ער עס געפונען. שוין פון זיין ערשטן אַרויסטריט אין דער אַרבעטער־באַוועגונג האָבן זיך אַרויסגעוויזן זיינע גרויסע אָרגאַניזאַטאָרישע און פּראָפּאַגאַנדיסטישע פעאיקייטן. ער האָט אָרגאַניזירט מאַסן אַרבעטער פון פאַרשיידענע פאַכן און גאַנצע בראַנזשעס, באַזונ־דערס אין בערשטער־ראַיאָן. דער פאַך בערשטער איז געווען צע־וואָרפן ווי ווייט אָפּגעזונדערטע אינזלען אויף אַ גרויסן שטח פון וויטעבסקער, מינסקער, ווילנער, קאָוונער און סוואַלקער גובער־ניעס. דעריבער איז ער געצוואונגען געווען צו שאַפן אויפן זעקסטן בערשטער־צוזאַמענפאָר אין יאַנואַר 1898 אַ בונד פון אַלע שטעט און שטעטלעך פונם אַזויגערופענעם „בערשטער־ראַיאָן" אונטערן נאָמען „דער אַלגעמיינער יידישער בערשטער־בונד אין פוילן און ליטע". דערצו האָבן אים געצוואונגען די טרויעריקע עקאָנאָמישע באַדינגונגען פון די אַרבעטער אין דער בערשטער־אינדוסטריע, וואו די עקספּלואַטאַציע האָט אַריבערגעשטייגט יעדע גרעניץ און די היגיענישע תּנאים זיינען געווען די ערגסטע

האָט זיך דער בערשטער־בונד צעבליט אין דער ברייט און אין דער טיף, איז געוואָרן אַ מעכטיקער פאַרבאַנד פונם יידישן פּראָלעטאַריאַט, וואָס איז געווען אַ מוסטער מיט זיין אָרגאַניזירטקייט באַוואוסטזיניקייט און קאַמפּסלוסט אַפילו פאַר די אַרבעטער פון אַנדערע פעלקער. דאָס אַלץ האָט אָבער געפאָדערט אַ סך אינטעליגענטע כוחות. די בעסטע טוער פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג האָבן געהאַלטן פאַר אַ באַזונדערן כבוד צו דינען מיט וואָס ניט איז דעם בערשטער־בונד. חבר אַראָן האָט דעם בערשטער־בונד, ווי בכלל דעם בערשטער־אַרבעטער, פּשוט ליב באַקומען — פאַר זיין אמתער פּראָלעטאַרישקייט, פאַר זיין מסירת־נפשדיקן קאַמף לטובת אַ בעסערן שענערן לעבן, פאַר זיין אויפריכטיקער שטרעבונג צו פרייהייט און סאָציאַליזם. ער האָט זיך איבערגעגעבן דער אַרבעט בלב ונפש, מיטן גאַנצן פייער פון זיין יונגער נשמה. ער רוט ניט און ראַסט ניט, קען ניט איינזיצן אויף איין אָרט. ער אַרבעט אין קאָוונע און מאַכט „אויספלוגן" אין „ראַיאָן". דאָ פאַרפעסטיקט ער אַלטע „קאַסעס" און „פאַראיינען" און דאָ אָרגאַניזירט ער נייע; דאָ גרינדעט ער אַ „קרייזל" פאַר זעלבסטבילדונג און דאָרטן אַ פּראָפּאַגאַנדיסטישן „קרייזל". און אומעטום טראָגט ער אַריין אַ באַזונדערע וואַרימקייט און ליבליכקייט. אַלע באַקומען אים ליב און אַכטן אים אויפריכטיק, אַלע לעכצן נאָך זיין וואָרט. און מ'האָט געזאָגט, אַז חבר אַראָן איז גאָר ניט גלייך צו אַלע איבעריקע חברים: „אַזאַ געזעצטער, איינגעהאַלטענער און דאָך אַזאַ האַרציקער, פלאַמענדיקער, אַזאַ מאָדנע שטרענגער און דאָך אַזאַ מאָדנע ליבער". —

אין דערזעלביקער צייט, וואָס חבר אַראָן האָט ענערגיש געאַרבעט אין דער באַוועגונג, האָט ער ניט אויפגעהערט צו שטודירן בהתמדה די הומאַניסטישע וויסנשאַפטן און פילאָסאָפיע, האָט שטודירט און געאַרבעט, איז געגאַנגען אַלץ פאָראויס, האָט אַלץ מער געוואונען די אָנערקענונג און פּאָפּולאַריטעט אין דער יונגער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און איז אויסגעקליבן געוואָרן אינם בונדישן קאָמיטעט אין קאָוונע, וואָס איז צוליב

די ערשטע קאָנפערענצן פון „בונד", דאָרטן אָפּגעהאַלטע־נע, געוואָרן אַ צענטער פאַר דער יונגער אומלעגאַלער אָרגאַני־זאַציע. פונקט אַזוי האָט ער אויך ניט אויפגעהערט נאָכצושפּירן אַלע נייסטע ערשיינונגען אין די ערשטקלאַסיקע ליטעראַטורן פון אייראָפּע, ווי אויך צו שרייבן לידער, ערציילונגען און סצענישע זאַכן און קאָרעספּאָנדירן מיט י. ל. פּרצן, וואָס האָט אַרויסגעוויזן צו אים גרויס אַכטונג און אים כּסדר געמונטערט צו שרייבן.

דער בערשטער־בונד, וואָס איז געווען אַן אַווטאָנאָמער מיטגליד פונם „אַלגעמיינעם יידישן אַרבעטער־בונד", האָט זיך גע־האַט אַזוי ווייט אַנטוויקלט, אַז ער האָט זיך גענומען נייטיקן אין אַ ספּעציעלן פאַך־אָרגאַן. די יונגע „אַרבעטער־שטימע" איז געווען דער אַלגעמיינער אָרגאַן פון „בונד". די בערשטער־אַרבעטער זיינען אַזוי באַגייסטערט געוואָרן פון געדאַנק צו האָבן אַן איי־גענעם געדרוקטן פאַך־אָרגאַן, אַז זיי האָבן גיט געזשאַלעוועט קיין כּוחות און־קיין מיטלען צו שאַפן אים. ס'איז באַשלאָסן גע־וואָרן צו רופן די נייע צייטונג „דער וועקער". און חבר אַראָן, וואָס האָט געשמט פאַר אַ שרייבער, איז איינגעלאַדן געוואָרן אים צו רעדאַקטירן. אין דעצעמבער פון יאָר 1898 איז אַרויס דער ערשטער נומער. אַדאַנק דעם חבר אַראָן איז „דער וועקער" ניט געווען קיין ענגער פאַך־אָרגאַן. ער איז געווען זייער באַלערעוו־דיק און אינטערעסאַנט פאַר יעדן אַנדער יידישן אַרבעטער בכלל, פּונקט ווי די „אַרבעטער־שטימע". חבר אַראָן האָט צאַרט געליבט די ליטעראַטור און האָט שטענדיק געזעען זי באַליבט צו מאַכן זיינע אוידיטאָריעס פון די „קרייזלעך", וואו ס'האָט דעמאָלט געהערשט די מיינונג, אַז די ליטעראַטור, ווי בכלל די קונסט, איז ניט קיין זאַך פאַר זיך, נאָר מוז זיין דורכגעדרונגען מיט דער טענדענץ דירעקט צו דינען דער אַרבעטער־זאַך. ער אָבער פלעגט זיך באַמיען צו דערווייזן, אַז דווקא די עכטע, די ניט־טענדענציעזע קונסט דינט מיט איר גאַנצן מהות דער אַרבעטער־זאַך פיל מער, ווי אַלע שרייענדיקע טענדענציעזע שרייבעכצן. פאַר אַ ראיה האָט ער געבראַכט מאַרקסן, וואָס האָט ליב געהאַט שעקספּירן, און מ'האָט מיט אים מסכּים געווען. בכן האָט ער אין

דעם זעלביקן גייסט אויך געפירט די עטליכע נומערן „וועקער", וואָס ער האָט רעדאַקטירט. ער האָט געשריבן און אָנ־געגנומען אַרטיקלען און פעליעטאָנען, וואָס האָבן געבליצט מיט פונקען פון טאַלענט. דער פאַך־אָרגאַן פון די בערשטער איז ביי אים אַ ליבלינג געוואָרן, ער האָט אויסגעפּילט זיינע ערשטע נו־מערן און אים געמאַכט פאַר אַ שיינעם זשורנאַל.

ער האָט זיך אַ סך מצער געווען, וואָס די דעמאָלטיקע אומלעגאַלע באַדינגונגען האָבן ניט דערלויבט אַרויסצולאָזן דעם „וועקער" פּעריאָדיש. פון איין נומער ביזן אַנדערן פלעגט זיך אָפּציען אַ צייט פון לאַנגע חדשים. ס'פלעגן אים אויך דערנערווירן די סך גרייזן און די „טל ומטר"־אותיותלעך, וואָס פלעגן אינמיטן־דרינען אַריינפאַלן אין טעקסט־ווערטער. אין ענגע קרייזן האָט מען דאַן איבערגעגעבן, אַז אַראָן דרוקט אַרטיקלען אויך אין דער „אַרבעטער־שטימע", וואָס איז ביי די אַרבעטער דעמאָלט פשוט פאַרהייליקט געווען. און אויף איינעם, וואָס מ'האָט אים חושד געווען, אַז ער איז אַ מיטאַרבעטער פון דער „אַרבעטער־שטימע" אָדער פון „וועקער", אָדער אַפילו פון אַ וואָסער־ס'איז לאָקאַלן „פלוגבלאַט", האָט מען געקוקט מיט אַן אמתן יראת־הכבוד. — אַראָן האָט אין יענער צייט אָנגעשריבן אויך אייניקע פּראָקלאַ־מאַציעס, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט אַ באַזונדערער פּאָע־טישקייט.

אַזוי אַרום האָט דער חבר אַראָן מיט זיין ברייטער טעטי־קייט און גרויסער ענערגיע פאַרנומען איינעם פון די ערשטע ערטער צווישן די טוער פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג און זיין נאָמען האָט פשוט געקלונגען ניט בלויז אין קאָוונע, וואו מ'האָט אים געקענט, נאָר ווייט אַרום, — אויך די פּאָליציי האָט שוין עפּעס דערשמעקט... אין ביניאַקאָני האָבן שוין אַלע געוואוסט אַלץ וועגן אייזיק מאירן, אַלע — אויסער זיינע עלטערן, און קיינער האָט ניט געוואָלט דירעקט אָנזאָגן זיי די „בשורה"; מ'האָט מורא געהאַט, „ס'זאָל עפּעס ניט געשעען מיט מוניען, בפרט מיט מלכהן"... גראָד אין דער צייט איז אייזיק מאירס אַמאָליקער רבי ר' נחום געפאָרן פון סאָלעטשניק

אויף רבנות קיין ענגלאַנד דורך קאָוונע, וואו ער האָט זיך דער-
וואוסט, אַז אייזיק מאיר איז — אַרעסטירט... האָט די רביצין
תיכּף אַוועקגעשריבן קיין ביניאַקאָני אַ בריוול, מ'זאָל אומגעזאַמט
קומען צופאָרן קיין קאָוונע „אַרויסראַטעווען אייזיק מאירן, וואָס
איז אין סכּנה, ווייל ער איז אַוועק אויף אַ שלעכטן וועג"..
שמואל האָט פון בריוול געדרונגען נישט אַנדערש, אַז אַ שלעכ-
טער וועג הייסט — ש מ ד! אַ ראיה איז נאָך געווען, וואָס איי-
זיק מאירס קוואַרטיר איז געווען אַנטקעגן — אַ קלויסטער! — דאָס
האָט די פאַמיליע ווי אַ דונער געטראָפן און ס'האָט זיך אָנגע-
הויבן אַ מחלוקת וועגן דעם, ווער זאָל פאָרן. איז באַשלאָסן גע-
וואָרן, אַז פאָרן זאָל דער פעטער משה דווילאַנסקי, און שמואל
האָט — זיך געזעצט שבעה נאָכן זון... מלכה האָט זיך געריסן
די האָר פון קאָפּ — — —.

אַז דווילאַנסקי איז געקומען קיין קאָוונע, האָט ער זיך
דערוואוסט, אַז די רביצין, אַ פרוי אַ חכמניות מיט אַ שפּראַך און
אַ דרייסטע, איז צוגעקומען צו דער העכסטער מאַכט דאָרטן און
האָט אויסגעשתדלנט, אַז מ'האָט אייזיק מאירן עטליכע טעג
נאָכן אַרעסט באַפרייט, מחמת מ'האָט ביי אים קיין זאַך ניט געפונען.
איז ער תיכּף אַוועק צו אים און פאַרפירט מיט אים דיפּלאָמאַ-
טיש אַ שמועס וועגן דעם, „אפשר איז אַ סברה איצט כאָטש
אַרומצוזוען זיך און ניט צו ברענגען טאַטע-מאַמע פאַר דער צייט
אין קבר", „אַז יידן וועט סיי-ווי דערפון גאָרנישט אַרויס-
קומען", אַז „זייער גאולה וועט קומען בלויז דורך משיחן",
וכדומה. אַ גאַנצע נאַכט האָט דווילאַנסקי פאַרבראַכט מיט אייזיק
מאירן אין פילאָסאָפישע חקירות און פּאָליטישע וויכּוחים וועגן
אַלע פראַגן, וואָס זיינען דאַן געשטאַנען אויפן סדר היום, גע-
רעדט געמיטליך, רואיק און קלוג, נאָר צו קיין שום פּאָזיטיוון
רעזולטאַט זיינען זיי ניט געקומען. אייזיק מאיר האָט אים נאָר
געמאָלדן, אַז אים פרייט, וואָס ער האָט „אַזוי אינטערעסאַנט"
פאַרבראַכט מיטן פעטער די נאַכט, נאָר די עלטערנס פאַרלאַנג
איז אים אוממיגליך צו דערפילן, „ווייל זיין האַרץ איז שוין אַן
אַנדערע און לאָזט אים שוין ניט אומקערן זיך צוריק צום לער-

נען און צום אַלטן שטייגער לעבן״. איין זאַך נאָר: ער וועט נאָך אפשר קומען אָפּרוען זיך אין דער היים. דווילאַנסקי האָט בײַ אים געפּועלט צו פאָרן מיט אים שוין, נאָר איבער זיינעם אַ פאַרכאַכטן טשעמאָדאַן, וואָס די זשאַנדאַרמען האָבן געוואָלט עפענען אויפן קאָוונער וואָקזאַל, איז ער געצוואונגען געווען צו פאַרבלײַבן אין קאָוונע, און דער פעטער איז אַוועקגעפאָרן אַליין. אַז דווילאַנסקי האָט איבערגעגעבן שמואלן און מלכהן, אַז אייזיק-מאיר איז אַ ייד״, איז אין שטוב געוואָרן פון טרויער אַ שמחה. דאַן האָט ער זיי דערקלערט, אַז אייזיק-מאיר איז „אַ בר דעת״, אַ מענטש מיט אַ פעסטן כאַראַקטער, וואָס זיין אידעע איז בײַ אים טייערער פון אַלץ, אַפילו פון עצם לעבן: „ער רעדט לאָגיש, רואיק, איידל, אַזוי איידל, וואָס ווייניק צו געפינען זיין גלייכן; האָט רחמנות אויף זיין פאָטער, ליבט די מוטער, אָבער זאָגט, אַז „די גאַנצע וועלט טרינקט זיך אין אַ ים טרערן און בלוט און איטליכער יחיד איז מחויב עפּעס צו טאָן קעגן דעם״; ער וועט טאָן „פאַר דער מענטשהייט״ און קיינער און קיין זאַך וועט אים ניט אָפּהאַלטן דערפון. פאַרפאַלן,—ער וועט זיך מקריב זיין!״ — — —

נאָך די דאָזיקע ערקלערונגען דווילאַנסקיס איז אין שטוב געוואָרן אַ טרויער ווי נאָכן טויט פון אַ טייערן בן-יחיד. די עלטערן האָבן נאָך געוואַרט אַ ווײַלע: אפשר וועט ער נאָך קומען, ווי ער האָט דעם פעטער צוגעזאָגט. נאָר אַז זיי האָבן דערזען, אַז ער קומט ניט, איז שמואל אַוועקגעפאָרן קיין קאָוונע זען פּרובן אייזיק-מאירן „מחזיר למוטב צו זיין״. ער האָט אָבער דאָרטן דערשפּירט, אַליין ניט ווייסנדיק פאַרוואָס, אַז ער האָט עפּעס קיין מוט און קיין ווערטער ניט צוצוטרעטן צום זון, און ווידער אַמאָל אַזוי ווי „אָן אַ שום הכרה״, נאָר פון עפּעס אומבאַוואוסטס געטריבן און ווי זיך אָנכאַפּנדיק אָן אַ שטרוי בײַם טרינקען זיך, האָט ער, גאָרניט ווי זיין מנהג איז געווען, אויסגעטרונקען ווײַן, איז תיכף מונטער און פעסט בײַ זיך געוואָרן און אַוועק צו אייזיק-מאירן.

ער האָט אָנגעהויבן מיט גוטן און מיט אַ טיפן צער אין טאָן, שטייענדיק אין מיטן אַייזיק-מאירס צימער:

— אַייזיק-מאיר, — ביסטו נאָך מיין זון?

— וואָס איז דאָס פאַר אַ שאלה, טאַטע?!

— מיין זון קען זיין נאָר אַ ייד!

— איך בין אַ ייד!

— ניין, איך בין שוין דער לעצטער ייד אין מיין שלשלת־היוחסין...

— ניין, טאַטע, דו ביסט נאָר אַן אַלטער ייד, און איך — אַ נייער!

— אַ נייער ייד?! ניטאָ קיין נייע יידן! ישראל סבא — איז דער אייביקער ייד, דער אייביק יונגער ייד!

— מירן זיך ניט צונויפריידן, טאַטע! — האָט איבערגע־האַקט דער זון און איז אַנטשוויגן געוואָרן.

דאַן האָט שמואל אָנגעהויבן ביסלעכווייז מיט בייזן, האָט געהאַלטן אַ גאַנצע לעקציע פּאָטערליכע טענות, נאָר אײַזיק־מאיר האָט געשוויגן.

האָט שמואל אָנגעהויבן מיט אַ באַפעלערישן טאָן, ווי ער איז אַמאָל געווינט געווען, מיט אַ ירגזון פון דער אַלטער תּקיפות, איז אַרויסגעטראָטן „בגזירת כּבוד אָב״, האָט אין אַן אויסערגע־וויינליך־נערוועזן צושטאַנד גענומען דונערן — — —

אַלץ אומזיסט, — אײַזיק־מאיר איז געבליבן שטום ווי די וואַנט — — —

„אַ קאָסע אויף אַ שטיין״ — — —

איז שמואל אָפּהענטיק געוואָרן, האָט זיך צעכליפּעט ווי אַ הילפלאָז קינד, — און וואַרפנדיק ביים געזעגענען זיך אַ פאַר־יאושטן „קום צוריק, מיין קינד!״ איז ער אַוועקגעפאָרן מיט גאָר־נישט צוריק אַהיים — — —

אײַזיק־מאיר האָט געזעען דעם ערשטן מאָל דעם פאָטער וויינענדיק און ער האָט אויף אים רחמנות געקראָגן, אָבער פאָרן אַהיים אַפילו אויף אַ קורצער ווילע האָט ער ניט געקענט...

ער האָט זיך דערשפּירט אַרומגענומען פון אַ נעץ שפּיאָנען, און ער האָט זיך אויף אַ קונציקן, כּמעט וואונדערליכן אופן אַרויסגעריסן פון קאָוונע און איז אַוועק — קיין דווינסק. פונ־דאַנען אויס האָט ער אָנגעהויבן נאָך אַן ענערגישערע טעטיקייט

ווי אין קאָוונער צייט. אייגנטליך איז ער ניט געזעסן אין דווינסק; זי איז נאָר געווען דער צענטער, וואוהין ער פלעגט אָפטער קומען און פונוואַנען ער פלעגט צעפירן איבער דער פּראָווינץ אינסטרוקציעס, ליטעראַטור וכדומה. ער איז בכלל שוין מער קיינמאָל ניט געזעסן לענגער אויף איין אָרט: וואו ער האָט גע־טאָגט, האָט ער ניט גענאַכטעט, און וואו ער האָט גענעכטיקט, האָט ער ניט געפרישטיקט. ער איז שטענדיק געווען אין וועג, האָט זיך געפונען אין אַ מצב פון אומאויפהערליכן אַרבעטס־פיבער. דאָ האָט מען אים געזען אויף „מאַסאָוועקעס" אין קרעס־לאַווקער און פאָנעוועזשער וועלדער, דאָ — אויף „מאַיאָוועקעס" אין פּאָלעסיע און צווישן די פינסקער בלאָטעס; אָט פירט ער דורך ישוב־הדעתן און פאַרזאַמלונגען אין דענעבאָרג, אין ווילנע און אין מינסק, און מיט־אַמאָל גיט ער זיך אַ וואָרף מיט פעק ליטעראַטור אומלעגאַלער קיין קאַלוואַריע און ווילקאָווישקי, קיין וויזשאַן, וויסטיבעץ, ניישטאָט און ווערזשבאָלאָווע, פון דאָרטן ווידער צוריק קיין ווילקאָווישקי, מאַריאַמפּאָל און סוואַלק, קיין ווילנע, קיין מינסק און קיין וויטעבסק, און אַזוי אָן אַ סוף. ער אָרגאַניזירט, קאָנסטרואירט און באַפעסטיקט די ראַנגלערישע רייען פונם אויפגעוואַכטן יידישן אַרבעטער־קלאַס; פּראָפּאַגאַנדירט, אינסטרואירט און וועקט צו אַרבעט די יידישע אינטעליגענץ, וואָס איז „שולדיק אַ גרויסן חוב דעם האָרעפּאַשנעם פאָלק"; טראָגט אומעטום ליכט און פרייען געדאַנק, און די בשורה פון נאָענטער באַפרייאונג. און וואוהין ער קומט — גלענצן גליק־ליכע אויגן קוקנדיק אויף אים. אָבער אומעטום דערשיינט ער ווי אַ מעטעאָר און ווערט פונקט אַזוי שנעל ווי ער פאַר־שוואונדן — — —

ועל כולם איז חבר אַראָן געווען אַ מוסטערהאַפט־שטרענ־גער און קונציקער קאָנספּיראַטאָר און האָט מיט פשוט וואונדער־ליכע איינפאַלן געקענט צו נאַרן מאַכן די צאַרישע וואַכאוויגיקע נאָכשפּיר־צערבערס. דאָס האָט אָבער געדויערט ניט לאַנג. סוף זומער 1899 איז ער אַרעסטירט געוואָרן אויפן ווילנער וואָקזאַל מיט אַ טראַנספּאָרט פרישער אומלעגאַלער ליטעראַטור נאָר־וואָס

פון גרעניץ און איז אונטער אַ שטרענגער שמירה אָפּגעפירט געוואָרן אין „14-טן נומער״ אויף אַנטאָקאָל — — —

די עלטערן האָבן וועגן דעם דאָזיקן אַרעסט ניט געוואוסט. זיי האָבן אויפגעהערט באַקומען פון אַייזיק-מאירן בריוו, אָבער זיי האָבן גערעכנט, אַז ער שרייבט ניט מחמת פּאָרזיכטיקייט, כּדי „יענע״ זאָלן זיך ניט דערוויסן, וואו ער געפינט זיך. — שמואל איז אַ געענדערטער געוואָרן. פון אַלע זיינע אַמאָליקע פאַרלאַנגען, שטרעבונגען און חלומות, ווי פון זיין רעליגיעזן פאַנאַטיזם, איז קיין זכר ניט געבליבן. איין געדאַנק האָט אים בלויז באַלעבט: „ווי פאַרהיט מען אַייזיק-מאירן״... ער איז געווען גרייט צו נעמען אויף זיך „אַלצדינג״, נאָר אַייזיק-מאירן זאָל ניט שאַדטן; צו טאָן אַלץ, צו גיין אין פייער און אין וואַסער, נאָר אַייזיק-מאירן צו ראַטעווען. — מלכּה האָט אויפגעהערט „קוקן אויפן שטוב״, „אויף זיך״, איז אומגעגאַנגען שוואַרץ ווי די ערד, שטענדיק אַ צעקלעמטע. אַז קרובים אָדער באַקאַנטע פלעגן צושטיין צו איר מיט שאלות, פלעגט זי ענטפערן, אַז „איר האַרץ זאָגט איר עפּעס ניט-גוטס״, אַז „אַייזיק-מאיר וועט אינגיכן אַרעסטירט ווערן״, און „זי וועט עס ניט איבערלעבן״... אַז ס׳איז אַוועק אַ לענגערע צייט און זי האָט פון זון קיין שום ידיעה ניט באַקומען, איז זי איינמאָל אין אַ פאַררעגנטן פרייטאָג אין האַרבסט זעער אומרואיק געוואָרן און האָט באַשלאָסן צופאָרן—קיין קאָוונע. זי האָט געגלויבט, אַז איר זון געפינט זיך נאָך אַלץ אין קאָוונע. און גראָד אין דערזעלביקער רגע איז פון עמיצן אָנגעקומען אַ בריוו, וואו ס׳איז אויף אַ פאַרשטעלטן אופן אָנגעוואונקען געוואָרן, אַז אַייזיק-מאיר איז ערנסט אַרעסטירט. האָט מלכּה ניט געמאַכט קיין שיהות און איז צוזאַמען מיט איר פלימעניק ש. בלאָך נאָך אין זעלביקן פרייטאָג אַוועקגעפאָרן קיין קאָוונע. ס׳איז געווען אַ שטאָק-פינסטערע נאַכט און זיי האָבן מיט גרויס מי און שוועריקייטן קוים אויסגעזוכט די קוואַרטיר, וואו אַייזיק מאיר האָט לענגער געוואוינט צוזאַמען מיט מיטיאַ צענזאָר. די טיר איז אָבער געווען פאַרשפּאַרט און מ׳האָט זיי לאַנג ניט געעפנט. אין דערזעלביקער צייט האָבן זיי אָבער פון אינעווייניק

גוט געהערט אַ מין פּאַרשטיקטע און דאָך צערודערטע באַוועּ־
גונג, — האָט מלכּה איבּערגעטראַכט די שוידערליכסטע זאַכן און
אין האַרצן איבּערגעלעבּט טויטשרעק. אַז מ׳האָט סוף־כּל־סוף
געעפנט די טיר און זיי זיינען אַריין אין צימער, האָט זיך
אַרויסגעוויזן, אַז אין צוזאַמענהאַנג מיט אַייזיק־מאירס אַרעסט
ערוואַרט צענזאָר גופא בּיי זיך אַ רעוויזיע און ער איז זעער צעּ־
טראָגן, כאָטש ער האָט שוין געהאַט „מבער געווען דעם גאַנצן
חמץ״... ער האָט זיי געראַטן תּיכּף צו פאָרן קיין ווילנע. און אַז
זיי זיינען געקומען קיין ווילנע, האָט זיך פאַר זיי ערשט אָנגעּ־
הויבּן אַ לויפעניש פון „אוטשרעזשדיעניע״ (רעגירונגס־אַנשטאַלט)
אין „אוטשרעזשדיעניע״ און פון אַמט צו אַמט, וואָס האָבּן איינע
פון די אַנדערע ניט געוואוסט אָדער געמאַכט זיך ניט ווּיסנדיק,
און זיי זיינען אַרויסגעצויגן געוואָרן איידער זיי זיינען דער־
גאַנגען, וואו אַייזיק־מאיר געפינט זיך — — —

די מוטער איז געווען דערדריקט, איינגאַנצן דערשלאָגן פונם
דאָזיקן אַרעסט איר זונס, האָט אָנגעהויבּן קרענקען אויפן האַרצן
און איז שוין מער ניט געזונט געוואָרן. דער פאָטער האָט פאַר־
וואָרפן אַלע זיינע געשעפטן, האָט גענומען פאָרן צו „נאַטשאַל־
סטווע״ און דערלאַנגען אַלע ווײלע אַלץ נייע און נייע בּקשות
צום ווילנער גובּערנאַטאָר, צום פּראָקוראָר, צום ראש פון דער
גובּערניאַלער זשאַנדאַרמעריע, האָט דערלאַנגט אַזש אין דער סוּ־
דעבּנער פּאַלאַטע, אומעטום. וואוהין עמיצער האָט נאָר געעצהט,
און איז אומעטום צוגעקומען מיט געהויבּענע פּראָטעקציעס, אָבּער
אַלץ איז געווען אַרויסגעוואָרפן — אייזיק־מאיר איז געזעסן פעסט,
האָט געוואַרט אויף זיין משפּט און זיך ניט געקענט דערוואַרטן
אים. שמואל האָט כוף כּל סוף אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט
אויף „אַשמדאַיס געזינטל״ און האָט צוזאַמען מיט מלכּהן אָנגעּ־
הויבּן קומען פּינקטליך אַלע וואָך צום זון אין טורמע אויף זעּ־
אונגען, בּרענגענדיק אים יעדן מאָל — „פּאָסילקעס מיט כּל
טוב״ — — —

אזוי איז חבר אַראָן אָפּגעזעסן אַ חדשים אַכט־ניין און
מ׳האָט אים אין מאַי צי אין יוני 1900 בּאַפרייט אונטער אַ שטרענגער

פּאָליציי־אויפזיכט. — דער זשאַנדאַרמעריע האָט זיך זעער געוואָלט שאַפן אַ פּראָצעס פון אַ פאַרצווייגטער אָרגאַניזאַציע, דורך אייזיק־מאיר דעוועניסקי דערטאַפן דעם הויפּט־צענטער פון „בונד" און פּאַרטיליקן מיטן וואָרצל. חבר אַראָן אָבער האָט פאַרשלאָסן זיין מויל אויף אַ שלאָס, וואָס קיין שום אויסגעפּרובטן זשאַנדאַרם פון זובאַטאָווס שול איז דורך קיין שום מיטל ניט געלונגען אים אויפצושליסן. אויף קיין שום פראַגע פונם ווילנער זשאַנדאַרמען־גענעראַל האָט ער ניט געענטפערט, פונקט ווי ער וואָלט געווען אַ געבאָרענער טויב־שטומער. אויסער זיך פון מאַכטלאָזן צאָרן האָט דער גענעראַל איינמאָל אויף אַ פאַרהער פאַרצווייפלט אויס־געשריען צו אַראָנען:

— אייזערנער מענטש וואָס איר זייט! רעדט כאָטש איין וואָרט אַרויס, איינאיינציקן וואָרט כאָטש, וועלכן איר ווילט אַליין! מ׳קען דאָך פון אייך אַפּאָפּלעקסירן!

חבר אַראָן איז אָבער ווייטער געבליבן אייזקאַלט און שטיינהאַרט שווייגנדיק, ווי אַן אויסגעגאָסענע סטאַטוע, בלויז מיט זיינע טיפע, שטרענגע, דורכדרינגליכע אויגן דורכנעמענדיק דעם גענעראַל אַזוי, אַז יענער האָט אַן אַנטוואָפנטער ניט אויס־געהאַלטן זיינע בליקן, האָט אַראָפּגעלאָזן די ברעמען און, אַ מאַך טוענדיק מיט דער האַנט, אַרויסגעברומט:

— איך וועל אייך אַנדערש נעמען! — — —

דאָס האָט, ווי ס׳האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, געהייסן, אַז באַפרייענדיק דעם דאָזיקן „געפערליכן רעוואָלוציאָנער", וועט דער זשאַנדאַרמען־גענעראַל אויף אַ נייעם שטייגער אָרגאַניזירן דעם שפּיאָנאַזש אַרום אים...

נאָך דער טורמע האָט זיך חבר אַראָן דערשפּירט זעער מיד און איז אַוועקגעפאָרן אַהיים צו די עלטערן אָפּרוען זיך אַ ביסל. אָבער שוין קומענדיק אויף סטאַנציע ביניאַקאָני, האָט ער דער־זען אַ פּאָר אַראָפּשטייגנדיקע פּאַסאַזשירן, אין וועלכע זיין שאַרפע אויג האָט גלייך דערקענט — זשאַנדאַרמען. באַלד האָט עס באַ־מערקט אויך דער פאָטער, וואָס האָט זיך שוין געהאַט דערפרייט מיטן „צוריקגעקערטן" זון. האָט ער אָפּגעהאַלטן אַ ישוב־הדעת

מיטן פעטער משה דווילאַנסקי, מיטן ברודער יצחק־מאיר און מיטן שוואָגער אברהם־יצחק דעוועגישסקי (מלכהס איינציקער ברודער, אַ קלוגער און אַ אינזין־מענטש) און ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז זיי אַלע און אייניקע אַנדערע אָנגעטרויטסטע מיטגלידער פון דער משפחה זאָלן נעמען אויף זיך מיט וואָס נאָר מיגליך צו פאַר־היטן אייזיק־מאירן פון „כל צרה שלא תבוא״. מ׳האָט זיך אַ נעם געטאָן צו אייזיק־מאירס „ארכיוו״ און מ׳האָט גענומען מבער זיין אַלץ, אויף וואָס עס איז נאָר געפאַלן אַ חשד פון „טרפה״. די ביכער ווידער, בריוו און כתבים זיינע, וואָס זיינען אָנערקענט געוואָרן פאַר „כשר״, זיינען צעטיילט געוואָרן אויף צום היטן צווישן אייניקע איבערגעבנסטע קרובים און זיין קאָרעספּאָנדענץ האָט ער געדאַרפט פירן אויף אַן אויסערגעוויינליכן קאָנספּיראַטיוון אופן אויך דורך זיי, אַזוי אַז ער זאָל ניט דאַרפן האָבן קיין דירעקטן פאַרקער מיט דער פּאָסט.

שמואל האָט געגלויבט, אַז איצט איז זיין זון כאָטש אַביסל זיכערער, און האָט זיך באַרואיקט, איז אַפילו פריילך געוואָרן. באַזונדערס פריילך איז ער געוואָרן, ווען ס׳איז געקומען קיין ביניאַקאָני אויף זומער־וואוינונג אייזיקס־מאירס כלה מ. וו., וואָס איז אים זייער געפעלן געווען. ער האָט אַליין פאַר איר אַ צימער צוגעגרייט, לכבוד איר ספּעציעל רעמאָנטירט. ער האָט געמיינט, אַז ס׳וועט באַלד חתונה זיין און אייזיק־מאיר וועט אַדאַנק די „ריחים על צוארו״ אַן אַנדערער ווערן, וועט ענדיקן זיין שטודיום און „ווערן אַ מענטש!..״ זאָל שוין זיין „שטודיום״, נאָר ניט „דאָס״, וואָס ער וויל אויף די ליפּן ניט אַרויפברענגען!.. נאָכדעם ווי ער איז אַריינגעדרונגען אינם כאַראַקטער פון מ. וו., איז ער אַפילו געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז אַזוי מוז עס זיין און אַזוי וועט עס זיין, און האָט מלכהן געטרייסט און באַרואיקט— — — געשעען איז עס אַנדערש.

מחמת דעם גראָב־חוצפהדיקן שפּיאָנאַזש האָט אייזיק־מאיר בשום אופן ניט געקענט לענגער פאַרבלייבן אין ביניאַקאָני, איז פער־אַקס מיט פאַרשיידענע זייטיקע וועגן אַוועקגעפאָרן קיין ווילנע, געוואָרן דאָ אַן „אומלעגאַלער״ ד. ה. ער האָט גענומען אַ פּאַס אויף אַ פרעמדן נאָמען, און האָט זיך נאָכמער, אויב ס׳איז נאָך

מיגליך געווען מער, ווי פריער איבערגעגעבן דער אַרבעטער-באַ־ וועגונג, וואָס איז דאַן געוואָרן דער ציל, דער תּכלית פון זיין לעבן. ער איז פאַרבליבן אַרבעטן אין ווילנע, ווי אין אַ הויפּט־ צענטער, פונוואַנען ער פלעגט מאַכן זיינע אויספלוגן אויף דער פּראָווינץ אָדער אין אַנדערע צענטערס.

דאָס איז געווען אין דער צווייטער העלפט פון יאָר 1900. אַרבעט איז געווען אַ סך. ס׳איז געווען אַ שטורימדיקער יאָר און אין דער פּערספּעקטיוו האָט זיך געזעען אַ נייער יאָר נאָך אַ שטו־ רימדיקערער. ס׳האָט געקאָכט ניט בלויז דער עקאָנאָמישער געראַנגל נאָר אויך דער פּאָליטישער אויפן גאַנצן שטח פון דער געוועזע־ נער גרויסער רוסלענדישער אימפּעריע. ס׳איז אָנגעגאַנגען אַ אינ־ טענסיווע אָרגאַניזיר-אַרבעט אין „בונד״. אין משך פון עטליכע חדשים איז פאָרגעקומען די דריטע קאָנפערענץ פון „בונד״ אין וואַרשע, זיינען געמאַכט געוואָרן הכנות צו גרינדן דעם פעדעראַטיוון גאַרבער-בונד, איז דורכגעפירט געוואָרן דער דריטער צוזאַמענפאַר פונם גאַרבער־בונד און מ׳האָט זיך גענומען גרייטן צום פערטן צוזאַ־ מענפאָר פון „בונד״. האָט „חבר אַראָן״ געאַרבעט ענערגיש און אַ סך. געאַרבעט האָט ער מיט אויסערלייכטער רואיקייט, אָבער מיט אינעווייניקסטער התלהבות. ער איז פול געווען אומעטום, וואו ס׳האָט זיך געפאָדערט אַ „מענטש״, וואו מ׳האָט זיך גענייטיקט אין אַרבע־ טער־טוער. און וואוהין ער איז געקומען, האָט ער אַריינגעטראָגן לעבן און באַגייסטערונג, און אַלע האָבן געקוקט אויף אים מיט ליבע פונם האַרצן און טיפער אַכטונג. אין אַ קורצער צייט איז ער געוואָרן איינער פון די אָנגעזעענסטע טוער אין ווילנע און איז אויסגעקליבן געוואָרן אין אָרטיקן קאָמיטעט פון „בונד״. ער האָט זיך אויך באַטיי־ ליקט אין די בונדישע פּרעסע־אָרגאַנען, ווי „קלאַסנקאַמף״ (ווילנע), „מינסקער אַרבעטער״ א. אַז. וו.—ער איז ניט געווען קיין אַגיטאַטאָר. ער האָט טיף פאַראַכט יענע ניט-אויפריכטיקע נאַטורן, וואָס האָבן האָלט בלויז צו לאָזן פייערווערק, ריידן מיט אַפּלאָמב און וואַרפן אויגן אויף די זייטן צו זען דעם רושם, וואָס זיי מאַכן... ער האָט די ריינע וויסנשאַפטליכע טעאָריעס געלערנט, די פילאָסאָפישע שיטות שטודירט און ער האָט זיינע טיפע ידיעות אויף אַ ריין־

וויסנשאַפטליכן אופן איבערגעגעבן זיינע אוידיטאָריעס אין די געהיימע פּראָפּאַגאַנדיסטישע און אויפקלערערישע קרייזן און קרייזלעך — אין די קעלערן און אויף די בוידים-שטיבלעך פון די יידישע געסלעך אין שטאָט און אין די כאַלופּעס אין די פאָרשטעט, — און ער האָט זיך אין האַרצן געפרייט, זעענדיק די פעולה די גוטע.

מיט רעדעס פלעגט אַראָן אַרויסטרעטן זעלטן, און דאָס מיט זעער קורצע, אָבער איטליכס מאָל, ווען ער פלעגט אַרויסטרעטן, פלעגט ער מאַכן אַן איינדרוק. באַזונדערס האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיט אַ ריי צילטרעפנדיקע פּאָלעמיקעס מיט די פּ. פּ. ס. און מיט די ערשטע „פּועלי-ציון", וואָס האָבן זיך דאַן נאָך גערופן „בּני משה".

די פּ. פּ. ס. איז געווען אש-להבה אויפן „בּונד'. זי האָט געהאַלטן, אַז אין פּוילן מוז עקסיסטירן בלויז איין סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, די פּוילישע, וואו די יידישע אַרבעטער, וואָס קענען נאָך ניט קיין פּויליש, דאַרפן בילדן צייטווייליקע יידיש-ריידנדיקע סעקציעס, וואָס דאַרפן מיט דער צייט, מיטן אַריינדרינגען פון דער פּוילישער שפּראַך אין די יידישע מאַסן, פאַרשווינדן דעריבער האָט זי שוין תּיכּף נאָך דער ערשטער ידיעה וועגן גרינדונג פון „בּונד" אין סעפּטעמבער 1897 געמאָלדן אים אַן אַנטשיידענע „מלחמה", ווי אַ „סעפּאַראַטיסטישער", „שאָוויניסטישער" אָרגאַניזאַציע. באַזונדערס פאַרבּיסן און בּונדפרעסעריש זיינען געווען די יידישע פּעפּעסאָווצעס. פלעגט קעגן זיי פון צייט צו צייט אַרויסטרעטן חבר אַראָן און זיי אַלעמאָל רואיק און געלאַסן צעקלאַפּן. אָבער ליבער האָט ער געהאַט צו דיסקוסירן מיט חברים פּאָליאַקן. ער פלעגט מיט זיי אַריינטענהן וועגן דעם אַלף-בּית פון רעכט פון יעדן פאָלקס-מיעוט אויף אַן אייגענעם נאַציאָנאַל-קולטורעלן לעבן, וואָס שטייט בּשום אופן ניט אין סתירה צו דער פּוילישער געטרוימטער מלוכהשאַפט און צום סאָציאַליזם; פלעגט זיי דערווייזן, אַז שאָוויניסטיש, פאַרקערט, איז זייער אַסימילירערישע מיינונג און אַז דאָס קומט דערפון, וואָס דאָס פּוילישע פאָלק שמאַכט אונטערן אייזערנעם יאָך פונם רוסישן צאַריזם. איינמאָל האָט ער זיי אויסגעמאָלט אַ צוקונפט-בּילד, אַז ווען פּוילן וועט באַפרייט

ווערן, וועט שטאַרק און מעכטיק ווערן, וועט זי דאַן גרויסמוטיק און הומאַניש ווערן, וועט אַליין די ערשטע פּראָקלאַמירן די מענטשליכע רעכט און די רעכט פֿון די נאַציאָנאַלע מיעוטים; האָט זיי אויפמערקזאַם געמאַכט אויף די דערהייבנסטע אידעאַלן פֿון דער פּוילישער ליטעראַטור, פֿון דעם גרעסטן און באַגייסטערטסטן געניוס אירן אַדאַם מיצקעוויטש, וואָס האָט געגעבן אַ רירנדיקן טיפּ פֿון אַ געטרייען יידן מיט אַ ציטער-פּלאַטערדיקן האַרץ פֿול הייסער צאַרטער ליבע צום פֿאָטערלאַנד פּוילן, — און זיי זיינען אַוועק אַנטוישט, פֿאַרשעמטע. ער האָט זיי קיינמאָל ניט אָנגעטראָטן מיט קיין אומפֿאָרזיכטיקן וואָרט, און זיי האָבן צו אים אויפריכטיקן רעספּעקט געשפּירט, געוואונטשן זיך אַלעמאָל צו האָבן אַזוינע ערליכע און איידעלע קעגנער-פֿריינד, ווי חבר אַראָן.

די פּועלי-ציון האָבן אין לאָקאַל פֿון דער געוועזענער געזעלשאַפֿט „מענגי שבת" אין ווילנע אײַנגעאָרדנט סיסטעמאַטישע דיסקוסיעס מיטן „בונד". די דיסקוסיעס פֿלעגן רייך באַזוכט ווערן און זיינען אַלעמאָל געווען הייסע און אינטערעסאַנטע. איינמאָל האָבן די פּועלי-ציון באַשלאָסן צו געבן דעם בונד אַ „גענעראַלשלאַכט". פֿון זיי זיינען אַרויסגעטראָטן: יוסף אַראָנאָוויטש (דער שפּעטערדיקער רעדאַקטאָר פֿון „הפּועל הצעיר"), „אַברהם דער אָדעסער", „אַבראַשע" היילפּערין, יצחק טאָנטאַק, מגידסאָן, חיים מערקין, פּסח סראָעלאָוו, ועל כּולם יצחק בערגער פֿון מינסק. פֿון בונד אַלס אָפּאָנענטן זיינען אַרויסגעטראָטן: „חבר אַראָן", אַלטער דער שטעפּער (דער קליינער, דער שוואַרצער), „זאַכאַר" און מאַקס („דניאל") מאַזאָווער, קלמן קראַפּיוויניץ א. א. די פּועלי-ציון זיינען געווען גוט אָרגאַניזירט און באַוואָפֿנט און האָבן מיט אַלע כּוחות אַטאַקירט די גרונדפֿעסטן פֿון בונדס פּראָגראַם, וואָס איז אינם נאַציאָנאַלן טייל אירן געווען נאָך באמת גאַנץ שוואַך. דער רושם פֿון דער אָפֿענסיווע איז געווען אַ געוואַלדיקער און ס'האָבן אַ ציטער געטאָן די הערצער פֿון די בונדישע אַרבעטער... די אָפּאָנענטן האָבן געפּרובט אָפּשלאָגן די אַטאַקעס, אָבער אַרויסגעראַטעוועט האָט — דער חבר אַראָן. ער האָט פֿאַרטיידיקט אייגנטליך ניט אַזוי די דעמאָלטיקע פּראָגראַם פֿון בונד, ווי די פּראָגראַם,

וואָס דער בונד האָט, לויט זיין מיינונג, געדאַרפט ערשט נאָך אָננעמען. ער האָט גערעדט קלוג און שאַרפזיניק, אָפּערירנדיק באַזונדערס מיט יידישער געשיכטע און ליטעראַטור, מיט אייגנאַרטיקע לאָגיזמען, און האָט געמאַכט אַן אומגעהייערן רושם אויף אַלעמען, אויף אָנהענגער און קעגנער — — —

אַראָן האָט דעמאָלט בכלל ליב געהאַט פּאָלעמיק. דאָ איז ער געווען שאַרף, וויציק, בייסנדיק, אָבער אין דער זעלביקער צייט מאָדנע איידל, שאַנעווענדיק דעם קעגנער. ער האָט דעם קעגנער פריער רואיק און אויפמערקזאַם אויסגעהערט, קיינמאָל אים ניט איבערגעריסן אינמיטן, האָט זיך באַמיט אַריינצודרינגען אין דער פּסיכאָלאָגיע פונם קעגנער, אין זיין שטייגער דענקען, פילן און אויסדריקן זיך, כדי גוט צו פאַרשטיין אים, און ערשט דעמאָלט האָט ער אָנגעהויבן זיינע השגות אויפן יסוד פון ריינער לאָגיק. ער האָט קיינמאָל ניט פאַרטומלט דעם קעגנער, אים קיינמאָל ניט אונטערגעשטעלט קיין פּאָלעמיש פיסל. איז צו אים שטרענג ערליך געווען. ערליכקייט און אויפריכטיקייט איז בכלל געווען דער הויפּט-שטריך פונם כאַראַקטער זיינעם. ער האָט זיך אָבער צייטנווייז אויך איראָניש און אַפילו סאַרקאַסטיש באַצויגן צו געוויסע פאַרשוינען, וואָס האָבן מיט קליינליכער פאַלשקייט און חניפהדיקע שמייכעלעך געוואָלט אויסקליאַנטשען ביי אים חן און אָנערקענונג... פאַר אַזוינע לייט האָט ער שטענדיק בלויז איין וואָרט געהאַט:

— קאָמיקער!

ער איז געווען אומברחמנותדיק קאָנסעקווענט אין זיין דענקען און אין זיינע מעשים, קוים איז ער געקומען צו וואָסער-ס'איז אינעווייניקסטער איבערצייגונג. ער איז געווען בכוח איבערצורייסן אַ וועלכן-ס'איז וויכטיקן ענין אָדער אַ וויכטיקע אַרבעט אינמיטן, אויב ער האָט זיך איבערצייגט, אַז דאָס איז שעדליך אָדער איבעריק. ער האָט ניט געקוקט אויף דער אָנגענומענער מיינונג פון דער סביבה און האָט ניט געבוקט זיך צום המון.

ער האָט ליב געהאַט דעם ענין אָרגאַניזירן, בויען, שאַפן-

„קלוגס, גוטס, אייביקס", ווי ער פלעגט זיך אויסדריקן מיט די ווערטער פון די רוסישע אידעאַליסטן פון מיטן 19-טן יאָרהונ־דערט. ער האָט דאַן ליב געהאַט פּאָלעמיק, ווייל ער האָט געהאַלטן, אַז די פּאָלעמיק, ד. ה. די ערליכע, די אויפריכטיקע, רייניקט דעם שכל פון די ווילדע אָנוווקסן, און ער איז אַליין טאַקע גע־ווען דעמאָלט אַ פייערדיקער פּאָלעמיקער, וואָס האָט אַלעמאָל אימפּאָנירט און, ווי שוין דערמאָנט, אָפּט אַרויסגערופן בייפאַל. ער האָט ליב געהאַט די פּראָפּאַגאַנדע און ער פלעגט זאָגן, אַז ז י איז „דער אמתער וועקער צו שאַפן און בויען", און ניט די אַגיטאַציע, וואָס איז לויט איר עצם אויבערפלעכליך און בויט ס'רוב אויף אינסטינקטן. און ער איז געווען אַ גלענצנדיקער פּראָ־פּאַגאַנדיסט. זיינע „קרייזלעך" זיינען געווען פשוט באַגייסטערט פון אים און ער האָט דערצויגן אַ גאַנצן דור וויכטיקע אַרבעטער־טוער. אָבער נאָכמער האָט ער ליב געהאַט די ליטעראַטור. ער האָט זעעד אַ סך געטאָן פאַר דער שאַפונג פון ביבליאָטעקלעך ביי די פּאַר־שיידענע פאַכן, באַזונדערס ביים דעמאָלט מעכטיק־אָרגאַניזירטן פּאַר־איין פון די האַנדלס־אָנגעשטעלטע, ביי וועלכן ס'איז פון דעמאָלט אָן פאַרבליבן ווי אַ טראַדיציע צו האָבן אַן אייגענע ביבליאָטעק. דערין האָט ער געאַרבעט צוזאַמען מיט קלמן קראַפּיווניק, דעם אָרגאַניזאַטאָר פון די פּריקאַזטשיקעס, און יאַנקל שוואַבסקי („שערעשעווסקי", „שוועבעלע").

מיט אַ באַזונדערער ליבע האָט זיך חבר אַראָן אַלעמאָל באַ־צויגן צום טעאַטער. ער האָט געחלומט וועגן אַ טעאַטער, וועגן אַ ריינעם, קינסטלערישן טעאַטער פאַר די יידישע אַרבעטער. ער פלעגט די חברים אַלעמאָל מעורר זיין צו באַציען זיך צו דער טעאַטער־פראַגע מיטן גאַנצן ערנסט. ער האָט געוואָלט, דער טע־אַטער זאָל וועקן און דערציען דעם עסטעטישן געשמאַק פונם יידישן אַרבעטער. און די אַרבעטער פלעגן זיך אונטערגעבן זיין השפּעה און פלעגן זיך פון צייט צו צייט נעמען פאַר דעם ענין און אויך דורכפירן געוויסע ספּעקטאַקלען, ווי אַנ–סקיס „די מלחמה פאַרן לעבן" און הויפּטמאַנס „וועבער" (קאָוונע, דווינסק, ווילנע) ביי דער מיטהילף פונם יונג־פאַרשטאָרבענעם בונדאָוועץ מאַקס פּויזנער. קיין יידישער רעפּערטואַר האָט דאַן כמעט ניט עקסיס־

טירט,—האָט אַראָן געזוכט איבערצוזעצן פּאַסיקע ווערק פון די אייראָפּעאישע רעפּערטואַרן און האָט אַפילו אַליין געפּרובט זיינע כּוחות אַלס דראַמאַטורג. זיינע שריפטן פון יענער צייט זיינען פאַרלאָרן געגאַנגען בעת די הויז-זוכונגען, אַרעסטן, פאַרשיקונ-גען און מאַסן וואַנדערונגען, וואָס האָבן אויסגעפילט ס׳קורץ לעבן זיינס — — —

אויף אַזאַ אופן איז אייזיק-מאיר דעווענישסקי געווען איי-נער פון די ערשטע פּיאָנערן אויפן געביט פון דער ערנסטער פּרעסע פאַר די יידישע אַרבעטער, ווי אויך אויפן געביט פון ערנסטער יידישער דראַמאַטורגיע און יידישן ריינעם, קינסטלערישן טעאַטער — — —

אין דעצ. 1900 איז אין דער ערשטער קאָאָפּעראַטיווער קיך פון די פּריקאַזטשיקעס אויף רודניצקער גאַס אין ווילנע (געגרינ-דעט דורך קלמן קראַפּיווניץ) געווען אַ באַראַטונג, פאַרשטייט זיך, אַ געהיימע, פון דער ווילנער אָרגאַניזאַציע וועגן דירעקטיוון צום פּ ע ר ט ן צוזאַמענפאָר פון „בונד”. די ויכּוחים זיינען געווען לאַנגע און הייסע. דער-עיקרשט האָט זיך צעפלאַקערט אַ שטרייט וועגן עקאָנאָמישן טעראָר און וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע אין דער פּראָגראַם פון „בונד”. ס׳זיינען געווען הייסע אָנהענגער פון עקאָ-נאָמישן טעראָר קעגן בעלי-בתּים און שטרייקברעכער (שלאָגן, אָפּגיסן מיט אָלעם, ברעכן שויבן). אַראָן איז מיט פייער אַרויס-געטראָטן קעגן אַזאַ אופן פון קאַמף, וואָס פאַרדאַרבט די מידות פון די אַרבעטער, וואָס דאַרפן זיין די קריסטאָל-ריינע טרעגער פונם סאָציאַליסטישן אידעאַל, דיסקרעדיטירט די אַרבעטער-באַווע-גונג אין די אויגן פון דער געזעלשאַפט, וואָס די אַרבעטער נייטיקן זיך אַזוי אין אירע סימפּאַטיעס, און שוואַכט אָפּ דעם סאָציאַלדעמאָקראַטישן באַוואוסטזיין פון די אַרבעטער-מאַסן, וועלכע פאַרלאָזן זיך אויף די „באָיעוויקעס”, וואָס „וועלן שוין אַלץ גוט מאַכן”.

— דער איינציקער און ווירדיקסטער מיטל — האָט געזאָגט אַראָן — איז די אויפקלערונג! מ׳מוז אָן אויפהער וועקן דעם

קלאַסנבאַוואוסטזיין און דעם אַחדות־געפיל פון די אַרבעטער. דאַן וועלן קיין שטרייקבּרעכערס ניט זיין.

כּמעט מחמת דיזעלביקע טעמים האָט ער זיך אַרויסגעזאָגט אויך קעגן דעם פּאָליטישן טעראָר, וואָס פלעגט אָנגעווענדט ווערן אַלס מיטל קעגן גוואַלד־מעשים פון דער פּאָליציי און קעגן שפּיאָנעס.

די דאָזיקע מיינונגען זיינע האָבן געוואונען אַ גרויסן רוב דעות און זיינען צום סוף אָנגענומען געוואָרן אויך אויפן צוזאַמענפאָר (אין ביאַליסטאָק פון 24 ביז 27 מאַי 1901), וואָס אים איז ניט באַשערט געווען צו באַטייליקן זיך אין אים.

אויך אויף דער אַנטוויקלונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע אין דער פּראָגראַם פון בונד האָט חבר אַראָן געהאַט אַ גרויסע השפּעה. אמת, זיינע מיינונגען זיינען פון דער פּאַרטייאישער אינטעליגענץ ס׳רוב ניט אָנגענומען געוואָרן, אָבער אַלעמאָל האָט מען זיך געמוזט מיט זיי רעכענען, ווייל גראָד די אַרבעטער זיינען גרעסטנטיילס געשטאַנען פאַר זיי...

די אינטעליגענץ איז בכלל געווען געקומען צום יידישן אַרבעטער ניט פון די מאַסן, נאָר פון די העכערע שיכטן, און האָט זיך נאָך ניט געהאַט איינגעלעבט מיט זיי, האָט גאָר אייגנטליך נאָך ניט געקענט דעם יידישן אַרבעטער, האָט אַפילו ניט גערעדט אויף זיין שפּראַך... די אינטעליגענטן בכלל זיינען געווען אַסימילירט־רוסיפיצירט. יידיש איז ביי זיי ניט געווען קיין עיקר אין דער נאַציאָנאַלער פּראָגראַם פון „בונד״, נאָר אַ מיטל פון אַגיטאַציע צווישן די אַרבעטער, וואָס „זיינען צופעליק יידן״ און קענען נאָך ניט קיין רוסיש. זיי האָבן אָפּגעוואַרשנט די גאַנצע אַסימילאַטאָרישע שקלאַפיש־פּחדנישע אידעאָלאָגיע פונם יידישן בורזשואַזן ליבעראַליזם, נאָכדעם, אפשר אומבאַוואוסט פאַר זיך אַליין, אַריבערגעטראָגן זי אויף דער יידישער אַרבעטער־גאַס און מורא געהאַט צו באַטאָנען דעם נאַציאָנאַלן מאָמענט אין דער סאָציאַלדעמאָקראַטישער אַרבעט און אַרויסצושטעלן ספּעציעלע פאָדערונגען פונם יידישן פּראָלעטאַריאַט, מ׳זאָל זיי חלילה ניט

חושד זיין אין „שאָוויניזם", „סעפּאַראַטיזם" וכדומה. אויפן דריטן צוזאַמענפאָר פון „בונד" (אין קאָוונע אין דעצעמבער 1899), בעת די אָרגאַניזאַציעס זיינען געווען נאָך ניט גענוג ברייט, האָבן מנצח געווען די דאָזיקע אינטעליגענטן און ס'איז אָנגענומען געוואָרן אין פּראָגראַם בלויז אַ פּונקט וועגן גלייכע בירגערליכע רעכט. אין משך אָבער פונם שטורמיש-רעוואָלוציאָנערן יאָר 1900 האָבן די אָרגאַניזאַציעס ארומגענומען אַלץ ברייטערע אַרבעטער-מאַסן און עס איז אויפגעקומען די נייטיקייט איבערצוקוקן די אָנגענומענע פּראָגראַם פון דריטן צוזאַמענפאָר. די בירגערליכע גלייכבאַרעכטיקונג האָט די אַרבעטער ניט באַפרידיקט. אַ גרויסע ווירקונג האָט אין דעם פּרט געהאַט אויך די שטורימדיקע אָפּענ-סיווע פון די „בני-משה" — פּועלי-ציון אויף דער פּראָגראַם פון „בונד". האָט זיך אין אַלע בונדישע אָרגאַניזאַציעס און אויף פאַרזאַמלונגען הייס דעבאַטירט די פאָדערונג פון גלייכע נאַציאָ-נאַלע רעכט. אַ גרויסער טייל פון די אינטעליגענטן האָט מורא געהאַט צו פאַרבייטן דעם פּונקט וועגן בירגערליכער גלייכ-באַרעכטיקונג אויף אַ נייעם פּונקט פון נאַציאָנאַלער גלייכבאַ-רעכטיקונג, דאָס „זאָל ניט פאַרטונקלען דעם קלאַסנבאַוואוסטזיין פון די יידישע אַרבעטער"... „חבר אַראָן" איז געווען איינער פון די יחידים (אַ. ליטוואַק און נאָך איינער אָדער צוויי) צווישן דער אינטעליגענץ, וואָס זיינען געשטאַנען אויף אַ גאַנץ אַנדער פּאָזי-ציע. ער האָט געהאַט צו טאָן מיט די לעבעדיקע מאַסן יידישע אַרבעטער און האָט גוט געוואוסט זייערע געדאַנקען, געפילן און פאַרלאַנגען, וואָס זיינען אויך זיינע געווען, — און ער איז ענערגיש אַרויסגעטראָטן דערפאַר, אַז אויפן פערטן צוזאַמענפאָר זאָל קאַטעגאָריש געפאָדערט ווערן, מ'זאָל אָננעמען אַ קלאָרע אָפענע נאַציאָנאַלע פּראָגראַם. און ער האָט זיין פאָדערונג באַגרינדעט און גלענצנדיק פאָרמולירט, און דווקא פון סאָציאַלדעמאָקראַטישן שטאַנדפּונקט.

די טעאָריע פון חבר אַראָן און זיינע אָנהענגער וועגן דער נייטיקייט פון אַ ברייטער נאַציאָנאַלער אַווטאָנאָמיע פאַר דער יידישער נאַציע איז אין יענער צייט געווען ניי און אָריגינעל,

און פאַר די אַסימילאַטאָרן פון אַלטן חדר אַפילו משונהדיק-פּאַראַדאָקסאַל, און זי איז ניט אָנגענומען געוואָרן אינגאַנצן; צוזאַמען מיט אַנדערע קעגנערישע מיינונגען איז זי אַריינגעטראָגן געוואָרן אויפן צוזאַמענפאָר און — ניט דורכגעגאַנגען. זי האָט אָבער געהאַט אַ נאַציאָנאַליזירנדיקע (אין בעסערן זין) באַדייטונג, איז ביסלעכוויז אַריינגעדרונגען אין די מוחות פון די מאַסן. נאָכמער, אַפילו אויפן צוזאַמענפאָר איז אונטער איר השפעה פאָרט אָנגענומען געוואָרן אַ פּונקט וועגן אַ געראַנגל צו פאַרניכטן דעם נאַציאָנאַלן דרוק און פאַר אַ פ ע ד ע ר אַ צ י ע פון די נאַציאָנאַליטעטן מיט אַ פולשטענדיקער נאַציאָנאַלער אַווטאָנאָמיע בכלל, הגם ניט אַרויסגעשטעלט באַזונדער די יידן. דאָס איז שוין אָבער געווען אַ טריט פאָרויס צו דער פולשטענדיקער אָנערקענונג פון דער יידישער נאַציאָנאַלער אַווטאָנאָמיע אין דער פּראָגראַם פון „בונד". און אין אַ גרויסן טייל האָט די דאָזיקע פּראָגראַם צו פאַרדאַנקען דעם „חבר אַראָן".

ווייטער האָט „חבר אַראָן" געהאַלטן, אַז יידן זיינען אַן אַלוועלטליכע נאַציע און דער יידישער פּראָלעטאַריאַט איז אַן אַלוועלטליכער יידישער פּראָלעטאַריאַט, ניט געקוקט אויף די צייטווייליקע גרעניצן פון די פעאָדאַל-בורזשואַזע מלוכות. דעריבער איז ער געשטאַנען דערפאַר, אַז דער „בונד" זאָל הייסן „דער אַלגעמיינער יידישער אַרבעטער-בונד", ניט אָנגערופן דערביי קיין נאָמען פון אַ וואָסער-ס'איז לאַנד. די דאָזיקע מיינונג איז כ מ ע ט פון קיינעם ניט געוואָרן אונטערגעהאַלטן, זי איז בלויז פאַרנאָטירט געוואָרן. אַפילו קלמן קראַפּיווניק, אַראָנס שטענדיקער אָנהענגער, איז געווען קעגן איר.

---

אַזוי האָט אַראָן געאַרבעט מיט דער גרעסטער איבערגעגעבנקייט פאַר דער יידישער אַרבעטער-זאַך, פאַרגעסנדיק אָן זיך. זיין נאָמען, דער לעגאַלער ווי דער אומלעגאַלער, איז צוגלייך מיט די נעמען פון אַ סך אַנדערע יידישע אַרבעטער-טוער גוט באַוואוסט געוואָרן דער אימפּערישער זשאַנדאַרמעריע. דער ראש

אירער, זובאַטאָוו, האָט פון מאָסקווע אויס אויף ברייט פאַרנומען זיך אין ראַיאָן פון „בונד“ און דער שפּיאָנאַזש איז געוואָרן אויסערגעוויינליך גרויס. די רעגירונג האָט זיך מיט איר גאַנצן פּאָליצייאישן כוח אָנגעלייגט אויפן „בונד“, אים צו פאַרטיליקן. איינצעלנע אַרעסטן האָבן ניט אויפגעהערט אין משך פון גאַנצן יאָר 1900, אָבער „דאָס האַרץ האָט די טוער געזאָגט“, אַז עס גרייט זיך עפּעס גרויזאַמס קעגן דער יידישער פּאָליטישער אַרבעטער-באַוועגונג. באַזונדערס האָט עס ווי אויף אַ מיסטישן אופן פאָראויסגעשפּירט דער חבר אַראָן. אויף אַ „ליאַמע“, וואָס אַ קרייזל נאָענטסטע חברים האָבן איינמאָל אין אַ זאַווירוכעדיקן אָוונט אין יאַנואַר 1901 ערגיץ אין אַן אומהיימליכן בוידים-שטיבל איינגעאָרדנט לכבוד אים, האָט ער געמאָלדן, אַז ער פילט אַ „סמענדיקע שטיקעניש אין דער אַטמאָספערע“, און אַלע האָבן זיך צעזעגנט מיט אַ שווערן האַרצן — — —

אין דער נאַכט פון 29 אויפן 30 פונם זעלביקן יאַנואַר און אויף מאָרגן האָט די שטיקנדיקע אַטמאָספּערע זיך אויפגעריסן מיט אַ דונער איבערן קאָפּ פון „בונד“. אין גאַנצן בונדישן ראַיאָן, באַזונדערס אין וואַרשע, ווילנע און דווינסק, זיינען געמאַכט געוואָרן מאַסן רעוויזיעס און אַרעסטן, וואָס האָבן אויפגעטרייסלט די געזעלשאַפט. צווישן די אַרעסטירטע איז געווען אויך — חבר אַראָן. אין זיין וואוינונג אויף סאַוויטשער גאַס אין ווילנע האָבן די זשאַנדאַרמען געמאַכט אַן אמתן פּאָגראָם: איינגעריסן די ווענט, אויפגעבראָכן די דילן און דעם סופיט, וואו זיי האָבן געזוכט „ליטעראַטור“ און „די דרוקעריי פון בונד“, אַראָפּגעריסן דעם פראַכטפולן לייפּציקער איינבונד פון קאַרל מאַרקס „קאַפּיטאַל“, וואָס זיי האָבן געפונען אויפן טישל, און צעפּיצלט אים, ווי עכטע וואַנדאַלן. און כאָטש זיי האָבן אויסער דעם גאַנץ לעגאַלן „קאַפּיטאַל“ און איניקע אַנדערע ענליכע ביכער ניט געפונען קיין שום פאַרדעכטיקס, האָבן זיי פונדעסטוועגן אַוועקגעפירט אַראָנען אונטער אַ שטרענגער שמירה דירעקט אין טורמע, ווייל ס'איז געווען אַ פאַראָרדענונג „אים צו נעמען, ניט געקוקט אויף די רעזולטאַטן פון דער הויזזוכונג“...

אויך אין דער וואוינונג פון אַראָנס כלה מ. וו. איז אין דער זעלביקער נאַכט געווען אַ שטרענגע רעוויזיע, נאָר, גאָרנישט געפינענדיק ביי איר, האָט מען זי ניט אַרעסטירט.

אַראָנס אַ שוועסטערקינד, וואָס האָט ביי אים געלערנט, האָט מודיע געווען קיין ביניאַקאָני וועגן חורבן, וואָס ער האָט אויף מאָרגן נאָכן אַרעסט געפונען ביי אים אין דער אָפּן-געבליבענער קוואַרטיר, און האָט אַרויסגערופן שמואלן און מלכהן קיין ווילנע. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די זעלביקע געשיכטע, וואָס אין יאָר 1899: די עלטערן האָבן ווידער נעלאָזן אין באַוועגונג שתדלנות, פּראָטעקציעס, בקשות „אין אַלע הויכע פענסטער", דער פאָטער האָט געהאַט אַ ספּעציעלע לאַנגע אוידיענץ ביים זשאַנדאַרמען-גענעראַל, אָבער אַלץ איז געווען אַרויסגעוואָרפן: יענער האָט אים שאַרף אויסגעמוסרט „פאַר אַזאַ זון". און אייזיק-מאיר איז געזעסן שטרענג, מ׳האָט צו אים „קיין פויגל ניט צוגעלאָזן". פון ווילנער געפענגעניש האָט מען אים באַלד אַוועקגעפירט אין מאָסקווער ביידזבאַרימטער „בוטירקי", פונוואַנען ער איז נאָכן אָפּזיצן קרוב אַ יאָר אין אָנהייב 1902 פאַרשיקט געוואָרן אַדמיניסטראַטיוו אויף צוויי יאָר קיין סיביר.

זיין כלה מ. וו. איז פרייוויליק מיטגעפאָרן מיט אים קיין מאָסקווע, וואו זי האָט מיט אים חתונה געהאַט אין געפענגעניש און איז נאָכדעם מיט אים מיטגעפאָרן אויך קיין סיביר. אַ געוויסע צייט האָבן זיי געוואוינט צוזאַמען, אָבער נאָכדעם איז זי אַוועקגעפאָרן קיין ט אָ מ ס ק, וואו זי האָט פאַרבראַכט אַ לענגערע צייט מיט דער האָפענונג אָנצוקומען אין דאָרטיקן אוניווערסיטעט, און פלעגט אָנפאָרן אין זיינע זיך-ערטער בלויז פון צייט צו צייט.

אַראָן האָט געוואוינט אין פאַרשיידענע ערטער פון סיביר, אין דערפער פון יעניסייסקער און קראַסנאָיאַרסקער גובערניעס, אַ געוויסע צייט אויך אין ק ר אַ ס נ אָ י אַ ר ס ק גופא און אין ט אָ מ ס ק, וואו ער האָט באַקומען אַ שטעלע ביי דער סיבירער אייזנבאַן, וואָס האָט זיך דעמאָלט געהאַלטן אין בויען; אָבער לענגער ווי אומעטום האָט ער פאַרבראַכט אין דאָרף ט אַ ס י י ע ו ו אָ, קאַנסקער אויעזד, קראַסנאָיאַרסקער גוב., וואו ס׳האָט אים נאָך געטראָפן דער דע-

מאָלט אָנפאַנגענדיקער שריפטשטעלער דן קאַפּלאַנאָוויטש, וואָס האָט דאָרטן עטליכע חדשים (פון ערשטן יאַנואַר 1904 אָן) אָפּגעריכט דעם פּאָליטישן גלות צוזאַמען מיט אים. אַ דאַנק זיינע גרויסע גייסטיקע מעלות און דעם טיפן רייץ פון זיין איידעלער פּערזענליכקייט, איז אַראָן געווען זייער באַליבט און אָנגענומען אינם ענגן קרייז פון דער אָרטיקער „אינטעליגענץ". אַלע „פּאָליטישע" בכלל האָבן זיך געפונען אין שטענדיקע נאָענטע און פריינדליכע באַציאונגען מיטן פּריסטאַוו, מיטן אוריאַדניק, מיטן פּאָסטמייסטער, מיטן פּאָפּ, מיטן דיאַטשאָק, מיטן לערער פון דער פאָלקסשול וכדומה, אָבער דער בעסטער און אָנגעלייגטסטער גאַסט איז ביי זיי געווען — איסאַאַק סאַמאָילאָוויטש, ווי אַלע האָבן דאָרטן אַראָנען גערופן, און זיי פלעגן אים אַיינלאַדן אויף יעדער שמחה, אויף יעדן יום־טוב. אָן אים איז ביי זיי די שמחה ניט געווען קיין שמחה און דער יום־טוב קיין יום־טוב. דער גוטער שם זיינער האָט פאַר אים געעפנט די טירן אויך פון דער „העכערער" רוסישער געזעלשאַפט פון קראַסנאָיאַרסק און טאָמסק.

אינגאַנצן אָפּגעריסן פון אַ יידישער סביבה, האָט ער איצט געלעבט צווישן רוסן און מיט רוסן, האָט זייער לייד און פרייד געזען, און ווי אים האָט זיך געדוכט — אַליין אויך אַלץ מיט זיי איבערגעלעבט, אויף זייער שפּראַך ניט בלויז גערעדט, נאָר אויך געדענקט, — בכן איז ער דורכגעדרונגען געוואָרן מיט זייערע אינטערעסן, מיט די אינטערעסן פונם רוסישן פאָלק. ער האָט בכלל געפילט אַ גרויסע סימפּאַטיע צו דער אָפענער ברייטער נשמה פונם רוסישן מענטשן און האָט געטראָגן אין האַרצן אַ טיפע ליבשאַפט און אַן אויפריכטיקע התפעלות פאַר דעם פאָלק, וואָס האָט געגעבן דער וועלט אַ טאָלסטאָי, אַ טשעכאָוו. איצט האָט ער זיך נאָך מער ווי פריער דערנענטערט צו דער רוסישער ליטעראַטור און אָנגעהויבן מיטצואַרבעטן אין די פּראָווינציעלע סיבירער רוסישע צייטונגען, וואו ער האָט אונטערן פּסעוודאָנים „אידין" געדרוקט קאָרעספּאָנדענצן און פּובליציסטישע און קריטישע אַרטיקלען, געשריבן אין לירישן טאָן. איינע פון די ערשטע ליטעראַרישע אַרבעטן זיינע אין סיביר איז געווען אַן אַרטיקל וועגן

טשעכאָווס פּיעסע „טשאַיקאַ״ (די מייווו). אים האָט דעמאָלט געצויגן די קאַריערע פון אַ רוסישן פּובליציסט... אַלע ספּעציפיש־יידישע אינ־טערעסן זיינען ביי אים אַזוי ווי אויסגעוועבט געוואָרן. אין יענער צייט האָט אַ קאָלאָסאַלע ראָלע געשפּילט די סאָציאַל־דעמאָקראַ־טישע צייטשריפט „איסקראַ״, וואָס האָט שטורימדיק אַטאַקירט דעם „סעפּאַראַטיזם״ פון „בונד״. די אָרטאָדאָקסאַלע בונדיסטן פלעגן פון יעדן אַרטיקל פון דעם מין ווערן אויפגעקאָכט טיף אין האַרצן ביז פיזישן ווייטאָג, און „חבר אַראָן״—פלעגט בלייבן רואיק: ער האָט געהאַלטן, אַז מ׳דאַרף זיך טאַקע דערנעענטערן... און דאָך — — האָט די גייסטיקע ירושה פון דורות, וואָס ער האָט איינגעזאַפּט טיף אין זיין נשמה, שווער געלאַסטעט אויף זיינע פּלייצעס און האָט אים ק י י נ מ אָ ל קיין מנוחה ניט געגעבן — —

די מוטער האָט די גאַנצע צייט פון זיין לעבן אין סיביר דאָס לעבן פאַר אים געלייגט: זי האָט אויף זיך איינגעאַנצן אויפ־געהערט קוקן, געגעסן ווי עס איז, געגאַנגען ווי עס איז, איר קראַנק געוואָרענע האַרץ ניט קורירט און אַלץ אייזיק־מאַירן גע־שיקט — געלט, גאַנץ אָפּט נעליענס, כל המינים שפּייז־פּאָסילקעס, קליידער, אַפילו ביכער, פ ו י ל י ש ע ביכער, וואָס ער האָט גע־בעטן. די עלטערן זיינען איבער אים פאַראָרימט געוואָרן און האָבן „אויף אַ רגע ניט פאַרגעסן זייער קינד״. אויך ער האָט טיף אין האַרצן ניט פאַרגעסן זיי, שטאַרק געבענקט נאָך זיי און צו זיי געשריבן הייסע בריוו, פול צאַרטסטער ליבע, כאָטש ער איז לויט זיין ניי־עם שטייגער לעבן אַ פאַרביטענער געוואָרן — — —

זיין נייער שטייגער לעבן אין סיביר, אין אַ סביבה פון אַנ־טוישטע אחים לצרה, וואָס האָבן אַ טרייסט געפונען אין וויין און אין דער געזעלשאַפט פון פרויען, האָט געווירקט אויך אויף אַראָנען, וואָס האָט אַפילו אין אַ עת חֶדְוָה אויף אַ „ליאַמע״ ערגיץ פון אידעאישע חברים קיינמאָל ניט געטרונקען, און איצט האָט ער געקענט אויף אַ אימענינעס ביי אַ פּאָפּ אָדער ערגיץ אַנדערש טרינקען און פאַרהוליען זיך ביז טאָג... אָבער אין דערזועלביקער צייט איז ער, גאָר ניט גלייך ווי אַלע אַנדערע חברים, געבליבן ניכטער און האָט טיף אין האַרצן פאַרדאַמט דאָס „פאַלן״... מי׳גערייסן

פונם פסיכאָז פון יענער צייט, האָט ער ווי אַן עכטער „חטאת נעורימניק", משונה הנאה געהאַט צו הערן וועגן אַ ישיבה־בחור, וואָס איז „אַרויס לתרבות רעה", און אין דער זעלביקער צייט האָט פון האַרצן אים אַרויסגעוויינט דער מיידלש־נשמהדיקער, ריינער, רירנדיקער גמרא־ניגון פון סמאָרגאָן און ראַדון, וואָס האָט אים געלאָקט, גערופן אין בית־מדרש... טיף אין האַרצן האָט ביי אים געלעבט אַ בענקשאַפט נאָך יידן און נאָך יידישקייט, נאָך אַ יידי־שער סביבה, נאָך ווילנע, דעם צענטער פון דער יידישקייט. די דאָזיקע בענקשאַפט האָט ער אַרויסגעזאָגט אין זיינע שמועסן מיט קאַפּלאַנאָוויטשן. אין די דאָזיקע שמועסן האָט ער זיך ווידער דערמאָנט אָן דער יידישער ליטעראַטור, וואָס ער האָט פאַרלאָזן, אָן פרצן, מיט וועמען ער האָט זיך אַמאָל דורכגעשריבן, און האָט זיך פאַרבענקט נאָך אַן אייגענעם, אַ יידישן טאָלסטאָי...

אין פרילינג 1904 האָט זיך געענדיקט דער טערמין פון אַראָנס פאַרשיקונג. ער האָט נאָך געפּרוּווט זיך איינאָרדענען אין קראַסנאָיאַרסק, אין טאָמסק, אָבער באַלד האָט ער דערשפּירט, אַז פּרייוויליק פאַרבלייבן דאָ קען ער שוין ניט, און איז אַוועקגע־פאָרן — אַהיים. נאָך פריער אַביסל פון אים איז געקומען קיין בינ־יאַקאָני — זיין פרוי, כּדי נאָך דער „בוטירקע" און די צוויי יאָר סיביר אָפּצורוען זיך דאָרטן אויף זומער־וואוינונג. מוניע און מלכּה האָבן מיט גרויס פרייד, מיט אַנטציקונג פּשוט אויפגע־נומען זייער שנור, צוגעגרייט פאַר איר אַ באַקוועמען צימער, גע־שאָנקען איר אַ גאָלדענעם זייגער און געגעבן איר אויך אַנדערע „פּאַרשפּעקטיקטע" חתונה־מתּנות. נאָך אייזיק־מאירס קומען האָט דער פאָטער געמיינט, אַז „איצט, נו, וועט שוין אַלץ גוט ווערן, וועט זיין צוריק אַ וועלט, אַ לעבן, ווי ביי אַלע יידן". די שנור האָט עס אויך געוועלט, האָט „געלעכצט נאָך רואיקייט". זי האָט געוועלט, אייזיק־מאיר זאָל פאָרן קיין אויסלאַנד שטודירן, זי אַליין וועט דאָרטן אויך ענדיקן איר שטודיום, וואָס זי האָט געוועסט אָנ־געהויבן אין טאָמסקער אוניווערסיטעט, און נאָכדעם זאָלן זיי אָנהייבן לעבן אַ פאַמיליען־לעבן. דער רעליגיעז שוין אַביסל גע־ענדערטער שמואל האָט מיט שמחה מסכּים געווען צו אַלץ, וואָס

די שנור האָט געזאָגט. אָבער אייזיק־מאיר האָט געמאָלדן, אַז „דערווייל לאָזט זיך דאָס נאָך ניט", ווייל די וועלט, ד. ה. רוסלאַנד שטייט אויף אַ רעוואָלוציאָנערן וואולקאַן, וואו אַלץ וועט באַלד איבערגעקערט ווערן ווי סדום, און ער, אייזיק־מאיר, אַליין פילט זיך נאָך ניט צוגעפּאַסט צו פאַמיליען־לעבן...

אַ נייער יאוש איז אויף דער גאַנצער פאַמיליע אַרויף, דאָך האָט מען אים געלאָזט צו־רו, ווייל ער האָט זיך דערשפּירט זעער אויסגעמאַטערט, און ער איז אַוועקגעפאָרן אויף אַ קורצער צייט קיין זאַקאָפּאַנע אַביסל דערהוילן זיך. דאָרטן האָט ער זיך בהתמדה גענומען פאַר דער פּוילישער ליטעראַטור, וואָס ער איז פאַר אַ משך פון יאָרן געווען אָפּגעשטאַנען פון איר, האָט זיך באַקענט מיט אַלע נייע ערשיינונגען אירע, מיט וויספּיאַנס־קיס שאַפונגען, וואָס האָבן אויף אים אַ קאָלאָסאַלן איינדרוק געמאַכט, און איז באַקאַנט געוואָרן אויך מיט פּוילישע ליטעראַטן. פון זאַקאָפּאַנע איז ער אַוועק קיין בערלין, וואו ער איז אין דער יידישער סטודענטישער קאָלאָניע געוואָרן אַן אייגענער מענטש, האָט געאַרבעט אין די אָרטיקע בונדישע קרייזן און געפּרוווט דורכפירן אייניקע ליטעראַרישע אונטערנעמונגען אין יידיש. אַ קורצע ווילע איז ער געווען אויך אין שווייצאַריע, און בערן, און מיטן ערשטן גרוס פון דער אָנגעהויבענער רוסישער רעוואָלוציע נאָכן 9־טן יאַנוואַר 1905 האָט ער זיך אָנהייב פּרילינג אומגעקערט צוריק קיין רוסלאַנר. געקומען קיין ווילנע, וואָס האָט אים געצויגן צו זיך ווי אַ מאַגנעט, און תיכף אַריין אין דער אַרבעט. איצט, נאָך סיביר, וועגן וועלכער ער האָט ניט ליב געהאַט צו ריידן, האָט זיך אין אים געפילט אַ פאַרהאַרטעוועטקייט אין זיין רעוואָלוציאָנערן ברען און אַן אַנטשלאָסנקייט צו פירן אַן אַנטשיידענעם געראַנגל קעגן דעם „פינסטערן כוח, וואָס האָט פאַרפּייניקט און אומגעבראַכט אַזוי פיל שיינע בליענדיקע לעבנס", ווי ער האָט זיך דאַן איינמאָל אין אַ מסיבה אויסגעדריקט.

אויף אייזיק־מאיר דעווענישסקי פלעגט שטענדיק מאַכן אַ שרעקליכן רושם אַ ידיעה וועגן אומגעקומענע. אַן אומגליקלי־משפּחה זיינע געווען: ברידער—קליינערהייט צעשטאָרבן ס׳רוב

דורך אומגליקס־פֿאַלן; אַ מומע און אַ פֿעטער מיט אַ קינד—לעבעדי־קערהייט פֿאַרבּרענט געוואָרן; נאָך אַ מומע און נעענטערע און ווייטערע קרובים—נאָך בּרוטאַלע עינוים דערהרגעט געוואָרן; זיין פֿעטער יצחק־מאירס אַ 19־יאָריקער זון יעקב פֿאַרפּייניקט און גע־טויט געוואָרן; זיין שוועסטערקינד און געטרייער פֿריינד, דער שוין דערמאָנטער אביגדור בּ״ר אליהו הרב דהאָראָדאָק, אומגעקו־מען אָן אַ צייט אין רוסלאַנד. דאָס אַלץ האָט זיך שווער געלייגט אויף זיין נשמה. איצט, אַז ער איז געקומען פֿון סיבּיר, האָט ער זיך דערוואוסט וועגן דעם אומקום פֿון אַ סך פֿון זיינע נאָענטע און ליבּע חברים און פֿריינד. נאָך דער טרויעריקער ידיעה וועגן דער בּלוטבּאָד, וואָס די צאַרישע הענקער האָבּן געמאַכט אויף די גאַסן פֿון וואַרשע בּעת דער דעמאָנסטראַציע פֿון 20 מערץ פֿון זעל־בּיקן 1905 יאָר, האָט אַרויסגערופֿן בּיי אים אַן אויסגעשריי: „מ׳טאָר זיך ניט לאָזן אויסקוילענען אַזוי ווי די שעפּסן, ווי פֿאַרצייטן די די חסידים אין דער הייל בּיי מודעית, נאָר מ׳מוז טאָן, ווי ס׳האָט געטאָן מתתיהו מיט זיינע זין!”

בּאַלד איז די יידישע וועלט דערציטערט געוואָרן פֿון דער פֿירכטערליכער ידיעה וועגן דעם פּאָגראָם אום פּסח אין זשיטאָמיר.

אַראָן איז אומגעגאַנגען אַ שווייגעדיקער מיט פֿאַרפּרעסטע ליפּן און מיט פֿעסטע, ענערגישע, אַזוי ווי כּעסדיקע טריט. ער האָט אָנגעוואָרן דעם חשק צו דער טאָגטעגליכער פּראָזאַאישער פּאַרטייאישער אַרבּעט. צו קליינליך איז זי געוואָרן בּיי אים אין די אויגן.

— קאָמיקער זיינען מיר! מיר עסקן זיך צו פֿיל מיט רייד און טוען גאָרנישט! — האָט ער געענטפֿערט אויף אַ פֿריינד־שאַפֿטליכן פֿאָרוואורף פֿון איינעם אַ חבר — מיר מוזן אָרגאַניזירן אַ זעלבּסטשוץ — דאָס איז אונזער איצטיקע ערשטע אויפֿגאַבּע. אָן דעם האָבּן אַלע שטרייקן און דעמאָנסטראַציעס אונזערע, וואָס וואַקסן איצט טאָגטעגליך ווי שוועמלעך נאָך אַ רעגן, אַ גאַנץ קליינע ממשות.

בּאַלד איז לויט זיין איניציאַטיווע דורך דער אָרגאַניזאַציע

פון „בונד" צונויפגערופן געוואָרן אַ ישוב-הדעת „וועגן די אויפגאַבן פון איצטיקן מאָמענט".

ס'איז געווען אַ שיינער שבתדיקער פרימאָרגן נאָך פסח. די באַראַטונג האָט זיך צונויפגעקליבן אין אַן אַריסטאָקראַטישער קאָמפאָרטאַבעלער קוואַרטיר אויף שאָפּען-גאַס, און ניט ערגיץ אין אַ כאַלופּע אויף נאָוויגאָראָד, ווי דאָס איז געווען ביז אַהער.

צווישן אַנדערע זיינען דאָ געווען: „אַראָן", „פרידריך" („דער לערער", „לנו" — שמואל גאָזשאַנסקי), „דער יונגער לאַסאַל" („וואָלאַדעק" — ברוך טשאַרני), „נאַדיע" („אירא" — אסתּר ריסקינד), „רפאלטשיק דער זנאַקנמאַלער" (איצט אין אַמעריקע), „וואַסילי" (ראָזנטאַל, — ניט „אַנמאַן") און „ח' גרשון" („די ברילן").

געעפנט די דיסקוסיע האָט ש. גאָזשאַנסקי, ווי דער עלטסטער און געאַכטסטער צווישן די פאַרזאַמלטע. ער האָט אַ פריער געגעבן אַ קורצן איבערבליק איבער דער געשיכטע פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער באַוועגונג ביזן 9-טן יאַנוואַר, נאָכדעם מיט אַ גענויעם סדר איבערגעגעבן דעם גאַנג פון די געשעענישן פון 9-טן יאַנוואַר ביזן „איצטיקן מאָמענט" און איז געקומען צום אויספיר, אַז אַלץ גייט און אַנטוויקלט זיך דיאַלעקטיש-לאָגיש, לויט ווי ס'האָט פאָראויסגעזאָגט די מאַרקסיסטישע סאָציאַלדעמאָקראַטיע. דעריבער טאָר מען ניט פאַרלויפן פאָראויס, מ'מוז אָפּוואַרטן די געשעענישן און דאַן ערשט וועט מען קאָנען אָננעמען געוויסע טאַקטישע באַשלוסן בנוגע צום ווייטערדיקן גאַנג.

אַראָן האָט געענטפערט, אַז מחמת דעם גופא טאַקע בלייבט די סאָציאַלדעמאָקראַטיע הינטערשטעליק, הינטער די פאַקטן און גייט אין עק און ניט בראש פון דער באַוועגונג. איר שטרענגער דאָגמאַטיזם האָט געבראַכט דערצו, אַז די באַוועגונג זאָל אָננעמען אַ מיסטישן כאַראַקטער, אַז פון די געהיימנישן פונם פאָלקס-לעבן זאָל זיך באַווייזן גאָר אַ פּאָפּ און פירן נאָך זיך, ווי אַ הערט, אַ מחנה צאן קדשים, אַן אַרמיי פון הונדערטער טויזנטער אַרבעטסלייט פון פאַבריקן און זאַוואָדן מיט הייליקע בילדער, קירכן-פאָנעס און קייזערליכע פאָרטרעטן אין די הענט און מיט תּחנונים אויף די ליפּן... די „פאַרטיי" האָט ניט געפונען דעם שליסל צום

פאָלקס־האַרץ און צום פאָלקס־שכל, האָט זיך עוסק געווען בלויז מיט אינעווייניקסטע רייסעניש איבער א קוצו של יוד, — און האָט דערווייל פאַרזעען די פּערספּעקטיוו און אַרויסגעלאָזט פון האַנט איר נאַטירליכסטע אַרמיי, וואָס אַ שטאַרקע, אומגעווייגליכע, געהיימניספולע פּערזענליכקייט האָט זי אַריינגענומען אין די הענט...

ס׳איז אַוועק אַ לעבעדיקע דיסקוסיע וועגן דער אויסגע־האַלטנקייט פון דער מאַטעריאַליסטישער דיאַלעקטיק אין די „לעצ־טע רוסישע געשעענישן" און וועגן דער ראָלע פון דער פּערזענ־ליכקייט אין דער געשיכטע און מ׳האָט זיך באַמיט צו דערווייזן דעם חבר אַראָן, אַז ער דענקט ניט מאַרקסיסטיש, אויב ער גיט אָפּ די דאָמינירנדיקע ראָלע דער פּערזענליכקייט...

אַראָן האָט אַ שמייכל געטאָן און געענטפערט, אַז ער פאַר־שטייט דעם מאַרקסיזם ברייטער און טיפער; אַז סוף כל סוף קען דער כלל ניט האָבן אַזוינס, וואָס עס זאָל לחלוטין ניט האָבן דער פּרט; אַז די פּערזענליכקייט, דער ווילן, די שטרעבונג און דער גלויבן זיינען אויך פאַקטאָרן אין לעבן און אין דער גע־שיכטע, און אָפּט פאַקטאָרן, וואָס קערן באמת וועלטן איבער... אונזער אינטעליגענץ האָט מער מוח און ווייניק האַרץ, ס׳פעלט איר די אמתע אמונה און די אמתע באַגייסטע־רונג פאַר איר אייגענעם אידעאַל, — דעריבער איז זי ניט בכוח געווען אָנצוצינדן מיט איר אידעאַל די הערצער פון די פּשוטע גלויביקע מאַסן, וואָס זיינען אַוועק נאָך דער פּערזענליכקייט, וואָס האָט זיך געפרייט מיט זייער פרייד און געליטן מיט זייערע ליידן... „מיר מוזן קודם כל אַליין פּערזענליכקייטן ווערן, כדי צו קענען ווירקן. מיר מוזן אַליין שטאַרק גלויבן, שטאַרק ליבן און האַסן, שטאַרק וועלן, מיר מוזן אויפריכטיק זיין, כדי די מאַסן זאָלן צו אונז צוטרוי דערפילן. מיר טאָרן ניט קומען צו די מאַסן מיט אָפיציעלע אמתן, ניט קומען בלויז מיט אמתן פון שכל, נאָר אויך מיט אמתן פון האַרצן. מיר, בונדיסטן, זיינען גליקליכער פון דער „פּאַרטיי", ווייל מיר האָבן אַלע־מאָל געהאַט און האָבן נאָך ביי זיך די מאַסן, מיט וועמען מיר

זיינען שטענדיק געווען ענג פאַרבונדן. מיר דאַרפן דעריבער קיין מורא ניט האָבן פאַר „אַ פאַרטונקלונג פון זייער קלאַסנבאַוואוסטזיין”, ווען מיר וועלן זיי, למשל, דערקלערן, אַז — מיטן אונטערגאַנג פונם יידישן פאָלק וועט ממילא שוין אויך זיין אונטערגעגאַנגען דער יידישער אַרבעטער־קלאַס... מיר מוזן אָרגאַניזירן אַ זעלבסטשוץ, און דווקא און אומבאַדינגט אין קאָנטאַקט מיט אַנדערע יידישע פאַרטייען, כדי ניט צו צעברעקלען די כוחות און כדי ניט צו לאָזן אויפקומען קיין טרויעריקע געפילן ביי די יידישע אַרבעטער, וואָס וועלן מחמת דעם סוף כל סוף אַוועקגיין פון אונז”...

ער האָט ליידנשאַפטליך פאַרטיידיקט דעם דאָזיקן געדאַנק זיינעם וועגן קאָנטאַקט, ער האָט גערעדט לאַנג, ווי קיינמאָל ניט ביז דאַן. ער האָט געפיבערט פון גרויס אויפרעגונג, וואָס ער האָט זיך מיט אַלע כוחות באַמיט צו האַלטן אין שטרענגע גרעניצן, אָבער דער רוב דעות איז געווען קעגן אים — — —

---

אַזוי זיינען ניט אָנגענומען געוואָרן נאָך אייניקע פאָרשלאָגן אַראָנס, וואָס האָבן געהאַט דעם אייגענעם ציל — זעלבסטשוץ אין ברייטן זין פון וואָרט. ער האָט געוואָלט, עס זאָל ווי אַ רויך פאַרשווינדן פון דער יידישער גאַס די נשמה־געפאַלנקייט און די ספּעציפישע פחדנות פון קאַבצאַנסק און קישינעוו און ס'זאָל ווידער אויפלעבן דער העלדן־גייסט פון מודעית און טולטשין; די מאַסן די יידישע זאָלן שוין אַמאָל אויסגלייכן זייער בעצם נאָך אַלץ געבויגענעם רוקן און שטעלן זיך שטאָלץ פנים אל פנים קעגן דעם שונא — מיט אַ דרייסטער ברוסט און אַ מעכטיקן פויסט. ער האָט געוואָכט מסירת־נפש... די טראָיאַנאָווער בגידה, וואָס איז, לויט זיין מיינונג, געקומען פון דערדאָזיקער נשמה־געפאַלנקייט און פחדנות, האָט אים אויפגעבראַכט ביזן גרונט פון דער נשמה. און דאָ האָט דער טעלעגראַף יעדן טאָג געבראַכט אַלץ נייע און נייערע ידיעות וועגן אָן אַ שיר נייע און

נייערע טראַגישע טויטן פון באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע, פון יחידים און פון מאַסן. אויף אַראָנען האָט דאָס אַלץ געמאַכט אַ שאַרפן רושם, טיפע וואונדן אין הארצן, — און ער איז פלוצלינג אַזוי ווי ניט געוואָרן. אַ געוויסע צייט האָט מען אים כמעט אין ערגיץ ניט געזעען, ער איז אַזוי ווי אינגאַנצן אַוועק פון דער טאָג-טעגליכער קאַמף-אַרענע, פון דער טאָג-טעגליכער פּאַרטייאישער אַרבעט. ווי אַלעמאָל אין צייטן פון טיפן טרויער, איז ער איצט אַוועק אינגאַנצן אין זיך, האָט אויסגעמיידט באַקאַנטע, געשוויגן און געטראַכט, אַ סך דורכגעטראַכט און געשוויגן אייגזאַם און אַליין. אָבער ער איז ניט אַוועק אין פּערזענליכן לעבן. פאַרקערט, ער האָט איצט קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט זיך פון פּערזענליכן לעבן. ער האָט איצט געהאַלטן, אַז ער האָט גאָר קיין רעכט דערויף ניט — — —

אין דעם זין איז ער זיך איצט אינגאַנצן פונאַנדערגעגאַנגען מיט מ. ווי אין זייערע בליקן אויפן לעבן, לויט זיין אויסדרוק, „גייסטיק זיך צעשיידט", און ער האָט זיך אַנטשלאָסן צו „גיין זיין וועג ווייטער אַליין". דאָס איז געווען אַן אויסערגעוויינליכע גייסטיקע טראַגעדיע, דען דאָ איז געווען אַ קעגנזייטיקע טיפע הארצנס-ליבע. די עלטערן זיינע האָבן געפּרוווט ווירקן אויף אים, אָבער זיי זיינען געווען אַנטוואָפנט פון זיינע לאָגישע, „פּקחדיקע רייד און דערוויזן", אַז דאָס איז אוממיגליך, — און עס איז געוואָרן אַ גט—מיט אַלע רעליגיעזע הידורים — — —

די עלטערן זיינען געווען טיף דערשלאָגן: זייער לעצטע האָפענונג איז אויסגעגאַנגען ווי אַ ליכט — — —

דערווייל האָבן זיך די רעוואָלוציאָנערע כוואַליעס געהויבן אַלץ העכער-העכער און די רעאַקציע האָט זיך געגרייט אַלץ ברוטאַלער און טייוולאָנישער,—צוויי מעכטיקע קעגנער האָבן זיך פאַרמאָסטן מיט די כוחות — — — יעדער טאָג בוכשטעבליך, כמעט יעדע שעה האָט געבראַכט די אויפטרייסלדיקסטע סורפּריזן: אימהדיקסטע מפּלות פון רוסישן פלאָט אין די וואַסערן פון ווייטן מזרח און מאַטראָסן-בונטן מיט רויטע פאָנעס אויפן האַלב-לעגענדאַרישן „פּאָטיאָמקין" אין די וואַסערן פונם נאָענטן מזרח

שטרייקן, דעמאָסטראַציעס, הונגער-בונטן און פויערים-אויפשטאַנדן, מיליטערישע אומרוען, רויטער און שוואַרצער טעראָר אויפן גאַנצן שטח פונם אייראָפּעאישן און אַזיאַטישן רוסלאַנד,—און אַלעמאָל און אומעטום אין דער באַגלייטונג פון הריגות און שחיטות אויף דער אינטעליגענץ און, באַזונדערס, אויף יידן... באַלד, אין יוני איז געקומען די ידיעה וועגן אַן אַלגעמיינעם גראַנדיעזן פּאָליטישן שטרייק אין לאָדז און וועגן אַן אויסערגעוויינלעכן ווידערשטאַנד, וואָס די יידישע אַרבעטער אויף די יידישע גאַסן דאָרטן האָבן געגעבן דער טעראָריזירנדיקער צאַרישער פּאָליציי און מיליטערישע פּאַטרולן, אַפילו וועגן באַריקאַדן, וואָס די יידישע אַרבעטער האָבן דאָרטן אויסגעבויט צו זייער שוץ, און וועגן דער שחיטה, וואָס דער צאַריזם האָט דאָרטן אָנגעמאַכט, — און עס האָט ניט אויסגעהאַלטן דאָס רעוואָלוציאָנערע האַרץ פון אייזיק-מאיר דע-ווענישסקי און ער איז ווי אַ פייל פון בויגן אַוועק קיין לאָדז — אַרבעטן. געקומען איז ער אַהין אַלס „קאָרעספּאָנדענט פון אויסלענדישע צייטונגען", מיט וועלכע ער האָט זיך פאַרבונדן נאָך זייענדיק אין בערלין און אין בערן. אין לאָדז האָט ער זיך געטראָפן מיט יוסף איזביצקי („ביניש", ב. מיכאַלעוויטש"), וואָס איז געשיקט געוואָרן אַהין פון צ. ק. צו „פאַרריכטן די שאָדנס", וואָס די גרויזאַמע אַרעסטן האָבן דעמאָלט געהאַט אָנגע-מאַכט אין די בונדישע רייען. אַראָנען איז איבערגעגעבן געוואָרן די אַרבעט צווישן דער יוגנטלעכער אינטעליגענץ, כאָטש ער איז געווינט געווען אַלעמאָל צו אַרבעטן מער צווישן די אַרבעטער-מאַסן, צווישן וועלכע ער האָט זיך שטענדיק געשפּירט אַמבעסטן. ער האָט געפּרוווט ברעכן דעם אַלטן, קאָנסערווירטן שאַבלאָן פון דער פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע, וואָס איז כסדר אַרויסגעפאָרן בלויז אויף מאָגן-אינטערעסן; ער האָט גענומען אַריינברענגען נייע מאָמענטן פון אַגיטאַציע, מאָמענטן פון אומצופרידנקייט מיטן „עקסיסטירנדיקן סדר-עולם" אויפן יסוד אויך פון גייסטיקע אינ-טערעסן. ער האָט געזאָגט, אַז אַ רעוואָלוציאָנערער גייסט איז שטאַנדהאַפטיקער, געטרייער און שאַפערישער פון אַ רעוואָלוציאָ-נערער קישקע; די אומצופרידענע קישקע גיט זיך אונטער יעדערן,

וועד עס פילט זי נאָר אָן,—דער אומצופרידענער גייסט אָבער ניט די יונג-פוילישע ליטעראַרישע סביבה אין זאַקאָפּאַנע און די מאָ-דערניסטיש-קינסטלערישע קרייזן אין דייטשלאַנד און שווייצאַריע האָבן געהאַט אויף אַראָנען אַן אַנטשיידנדיקע ווירקונג, און ער האָט געוועלט פירן די רעוואָלוציאָנערע אַרבעט אויף אַ נייעם שטייגער. ער האָט אויפגעשריבן אַן אויפרוף צו דער אינטעליגענץ אין אַ פּאָעטיש-מאָדערניסטישער פאָרם, וואָס איז געווען „צו אָרי-גינעל פאַר אַ רעוואָלוציאָנערן אויפרוף", און ער איז דעריבער „דורכגעפאַלן" אין לאָדזער קאָמיטעט פון „בונד". „די רעוואָלוצי-יאָנערע קרייזן,—פאַרענטפערט מיכאַלעוויטש,—זיינען פון תמיד-אָן „קאָנסערוואַטיוו" בנוגע עסטעטישע באַגריפן און ליטעראַרישן גע-שמאַק". מחמת די זעלביקע טעמים זיינען „דורכגעפאַלן" אויך אַראָנס פּראָיעקטן וועגן יידישע בלעטלעך. בכן האָט לאָדז אים ניט גוט אויפגענומען און ער איז געבליבן אומצופרידן. „אַ צופ-רידענער פלעגט ער נאָר קומען נאָך די געשפּרעכן מיט די יוגנטליכע, וואו פאַר אים פלעגן זיך אַנטפּלעקן די שיינקייטן פון דער מענטשליכער נשמה, נאָך ניט געבראָכן און פאַרוואונדעט דורך דעם האַרטן לעבן" (ב. מיכאַלעוויטש). אַראָן האָט זיך ניט געקענט איינלעבן אין לאָדז, ווייל ער האָט ניט געקענט ווערן געפירט,—ער האָט געקענט נאָר פירן — — —

אין אַווגוסט האָט זיך אַראָן אומגעקערט צוריק קיין ווילנע, וואו ער איז געוואָרן מיטאַרבעטער פון דער רוסישער צייטונג „סעווערא-זאַפּאַדנאַיע סלאָוואָ" (שפּעטער אַביסל „סעווערא-זאַ-פּאַדני גאָלאָס"). אונטערן פּסעוודאָנים „נ. אַנין" האָט ער געשריבן אויף טעמעס פון פּאָליטישע און געזעלשאַפטליכע צייט-פראַגן פּאָעטיש-מאָדערניסטישע און אייגנטימליך-דעליקאַט סאַרקאַסטישע אַרטיקלען, וואָס האָבן אים תיכף באַליבט געמאַכט ביים לעזער-עולם. דאָ איז ער נאָענט באַפריינדעט געוואָרן מיט שמריהו גאָרעליק, וואָס האָט אין דערזעלביקער צייטונג מיטגעאַרבעט אונטערן פּסעוודאָנים „פּאָסטאָיאַנני". דער „איסקראָוועץ" גאָרעליק און דער בונדאָוועץ דעווענישסקי זיינען זיך נאָענט צונויפגעקומען ניט אויף דער פּלאַטפאָרמע פון מאַרקסיזם, אויף וועלכער זיי

זיינען דעמאָלט נאָך ביידע געשטאַנען, נאָר אויפן געביט פון פראָבלעמען, וואָס ליגן מחוץ לגבול פון דער טעאָריע פון מאַ־טעריעלע ווערטן. ניצשע און ווידער אַמאָל—קאַנט, מיכאַילאָווסקי, אָטאָ וויינינגער און סטאַניסלאַוו וויספיאַנסקי, מאָראַל־פילאָסאָפישע און טראַנסצענדענטישע שאלות, דער ענין מענטש און השארת הנפש, ועל כולם די קונסט מיט אירע פאָרמען, ריכטונגען און פראָבלעמען — אָט וואָס עס אינטערעסירט איצט מיט־אַמאָל דעם חבר אַראָן! און פונקט ווי אַמאָל לעסינג און משה מענדעל־סאָן, האָט איצט אייזיק־מאיר דעווענישסקי, דער טרוימער פון דער שטעטקע ביניאַקאָני, געזוכט אַ פונקט אין דער העכערער אידעען־וועלט, אויף וועלכן עס זאָלן זיך קענען צונויפקומען די אומות און לשונות פון דער וועלט, די רעליגיעס און קולטורן. און דעמאָלט האָט ער זיך דערטראַכט אויך — צו דער אייראָפּע־איזירונג פון דער יידישער שפּראַך, צום פאַרבייטן די אַלטע מאָדנע אותיות, פון אַזיע געבראַכטע, מיטן לאַטיינישן אַלף־בית „כדי אויך די פרעמדע וועלט זאָל אונז קענען פאַרשטיין". ער האָט וועגן דעם אַפילו אַ קליינע בראָשורע פאַרפאַסט, נאָר ער האָט זי שפּעטער פאַרניכטעט, „ווייל ער האָט זיך געשעמט מיט איר". בקיצור, ער איז אַזוי ווי „געשוואומען אין די וואָלקנס". אָבער—די רעוואָלוציע גייט מיט ריזן־טריט אַלץ פאָראויס און פאָראויס, די גאַנצע לופט איז פול מיט איר, די ביימער אין וואַלד אַפילו עטעמען מיט איר און רוישן מיט איר, די פייגל, האָט זיך געדאַכט, האָבן אָפּגעלייגט זייער נסיעה אויף דרום און האָבן איר אַ באַגייסטערטע שירה געזונגען, — האָט זיך אייזיק־מאיר דעווענישסקי געטאָן אַ הייב־אויף און האָט זיך ווידער באַ־וויזן אויף דער סצענע. ער האָט זיך אינגאַנצן אַריינגעוואָרפן אינם שטראָם פון דער מאַרשירנדיקער רעוואָלוציע.

ער איז אַ אינדיווידואַליסט, דעווענישסקי, אַ ראָמאַנטיקער, אים ציט־צו ניט דאָס וואָכעדיקע, נאָר דאָס שבתדיקע, דאָס נשמה־יתירהדיקע—דער „אומזין" פון מסירת־נפש...

ער אַרבעט ווי אין פיבער, ער אָרגאַניזירט, אַגיטירט,— ער האָט אַלעמאָל פיינט געהאַט די אַגיטאַציע, אָבער איצט אַגי־

טירט ער, האַלט ענערגישע, שאַרפע, פייערדיקע רעדעס אויף פאַרזאַמלונגען, אויף פאַרמאַכטע און באַלד אויך אויף אָפענע. אין סעפּטעמבער פילט זיך שוין אינגאַנצן „דער מופת פון דער צייט". ס'ווערן אויפגערופן מיטינגען אין גאַרבערייען, אפילו שוין אונטערן פרייען הימל אויף לוקישקעס, אין זווערינעץ. ס'טרעטן אַרויס אַלץ נייע און נייערע רעדנער, ס'הייבן אָן ווערן פּאָפּולער אַלץ נייערע און פרישערע נעמען, יידן און ניט־יידן. גאַנץ שטאָט קען דעם נייעם טאַלענטפולן רעדנער סטעפּאַנען, דעם לערער־אָראַטאָר שטערן, אָבער מער ווי אַלע קלינגט דער נאָמען „אַראָן", מער ווי וועגן אַלעמען רעדט מען וועגן אים. מ'רופט אים שוין אין שטאָט ניט אַפילו „חבר אַראָן", ווי ביז אַהער אין די רייען פון די אָרגאַניזירטע אַרבעטער, נאָר צונויפגעפלאָכטן מיט זיין פאַמיליע „אַראָן דעווענישסקי", — ווער ווייס, ווי אַזוי מ'האָט זיך דאָס דערוואוסט. ער ערגערט זיך תחילת זעער פאַר דער אויפדעקונג פון זיין אמתן פאַמיליענאָמען, וואָס קיינער, ווי אים האָט זיך געדוכט, האָט ביז אַהער קיינמאָל ניט געוואוסט; ער קוקט אויף די, וואָס רופן אים מיט דער פאַמיליע, ווי אויף אומבאַוואוסטזיניקע מוסרים, אָבער באַלד גיט ער אַ מאַך מיט דער האַנט, ווי איינער רעדט: אַלץ איינס, — און טונקט זיך אינגאַנצן אָפּ אינם ים פון רעוואָלוציע, וואָס האָט אויסגעבראָכן נאָך דער פּראָקלאַמירונג פונם גענעראַל־שטרייק אויף די אייזנבאַנען אין אָקטאָבער.

שבת דעם 15 אָקטאָבער האָט די בונדישע אָרגאַניזאַציע ניט גערוט. פון פרימאָרגן ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט זי דורכגעפירט מאַסן־פאַרזאַמלונגען, שוין כמעט אָפן, אָן דער מינדסטער מורא, אין בנינים און אונטערן פרייען הימל, און אומעטום — אַראָן אינמיטן, אַראָן אויבנאָן, אַראָן איינער פון די ערשטע רעדנער, אַראָן דער ערשטער רעדנער! אָט איז ער אין דער גרויסער אַלטער שטאָט־שול מיט די פּירהונדערטיאָריקע קאָלאָנעס „פון רויטן גראַניט". די שול איז פול מיט אַ פילטויזנטקעפּיקן עולם פון אַלע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג. פון דער בימה, „וואו מען לייענט געוויינלעך די תורה", טראָגן זיך און פאַרשפּרייטן

זיך הילכיק-פלאַמענדיקע רופן צום געראַנגל פאַר פּאָליטישער באַ-פרייאונג. אַלטע יידן ברומען אומצופרידן: „ס'טייטש, מ'נוצט אויס דעם מקום קדוש צוליב דברי חול!" פרומע יידן שרייען שוין אין גרויס גרימצאָרן: „ס'טייטש, אַ חילול השם"!... און צווישן עולם טראָגט זיך שוין אַ געמורמל, ווי פון די כוואַליעס פונם ים ערב אַ געוויטער...

— „רבותי! יידן!" — האָט אומגעריכט אויסגעשריען אַראָן אין גרעסטער אויפרעגונג ווי אַ לייב — רבותי, הערט מיך אויס! הינטער די טויערן פון שול-הויף שטייען קאָזאַקן, קאָזאַקן מיט נאַהאַיקעס און אָנגעלאָדענע ביקסן. יעדע רגע קענען מיר דאָ פאַלן קדושים, און דאָרטן, וואו עס זיינען פאַרהאַן קדושים, איז ניטאָ קיין חילול השם!"

„און די פרומע יידן זיינען אַנטשוויגן געוואָרן, אַפילו אַ בי-סעלע פאַרשעמט" — — —

אָט איז אַראָן אויף נאָוויגאָראָד, אין זווערינעץ, אין אייזנ-באַן-דעפּאָ... און אומעטום שלינגט דער עולם זיינע ווערטער, ווי דאָרשטיקע וואַנדערער אין אַ טרוקענעם פאַרברענטן מדבר, וואָס האָבן פּלוצלינג דערזעען אַ שפּרודלדיקן קוואַל און זיך צוגעכאַפּט צו אים צו דערקוויקן די פאַרחלשטע נשמה מיט זיין פרישן באַלעבב-דיקן וואַסער. וואָרום אַראָן האָט גערעדט ניט ווי אַלע רעדנער, ער האָט גערעדט אויף גאָר אַ באַזונדערן אייגענעם שטייגער — פּשוט, קלאָר, יידישליך-האַרציק, צו יידן יידיש, צו פּוילישע מענטשן פּויליש און צו רוסן רוסיש, פאַרשטענדליך און אינטים, צום שכל און צום האַרצן. ער האָט גערעדט איידל, מיט אַ טיפן איינגעבאָרענעם אַריסטאָקראַטיזם און אין דערזעלביקער צייט מיט אַ נאַטירליכן, אים אַליין אייגנטימליכן דעמאָקראַטיזם, מיט פיינע מאַנירן, ריטמיש און מוזיקאַליש. ער האָט צוגעצויגן, פּשוט אָפּ-געקויפט זיינע צוהערער. מ'האָט אים טיף געאַכט און פון האַרצן ליב באַקומען. אַלע האָבן זיך געפונען אונטער זיין היפּנאָז. ס'איז יענעם טאָג געווען אַ מאָמענט, ווען די באַגייסטערונג פון די מאַסן האָט דערגרייכט די מדרגה פון „התפשטות הגשמיות", ווען זיי

וואָלטן געגאַנגען אין פייער און אין וואַסער, אויב דער חבר אראָן וואָלט זיי נאָר געהייסן — — —

אויף מאָרגן, זונטאָג דעם 16-טן אָקטאָבער, איז אונטערן נאָמען פון פאַראייניקטן רעוואָלוציאָנערן קאָמיטעט אין אייזנבאַן-קרייזל געווען צונויפגערופן אַ גראַנדיאָזער מיטינג. דער הימל איז פון פרימאָרגן געווען שטאַרק פאַרוואָלקנט, ס'האָט געטריפט אַן אומאויפהערליך-איינגעגעסן רעגנדל. דאָס האָט אָבער ניט גע-שטערט דעם עולם גיין צום מיטינג. די גאַסן זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין משונהדיקע שוואַרצע מענטשן-שטראָמען, וואָס האָבן זיך אַלע געצויגן אין איין ריכטונג — צום אייזנבאַן-קרייזל. מ'איז געגאַנגען פראַנק און פריי, לייענענדיק אָפן און דרייסט פרישע פּראָקלאַמאַציעס פון אַלע פּאַרטייען אויף אַלע ווילנער שפּראַכן, וואָס האָבן גערופן צו אַן אַלגעמיינעם שטרייק און צו גראַנדיאָזע דעמאָנסטראַציעס. דאָס יונגוואַרג איז געגאַנגען פריי-ליך, מיט ליכטיקע אויגן אַנן שיינענדיקע פּנימער, ערטערווייז אונטערזינגענדיק אונטערן נאָז התחלות פון רעוואָלוציאָנערע לידער און מאָטיוון אָן ווערטער. איין גרופּע, וואָס איז געגאַנגען דורך ווילנער גאַס, האָט אַנטקעגן גובערנאַטאָרס הויז געוואָלט מאַכן אַ דעמאָנסטראַציע מיט אַלע הידורים, — מיט-אַמאָל איז ווי פון דער ערד אויסגעוואַקסן דער חבר אַראָן און האָט אויסגערופן אין אַן ענערגישן באַפעלערישן טאָן:

— חברים, אָרדענונג! ניט אָרגאַניזירטערהייט און פאַר דער צייט—וועט איר ברענגען צו אַ דורכפאַל! מיר מוזן וויסן, ווען אַרויסצוווייזן אונזער צאָרן און ווען — געדולד. דערין איז אונזער כוח! — — —

און ער האָט געווירקט. די היציקע יוגנט האָט זיך כהרף-עין באַרואיקט, געבנדיק אים געדעכט.

און אַזוי אומעטום, אויף אַלע גאַסן, געסלעך און פּלעצער. אין אַלע גרופּעס און רעדלעך פּלעגט אַלע ווײַלע ווי פון אונטער דער ערד אויסוואַקסן—אַראָן. ער איז עס אייגנטליך געווען דער אָרגאַניזאַטאָר פונם גראַנדיאָזן מיטינג און זיין גייסט האָט גע-שוועבט אומעטום.

דער לאָקאַל פון אייזנבאַן־קרייזל איז געווען פול געפּאַקט, ענג, אַז מ׳האָט זיך ניט געקאָנט אַ ריר טאָן. טויזנטער מענטשן האָבן ניט געקענט אַריין און זיינען פאַרבליבן אינדרויסן. גאַנץ כּערסאָנער געסל און אַ גרויסער טייל פון גאָרג־פּראָספּעקט (היינט אַדאַם מיצקעוויטש־גאַס) איז געווען פול מענטשן. אַלע האָבן געוואָלט וויסן, וואָס רעדט מען, וואָס טוט זיך אין אייזנבאַן־קרייזל, וואָס איז דענסטמאָל געוואָרן דער נערוו, דער צענטער פונם רעוואָלוציאָנערן לעבן פון שטאָט. און דאָרטן — זיינען אין דער זעלביקער צייט אויף דער טריבונע געגאַנגען רעדעס. אַ רעדנער אַראָפּ און אַ רעדנער אַרויף. דעם ערשטן מאָל האָט מען דערהערט די ווערטער „די גרויסע רוסלענדישע רעוואָלוציע“, צום ערשטן מאָל דערהערט קאָפּשווינדלדיקע ווערטער וועגן סאָציאַלער רעוואָלוציע, אַנאַרכיע וכדומה. ס׳האָבן גערעדט אַ סך צענדליקע, אפשר הונדערטער מענטשן, ווער עס האָט נאָר כּוח געהאַט אַרויפצוכאַפּן זיך אויף דער טריבונע; ס׳האָבן גערעדט פאַרטרעטער פון כּל־המינים פּאַרטייען און פּאַרטייעלעך... ניט גערעדט האָט פון די געשוואָרענע רעדנער בלויז איינער — אַ ר אָ ן.

— ניין, ס׳איז ניט דאָס, — האָט ער זיך אָפּגערופן אין אַ גרופּע חברים אַזוי ווי פאַר זיך, — ניט אַזוי רעדט מען, ניט אַזוי דאַרף מען זיך האַלטן — מ׳האָט צעשפּאָלטן די רעוואָלוציע — — — מ׳איז נאָך לחלוטין ניט אָרגאַניזירט און מ׳צעשמעטערט שוין דאָס ביסל כּוחות — — —

און ער איז אַוועק פון מיטינג — אַוועק היטן די אָרדענונג אַרום מיטינג — — —

פּלוצלינג, אין מיטן מיטינג, האָט איינער זיך אַרויפגעוואָרפן רייסן דעם קיסרס בילד און אין אַ צווייטן ווינקל פון זאַל האָט זיך דערהערט אַ שאָס... ס׳איז געוואָרן אַ טומל, אַ גערודער, אַ מהומה... מ׳האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו דער טיר... ס׳האָבן מאַסן מענטשן געקענט אויף טויט צעטראָטן ווערן... מיט־אַמאָל האָט זיך דערהערט אַ מעכטיקע באַפעלערישע שטים:

— רואיק, אָרדענונג, חברים און בירגער! פאַרלירט זיך ניט!

דאָס האָט זיך אַראָן געשטעלט ביי דער ברייט=אויפגעפראַלטער טיר און געמאַכט אָרדענונג. און ס׳איז אים געלונגען.

אַז דער עולם איז אַרויס אויף דרויסן, איז אים אוממיגליך געוואָרן צו רירן זיך פון אָרט און אַרויסצוגיין אויף געאָרגפראָספעקט... עמיצער האָט שוין באַוויזן איבערצוגעבן וועמען מ׳דאַרף, אַז אויפן מיטינג האָט מען צעריסן דעם קיסרס פאָרטרעט און מ׳האָט געשאָסן, אַז דער עולם פון מיטינג איז כלומרשט באַוואָפנט, — און דער פראָספעקט מיט די דערבייאיקע גאַסן זיינען תיכף באַוואַכט געוואָרן פון מיליטער. דאַן האָט דער פרעזידיום פון מיטינג דורכן טעלעפאָן אַרויסגערופן דעם גובערנאַטאָר גראַף פ אַ ל ע ן, וואָס איז בכבודו ובעצמו געקומען אַליין צופאָרן אויף כערסאָנער געסל. אייניקע יינגלעך האָבן גענומען ברעכן די אייזערנע סטאַכעטן פונם געוועזענעם גערטל=צוים, כדי דערמיט זיך אָפצוּווערן פון די באַוואָפנטע שיסער און קאָזאַקן. אַ סך מי האָט געקאָסט די אָנפירער פונם מיטינג צו באַרואיקן דעם המון, וואָס האָט געזעען פאַר זיך דעם טויט אין די אויגן! אָבער זעער שווער איז געווען צו באַרואיקן דעם גובערנאַטאָר. די רוסן פון פרעזידיום: פרוי וואַסילעווסקאַיאַ, אינזשענער פראָזאָראָוו און דער אָראַטאָר סטעפאַן האָבן אומזיסט אַריינגעטענהט מיט פאַלענען, אַז דער עולם איז אומבאַוואָפנט, אַז דער שאָס איז געוויס געווען אַ פּראָוואָקאַטאָרישער, ווי די מעשה=פאָרטרעט, אַז דער עולם וועט זיך פרידליך צעגיין אַהיים; אומזיסט האָבן זיי אים געבעטן, ער זאָל צונעמען פון די גאַסן דאָס מיליטער, כדי צו באַרואיקן דאָס פאָלק, — קיין זאַך האָט ניט געהאָלפן. דאַן איז צו צום גובערנאַטאָרס קאַראָט— אַראָן און האָט זיך צו אים געווענדט מיט עטליכע קורצע, פשוטע, אומגעריכטע אייגנאַרטיקע ווערטער, אַזוי טיף פון האַרצן אַרויסגעזאָגטע, ער זאָל ניט איבערחזרן די געשיכטע פון 9=טן יאַנואַר, אַז פאַלען איז גערירט געוואָרן און האָט געמאָלדן, אַז ער איז מסכים, דער עולם זאָל דורכגיין די גאַסן אין רואיק=אויסגעשטעלטע רייען, אָבער ער מוז דאָך איבערלאָזן אַ וואַך צו היטן די אָרדענונג. נאָר ער איז מבטיח, אַז אויב מ׳וועט אים עָבֿ

זיין פאַר דער אָרדענונג פון דער פּראָצעסיע, וועט קיין זאַך ניט געשעען. דער פּרעזידיום האָט עָרֶב געווען — און די פּראָצעסיע האָט זיך אָנגעהויבן—אָן פּאָנעס און געזאַנג. שטיל און פייערליך האָט זי זיך געצויגן אין מיטן גאַס און אויף די טראָטואַרן. די באַלקאָנעס און די אָפענע פענסטער, אפילו די דעכער זיינען געווען באַזעצט מיט מענטשן. ס׳איז געווען אַן אויסטערליש בילד, אין וועלכן ס׳האָט זיך געפּילט אַ טראַגישע געשפּאַנטקייט, וואָס האָט געשראָקן מיט עפּעס אַ שוידערליכער דערוואַרטונג...

פּאַראויס דער גובערנאַטאָר אין קאַראָט צוזאַמען מיט די אויסדערוויילטע דעלעגאַטן פונם מיטינג, אַחוץ אַראָנען, וואָס איז געגאַנגען צו־פוס, און נאָך זיי די פּראָצעסיע פון מאַסן טויזנטער, אפשר צענדליקע טויזנטער מענטשן — מאַנסבּיל, ווייבּער, אַלט און יונג, אַפילו קליינע קינדער... און אַרום און אומעטום אַ גרויסע שמירה פון באַוואָפנטן מיליטער... מיט־אַמאָל, ניט ווייט פון ראָג פּראָספּעקט און טאָטערשער גאַס, ערגעץ פון אַ באַלקאָן — ווידער אַ שאָס!... און אַלס ענטפער דערויף — אַ זאַלפּ, און אַ צווייטער און אַ דריטער, — און אַ גיהנום איז געוואָרן די ברייטע, לאַנגע שיינע גאַס... מענטשן זיינען געפאַלן ווי די סנאָפּעס... דער ברוק איז געוואָרן רויט פון בלוט — פון עטליכע דערהרגעטע און צענדליקע פאַרוואונדעטע... אַלע — יידן... אַ תל, אַ חורבן און אַ תוהו ובוהו...

---

אַראָן האָט זיך ניט פאַרלאָרן. ער איז אַוועק צום גענעראַל טשאַגין, זיין פאָטערס אַ באַקאַנטן, צום גענעראַל שאַר־סקי און צום שטאָט־גאָלאָוואַ בערטהאָלד און האָט ביי זיי געפּועלט, ס׳זאָל צונויפגערופן ווערן אַן עקסטראַ־זיצונג פון דער שטאָט־דומע וועגן דער געשעענער טראַגעדיע... אַרום לאַנגע שיין־באַצירטע טישן זיינען געווען אויסגעזעצט די „פאָטערס פון דער שטאָט", שטאָם־יחוסדיקע און געלט־יחוסדיקע פּריצים, און פאַר זיי איז געשטאַנען און האָט גערעדט אויף פויליש און אויף רוסיש מיט הארץ, מיט פייער און מיט שטורים — חבר אַראָן.

ער האָט גערעדט וועגן פאָלק, וועגן פעלקער און קלאַסן און זייער אייביק-גערעכטן קאַמף פאַר פרייהייט, וועגן אומגעקומענע פאַר זייער אידעאַל, וועגן אומשולדיקע קרבנות פון מענטשליכער אַכזריות און פון בגידה... ער האָט מיט פייער, מוט און שטאָלץ געפאָדערט, די „אדונים" זאָלן תיכף-ומיד אַוועקגיין צום גובערנאַטאָר, צום גענעראַל-גובערנאַטאָר און פועלן אַראָפּצונעמען די מיליטערישע שמירה פון שטאָט, כדי רואיק און זיכער דורכצופירן די לוויה פון די קרבנות פון דער זעלבסטהערשונג, און ער האָט שטרענג גערופן די „גלאַסנעס" אָנטיילצונעמען אין דער אָרגאַניזירונג פון דער טרויער-פּראָצעסיע. ער האָט זיי געבראַכט עֵדי-רְאִיָה פון דער בלוט-באָד און האָט זיי געמאָלדן זיין לעצטן וואָרט...

די פּריצים זיינען געווען דערשיטערט און זיינען אינגאַנצן אַרונטער אונטער אַראָנס השפעה.

אַראָן האָט מיט זיין ערן-וואָרט ערב געווען „פאַרן פאָלק" און גענומען אויף זיך די אַחריות פאַר דער פולשטענדיקער רו און אָרדענונג אין שטאָט, און די פּריצים האָבן אים געגלויבט, האָבן אים געטרויט — — —

דער גענעראַל-גובערנאַטאָר פ אָ ן - פּ ר ע ז ע האָט אַראָפּגענומען די מיליטערישע שמירה פון שטאָט און אַראָן האָט אויסגעאַרבעט און איבערגעגעבן דעם גאַנצן פּלאַן פון דער אָרגאַניזאַציע פון דער טרויער-פּראָצעסיע אין אַלע פּרטים. ער האָט אַליין צעטיילט די אַרבעט פון איינאָרדענען די פּראָצעסיע, האָט ניט געשלאָפן די נאַכט פונם 16-טן אויפן 17-טן אָקטאָבער, געאַרבעט אָן אויפהער און איז גאָר ניט מיד געוואָרן. ער האָט געאַרבעט, האָט מען געזאָגט, „פאַר הונדערט". אומעטום איז ער געווען די נשמה. פון אַלע זייטן האָט מען זיך געווענדט צו אים מיט אָנפראַגעס, נאָך אינסטרוקציעס און ער האָט איטליכן אָנגעוויזן געבוי זיין פּלאַץ, זיין צייט און זיין פונקציע. אַלעמענס אויגן זיינען געווען געווענדט צו אים, צום „קאָפּ פון בונד און פון פאַראייניקטן קאָמיטעט". ניט בלויז דער „בונד" האָט גע-

וואָרט אויף חבר אַראָנס פּאַראָרדענונגען און דירעקטיוון, נאָר אַפילו אַלע אַנדערע פּאַרטייען האָבן זיך אָפּגעהאַלטן פון אייגע-נער איניציאַטיוו און אָנגעשטרענגט געוואַרט, וואָס וועט „ער" זאָגן, וואָס וועט „ער" הייסן, וואָס וועט „ער" טאָן — — —

---

ביז 9 אַ זייגער דעם 17-טן אינדערפרי האָט אַראָן געהאַט שוין אויסגעשטעלט אין אַ מוסטערהאַפטן סדר שפּאַלערן פון די בוי-אַרבעטער, מעטאַליסטן און לעדער-נאָדל-פאַך, די פּאַרטייען מיט זייערע פּאָנעס און בענדער מיט אויפשריפטן און דעם גאַנצן עולם, וואָס איז באַשטאַנען, ווי מ'האָט געשאַצט, פון פערציק טויזנט מאַן. נאָכדעם האָט ער געגעבן אַ סיגנאַל און די פּראָצע-סיע האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ קייט פון די אָרגאַניזירטע אַר-בעטער פון אַלע פּאַרטייען. אַראָן איז געגאַנגען פּאָראויס און האָט אַלעווייל זיך אומגעקערט מיטן געזיכט צו דער פּראָצעסיע, האָט אָן אויפהער סיגנאַליזירט מיט אַ רויטן טיכל צום לעגיאָן אָרדענער וועגן די פונקציעס און דער האַלטונג. אויב ער פלעגט ערגעץ-וואו מיט זיין אָדלער-אויג באַמערקן עפּעס ניט גאָר אין אָרדענונג, פלעגט ער כּהרף-עין, ווי אַ פייל פון בויגן, ערשיינען אויף דעם נייטיקן אָרט און ס'פלעגט דאַן הילכן אין דער לופט זיין העלע שטימע:

— שטרענגסטע דיסציפּלין! מוסטערהאַפטע האַלטונג! היינט איז מיין טאָג! היינט מוזט איר, ליבינקע, ווילנדיק-ניט-ווילנ-דיק מיר פאָלגן! פאָלגט די אָרדענערס — לטובת אונזער כּלל!...

און מ'האָט געפאָלגט, מ'האָט זיך אונטערגעגעבן דעם האַר-ציק-מאַגישן וויברירנדיקן טאָן פון דעם גרויסן אָרגאַניזאַטאָר, וואָס האָט זיך יענעם טאָג דערוואָרבן די אויפריכטיקסטע ליבע און אַכטונג פון גאַנץ ווילנע בפועל ממש!...

— אָט דאָס איז דער אמתער אידעאַלער רעוואָלוציאָנער! מ'זעט בחוש, ער איז פעאיק אויף מסירת-נפש! אַזאַ חכם, אַזאַ אָדל, אַזאַ האַרציקער! — האָט זיך געהערט פון אַלע זייטן.

## LXXXVII

די פּראָצעסיע האָט זיך געצויגן פון יידישן שפּיטאָל (זאַוואַלנע) דורך טראָקער, יאָן־גאַס, ברייטע, באָטאַנישע, „היילִיקע אַננאַ“ אין משך פון לאַנגע שעהן און די קייט פון ביידע זייטן איז קיינמאָל ניט איבערגעריסן געוואָרן, נאָר אַז מ׳איז געקומען אַריבער זאַרעטשיער בריק, האָט זיך פּלוצלינג פון ערגעץ דערהערט אַ חשודיקער קנאַל... די מאַסע האָט אַ ציטער געטאָן, אויפגעשוידערט און די אייזנפעסטע מענטשן־קייט האָט זיך אַ וואַקל געטאָן, געהאַלטן שיר ניט ביים צעריסן ווערן; די קאַטאַסטראָפע, האָט זיך געדוכט, איז געווען אומפאַרמיידליך... אָבער דאָ האָט ווידער געראַטעוועט — אַראָן! און די פּראָצעסיע איז אַוועק ווייטער איר וועג און קיין בייז איז מער ניט געשען... אַ זייגער 4 אָדער 5 פאַרנאַכט איז די פּראָצעסיע געקומען אויפן בית־עולם, וואו ס׳זיינען געהאַלטן געוואָרן הספּדים און רעדעס ביז נאַכט... אַראָן האָט ניט גערעדט — — —

דער גאַנצער וועג צוריק איז געווען באַלויכטן מיט פאַקלען — אויך אַראָנס אויפטו — און דער עולם איז געקומען צוריק אין שטאָט אַריין בשלום אַרום צען אַ זייגער אינאָוונט און האָט פון האַרצן געבענטשט „אַראָן“ דעוועניסקין, דעם אידעאַלן אָרגאַניזאַטאָר פון דער פּראָצעסיע, דעם „אמתן גראַדאָנאַטשאַלניק“, „נ״ין, דעם אמתן גובערנאַטאָר פון ווילנע“, וואָס האָט גאָר זיינע כּוחות מקריב געווען דער אָקטאָברישער רעוואָלוציע. זיין נאָמען איז געווען ביי אַלעמען אויפן צונג, אַ קינד אין וויג האָט אים, דעם נאָמען, נאָכגעזאָגט. ער איז דעמאָלט געווען דער פּאָפּולערסטער נאָמען אין שטאָט.

אַלע, אַלט און יונג, האָבן מיט התפעלות אַ הונדערטן מאָל באַוואונדערט דעם פאַקט, וואָס די גענעראַלן טשאַגין און שאַרסקי, דער שטאָט־גאָלאָוואַ בערטהאָלד און בכלל אַ סך פון די קריסטליכע פּני זיינען מיטגעגאַנגען מיט דער פּראָצעסיע און האָבן זיך באַצויגן אין זייערע ווענדונגען צום „רעוואָלוציאָנערן מאַרשאַל“ „אַראָן“ דעוועניסקי מיט אָפענעם אויפריכטיקן רעספּעקט. מ׳האָט באַלד אָנגעהויבן דערציילן אין פאַרשיירענע וואַריאַנטן, ווי גראַף פאַלען „איז פון הויט געקראָכן“ צו פאַרענטפערן זיך פאַר אים, אַז

ער האָט ניט פּראָוואָצירט די בלוט־פאַרגיסונג, אַז ער איז „אומ־שולדיק", אָבער דעוועניסקי האָט מיט אים אַפילו ריידן ניט געוויאָלט און האָט זיך אָפּגעקערט פון אים מיט אָפענער פאַראַכטונג. מ'האָט אויך דערציילט, אַז דער גענעראַל־גובערנאַטאָר פאָן־פּרעזע האָט געוועלט האָבן מיט אַראָנען אַ אודיענץ, ווייל ער „וויל בעטן ביי אים אַן עצה" וועגן דער ווייטערדיקער פירונג פון דעם גענעראַל־גובערנעמענט, אָבער אַראָן האָט אים אַפילו ניט געענטפערט. ווייטער זיינען געגאַנגען אַן אַ שיעור מעשיות וועגן אַראָנס עכט־למד־וואָווניקשע קפיצת־הדרך, ווי אין איין און דערזעלביקער רגע האָט מען אים געזען בראש פון דער פּראָצעסיע אויף זאַרעטשיע, אין דער סביבה פון די אָרדענערס אויף „הייליקער אַננע"־גאַס, אויף בערנאַרדינער. יאַן־גאַס א. א. וו. פאַרשיידנאַרטיקע געשיכטעס אָן אַ צאָל — — —

אַז אַראָן איז געקומען אין שטאָט אַריין, האָט ער זיך תיכּף דערוואוסט, אַז אין יידישן שפּיטאָל איז געשטאָרבן פון די וואונדן אַ ב ר ה ם ק י ס י ן, געוועזענער מיטגליד פון האָמע־לער קאָמיטעט פון „בונד". האָט ער באַשלאָסן אויף מאָרגן, דעם 18־טן, צו אָרגאַניזירן אויך ד י לוויה. זי האָט זיך אים ווידער איינגעגעבן, פּונקט ווי די ערשטע, כאָטש די פ נ י זיינען שוין היינט, נאָך די נעכטן געהערטע רעדעס אויפן בית־עולם, ניט געקומען. אין מיטן פּראָצעסיע איז אָנגעקומען די דעפּעש וועגן דעם מאַניפעסט פון נעכטן, פון 17־טן אָקטאָבער. — און די לוויה האָט תיכּף אָנגעוואָרן אַ סך פון איר טראַגישער שיינקייט און באַגייסטערנדיקער שטילער הייליקייט און איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פייערליכער פּאָליטישער דעמאָנסטראַציע... דער עולם האָט שוין פאַרגעסן אָן די הייליקע מאַרטירער פון דער רעוואָלוציע, פונם עולם האָט זיך די שכינה אָפּגעטאָן... אַ מחנה יונגעלייט האָט שוין באַוויזן אַריינצוכאַפּן זיך אין דרוק אויף טראָקער גאַס, וועמען דער פאַראייניקטער שטרייק־קאָמיטעט האָט ערלויבט צו דרוקן די דעפּעש, און האָבן עקספּראָפּריאירט אַ פּעקל בלעטלעך, וואָס זיינען ווי פייל פון בויגן אַריבער פון האַנט צו האַנט. אַלע האָבן גערעדט וועגן דעם נ צ ח ו ן פון דער

רעוואָלוציע, אַלע האָבן גערעדט צווישן זיך, מ׳איז געגאַנגען ריידנדיק, די פּראָצעסיע איז אינגאַנצן וואָכעדיק געוואָרן — — —

אראָן האָט נאָך צלץ אָנגעפירט די אָרדענונג, ער האָט נאָך אַלץ געגעבן אינסטרוקציעס, סיגנאַלן די אָרדענערס, ער האָט נאָך אַלץ מיט אַ הויך־אויפגעהויבענעם קאָפּ געמאַכט אינ־דערהייך מיט זיין רויטן טיכל, — בקיצור, ער איז נאָך אַלץ גע־ווען דאָס, וואָס נעכטן, דער גאָט־געבענטשטער פירער פון די מאַסן, די נשמה פון דער באַוועגונג, פון דער רעוואָלוציע אין ווילנע, אין ליטע, וואָס האָט געהאַט צו זיך בלויז איין־איינציקן גלייכן — דעם בונדיסט ח׳ מאַקסים (קלעוואַנסקי) אין ריגע, אָבער ביי אים אין האַרצן האָט זיך עפּעס אָפּגעריסן... אַלע האָבן זיך געפרייט מיטן מאַניפעסט, מיטן רעאַקציאָנער־פּאַרמאַסקירטן מאַניפעסט, — אַראָן אָבער האָט דער ערשטער דערשפּירט, אַז עס איז ניט דאָס, אַז נאָך אַלע טיטאַנישע אָנשטרענגונגען האָט „דער באַרג אַ מויז געבאָרן״... „ניט אַזוי האָט ער געמיינט״... ער האָט עס תּיכּף אַרויסגעזאָגט אייניקע חברים.

אַלע האָבן כּמעט ווי פאַרגעסן, ווי און וואוהין מ׳גייט; אַנדערע האָבן שוין אַפילו געלאַכט, געוויצלט זיך, ניט זעלטן אַפילו צינישליך... די פּראָצעסיע האָט שוין געטראָגן אַ כאַראַק־טער פון אַ טרוקענער צערעמאָניע, זי האָט שוין פאַרלאָרן די נשמה...

אַראָן איז זעער אויפגערעגט געוואָרן און האָט אויסגע־שריען צו אַ גרופּע:

— קאָמיקער! מיר גייען דאָך אויף אַ לוויה! מיר באַ־גלייטן דאָך דעם אומגעקומענעם חבר אַברהם!!!

און איז אַנטשוויגן געוואָרן — — —

---

קיין אינצידענטן זיינען ניט געווען און מ׳איז ווי נעכטן, דעם 17־טן, געקומען בשלום אויפן בית־עולם.

קיין הספּדים זיינען שוין ניט געווען, — אָן דעם, וואָס איז

אוועק פאַר אלעמען אַ קרבן, האָט מען לחלוטין גאָר פאַרגעסן. מ׳האָט געהאַלטן ריין־פּאָליטישע רעדעס וועגן דער באַדייטונג פון מאַניפעסט, מ׳האָט אים שאַרף קריטיקירט, מ׳האָט אויפגע־וויזן זיין צביעותדיקן כאַראַקטער, מ׳האָט אויפגעדעקט דעם קלאַסן־כאַראַקטער פון די פיצלעך הנחות, וואָס דער מאַניפעסט האָט געגעבן, און מ׳האָט גערופן צום ווייטערדיקן קאַמף.

ס׳האָבן גערעדט טאַלענטפולע און האַרציקע רעדנער, מענטשן מיט אַ שיינעם רעוואָלוציאָנערן עבר, און ס׳האָבן גערעדט רעדנער פריש־געבאַקענע, וואָס האָבן מיט אַ וואָסער דריי־פיר טעג צוריק מורא געהאַט דעם נאָז אַרויסצושטעקן און וועלן זיך באַלד צוריק באַהאַלטן הינטער פעסטע לאָדן, טיר און טויער אין וואַ־רימען באַקוועם, טאַלענטלאָזע און קאַלטע שרייער, וואָס האָבן נאָר אָנגעמאַכט אַ פּלאָנטער און אַ טומל... מ׳האָט אויפגעדעקט, קריטיקירט, אָבער די אמתע סיבה פון דער מפּלה האָט מען ניט געוואוסט און ניט פאַרשטאַנען...

אַראָן האָט אַ וואָרט ניט גערעדט, ער האָט זיך בלויז צו־געקוקט, צוגעהערט—מיט אַ מין מעלאַנכאָליע...

ער האָט זיך דער ערשטער דערוואוסט, אַז דעם זעלביקן 18־טן אָקט. האָט זיך פון געאָרג־פּראָספּעקט געזאָלט אָנהייבן אַ גרויסער פּאָגראָם אויף די ווילנער יידן, נאָר אַז אַ גלח האָט דערצו ניט דערלאָזן...

— מיר זיינען באַנקראָט! — האָט געמאָלדן אַראָן — —

אין גאַנץ שטאָט זיינען באַלד איינגעאָרדנט געוואָרן מיטינגען: אין קאָר־שול, אין די „איינגענומענע" קלויזן, אין געזעלשאַפטליכע לאָ־קאַלן און אונטערן פרייען הימל. דעם 19־טן אָקטאָבער האָבן זיך געעפנט די ווילנער טורמעס. די געפאַנגענע ראַנגלער זיינען אַרויס און גלייך פון די „קאַמערעס" אויף די מיטינגען געקומען און פאַר טויזנטקעפּיקע מאַסן אויסגעגאָסן אַלץ, וואָס עס האָט זיך ביי זיי אָנגעקליבן אויפן האַרצן פאַר דער צייט פון זייער ליידן אונטער ריגל און שלאָס. אויך די אַרעסטירטע מיטגלידער פון ווילנער קאָמיטעט פון „בונד", וואָס איז דורכגעפאַלן פאָריקן שבועות, זיינען אַרויס און תיכּף ווידער אין דער אַרבעט אריין.

אַלע זיינען זיי אויף דער שמחה די ערשטע מחותּנים געווען... אַלע, אויסער אַראָנען...

באַלד זיינען אָנגעקומען דעפּעשן—וועגן מאָוימדיקע שחיטות אויף יידן כּמעט אין גאַנצן תּחום.. די רעדנער האָבן „זיך ניט פאַרלאָרן", זיי האָבן קלאָר און דייטליך געמאָלדן, אַז זיי „אָריענ־טירן זיך זעער גוט אין דער סיטואַציע" און אין דעם „סוד" פון די פּאָגראָמען. זיי האָבן אויפגעוויזן דעם ערשטן מקור — דיזועל־ביקע רעאַקציע, וואָס וויל אין יידיש בלוט דערטרינקען די רעוואָלוציע, און האָבן דעם לבבות זייערן באַרואיקט... ניט באַ־רואיקט זיך האָט נאָר איינער—אַראָן... ער האָט ווייניק גערעדט, ער איז אומגעגאַנגען פאַרטראַכט, מיט פעסט־צונויפגעפּרעסטע ליפּן...

איינער פון די חברים, אַ קליינער יַדען אין הלכות פּסיכאָ־לאָגיע, האָט דאַן זעער ניט דעליקאַט געפרעגט אַראָנען, פאַרוואָס איז ער „אין דער הייליקסטער מינוט געבליבן אָן אַ זייט".

אַראָן האָט אים כּהרף עַין געענטפערט:

— ווייל זי איז פאַרשוועכט!...

— מיט וואָס? — איז יענער ניט אָפּגעטראָטן.

— מיטן באַצאָלטן פרייז.

— איך פאַרשטיי ניט.

— מיטן פרייז פון טויזנטער געשענדעטע יידישע טעכטער, מאַסן דערהרגעטע יידישע עופעלעך, יַמען יידיש בלוט און טרערן...

— שולדיק איז דער נידערטרעכטיקער רעזשים...

— אויך די אינטעליגענץ די זעער זינדיקע, און אפשר אויך — דאָס „פאָלק" — דער גוטער באָדן, און אפשר גאָר — אויך מיר אַליין...

די וואונד איז דאַן געווען נאָך פריש און די הערצער ביי אַ סך זיינען נאָך ניט אַזוי האַרט געווען — — —

## V. א. ווייטער.

ניט קוקנדיק אויפן ווערים פון ספקות, וואָס האָט געגומען נאַגן זיין מוח און זיין האַרץ, האָט דעוועגישסקי דאָך געשפּירט, אַז אין אַזאַ צייט, ווען די רעאַקציע פון דורנאָוואָ־טרעפּאָוו האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, טאָר ער ניט אַוועקגיין. ער מוז זעען מיט כּל אמצי כּוחות ראַטעווען דאָס, וואָס עס וועט זיך נאָך לאָזן, — און ער איז באַלד ווידער אַריין אין דער אַרבעט. אין משך פון די אַזוי גערופענע „פריייע טעג" איז ער געגאַנגען אויף מיטינגען, האָט געהאַלטן קלוגע, פּקחותדיקע און דאָך וואַ־רימע, האַרציקע רעדעס; האָט אין „סעוועראָ־זאַפּאַדני גאָלאָס" געשריבן אונטער זיין שוין דערמאָנטן פּסעוודאָנים „אַנין" שאַרפע, בייסנדיקע אַרטיקלען קעגן דער בורזשואַזיע און „דע־מאָקראַטישער" אינטעליגענץ, וואָס איז מחמת מורא פאַרן פאָר־אויסגעזועענעם נייעם, „באַוואָפנטן" אויפשטאַנד געלאָפן „קיין איידקונען"; האָט מיט וואָרט און שריפט דערוויזן, אַז די רעוואָ־לוציע איז אַ ליבעראַל־בורזשואַזע, און אַז דער פּראָלעטאַריאַט, וואָס „איז אייגנטליך נאָך כּמעט ווי גאָר ניט אָרגאַניזירט און לחלוטין ניט דיסציפּלינירט", איז פיזיש און גייסטיק פּשוט ניט ביכולת אויסצוטראָגן אַליין אויף זיינע פּלייצעס די רעוואָלוציע, און אַז דאָס גופא צווינגט אים „ניט צו פאַרלויפן פאָראויס די געשיכטע", וואָס באַשטראָפט ביטער פאַר טאַקטישע פעלערן.— בקיצור, ער האָט ווידער געאַרבעט, און ענערגיש געאַרבעט, שטרענג עוואָלוציאָניסטיש, אין פרומען סאָציאַלדעמאָקראַטיש־מענשעוויסטישן, עווענטועל מאַרקסיסטישן גייסט, בהסכּם מיט דער מיינונג פון שמואל גאָזשאַנסקי אויף דער פרילינג־באַראַטונג... אָבער דאָך האָט מען שוין אונטערגעמורמלט, אַז ער איז פאָרט ניט קיין ריינער מאַרקסיסט, אַז ער רעדט און שרייבט ווי אַ אַי־דעאַליסט און ניט ווי אַ מאַטעריאַליסט. ער האָט ליב געהאַט צו ציטירן אַזוינע „אָפּגעשלאָגענע הושענות", ווי מיכאַילאָווסקי (ווידער מיכאַילאָווסקי!), וואָס „מ'האָט אים שוין לאַנג אָראָפּגע־ריסן"... באַזונדערס איז „געשטעמפּלט" געוואָרן זיין אידעאַליזם

איינמאָל אויף אַ מיטינג אין „פילהאַרמאָניע", ווען עס האָט זיך דיסקוטירט די פראַגע וועגן פ ר י י ה י י ט פ ו ן וו אָ ר ט: וואָס מ'דאַרף פאַרשטיין אונטער דער דאָזיקער פרייהייט. געווען זיינען דאָרטן די „פּני" פון אַ ל ע יידישע פּאַרטייען אין ווילנע. כמעט אַלע רעדנער האָבן אויף פאַרשיידענע אופנים דורכגעפירט די מיינונג, אַז קיין אַבסאָלוטע פרייהייט פון וואָרט טאָר די רעוואָלוציע ניט געבן: „מ'קען דאָך אין דער אמתן ניט געבן קיין פולשטענדיקע פרייהייט פון וואָרט אַזוינע אָרגאַנען פון „סאָיוז רוסקאַווא נאַראָדאַ", ווי, אַ שטייגער: „סוויעט", מאָסקאָווסקיַאַ וויעדאָמאָסטי", „קיעווליאַנין" וכדומה, וואָרום דאַן וועלן זיי דאָך אומברענגען די רעוואָלוציע". דעווענישסקי האָט זיך געהאַט פאַרשפּעטיקט ערגעץ אויף אַן אַנדער מיטינג און ער איז אַריין אין זאַל גיך, אַ פאַרסאָפּעטער, אַ ביסל אַ צוגעקילטער און אַ הוסטנדיקער, מיט זיין אייביקער שניי-ווייסער שאַל אויפן האַלז, וואָס איז פונוויטן ענליך געווען אויף אַ מאָדערנעם טליתל. אין זיין וואָרט, וואָס ער האָט באַלד באַקומען, האָט ער דערוויזן, אַז די אַרויסגעזאָגטע מיינונגען זיינען טעותדיקע און געפערליכע. ערשטנס איז ניט מ אָ ר אַ ל י ש צו פאַרמאַכן דעם קעגנער די מויל מיט ברוטאַלער פיזישער קראַפט; קעגן דעם שקר דאַרף מען קעמפן בלויז מיט דער מאַכט פון אמת, שטרענגער לאָגיק און ריינער וויסנשאַפט. צווייטנס ווייזט מען דערמיט אַרויס ד י א י י ג ע נ ע ש וו אַ כ ק י י ט, אַז מ'גלויבט אַליין ניט אינם כח פון דער אייגענער זאַך, און מ'איז דערמיט גורם, אַז די אונטערדריקטע שוואַרץ-מאַהניקעס זאָלן זיך האַלטן פאַר קדושים, וואָס ליידן פאַר אַ אידעע. דריטנס איז עס אויך נ י ט פ ר אַ ק ט י ש, וואָרום אויב די רעוואָלוציע וועט האָבן אַ מפּלה, וועט די רעוואָלוציאָנערע באַגרעניצונג פון דער פרייהייט באַרעכטיקן אַלע נייע רעפּרעסיעס מצד דער רעאַקציע קעגן דער פרייהייטס-באַוועגונג. און פאַרענדיקט האָט ער מיט די ווערטער, אַז דווקא די דערקעגנדיקע מיינונג איז באמת אַנטי-מאַרקסיסטיש. מ'האָט אים אָבער פאַרשריען ווי אַ פאַרפאַלענעם אידעאַליסט-אוטאָפּיסט — — —

דאָס איז געווען איינער פון די לעצטע מיטינגען, אויב ניט דער לעצטער, וואָס חבר אַראָן האָט באַזוכט. נאָך אַלע טיפע חלוקי-דעות, וואָס האָבן זיך אַרויסגעוויזן צווישן אים און זיינע חברים-פּראַקטיקער אין ס׳רוב פּאָליטישע פראַגן, וואָס זיינען דאַן געשטאַנען אויפן סדר-היום, איז ער געקומען צום אויספיר, אַז ער האָט דאָרטן ניט וואָס צו טאָן און אַז זיין ריכטיקער אָרט איז — ביים ליטעראַרישן שרייבטיש. ער האָט אָבער ניט געהאַט אַפילו דעם מינימום רואיקייט דערצו — — —

נאָכן בלוטיקן דערשטיקן דעם מאָסקווער באַוואָפנטן דעצעמבער-אויפשטאַנד, וואָס איז געבליבן ווי אַ קול קורא במדבר, אויף וועלכן דאָס לאַנד האָט זיך ניט אָפּגערופן, האָט די „קאָנסטיטוציאָנעל״-אַבסאָלוטיסטישע רעגירונג גענומען מיט אַ פאָרסירנדיקן מאַרש פאָראויס ליקווידירן דעם „גרויסן בונט״ מיט אַלטע און נייע מיטלען: טורמע, סיביר, קאַטאָרגע, שוואַרצע מאות, פּאָגראָמען, שטראָף-עקספּעדיציעס. ס׳איז אײַנגעאָרדנט געוואָרן ממש אַ געיעג אויף די „קעפּ״ פון דער אָקטאָבער-רעוואָלוציע, בכדי צו נעמען פון זיי אַ בלוטיקע נקמה. „אַראָן״-דעווענישסקי איז געוואָרן אַ שרעק-בילד פאַר דער רעגירונג פונם איבערמעכטיקן אימפּעראַטאָר ניקאָלאַי II און זי האָט דעם גאַנצן אַפּאַראַט פון איר פּאָליציייִשן שפּיאָנאַזש געלאָזט אין באַוועגונג, כדי אים צוגלייך מיט אַנדערע זיין גלייכן צו כאַפּן און אומברענגען; זי האָט קיין גאָלד ניט געזשאַלעוועט, כל המינים פּראָוואָקאַטאָרן אויסגענוצט דערויף, נאָר איר איז קיינמאָל ניט געלונגען אים צו כאַפּן. ער איז געווען ווי אַ רואה ואינו נראה: אָט איז ער, דאַכט זיך, שוין אין די הענט אַריינגעפאַלן, און אָט ווידער — ואיננו! אָבער דעווענישסקיס לעבן איז פון דעם מאָמענט אָן געוואָרן אַ קייט וואָגלענישן און וואַנדערונגען, אַ לעבן פון אייביקן אומרו, פון אייביקן בייטן די זיך-ערטער, זיינע נעמען און פּעסער — דאָס ביטערסטע לעבן פון אַן „אומלעגאַלן״. און דאָך האָט ער אַלעמאָל געלעבט אָפן, פראַנק און פריי אין דער געזעלשאַפט; אַלע האָבן אים געקענט, זיין סוד געוואוסט, און קיינמאָל איז ער פאַר ניט-זיכערע ניט אַנטפּלעקט געוואָרן — — —

סוף כל סוף האָט ער באַשלאָסן אויסצוואַנדערן קיין אויסלאַנד. נאָר פאַרן פאַרלאָזן רוסלאַנד איז ער אַוועקגעפאָרן געזעגענען זיך—מיט די עלטערן און קרובים. די עלטערן זיינען געווען אויפן זיבעטן הימל פון פרייד. די מוטער איז אַלעמאָל געווען מיטן זון, האָט אים גוט פאַרשטאַנען און איז געווען גליקליך, וואָס זי זעט אים איצט. אָבער אויך דער פאָטער איז שוין געווען ניט דער, וואָס מיט זעקס=זיבן יאָר צוריק. ער איז לחלוטין געענדערט געוואָרן. זיין געוועזענע פרומקייט אַפילו איז עטוואָס שוואַכער געוואָרן און ער האָט זיך באַצויגן צום זון מיט אַ נאָך ניט אַרויסגעוויזענער ליבע און אַכטונג. אויך צו אים זיינען דערגאַנגען די קלאַנגען, אַז „אַראָן" איז „געוואָרן דער גובערנאַטאָר" פון ווילנע און האָט געראַטעוועט די שטאָט פון אַ „מוראדיקן פאָגראָם", וואָס „אַשמדאַיס מחבלים" האָבן געוואָלט מאַכן, און ער האָט געציטערט=געפיבערט פון גליק, אַז „אַראָן"—דאָס איז טאַקע ז י י ן אייזיק=מאיר, ז י י ן זון! און דאַן האָט ער אין התפעלות אויסגעשריען: „איך האָב געוואוסט, אַז מיין אייזיק=מאיר מוז זיין און וועט זיין אַ גרויסער מענטש, און איצט איז ער עס טאַקע געוואָרן,—אָהאָ מיין אייזיק=מאיר"! און ער פלעגט נעמען דערציילן נסים ונפלאות וועגן זון, שטיקנדיק זיך פון אָנגעשוואָלענע געפילן פון אַנטציקונג. אָבער ווען עמיץ פון די צוהערער פלעגט אים אויפמערקזאַם מאַכן צו ווערן פאָרזיכטיקער מיט זיינע דערציילונגען, פלעגט ער ווידער אַריינפאַלן אין טיפער עצבות...
אַמאָל וואָלט ער בשום אופן ניט דערלאָזן ביי זיך אין שטוב זינגען בחורים מיט מיידלעך,—איצט אָבער האָט ער אַפילו אויפגעמונטערט זיי: „זינגט, קינדערלעך, מאַכט פריילעך מיין אייזיק=מאירן!" און די זינגערינס און זינגער האָבן דערויף צוגעגעבן: „אויך זיינע עלטערן"— — —

אייזיק=מאיר האָט זיך לעבעדיק אינטערעסירט מיט אַלעמען און אַלץ פון שטעטל און דער סביבה; זיין קינדהייט דאָ האָט איצט אויפגעלעבט פאַר אים; אַלץ אין שטעטל האָט ביי אים אין די אויגן איצט באַקומען דעם זיבעטן חן; דאָס גאַנצע שוין אויך אין שטעטל פאַרשווינדנדיקע פאַטריאַרכאַלישע לעבן

האָט אים איצט אויסגעוויזן באַזונדערס שיין, אידיליש, אידעאַליש, אויפגעוועקט אין אים אַ טיפע בענקשאַפט... און ער האָט זיך איינמאָל אָפּגערופן צו זײַן פרײַנד ראַבינאָוויטשן:

— ווייסט, ישראל, איך גיי הײַנט אין בית־מדרש דאַוונען! אַ שיינע הייליקע זאַך תפילין! — — —

יענער, ביי וועמען אַלץ איז שוין גאַנץ וואָכעדיק געווען, האָט אויף אים אַ קוק געטאָן דערשטוינט, נאָר האָט אין בליק זיינעם דערשפּירט — דעם טיפסטן ערנסט — — —

באַלד איז אייזיק מאיר אַוועקגעפאָרן קיין שווייצאַריע, קיין בערן, אַלס דעלעגאַט אויף דער זיבעטער קאָנפערענץ פון „בונד", וואָס איז פאָרגעקומען סוף מערץ און אָנהייב אַפּריל 1906 יאָר. געהאַנדלט האָט זיך וועגן דעם צוריק־אַרייַנטרעטן פון „בונד" אין דער „רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי", פון וועלכער ער איז געווען אַרויסגעטראָטן דעם 18 אַווגוסט 1903 בעתן צווייטן צוזאַמענפאָר פון דער „פּאַרטיי" (בריסעל—לאָנדאָן, 29 יולי—22 אווג.), וואָס האָט אָפּגעוואָרפן די נאַציאָנאַלע פּראָגראַם פון „בונד" און זיין אָרגאַניזאַציאָנס־פּרינציפּ. דער דאָזיקער טרויעריקער צווייטער צוזאַמענפאָר האָט עס געבראַכט אויך צו דער פּאַרטיי־שפּאַלטונג אויף „באָלשעוויקעס" (מערהייטלער) און „מענשעוויקעס" (מינדערהייטלער) און איז דערמיט אפשר געווען דער עמבריאָנעלער שולדיקער פון דער מפּלה פון דער אָקטאָבער־דעצעמבער־רעוואָלוציע. די „פּאַרטיי" איז געווען צעבּרעקלט און צעקריגט פּראָגראַמאַטיש, אָרגאַניזאַציאָנעל און טאַקטיש און איז געווען לחלוטין אומאַרבעטספעיק. איצט, נאָך דער מפּלה, האָט זיך געפאָדערט אַ פאַראייניקונג פון די כוחות קעגן דעם טריאומפירנדיקן מאַרש פון דער רעאַקציע. אַלע נאַציאָנאַלע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס אין רוסלאַנד, פּוילן, ליטע, לעטלאַנד א. אַ. האָבן געדאַרפט בילדן אַ פעדעראַטיווע ס.־ד.־ישע פּאַרטיי. האָט די בונדישע קאָנפערענץ אין בערן געדאַרפט באַשליסן, אויף וועלכע יסודות קען דער „בונד" אַרייַנטרעטן אין דער פּאַרטיי. עס זיינען געשאַפן געוואָרן צוויי שיטות: פון די „ווייכע"

און פון די „האַרטע״. די „ווייכע״ זיינען געשטאַנען פאַר אַ פשרה. זיי האָבן געטענהט, אַז די „ספעציפישע״ עקאָנאָמישע אומשטאַנדן פונם יידישן פראָלעטאַריאַט האָבן גורם געווען דערצו, אַז דער „בונד״ האָט „אין איצטיקן רעוואָלוציאָנערן מאָמענט״ „אָנגעוואָרן זיין זעלבשטענדיקע באַדייטונג״, אַז ער האָט ניט קיין אייגענע ליניע און איז געבליבן „איזאָלירט״, אַז „דער איזאָלירטער קיום זיינער האָט פאַרלאָרן יעדן רעזאָן ד׳עטר״ און „איז אַפילו שעדליך״... בכן — „אויב די רוסלענדישע סאָציאַלדעמאָקראַטישע אַרבעטער-פאַרטיי איז מסכים, אַז דער „בונד״ זאָל בלייבן עקסיסטירן אַלס גאַנצער מיט אַן אווטאָנאָמישער קאָמפּעטענץ און דערביי זאָל ער פאַרבלייבן ביי זיין נאַציאָנאַלער פראָגראַם, מוז מען צוריק אַריינטרעטן אין דער „פאַרטיי״ און דאָרטן שוין פון אינעווייניק פירן דעם קאַמף פאַר דער פולער אָנערקענונג פון די בונדישע פרינציפן״. די „האַרטע״ ווידער האָבן דערוויזן, אַז די הנחה פון די „ווייכע״ גיסט וואַסער אויף די מיל-רעדער״ פון די „כל המינים בורזשואַזע און פראָלעטאַרישע ציוניסטן״ פון איין זייט און פון די פאַרביסענע „איסקראָוועס״-בונדפרעסער — פון דער צווייטער. קעגן דער „איזאָלירטקייט״ פון „בונד״ האָבן זיי אַרויסגעשטעלט דעם פאַקט פון דער קאָלאָסאַלער אָנפירנדיקער ראָלע, וואָס ער האָט געשפילט אין ליטע און אין באַלטיק אין די אָקטאָבער-טעג, — און זיי האָבן אַרויסגעשטעלט אַ תנאי קודם למעשה, אַז די „פאַרטיי״, וואָס האָט ביז אהער אין עצם ניט געהאַט קיין אחיזה אין די רוסישע פראָלעטאַרישע מאַסן (אַראיה: דער נויטווענדיק-געוואָרענער אויפקום פונם „אַרבעטער-ראַט״ אין אָקטאָבער!), מוז אַפריער אָנערקענען דעם נאַציאָנאַלן פרינציפ אין דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער אָרגאַניזאַציע, ווייל נאָכדעם וועט מען שוין זיין געבונדן מיט פאַרטיי-דיסציפלין און ס׳וועט שוין זיין אַלץ פאַרלאָרן; טאָר ניט שאַפן קיין פאַרטייאישע אויסער-בונדישע „טעכנישע קאָמיסיעס״ אָדער „סעקציעס״ פון „יידיש-ריידנדיקע״ אַרבעטער און מוז אָנערקענען דעם „בונד״ פאַרן איינציקן פאָרשטייער פונם יידישן פראָלעטאַריאַט אין דער אַל-

געמיינער פּאַרטיי. קורץ, די „פּאַרטיי" מוז קודם אָנערקענען די גאַנצע נאַציאָנאַלע פּראָגראַם און דעם אָרגאַניזאַציאָנס-פּרינציפּ פון „בונד", אָן וואָס ער קען ניט עקסיסטירן, ווי אַ פיש אָן וואַסער, — און ערשט דעמאָלט וועט דער „בונד" אַריינטרעטן אין דער „פּאַרטיי", ווי אַ גלייכבאַרעכטיקטער פעדעראַטיווער מיטגליד — צוגלייך מיט דער „פּוילישער סאָציאַלדעמאָקראַטיע" און מיט דער „לאַטווישער סאָצ.-דעמאָקר. פּאַרטיי", וועמען די ר. ס.-ד. אַ. פּ. האָט נאָכגעגעבן אַלע זייערע פאָדערונגען... אויף דער קאָנפערענץ זיינען די פירער פון די „האַרטע" געווען: אייזיק-מאיר דעווענישסקי, סלאַוועק (גראָסער), דזשאָן (יוסף מילער), אַ. ליטוואַק און נאָך אייניקע. די „ווייכע" האָבן באַקומען אַ מערהייט. דאָס האָט אָבער געהייסן — אָפּשאַפן די רעזאָלוציעס פון זעקסטן צוזאַמענפאָר (13 — 22 אָקטאָבער 1905 אין ציריך), וואו עס איז ענדגילטיק פאָרמולירט געוואָרן די נאַציאָנאַלע פּראָגראַם פון „בונד". דאָס האָט די קאָנפערענץ אויף זיך ניט געקענט נעמען און זי האָט באַשלאָסן „צו אַפּעלירן צו די ברייטע מאַסן פּאַרטיי-מיטגלידער, זיי זאָלן דעצידירן די דאָזיקע פראַגע דורך געוויילטע דעלעגאַטן אויפן זיבעטן צוזאַמענפאָר".— אויף דעווענישסקין האָט די גאַנצע מעשה געמאַכט אַ שווערן איינדרוק. דער נצחון פון די „ווייכע" איז ביי אים אויסגעקומען ווי אַן אַטענטאַט אויף דער נשמה פונם יידישן פּראָלעטאַריאַט,— אין אַ שינוי לטובה מצד דעם צוקינפטיקן צוזאַמענפאָר האָט ער געהאַט אַ יסוד ניט צו גלויבן, — און ער האָט זיך דערשפּירט פרעמד, ווייט פון דער מערהייט פּאַרטייאישער אינטעליגענץ...

נאָך דער קאָנפערענץ איז דעווענישסקי אַוועקגעפאָרן פון בערן קיין לעמבערג (גאַליציע, דעמאָלט אונטער עסטרייך), וואו ס'האָט עקסיסטירט אַ „סעפּאַראַטע" יידישע סאָציאַלדעמאָקראַטישע אַרבעטער-אָרגאַניזאַציע, מחוץ לגבול פון דער „פּאָלסקאַ פּאַרטיאַ סאָציאַליסטיטשנאַ", מיט אַ פּראָגראַם ענליך צו דער פּראָגראַם פון „בונד". די פּ. פּ. ס. האָט, פּונקט ווי די רוסישע „פּאַרטיי", אָנערקענט נאָר איין נאַציאָנאַליטעט — די

הערשנדיקע, אין וועלכער עס מוזן פאַרשלונגען ווערן אַלע
מינדערהייטן, „וואָס באַמבלען זיך אונטער די פיס“ און „שטערן
דעם מאַרשירנדיקן טריאומף פונם סאָציאַליסטישן פראָלעטאַריאַט“.
דער גאַליציאַנער יידישער אַרבעטער האָט אָבער ניט געקענט
און ניט געוועלט „אַרויס פון זיך“, ניט געקענט און ניט גע=
וועלט זיך אַליין אָפּהאַקן דעם קאָפּ, און האָט גע=
פירט אַ פאַרביטערטן געראַנגל פאַר זיין קיום. דעווענישסקי איז
געווען אַנטציקט פונם דאָזיקן געראַנגל און האָט אַ געוויסע צייט
אַקטיוו באַטייליקט זיך אין דער אַרבעט פון דעם דאָזיקן גאַלי=
ציאַנער „בונד“. ער האָט געהאַלטן פאָרלעזונגען, איז אַרויסגע=
טראָטן אויף פאַרזאַמלונגען און האָט אַ סך געשריבן אינם גאַלי=
ציאַניש=בונדישן אָרגאַן „דער יידישער סאָציאַלדעמאָקראַט“.

דאָ האָט ער זיך דערנעענטערט און פעסטער ווי ביז
אַהער פאַרבונדן זיך מיט דער יונג=פוילישער ליטעראַטור, האָט
זיך באַקענט מיט די נייסטע שאַפונגען פון זיין ליבלינג וויס=
פיאַנסקי, וואָס האָט מיט זיין אייגנאַרטיקן „אַלטטימליך“=מאָדער=
נעם מיסטיציזם און קינסטלעריש=באַגייסטערטע שטרעבונגען צו
אַ שענער איבערגעבויטער צוקונפט=וועלט אינגאַנצן האַרמאָנירט
מיט זיינע, דעווענישסקיס, נטיות און אידעאַלן. אונטער וויס=
פיאַנסקיס השפעה האָט ער דאָ, אין לעמבערג, אָנגעהויבן שרייבן
זיין ערשטע דראַמע „פאַרטאָג“ — — —

אונטער דער צייט האָט דער „פאַראייניקונגס=צוזאַמענפאָר“
פון דער ר. ס. ד. א. פ. (סטאָקהאָלם, אַפּריל) ענדגילטיק אָנגע=
נומען דעם אָרגאַניזאַציאָנעלן סטאַטוט, לויט וועלכן דער „בונד“
קען אַריינטרעטן אין דער פאַרטיי ווי אַ גאַנצע אָרגאַניזאַציע,
„באַנוצט זיך מיט אַווטאָנאָמיע אין די פראַגן פון אַגיטאַציע און
פראָפּאַגאַנדע“, און מעג האָבן אַן אייגענעם צענטראַל=קאָמיטעט,
וואָס שיקט צוויי פאָרשטייער אין צ. ק. פון דער פאַרטיי. די נאַ=
ציאָנאַלע פראַגע אָבער איז איבערגעגעבן געוואָרן צו דיס=
קוסיע אין דער פרעסע פון דער ר. ס. ד. אַ. פּ. און דעם „בונד“
איז געגעבן געוואָרן דאָס רעכט צו פאַרבלייבן ביי זיין נאַציאָ=
נאַלער פראָגראַם „ביז דער ענדגילטיקער דעציזיע“... אין די בונ=

דישע אָרגאַניזאַציעס און פּרעסע („פּאָלקסצייטונג“ און „נאַשע
סלאָוואָ“) איז אַוועק אַ העפּטיקע דיסקוסיע צווישן די „ווייכע־
און די „האַרטע“, אָבער זי איז געפירט געוואָרן אויף אַ מוס־
טערהאַפט־ערליכן און איידעלן אופן פון ביידע צדדים, אין דער
צייט ווען פון אַלע זייטן האָט מען זיך שוין געריבן די הענט
און געוואַרט אויף אַ שפּאַלטונג. דער מאָמענט איז געווען אַ קרי־
טישער און עס האָט זיך געפילט אַ טיפע ט ר אַ ג ע ד י ע, אַ נ אַ־
צ י אָ נ אַ ל ע טראַגעדיע, וואָס קיינער האָט אָפן בשום־אופן ניט
געוועלט, נ י ט ג ע װ אַ ג ט מודה צו זיין...

און די לופט, די פּאָליטישע לופט, איז וואָס ווייטער גע־
וואָרן אַלץ שטיקנדיקער, די רעאַקציע איז געגאַנגען מיט
אַ פאָרסירנדיקן מאַרש פאָראויס, האָט אָפּגענומען „ביים פּאָלק“,
ביים פּראָלעטאַריאַט איין רעוואָלוציאָנערע דערגרייכונג נאָך דער
אַנדערער און דער אָפּפלוס פון די קאַמף־כוואַליעס איז געוואָרן
אַלץ מערקליכער און קענטיקער. דאָ און דאָרטן האָבן זיך נאָך,
אמת, געדויכערט איינזאַמע האָלאָוועשקעס פון דער רעוואָלוציע,
דאָ און דאָרטן האָבן נאָך אויסגעבראָכן אָן אַן אָ פּ ק ל אַ נ ג
פאַרעלנדטע שטרייקן און דעמאָנסטראַציעס; די נאָר־וואָס געעפנטע
גאָסודאַרסטווענע דומע האָט אין דער פּערזאָן פון איר פּרייהייטס־
ראַנגלערישער פאָרשטייערשאַפט מיטן כוח פון אַ דעמאָסטענעס
און אַנטאָניאָ דע־סילוואַ גאַליק געשטאָכן און העפּטיק און שניידנדיק
געשמיסן די „ביוראָקראַטיע“, די „דריי־געאייניקטע רוסלענדישע
רעאַקציע“, אָבער דער פּאָליטישער פאַרנאַכט האָט זיך גערוקט
אַלץ שנעלער און נעענטער און דער טונקל־געוואָרענער הימל
איז באַלויכטן געווען פון אַ ווילד־צונויפגעמישטער אויפפלאַקע־
רונג פון רויטן און שוואַרצן טעראָר — — —

די „קרוין“ פון דעם אַלעם איז געווען דער ב י אַ ל י ס ט אָ־
ק ע ר פּ אָ ג ר אָ ם (כ׳ סיון = 1 יוני), וואָס איז דורכגעפירט
געוואָרן דורך אַ „אידילישער“ פאַראייניקונג פון מיליטער, פּאָ־
ליציי, שטאָטישער און דאָרפישער באַפעלקערונג און האָט גע־
געבן אין רעזולטאַט הונדערטער יידישע הרוגים, טויזנטער צע־
מזיקטע און אַ פולשטענדיקן מאַטעריעלן חורבן פון שטאָט. די

דאָזיקע שחיטה מיט איר מיטלאַלטערליך=מאָדערנער בעסטיאַלי=
טעט האָט פּאַקטיש צעטרייסלט און צעטומלט אַלע יידישע
פּאַרטייען, וואָס האָבן טיף אין האַרצן דערשפּירט, אַז דער באָדן
גייט אַוועק פון אונטער זייערע פיס... דען ניט געקוקט, וואָס
אַלע זיי האָבן, כדי אַיינצוהאַלטן ביי זיך די מאַסן, די לעצטע
כּוחות פון זייערע דיאַלעקטיקעס אָנגעשטרענגט צו „דערווייזן,
אַז דער פּאָגראָם איז געווען „אַ שטיקל אַרבעט" אויסשליסליך
פון דער רעגירונג, צו וועלכער די „באַפעלקערונג" האָט קיין
שום שייכות ניט, איז גאָט די נשמה שולדיק, — האָבן די
גרינדליך אויסגעפּאָרשטע פּאַקטן אָן רחמנות גע=
וויזן דעם טרויעריק=ביטערן אמת, אַז גרויסע מאַסן פון דער
„פרידליכער" גאַנצער באַפעלקערונג, אָן אונטערשייד פון קלאַסן
און שיכטן, האָבן גענומען פּונקט אַזאַ „טיכטיקן" אָנטייל אין
דער „אויסראָטונג פון די זשידעס", ווי דאָס מיליטער, די פּאָ=
ליציי און די פּראָפעסיאָנעלע כוליגאַנעס — — — איז אַייזיק=
מאיר דעווענישסקי פון דער דאָזיקער אַלטער און אייביק נייער
געשיכטע אויפגעטרייסלט געוואָרן ביז אין די באַהאַלטנסטע
פיברען פון זיין נשמה. עס האָט אים געפיבערט פון טיפסטן
צאָרן און ער האָט פאַרביסן די ליפּן ביז בלוט, ביז בלוט
ממש! ניין, ער וועט זיך מער ניט באַהאַלטן אין די אויס=
לאַנדס! ער מוז וואָס גיכער צוריקקערן אַהין, וואו זיין פאָלק
גייט אָפּ מיט בלוט! יאָ, זיין פאָלק! ער האָט איצט ערשט דער=
שפירט בפועל ממש, אַז ער האָט אַ פאָלק, אַ גאַנץ פאָלק, וואָס
איז אַ פּאַריאַ צווישן די פעלקער פון דער וועלט! און זיין
פּראָלעטאַריאַט איז אַ פּאַריאַ צווישן די פּראָלעטאַריאַטן פון
דער וועלט! אַלע אָפיציעלע תּרופות האָבן זיך אַרויסגעוויזן
פאַר נישט... די רעוואָלוציע איז געשטאָרבן אין
טאָג פון איר געבאָרן=ווערן, און אַפילו ווען זי
וואָלט געווען אַ בר=קימה, נאָגט אים איצט אַ וואָרים פון ספקות,
צי זיין פאָלק וואָלט עפּעס געניסן פון איר גליק אַלס נאַציע.
אים דוכט זיך, אַז אַלע=אַלע ווילן דעם אונטערגאַנג פון
דער יידישער נאַציאָנאַליטעט — אין דער „מענטשהייט", דאָס

הייסט אייגנטליך אין דער הערשנדיקער נאַציאָנאַ־
ליטעט פון יעדן לאַנד. ער קען אָבער בשום־אופן ניט בלייבן
נייטראַל צום גורל פון זיין פאָלק בכלל און צו דער פראַגע
וועגן דעם קיום זיינעם אין דער צוקונפט בפרט. נאָך אַזאַ גרוי־
סער, דערהייבענער, טראַגישער און וואונדערשיינער געשיכטע—
אַזאַ מיאוסער, אומווירדיקער סוף פון אסימילאַנטישער נירוואַנע!
אין דער צייט, ווען זיין פאָלק האָט נאָך זיין לעצט וואָרט ניט
געזאָגט, ווען עס פאַרמעגט נאָך אומאויסשעפּליכע כוחות פון
יצירה, ווען עס פאַרמעגט נאָך גאַנצע פלעיאַדן געניאַלע טאַ־
לענטן אויף אַלע לענגן און ברייטן פון דער גייסטיקער מלוכה!
מ׳דאַרף דאָס פאָלק וועקן און הייבן, טראָגן צו אים קולטור, —
דאַן וועט זיך זיין גייסט צעבליען ווייט און ברייט און טיף,
וועט דער וועלט געבן אַ נייעם, אַ יידישן טאָלסטאָי, אַ נייעם
וואָרט אַנטפּלעקן, אָט דעם לאָגאָס, אָט דעם אַזוי פון דער
גאַנצער מענטשהייט געגאַרטן „מאמר״, וואָס מיט אים און דורך
אים וועט אַ נייע, אמת נייע פרייע שיינע וועלט געשאַפן ווערן!
און מיר מוזן די „וועלט״ באַקאַנט מאַכן מיט אונזערע אוצרות
גייסטיקע, מיט דער שיינקייט פון אונזער פאָלקס נשמה, מיטן
געניוס פון פאָלק, — און דאַן, ווען די קולטור־פעלקער פון דער
וועלט וועלן אונז דערקענען, וועלן מיר אויפהערן פאַריאַס ביי
זיי צו זיין, וועלן זיי פאַר אונז רעספּעקט באַקומען. דען נאָך
אַלע לאַנגע יאָרהונדערטן פון אונזער בשכנות־לעבן צווישן די
פעלקער פון אייראָפּע, זיינען מיר פאַר זיי נאָך אַלץ אַ ספינקס,
וואָס וואַרפט אַ מורא אָן, און זיי זוכן אונז דעריבער צו פאַר־
נישטן. אָבער מיר אַליין קענען זיך נאָך אויך ניט, האָבן צו זיך
אַליין קיין אַכטונג ניט, גיבן אָפּט אַליין אַוועק דאָס הייליקסטע
פאַר אַ לעפל לינזן. נאָך אַלע יאָרן פון „אויפקלערונג״ זיינען
מיר געבליבן אָרים אין גייסט, אָן קולטור. די אַלטע קולטור
פאַרלאָזן, קיין נייע ניט געשאַפן. מוזן מיר אָנקומען צו פרעמדע
טישן, — זיינען מיר דאָך טאַקע פאַריאַס! מיר מוזן שאַפן
אַ קולטור, אַ נייע — אויפן יסוד פון דער פאַר־
גאַנגענער! מיר מוזן גאַנצע מענטשן ווערן — אין דער

נאַציאָנאַליטעט! אָט נעמט פון „זיי״ אַ ביישפּיל, נעמט וויספּיאַנ־
סקין: „אַ גרויסער קינסטלער״, „כּמעט אַ געניוס״, „כּמעט אַ נביא״,
איז דורכגעדרונגען דורך און דורך מיט די היסטאָרישע ליידן
פון זיין פאָלק, איז צוגלייך מיט מיצקעוויטשן געוואָרן, ווי אַמאָל
אונזער יהודה הלוי, אויף זיין שטייגער, די פידל פון זיין פאָלקס
טראַגעדיע און אין דער זעלביקער צייט איז ער מיט זיין גאַנצן
מהות אין איינקלאַנג מיטן שענסטן „צוקונפטס־אידעאַל״ פון דער
גאַנצער פאָרטגעשריטענער מענטשהייט... אמת, „זיי״ פעלט אויך
קולטור, ראיות — איבערגענוג, אָבער זיי האָבן ווער ס׳זאָל פאַר
זיי זאָרגן, גייטיקן זיך ניט אין קיין הילף מן הצד... אָבער דאָס
אַלץ איז דאָך — אַפּיקורסות, אַנטי־מאַרקסיזם, אינגאַנצן
מעשה מאָדערנער „אחר״! ער פאַרשטייט אָבער מאַרקסן אַנ־
דערש. מאַרקס איז — לחלוטין ניט ווי זיינע „תּלמידים״ — אין זיין
מאַטעריאַליזם געווען אידעאַליסט, איז געווען עוואָלוציאָניסט
און רעוואָלוציאָנער; געהאַט אויך זיינע סימפּאַטיעס און אַנטי־
פּאַטיעס, — למשל, זיינע אוממיגליכע, לחלוטין אַנטיוויסנשאַפט־
ליך באַגרינדעטע באַציאונגען צום יידישן פאָלק, צום איטאַליע־
נישן און צו אַלע סלאַווישע פעלקער, אויסערן פוילישן; געווען
בעצם דייטש־נאַציאָנאַל; נאָך זיין גאַנצער אייזערנער לאָגיק איז
ער אויך, ווי אַלע שטערבליכע, געווען פול סתּירות, וואָס עס
האָט אַרויסגערופן אַ גאַנצע ליטעראַטור קאָמענטאַריעס און פאַר־
ענטפערונגען, פאַרשיידנאַרטיקע שיטות און רעוויזיאָניזמען, —
לאָז זיין אפשר ווייל זיין לעבנס־ווערק איז פאַרבליבן אומפאַר־
ענדיקט... בכל אופן גאָר ניט דער, וואָס אין שיין פון די
תּלמידים־קאָמענטאַטאָרן. און אויך ניט דער, נאָך ווען דעם דעווע־
נישסקיס זוכנדיקער גייסט האָט אַזוי געבענקט...

נאָך די אַלע דורכטראַכטונגען האָט דעווענישסקי קלאָר
באַגריפן, אַז ער האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון אונטער מאַרקס
השפּעה, אַז אַלטע אַווטאָריטעטן, שוין לאַנג „אַנטקרוינטע״, האָבן
צוריק אויפגעטויכט פונם אָפּגרונד פון פאַרגעסנהייט און זיין אָרט
ביי אים פאַרנומען. נאָכמער: אפשר האָט זיך דער מאַרקסיזם
גאָר קיינמאָל ניט אַריינגעגאָסן אין זיין געדאַנקען־אַפּאַראַט

ווי אַ מאָניסטישע איינהייט און גאַנצקייט און קיינמאָל גאָר ניט פאָרמירט זיך אין אַ האַרמאָניש-שלאַנקן וועלט-באַנעם?... ניט איינמאָל האָבן זיינע חברים, אַפילו „אין די בעסטע צייטן", געוואָרפן אים: „איר דענקט ניט מאַרקסיסטיש!" אָדער: „ניט ריין מאַרקסיסטיש!"... טיף אין זיין נשמה האָט געדרעמלט דער טראַנסצענדענטיזם פון פּיטאַגאָראס און רבנו בחיי אבן פּקודה, פון בעש"ט און ווילנער גאון, און קיין שום בעלטאָוון האָט זיך ניט איינגעגעבן צו „צעשמעטערן" ביי אים דעם דערקענטעניש-קריטישן קערן פון קאַנטס פילאָסאָפיע, זיין לערע וועגן וועלט פון ערשיינונגען און וועלט פון ריינעם פאַרשטאַנד, וועגן פרייען ווילן און „קאַטעגאָרישן אימפּעראַטיוו", — און נאָך דעם „איסקרישן" פלעכאַנאָוון — איז ביי אים מיכאַילאָווסקי צוריק באַזונדערס גרויס געוואָרן... דער מאַרקסיזם האָט זיך צייטווייליק צו אים געהאַט בלויז צוגעקלעפּט — — —

ער האָט זיך איצט מיט-אַמאָל דערשפירט אינגאַנצן ווייט פון דער אידעאָלאָגיע פון אַלע זיינע פּאַרטיי-חברים, אַפילו פון די „האַרטע"... ער האָט אַפילו ניט געוואָלט וואַרטן אויפן זיבעטן צוזאַמענפאָר פון „בונד", וואָס איז צושטאַנד געקומען אין לעמבערג פון 15 ביז 26 אַווגוסט 1906, און איז אַוועקגעפאָרן צוריק קיין רוסלאַנד — — —

דער צוזאַמענפאָר האָט באַשלאָסן אַריינצוטרעטן אין דער „פּאַרטיי" אויף די יסודות פונם סטאַטוט פון „פאַראייניקונגס-צוזאַמענפאָר" אין סטאָקהאָלם. קיין שפּאַלטונג איז ניט געשען. אַפילו דער באַגייסטערטסטער פירער פון די „האַרטע", ס. זעל-צער-גראָסער, האָט זיך אין אָרדענונג פון פּאַרטיי-דיסציפּלין אונטערגעוואָרפן דעם באַשלוס פון דער מערהייט, — אפשר דער-פאַר, ווייל ער איז געקומען פון אַן עקסטרעם-אַסימילירטן הויז און האָט ניט געהאַט וואוהין אַנדערש צו גיין זוכן אַ תיקון פאַר זיין אידעלער טיף-ליידנדיקער נשמה... דעוועניסקין אָבער האָט דער באַשלוס טיף אויפגעבראַכט, ניט געקוקט דערויף, וואָס ער האָט, ווייסנדיק די פּסיכאָ-שטימונגען פון דעם מיגליכן מערהייטס-

צונויפשטעל פון די דעלעגאַציעס, געקענט דערוואַרטן אים: לויט זיין מיינונג איז דער באַשלוס געווען אַ טויט=קלאַפּ פאַר דער זעלבשטענדיקער אָרגאַניזאַציע פונם יידישן אַרבעטער=קלאַס און אַ פריי=געעפנטע טיר פאַר דער אַסימילאַציע. פונדעסטוועגן איז אויך ער פון דער אָרגאַניזאַציע ניט אַרויסגעטראָטן, — ער האָט זיך נאָר גענומען ביסלעכווייז דערווייטערן פון דער פּראַקטישער אַרבעט פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, וועלכער ער האָט אָפּגעגעבן די בעסטע יונגע כּוחות זיינע, און איז צום סוף אינגאַנצן אַראָפּ פון דער פּאַרטייאישער סצענע, — ער, חבר אַראָן, וואָס אַרום זיין פּאָפּולערסטן רעוואָלוציאָנערן גאָמען זיינען אין ליטע אין סוף יאָר 1905 געשאַפן געוואָרן גאַנצע לעגענדעס — — —

ער האָט געהאַט אַן איינגעבאָרענע ליבע צו פּינקטליכקייט און האַרמאָניע, צו פּלאַן און סיסטעם, און האָט תּכלית שנאה פיינט=געהאַט סומבור אין געדאַנקען און געזעלשאַפטליכן כאַאָס. די אַלטע יידישקייט איז, לויט זיין אויסדריק, אַ סיסטעם, „אַ סיסטעם פון עטיק", אַ „גאוניש קונסטווערק" פונם פאָלקס=גייסט, און ער האָט זי טיף אין האַרצן ליב געהאַט: דורך דעם שטרענג=טראַדיציאָנעלן חינוך, וואָס ער האָט באַקומען אינם רוסיקן פּאַטריאַרכאַלן שטעטל, האָט זי איבערגעלאָזן אין זיין נשמה דעם טיפסטן רושם. איז געקומען די „השכּלה" מיט איר סיסטעמלאָזיקן שטייגער דענקען און האָט אָנגעמאַכט אין זיין נשמה אַ חורבן, טיפע וואונדן, און אויב מיכאַילאָווסקי האָט געפּרווט די וואונדן היילן, האָט ליליענבלום זיי נאָך מער צעריסן. ער האָט זיך ניט געקענט אַליין פונאַנדערקלייבן אין די פאַרשיידענע שיטות און ער האָט זיך געפילט אומגליקליך. געראַטעוועט אים האָט דער סאָציאַלדעמאָקראַטיזם, וואָס האָט אים „געפאַנגען", ווי אַ נייע האַרמאָנישע סיסטעם פון דענקען און עטיק, וואָס מיט איר הילף וועט די וועלט אַרויס פון איר כאַאָס אַן איבערגעבויטע און באַנייטע. פאַר אַזאַ הויכן ענין איז ווערט צו קעמפן און צו ליידן, — און ער האָט זיך מיט אַ חסידישן ברען אָפּגעטובלט אינם רעוואָלוציאָנערן שטראָם און איז אַרויפגעשטיגן אויפן

רוקן פון דער העכסטער כוואַליע, וואָס זעלטן ווער עס איז זוכה צו אַזאַ הייך. מ'קען זאָגן: ער איז אַריין אין „פרדס" און האָט אַלץ דערזען, אַלע — אַלע סודות... ער האָט דער איינציקער, דער ערשטער גלייך דערזען, אַז די רעוואָלוציע איז אַ טויטגעבאָרן קינד, וואָס האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך בלויז אַ ים אומזיסט פאַרגאָסן, ניט אָפּגערעכנט בלוט און 'נאָך אַ גרעסערן תוהו ובוהו, וואו אַלע באַגריפן זיינען מטושטש און אויסגעמישט געוואָרן... און ערגער פון אַלץ איז געווען, וואָס מענטשן האָבן נאָך געקולותט וועגן אַ זאַך, וואָס איז שוין ניט געווען, ווי וועגן עפּעס, וואָס איז נאָך כלומרשט דאָ... דאַן האָט זיך אַראָן אין זיך פאַרטיפט און האָט זיך איבערצייגט, אַז ער איז שוין מער ניט „חבר אַראָן", אַז ער איז גאָר ווייט פון אים... ער האָט אָבער שטיל און טיף געליטן — געליטן פאַר זיין פאָלק און פאַר אַלע פעלקער, פאַר זיין דור און פאַר די פאַרפּייניקטע און אומגעקומענע פון אַלע דורות... ער האָט דערשפּירט, אַז ער נייטיקט זיך אין השתפּכות=הנפש — אפשר בלויז פאַר זיך אַליין — און ער האָט באַשלאָסן, אַז זיין באַרוף איז—ליטעראַטור, די יידישע שיינע ליטעראַטור — — —

און ער איז אויפגעטראָטן אין אונזער ליטעראַטור מיט אַ נאָוועלע „אין וועג" („פאָלקסצייטונג" נ' 203, פרייטאָג ו' כסלו תרס"ז — 10/23 נאָוועמבער 1906) אונטער אַ נייעם, תחילת אומפאַרשטענדליכן נאָמען: אַ. ווייטער.

---

אַ. ווייטער האָט זיך דערווייטערט בלויז פון דער פּראַקטישער אַרבעט. ער האָט אָבער אָנטיילגענומען כמעט אין אַלע ליטעראַרישע אונטערנעמונגען פון „בונד". אין „וועקער", וואָס האָט אָנגעהויבן אַרויסגיין דעם 25=טן דעצ. 1905, איז ער פאַררעכנט געווען צווישן די מיטאַרבעטער פון דער צייטונג אונטערן נאָמען: דעוועניששקי י. (נ. אַנין). אָבער אין משך פון כמעט אַ יאָר האָט ער גאָרנישט געשיקט ניט אין „וועקער" ניט אין „פאָלקסצייטונג", וואָס איז אַרויס אָנשטאָטן פאַר=

מאַכטן „יועקער‟. ער האָט פאַר דעם יאָר 1906 דווקא אַ סך געשריבן און אָנגעשריבן, אָבער ער האָט זיך ניט געאײַלט צו דרוקן. אַלץ, וואָס ער האָט געשריבן, איז געווען — השתפכות הנפש, און דרוקן פלעגט ער ערשט דאַן, ווען עס פלעגט אַרויסקומען אין דער פאָרם פון אַ דערציילונג אָדער אַרטיקל. און אַלץ, וואָס ער האָט געשריבן, איז געווען ניי און אייגנאַרטיק פאַרענדיקט. שוין די עטליכע לידער פון די יינגסטע יאָרן א. ווייטערס, וואָס זיינען איינגעהיט געוואָרן בײַ זיינע יוגנט־פריינד און ערשט נאָך זיין טויט פאַרעפנטליכט געוואָרן אין „הצפירה‟, „ווייטער־בוך‟ און אַריין צולעצט אין די „כתבים‟, צייכענען זיך אויס מיט אַ גאַנץ רייפער פאָרם און אינטערעסאַנטן אינהאַלט. די קליינע אויבנדערמאָנטע ערשטע נאָוועלע זיינע איז כאַראַקטעריסטיש פאַרן גאַנצן ווייטערדיקן ווייטערן.

דער סיוזשעט פון „אין וועג‟ איז אַ קורצער אָפּגעהאַקטער דיאַלאָג פונם מחבר מיט אַן אַלטן גרויען פרומען יידן אין אַ שפּעטן פינסטערן פרייטאָג־צו־נאַכט אין וואַגאָן. אַ דיאַלאָג, — אָבער גיכער אַ מאָנאָלאָג. ס׳פּילט זיך דער ציטער פונם אַוואָרס נשמה. דער ייד קומט אים אויס ווי „זיין אייגענער טאַטע‟. ער הערט אין זיין קול „צערטליכע ליבליכע נאָטן‟. בײַם יידן— „זיך קיין קינדער ניט געהאַלטן‟, איינער נאָר געבליבן, — האָט „די נאַרישע מאַמע אים צעלאָזן געמאַכט, אים אומגליקליך געמאַכט‟. ער, דער טאַטע, קיין סצענעס ניט געוואָלט און שוין אויך אַלץ נאָכגעגעבן: „רוסיש — איז רוסיש, קורצע פאות, קורצע רעקלעך‟, — נאָר איין זאַך געוועלט — „דעם פונק יידישקייט איינהיטן, ער זאָל ניט פאַרלאָשן ווערן‟. דער זון — „אַ שיינער מענטש, אַן איידעלער‟, אָבער „ניט געשוינט ניט די עלטערן ניט זיך‟, „איז אויסגעווען אין תפיסה, אין שניי־מדבריות, הינטער די הרי־חושך‟... און אַז ער איז צוריקגעקומען, איז דער פאָטער שוין גרוי געווען און די מוטער — קראַנק... ער האָט אָבער אויך איצט ניט געקוקט ניט אויף זיי, ניט אויף זיך — און איז אַוועקגעפאָרן... איצט געקומען אַ ידיעה: „פעלד־געריכט‟!.. האָט דער רב געפּסקנט, אַז מ׳מעג פאָרן אום שבת — ראַטעווען

דעם זון... דעם יידן גלויבט זיך אָבער ניט אין אַ ישועה, אין זיין נשמה קומט פאַר אַ געראַנגל מיט אַ גאָטלאָזן געדאַנק און ער באַקומט דעם אויסזען — פון אַן אָבל... די נאַכט בלייבט פינסטער, אַ צייטנווייז ווינקענדיק פייערל פאַרבײַ וואַגאָן — ווערט באַלד פאַרלאָשן...

די נאָוועלע איז, קלאָר, אַוטאָביאָגראַפיש. אין קורצע שטריכן און געפרעסטע זאַץ-בילדער אָפּגעשילדערט די טיפן און ס'פאַמיליען-לעבן פון זיינע עלטערן בשייכות צו אים. דאָ הערן מיר דעם אָפּקלאַנג פון דער סצענע צווישן פאָטער און זון אין קאָוונע, וואו ס'איז צו ערשט אַרויפגעשוואומען ווייטערס באַליבטער טערמין „נייער ייד", ווי אויך אַ רמז אויף דער ענ-דערונג אין דער פסיכיק פון שמואלן, וואָס האָט געלאָזן מלכהן מיטן פלימעניק פאָרן פרייטאָג צו נאַכט — „ראַטעווען" דעם זון... אומדירעקט האָבן מיר דאָ אויך אַ רמז, אַז ווייטער אַליין האָט זיך געריכט אויף דער גרעסטער שטראָף אין פאַל, ווען מ'זאָל אים כאַפּן — — —

די שילדערונג איז עכט, געטריי; דער טאָן — ליריש, אינטים; דער סטיל — קורץ און געפרעסט, פאַר יענער צייט — ניי.

אין „פצ"ג" נ' 208 האָט ער פאַרעפנטליכט אַ דערציילונג „יובל", אין נ' 221 — „אין דער פרעמד" און אין 245 — „אשת-איש".

„יובל" — איז אַ בילד פון אַ קליינשטעטלשן אָרימען מוזי-קאַנט, אַ פידלער, וואָס איז פאַרליבט געווען אין פיאַנע און וואָס דער שטעטלשער לץ האָט אים אַ נאָמען געגעבן יובל נאָכן ביבלישן פאָטער פון אַלע מוזיקער. יובל האָט געהאַט אַן אייגענע אַלטע פיאַנע, וואָס איז „זיין קליינינקער אָרון-קודש געווען", און ער פלעגט אויף איר שפּילן בלויז אין דערהייבענע פייער-ליכע מאָמענטן. קיין נאָטן האָט ער ניט געקענט, האָט ער זיך געשאַפן אַן אייגענעם, אייגנאַרטיקן „כלי-זמרשן אַלף-בית" און האָט ליב געהאַט צו פאַרשרייבן אַלץ נייע ניגונים. איינמאָל האָט ער ערגעץ געהערט די „מאַרסעליעזע" און האָט זי אין התפעלות תיכף ביי זיך אין זיין געהיימען נאָטן-בוך פאַרשריבן און גע-

וואַרט אויף אַ פייערליכן מאָמענט זי צו שפּילן. צום סוף איז געקומען דער „שטרייק". „די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג איז געווען אויפן מאַרק און אַ רויסע פאָנע האָט געפלאַטערט איבער דער מענגע, און אינמיטן, העכער פון אַלעמען, איז עמיק אַ בליי־כער געשטאַנען און משונה הויך געשריען: „גלויבט ניט"!... און אַלע האָבן דאָך געגלויבט און עס איז אַלעמען געווען גרינג און פרייליך, ווי אין אַ זומער־יום־טוב, און אפילו דער, וואָס איז געווען אַזוי האַרטנעקיק אין זיין צווייפל, האָט אַליין אויך געגלויבט... און דער עולם האָט אָנגע־הויבן גיין מיט דער פאָנע פאַראויס און „אין דער מענגע—יובל מיט זיין אָרקעסטער". ער האָט אין באַגייסטערונג „אויף זיין אייגענער פידעלע אונטערגעכאַפּט: „און מאַכט פון שקלאַפעריי אַן ענד"!... אינאַוונט האָט ער דאַסזעלביקע אַקאָמפּאַנירט אויף זיין פּיאַנע... אויף מאָרגן — נקמה פאַר דער מוזיק: אַ פּאָגראָם! אין רעזולטאַט — אויך יובלס פּיאַנע צעבראָכן. יובל איז משוגע געוואָרן...

דאָ האָט ווייטער געגעבן אַ טיפּ, אַ קינסטלערישע בילד. מ'דאַרף נאָר וועלן אויף אַ ווײַלע כאָטש באַפרייען זיך פונם ליטעראַרישן אָבערגלויבן, וואָס האָט זיך איינגעבירגערט בנוגע ווייטערס שאַפן בכלל, און אַריינטראַכטן זיך אין אָט דער זאַך, — דאַן וועט מען מוזן מודה זיין — — —

און ווידער אַ שליסל צום פאַרשטיין ווייטערן: „און אַפילו דער, וואָס איז געווען אַזוי האַרטנעקיק אין זיין צווייפל (גע־שריען: „גלויבט ניט!"), האָט אַליין אויך געגלויבט"...

---

„אין דער פרעמד" איז אַ ריינער פסיכאָלאָגישער עטיוד. דאָ ווערט אין דינע, פיינע שטריכן געשילדערט די איבערלע־בונג פון אַ יידישער רעוואָלוציאָנערין, וואָס האָט זיך אין סיביר פאַרבונדן מיט אַ פּאָליטיש־פאַרשיקטן פּאָליאַק און דורכגעמאַכט מיט אים דאָס „לויפן", דאָס לעבן „אין דער גרויסער רוישנדי־קער שטאָט", נאָכדעם אין אויסלאַנד... ער האָט „געאַרבעט" און

זי —- איז געווען אין שטוב מיט אַ קינד... זי — האָט זיין שפּראַך ניט פאַרשטאַנען, ער — איר נשמה... זי — שמדן זיך? זיי גלויבן דאָך ביידע ניט!... זי — צום סוף אַלס געוואָרן אָן אַ צייט, פאַרוועלקט — בעת נאָך גאָר ניט געלעבט... נאָגנדיקע בענקשאַפט... אַלץ פרעמד: ער, ווי זיינע חברים, וואָס קוקן זיך אויף איר ניט אום, דאָס קינד... וואָלט וועלן צוריק — צו אייגענע, נאָענטע, ליבע; וואָלט וועלן ווידער יונג ווערן, מונטער, ווי אַמאָל, און אָנהייבן דאָס לעבן פונסניי, — אָבער שוין שפּעט, פאַרפאַלן!...

דא איז אין אָריגינעל=דעליקאַטע און ציטערדיקע שטריכן איבערגעגעבן געוואָרן די טראַגעדיע פון דער יידישער מאָדערנער פרוי, וואָס שטרעבט צו פולשטענדיקער עמאַנציפּאַציע, צו נייער ריינער אידעאַלער ליבע, צו אַ ליבע, וואָס דאַרף, לויט ווי ס'מיינט דער מאָדערנער ייד, ניט וויסן פון קיין שום ראַסנדיקע, נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע גרעניצן און אָבערגלויבנס, — און פאַלט סוף=כל=סוף אַריין אין דערזעלביקער סאָציאַלער פאַרשקלאַפונג, ווי איר ניט=מאָדערנע שוועסטער, און באַגעגנט אינם ליבסטן פרייסטן פון דער פרעמדער נאַציאָנאַליטעט — אַ פרעמדן, וואָס האָט זיך טיף=טיף אין דער נשמה ניט אָפּגעזאָגט פון קיין שום ראַסנדיקע, נאַציאָנאַלע און אַפילו רעליגיעזע אָבערגלויבנס — — —

„אשת=איש” איז ניט קיין דערציילונג אין אייגנטליכן זין פון וואָרט, נאָר אַ שילדערונג פון די אַיינדרוקן, וואָס קליינע קינדער האָבן באַקומען פון דער דערציילונג פון די גרויסע: „לידע ברענט” און קליינע עופעלעך שטאַרבן אויס — איבער די זינד פון יונגן דור, איבער אַ „אשת=איש”. די קלייגע קינדער זיינען דערשיטערט און קענען ניט באַנעמען: „ווי האָבן דאָס די בחורים אַזוינע אַייזערנע הערצער, וואָס קענען ניט פילן, אַז צוליב זייערע זינד ליגן קראַנקע מאַמעס און גוססן און קליינטשינקע קינדער שטאַרבן, און עס שטייען שוין אַזויפיל קליינע שטיינדלעך אָנשטאָט מצבות אויף דעם אַלטן בית עולם... דאָך קומט דער מחבר צום אויספיר, אַז די אַמאָליקע זינד זיינען

קעגן די נייע אַלמענטשליכע—קליינינקע און נישטיקע... און ער ענדיקט, אַז „כאָטש די קינדהייט און די יוגנט זיינען אַזוי טרויעריק און איינזאַם געווען, דאָך ווילט זיך, ווער ווייס פאַרוואָס, זיי צוריקקערן”...

כמעט דערזעלביקער מאָטיוו פון „צוריקקערן דאָס פאַרגאַנגענע”, וואָס „אין דער פרעמד” — — —

אין „פצ”ג” נומ. 272 (30 יאַנ. 1907) האָט א. ווייטער פאַרעפנטליכט אַ גרויסן גלענצנדיקן אַרטיקל „דער גאַליציאַנער בונד”, וואָס האָט געזאָלט זיין אַן ערשטער פון אַ גאַנצער ריי אַרטיקלען אונטערן זעלביקן נאָמען. די איבעריקע אַרטיקלען זיינען אָבער ניט דערשינען — צי מחמת רעדאַקציאָנס־סיבות אָדער ווייל ער האָט זיי אַליין מבער געווען, ווי ער פלעגט עס אָפט טאָן, — בכל אופן אָנגעשריבן זיינען זיי געווען. דער דאָזיקער אַרטיקל א. ווייטערס און די אַנדערע אַרטיקלען זיינע אין לעמבערגער „סאָציאַלדעמאָקראַט” זיינען עדות פון זיין גרויסער ערודיציע אין פראָפעסיאָנעלע פראַגן און אין דער געשיכטע פון דער ס. ד. און האָבן אַ וויכטיקע באַדייטונג פאַר דער געשיכטע פון די באַציאונגען פון פ. פ. ס. צו דער פאַרטיי פון יידישן אַרבעטער־קלאַס.

אונטער דער דאָזיקער גאַנצער צייט האָט אַ. ווייטער אונטער פאַרשיידענע אומלעגאַלע נעמען אָן אויפהער אומגעוואַנדערט איבערן יידישן „תחום המושב”, קאָרעספאָנדירט אין „פצ”ג” אונטערן פסעוודאָנים „אַנין” פון באָברויסק און אַנדערע שטעט און געשריבן אַ סך בעלעטריסטיק, נעמענדיק נאָך אַלץ אַן אָנטייל אין געוויסע פאַרטייאישע אַרבעטן, באַזונדערס ליטעראַרישע. אונטערן פסעוודאָנים „דע” האָט ער באַאַרבעט פאַרן בונדישן פאַרלאַג „די וועלט” אַ גרויסע פאָפולער־וויסנשאַפטליכע היסטאָרישע בראָשור „דאָס 48־סטע יאָר אין פראַנקרייך”, וואָס איז אַרויס אין זעלביקן יאָר 1907.

אַן ערך סוף פעברואַר איז ער געקומען קיין מינסק. דאָ האָט ער שוין געטראָגן דעם נאָמען „ראובן גורעוויטש”. אין מינסק האָט דעמאָלט פונקציאָנירט אַ יידישער פאַרלאַג „קולטור”,

וואָס איז געווען אַ צענטער פאַר ליטעראַטן, אַרטיסטן און גע=
זעלשאַפטליכע טוער. דאָ האָט זיך אַ. ווייטער געטראָפן מיט זיין
אַלטן באַקאַנטן פון קאָוונע אברהם רייזין, מיט די דיכטער
יוסף ראָלניק, שרה רייזען און יהודית (רחל
בערנשטיין), מיט גערציקן א. אַ. און באַקומען גיך די
גרעסטע באַקאַנטשאַפטן. ער האָט דאַן ענערגיש געאַרבעט איבער
זיין דראַמאַטישער פּאָעמע „פאַרטאָג", געטראָגן זיך מיט פּלענער
וועגן אַ מאָדערנעם יידישן טעאַטער און אונטערנומען אָרגאַניזירן
אַ ספּעקטאַקל „למובת אַ ענין כמוס", לטובת אַרעסטירטע
שניידער=אַרבעטער... צו דעם צוועק האָבן די זשורנאַליסטן
אָקונעוו און י. אַלפּעראָוויטש צונויפגעפירט אים
מיטן רעדאַקטאָר פון אַ מינסקער רוסישער צייטונג מענדל
עלקין, וואָס איז געווען באַוואוסט פאַר אַ „טעאַטער=
מענטש". און די אַרבעט האָט זיך אָנגעהויבן. אַ. ווייטער האָט
אויסגעקליבן צו שטעלן די דריי=אַקטיקע סאָציאַלע דראַמע פון
מאַקס האַלבע „דער שטראָם", וואָס ער האָט צוזאַמען מיט שרה
רייזען און מענדל עלקין איבערגעזעצט אין משך פון דריי טעג,
יעדערער צו איין אַקט, און האָט זי נאָכדעם אַליין אינגאַנצן
אויסגעבעסערט. אין דער אויספירונג האָבן אָנטייל גענומען דער
קינסטלער פּינעס, עלקין, שרה רייזען א. אַ. ווייטער האָט זיך
אַליין אויך באַטייליקט אין שפּילן און האָט רעפּעטירט די הויפּט=
ראָלע פון הערמאַן. מענדל עלקין גיט וועגן ווייטערס רעפּעטי=
ציעס פאָלגנדיקע כאַראַקטעריסטיק: „דאָס אויג פונם באַאָבאַכ=
טער האָט תיכף באַמערקט, וואָס אַזוינס ווייטער איז פאַרן טע=
אַטער... ווי נאָר ער איז אויפגעטראָטן אויף די ברעטער פון
דער בינע, איז ער אַן אַנדער מענטש געוואָרן, פול רעספּעקט
צו יעדן ווינקעלע, אויפמערקזאַם צו יעדער קלייניקייט און באַ=
גייסטערט... פון די אויגן האָבן פונקען געשאָטן און ביי דער
העכסטער שפּאַנונג אויף דער ביגע פלעגט זיך ביי אים פון
האַרץ ווי אַ וויי=געשריי אַרויסרייסן: אַך, אַך!"...

ס'זיינען שוין געווען אויסגעקלעפּט אַפישן, אויף די בי=
לעטן אין שטאָט=טעאַטער איז געוואָרן אַן אויסכאַפּעניש, נאָר —

פלוצלינג האָט זיך פּאָליציי דערוואוסט, אַז דער גאַנצער ענין איז אַ „טרֵיפער", און האָט אין אַן אָוונט דורכגעפירט מאַסן־אַרעסטן אין שטאָט, אַ הויזזוכונג אויך אין ווייטער־גורעוויטשעס וואוינונג, און פאַרווערט דעם ספּעקטאַקל. ווייטער איז ניצול געוואָרן פון אַרעסט דורך אַ פשוטן צופאַל: די פּאָליציאַנטן האָבן אים געזוכט מיט פייער הינטער אַ שטויס האָלץ, וואו ער איז געווען באַהאַלטן, נאָר איבער זייערע אייגענע שאָטנס, וואָס זיינען געפאַלן אויף אים, האָבן זיי אים ניט געזען.

ווייטער האָט דעמאָלט מיטגעאַרבעט אין דער מינסקער רוסישער פּרעסע און געליטן גרויס נויט, אָבער ער האָט וועגן דעם ניט געטראַכט: ער איז געווען איינגעליבט אין דער יידישער ליטעראַטור און באַגייסטערט פון דער טעאַטער־אידעע, פול ענטוזיאַסטישן אָפּטימיזם, און „די הויפּט־טעמע פון זיינע שמועסן איז געווען וועגן דער טעאַטער־פּראָבלעם בכלל און יידישן טעאַטער בפרט".

זיין וואוינונג אין שטאָט איז „דורכגעפאַלן", האָט ער זיך באַזעצט אין אַ שטילן ניט־יידישן ווינקל אויפן ברעג פון טייך סוויסלאָטש אין אַ גאָרטנדיקער סביבה, וואו ער האָט פאַרענדיקט זיין „פאַרטאָג". אין דער צייט האָט ער פאַרעפנטליכט אַ סקיצע „אין אַ שטעטל" אין י. אַלפּעראָוויטשעס פּסח־זאַמלונג „פרייהייט",—וואו ס'האָבן זיך צווישן אַנדערע באַטייליקט אויך י. ל. פּרץ, א. ליעסין, ד. פּינסקי און ד. פרישמאַן,—און אַ סקיצע „אַמאָל" אין „פאָלקס־צייטונג" נ' 333 (17 אַפּריל).

די ערשטע סקיצע הייבט זיך אָן מיט דער פראַגע פון אַ פאַרזאָרגטער מיידל: „ווען איז אין שטעטל בעסער געווען: אַמאָל צי היינט?" „אַמאָל איז דאָס שטעטל לעבעדיק און באַרימט געווען, ביידע בתּי־מדרשים זיינען איבערפילט געווען מיט יונגע בחורים, האָבן אַנטהאַלטן דעם אוצר פון גאַנץ ישראל"; „דריי הונדערט יונגע שטימען האָבן פאַרהילכט דאָס שטעטל מיט זייערע הילכיקע גמרא־ניגונים" און געפאַנגען די מיידלשע הערצער... יענע מיידלעך זיינען גליקליך געווען... ביסלעכווייז זיינען די בתּי־מדרשים ליידיק געוואָרן פון יונגע, און נייע ניגונים

האָבן אין שטעטל הילכן געגומען. שטעטלשע נייע מענטשן, פון שטאָט געקומענע, האָבן געפּרווט איפּבּרויזן דאָס שטעטל, אָבער שוואַך און נישטיק איז דאָס שטעטל געוואָרן און פאַרשקלאַפט ביי דער שטאָט... זי—האָט אויך דאָס נייע דורכגעמאַכט, אָבער ביזן סוף ניט געקענט. די יונגע, די אַרבעטנדיקע גייען פון שטעטל אַוועק, און די בעל־הבתישע קינדער פאַר־בלייבן און ווערן פאַרוועלקט... זי זוכט אַן אויסוועג און גע־פינט ניט...

פונקט ווי אין אַלע פריערדיקע סקיצן: קיין שום איבער־ראַשנדיקע עפעקטן, אָבער שטילער טרויער, טיפער צער און נאָגנדיקע בענקשאַפט נאָך עפּעס האַרמאָנישס, וואָס איז אַוועק און וועט שוין מער צוריק ניט קומען — — —

די טעמע פון „אמאָל" — אַ פאָסט־טאָג אין סיבירער „ססילקע" — איז שוין אַ סך מאָל פון אַנדערע באַרירט געוואָרן, אָבער ביי וויטערן קומט זי אויס באַזונדערס אָריגינעל: אַ באַקו־מענער בריוו מיט אַ ידיעה, אַז אין ווילנע האָט מען דעם 1־טן מאַי געשמיסן די דעמאָנסטראַנטן, מאַכט אויף די פּאָליטישע פאַרשיקטע, וואָס האָבן געוואַרט אויפן ברעג טייך, אַן אויפ־טרייסלדיקן רושם... אַ ווייטאָג פון שאַנד... „עס האָט זיך גע־דוכט, אַז עס שוועבן צווישן דעם טייך און דעם הימל די אויס־געפּייניקטע מאַרטירער־נשמות, וואָס זיינען צו פרי אויף דער ערד געקומען און געמוזט אונטערגיין"...

דאָ שפּירט זיך דאָס שטאַרקע לעכצן נאָך נקמה פאַר די פאַרפּייניקטע מאַרטירער און די אומגעוואַקלטע אַנטשלאָסנקייט: „מען איז געלאָפן"...

וואָס ווייטער האָט אַ. ווייטער אַלץ מער אַנטפּלעקט אין בילדער און אין שטימונגען זיינע אייגענע ספקות, צער און בענקשאַפט, און אַז אים פלעגט גאָר ענג ווערן אין די דלת־אַמות פון זיין צימערל אויפן ברעג פונם סוויסלאַטש, פלעגט ער קומען אין שטאָט אַריין צעשטרייען זיך אין דער געזעלשאַפט פונם העכסט־געבילדעטן לערער שמואל בערנשטיין (ז"ל), דעם מאַן פון דער דיכטערין יהודית,—דעם מערקווירדיקן אָריגינעלן מענטשן, וואָס

זיין הויז איז געווען אַ זיכערער מקום מקלט פאַר אומלעגאַלע
און פּאָליטישע פּליטים און אַ פּולשטענדיקער בית ועד לחכמים.
דאָ האָט זיך געבילדעט אַן אייגנאַרטיק קרייזל, וואו מ׳האָט גע־
קענט טרעפן די פאַרשיידנאַרטיקסטע טיפּן און פּערזענליכקייטן:
די ליטעראַרישע משפּחה ר י י ז ע ן און דעם דערמאָנטן דיכטער
י ו ס ף ר אָ ל נ י ק ן, דעם עקסצענטרישן איבער־אָריגינעלן ק אָ־
ל י ע ט ע פּ ע ר ן און דעם געוועזענעם „איסקראָוועץ" און קורצ־
יאָריקן „בעל־תשובה" ס ט אָ ל פּ נ ע ר ן, בונדישע טוער, ס. ד.
און ס.־ר, יידן און קריסטן, מיסיאָנערן און סעקטאַנטן, וויסנ־
שאַפטסלייט, אַרטיסטן און קינסטלער. אָבער באַליבט ביי אַלעמען
איז געווען אַ. ווייטער. ווי מאַטעריעל ניט געליטן, איז ער
אַלעמאָל געגאַנגען געקליידט אייגנאַרטיק באַשיידן־עלעגאַנט און
אַריסטאָקראַטיש; געווען צו אַלעמען ליבנסווירדיק, ליבליך, האַר־
ציק, כאָטש ביז אַ געוויסן גראַד צוריקגעהאַלטן; אַפילו אין מאָמענטן
פון אינעווייניקסטער טיפער אויפרעגונג אויף עמיצן—העכסט
דזשענטלמעניש. אַן אויסערגעוויינליכער האַרציקער קולטור־
מענטש. און ער האָט מיט זיין פּערזענליכקייט אומעטום און אַלע־
מען אימפּאָנירט. מ׳האָט אים פּשוט ליב באַקומען און ער איז
געוואָרן די נשמה פון דער אינטעליגענטער געזעלשאַפט. אינם
קרייזל ביי שמואל בערנשטיין פלעגן ניט אויפהערן קיין וויכוחים
בוכשטעבליך וועגן אַלע פּראַגן, וואָס זיינען דעמאָלט געשטאַנען
„ברומו של עולם", און די דיסקוסיעס האָבן זיך געפירט, ווי דער
מנהג איז דאַן געווען ביי יידן,—אויף דער פרעמדער שפּראַך—
אויף רוסיש. האָט ווייטער מיט־אַמאָל גענומען ריידן יידיש און
דערוויזן, אַז מ׳מוז ריידן דווקא יידיש. ער איז געווען אַנטציקט
פונם רענעסאַנס פון די רוטענער און האָט אָנגעהויבן ריידן
וועגן אַ י י ד י ש ן ר ע נ ע ס אַ נ ס. דאָס איז פאַר דער מינסקער
יידישער אינטעליגענץ געווען אַ סענסאַציע. זי האָט דערפון ניט
געהאַלטן, האָט אָבער דערשפּירט דעם טיפסטן רעספּעקט צו זיינע
„אָריגינעלע און געוואַגטע אידעען". ער האָט דער ערשטער מיט
זיין גייסטיקן אויג דערזען די נייע שפּראָצלינגען פון דער יידי־
שער קולטור, אַז זיי זיינען ניט קיין צופעליקייט, נאָר אַן אומ־

פֿאַרמיידליכער פּועל יוצא פֿונם ייִדיש־היסטאָרישן אַנטוויקלונגס־פּראָצעס, און האָט דער ערשטער הילכיק אַרויסגעזאָגט דאָס געפֿליגלטע וואָרט: רענעסאַנס!

זיין נשמה איז שוין אינגאַנצן געווען דורכגעדרונגען מיט דעם און זיין געדאַנק האָט בלויז געאַרבעט איבער דער פֿראַגע, ווי דאָס דורכצופֿירן. און ער איז געקומען צום אויספֿיר, אַז דער ריכטיקער אָרט איז — ווילנע, וואו מ׳וועט אים בעסער פֿאַרשטיין. און באַלד טאַקע, אין יוני, איז ער געקומען קיין ווילנע, ניט געקוקט דערויף, וואָס דאָ האָט ער ריזיקירט מיט זיין פֿרייהייט מער ווי ערגעץ אַנדערש.

דאָ האָט ער תּיכף אָפּגעגעבן דעם פֿאַרלאַג „די וועלט" צו דרוקן זיין „פֿאַרטאָג". אַז ער איז דעם ערשטן מאָל אַריין אין דרוקעריי פֿון „בונד", וואָס האָט געהאַט רעכט צו עקסיסטירן בלויז אויפֿן נאָמען פֿון אַ פּריוואַטער פּערזאָן, זיינען די אַרבעטער אַריין אין אויפֿריכטיקער התפּעלות און פֿון גרויס שמחה האָבן זיי אַוועקגעלייגט די אַרבעט און אים אַרומגערינגלט פֿון אַלע זייטן... אַפֿילו די אַ ביסל עלטערע אַרבעטער, די באַוואוסטע ערנסטע בונדישע טוער איסר ראַבקין און שלום לעווין, זיינען ניט אָפּגעשטאַנען פֿונם יונגן עולם און באַגייסטערט אים אויסגעדריקט זייער פֿרייד, וואָס זיי זעען אים. אין דער דאָזיקער אַטמאָספֿערע פֿון הארציקער ליבשאַפֿט צו אים מצד די אַרבעטער האָט א. ווייטער פֿאַרגעסן דעם טיפֿן צער פֿון זיין האַרצן, איז מונטער און פֿריילעך געוואָרן און האָט דער־ציילט מאַסן שאַרפֿזיניקע און סאַרקאַסטישע אַנעקדאָטן פֿונם לעבן פֿון דער מינסקער אינטעליגענץ — — — מיט אַ באַזונ־דערן פֿאַרגעניגן האָבן די אַרבעטער געזעצט דעם „פֿאַרטאָג", וואָס עס איז אַ זעלטענע ערשיינונג ביי זעצער... און אַז די פּאָעמע איז אַרויס פֿון דרוק, האָט זי געמאַכט אויף די אַרבעטער פּונקט אַזאַ רושם, ווי אַמאָל פּרצס „בלעטלעך", און זיי האָבן אין איר געלערנט פּשט, דרוש, רמז און סוד — — —

„פֿאַרטאָג" איז אַ דראַמאַטישע פּאָעמע, ווי דער מחבר האָט זי גוט־דורכגעטראַכט אָנגערופֿן, — ניט קיין סצענישע דראַמע

מיט קלאָרע פּערסאָנאַזשן און בולט־אויסגעשפּראָכענע טיפּן, מיט קאָנקרעטע אָביעקטן פון געראַנגל און צוזאַמענשטויסן, נאָר אַ דראַמאַטישע פּאָעמע פון א. ווייטערס טיף־ליידנדיקער נשמה, פון זיין אייגענער פּערזענליכקייט, מיט אירע אינזיכדיקע צוזאַמענשטויסן און געראַנגלען, — געגעבן אין אַ סימבאָלישער פאָרם. אויסערליך איז דאָ אַן אָרט, אַ צייט און אַ פאַרבינדונג מיטן כלל, מיט ערגעץ אַ ווייטן כלל. אַ גרופּע יידישע סטודענטן און סטודענטינס אין בערן דערוויסט זיך אין דער נאַכט פון 9־טן יאַנוואַר 1905, אַז אין רוסלאַנד איז שוין „פאַרטאָג", אַז באַלד וועט דאָרטן אָנקומען דער אַזוי לאַנג געווינטשטער און געגאַרטער טאָג, און די פאַנטאַזיע שילדערט בילדער איינס דערהייבענער פון אַנדערן. אָבער דאָס פאָדערט געראַנגל און געראַנגל פאָדערט קרבנות. רייסט זיך די יוגנט צום געראַנגל און איז גרייט אויף קרבנות. מיט־אַמאָל האָט אין דער פאַרפרעמדטער יידישער אינטעליגענץ אויפגעלעבט אַ בענקשאַפט נאָך דער היים, צו די יידישע פאָלקס־מאַסן:

... די גאַס
די אָרמע יידיש־גאַס, זי רופט
די קינדער אירע פון דער פרעמד...
זי וואַרט אויף די, וואָס זיינען יונג,
וואָס זיינען שטאַרק און דרייסט און שטאָלץ,
וואָס קאָנען ברענגען מוט און ליכט...
זי רופט, זי וואַרט...

די פּערזאָנען זיינען אַלע פאַרנעפּלט, אָן נעמען, אויסער איינער, דער הויפּט־פּערזאָן, וואָס האָט אַ נאָמען — סאָניע, וואָס פּערזאָניפיצירט — ווייטערס אומרואיקע נשמה... אויב מיר וועלן אַזוי פאַרשטיין, וועט אונז קלאָר ווערן די גאַנצע פּאָעמע און איר סימבאָליזם.

די פּאָעמע באַשטייט פון פיר אַקטן. אין ערשטן אַקט זיצט סאָניע אין איר צימער און וואַרט אויף נייעס, וואָס עס ברענגען איר פאַרשיידענע „געסט" (סימבאָלן). איר בענקשאַפט

נאָך דער היים ווערט אַלץ שטאַרקער און איר באַגייסטערונג פון די צוקונפטס-בילדער שטייגט. איר פאַנטאַזיע צעשפּילט זיך און אין צווייטן און דריטן אַקט באַווייזן זיך פאַר איר—שאָטנס: פון זיידן, פון טאַטן, פון דער מאַמען, פון דער שוועסטער, פון „אומגעקומענע". דאָ קומען פאָר דיאַלאָגן, וואָס דערמאָנען דעם גערא̈נגל פון „עלטערן און קינדער", כאַראַקטעריסטישע מאָ-מענטן פון ווייטערס לעבנס-געשיכטע. די משפּחה וויל ניט לאָזן זי גיין אויף אומקום, אָבער די „אומגעקומענע" פאָדערן פון איר אָנצונעמען דעם „לאָרבער-קראַנץ" פון אַ מאַרטירערע, רופן זי אַהין, וואו

„עס שוועבט דער טויט אויף הויכע בערג
און אויף דעם אָפּגרונד הענגט דער פעלז...
דאָרט ווערט מען גרויס אין אונטערגאַנג,
דעם לאָרבער-קראַנץ ברענגט-מיט—דער טויט"...

אין דערזעלביקער צייט וויל סאָניע לעבן, פּשוט לעבן און געניסן פון לעבן... אין אירע אויערן קלינגט אַ וואונדערבאַר ליד:

אַמאָל האָט אַ יונגפרוי ביים טייכל געלעבט
אין נעצן פון שטראַלן און גינגאָלד געוועבט.
א ייִנגלינג, צום טאָפּאָל געגליכן און שיין,
פלעגט קומען טאָג-טעגליך צום טייכל צוגיין"...

צום סוף דערהערט זי די שטים פון „אומבאַקאַנטן", אַן אומגעקומענעם, וואָס טראָגט איר רינג:

„סאָניע גייט צוריק צו מיר;
סאָניע מוז דאָך גיין צו מיר,
ווייל איך טראָג איר רינג ביז איצט,
ווייל זי טראָגט אויך מיינעם רינג...
רינגען זיינען קייטן דאָך,
רינגען שמידן מענטשן איין,
זיי צערייסן קאָנסטו ניט!"

דער זיידע באַווייזט זיך ווידער, הערט פון „אומבאַקאַנטן" מאָדנע ווערטער: „מיר זיינען קינדער פון פאָלק, יידישע קינדער,

נאָר נייע און יונגע, מענטשן און יידן, שטאָלצע און דרייסטע, קינדער פון פאָלק!"...

דאַן גיט ער די נייע זיין ברכה — — —

אין פּערטן אַקט האָט זיך סאָני׳ע אַנטשלאָסן... דער ניכ־טערער סקעפּטיציזם טריפט נאָך אַריין אייניקע גאַנץ ביטערע גאַליקע טראָפּנס אין דער פייערליכער שטימונג, אָבער זי מעל־דעט: „מענטשן דאַרפן גיין אין דער הייך, צו נייע ליכטער, צום אייביקן ציל... אין שוואַרצן אָפּגרונד קומען אַלע אום, אָבער עפּעס בלייבט! זוכט דאָס עפּעס, זוכט דעם קערן!"..

אין דער דאָזיקער פּאָעמע איז האַרמאָניש פאַרבונדן דער באַפרייאונגס-געראַנגל מיטן יידישן רענעסאַנס, מיטן ווידער־געבורט פונם נייעם יידן, יידן־מענטשן, און אַ דיטי־ראַמבוס אַ יחיד במינו וועגן דער דאָזיקער צוויי־אייניקייט גע־זונגען פון האַרצן, וואָס לאָזט זיך ניט פאַרגעסן. אַ רייַ רעאַלע בילדער (די בערנער בירגער), די שטימונגען פון דער יידישער אינטעליגענץ אין די „יאַנוואַר־טעג" אין די אויסלענדישע קאָלאָ־ניעס און די כאַראַקטערן פון זיידן (דעם גאַנצן און שטאָלצן יידן, וואָס קען ניט בלויז שילטן, נאָר אויך בענטשן), פון טאַטן (דעם אויפגערעגטן און דערשלאָגענעם יידן, וואָס האָט נאָר אַ קללה אויף די ליפּן) און פון דער מאַמען דער אַלצפאַרגיבנ־דיקער אין איר צאַרטער ליבע — זיינען געשילדערט מיט צאַר־טע צויבערליכע שטריכן — קינסטלעריש.

ש. ניגער האָט אין דעם ס.־סישן „דאָס וואָרט" נום. 6, יולי 1907, געגעבן אַ לחלוטין ניט קיין ניגערישע רעצענזיע אויף „פאַרטאָג". זי איז געשריבן געוועזן פונם שטאַנדפּונקט פון אַ פּאַרטיי־מאַן אַ ס. ס. קעגן אַ ווערק פון אַ „בונדיסט". ניגער האָט דאַן ניט באַמערקט, אַז אַ. ווייטער האָט אין גרונד גע־מיינט דאָסזעלביקע וואָס ער בנוגע דער פּסיכאָלאָגישער זייט. ווייטער האָט זיך קיינמאָל ניט איינגערעדט, אַז עס איז „זעער ליכטיק". פאַרקערט — ער האָט דער ערשטער דערשפּירט דעם חושך. ניגער האָט ריכטיק באַמערקט, אַז „די שטימונגען זיינען מטושטש", אָבער א. ווייטער האָט אַליין דאַן געזוכט „עפּעס", ניט

וויסנדיק נאָך „וואָס", און ער איז דאָרטן וועגן דעם מרמז. מיט די פּאָזיטיווע באַמערקונגען האָט ווייטער אַליין מסכּים געווען און האָט אין דער איבערגעאַרבעטער צווייטער אויפלאַגע (1911) אַרויסגעוואָרפן אַלע נים־קינסטלערישע און שאַקירנדיקע ערטער.

שמריהו גאָרעליק איז אין ציוניסטישן „דאָס יודישע פאָלק" נ. 21 פון זעלביקן יאָר שוין צוגעגאַנגען נעענטער, הגם ער איז אויך ניט אינגאַנצן פריי געווען פון זיין פּאַרטייאישקייט.

ווייטער אַליין איז געווען צופרידן מיט ביידע רעצענזיעס און האָט זיך זעער באַפריינדעט מיט ניגערן און גאָרעליקן, זיין אַמאָליקן קאָלעגע פון „סעווערא־זאַפּאַדני גאָלאָס".

דעם 19 סעפּטעמבער זיינען דורך דער צאַרישער מאַכט פאַרמאַכט געוואָרן אַלע יידישע צייטונגען און זשורנאַלן (פון אַלע פּאַרטייען) אין ווילנע, דעריין אויך די „פאָלקס צייטונג". אָנשטאָט איר איז אַרויס „די האָפנונג". אין נ 13 (7 אָקט.) האָט א. ווייטער אָפּגעדרוקט „אַ מעשה מיט אַ יידישן קיניג", דערציילט פון אַ יידישן וועכטער אין אַ פריצישן סאָד. דער וועכטער איז געווען דער 9־טער דור „פון אַ יידישן קיניג". אין זיין דערציילונג זיינען אויסגעמישט צווי לעגענדעס וועגן אברהם פראָכאָווניק און שאול וואַל. די אידעע פון דער „מעשה" איז — אומזיכערקייט, אומפעסטקייט פון אַלץ אין לעבן: ס'צעפאַלן זיך פעסטונגען, פּאַלאַצן, ס'פאַלן קרוינען. האָט זיך דער „זיידע" אָפּגעזאָגט פון דער קרוין, זיך ניט געריסן אויבנאָן... אויך אַ רמז אויף אונזער אינטעליגענץ...

דעם 29 אָקטאָבער איז פאַרמאַכט געוואָרן אויך "די האָפנונג" און ס'זיינען אַרעסטירט געוואָרן אַ גרויסער טייל פון דער רעדאַקציע און קאָנטאָר און אַ טייל פון צ. ק. קיין טעגליכע צייטונג איז שוין ניט מיגליך געוואָרן אַרויסצוגעבן,—האָט מען פון 16 נאָוו. אָן אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַ וועכנטליכן זשורנאַל „דער מאָרגנשטערן". רעדאַקציאָנס־מיטגלידער זיינען געווען: מעדעם, יודין, באָגראָוו און א. ווייטער, וואָס איז חוץ דעם נאָך געווען סעקרעטאַר פון רעדאַקציע. — די צייט איז געווען אַ פינסטערע, די רעאַקציע האָט פשוט געבושעוועט. נאָכן צעטרייבן די צווייטע

דומע האָט איר חוצפה ניט געהאַט קיין גבול. מ׳האָט געקענט אַרויסגעבן אַ לעגאַלן אָרגאַן און דאָך זיין ניט זיכער מיט דער אומ־באַרירלעכקייט פון דער רעדאַקציע. האָט מען זיך געדאַרפט היטן, די זשאַנדאַרמעריע זאָל זיך ניט דערוויסן די דירה פון דער רעדאַקציע. מ׳האָט זיך געפירט פונקט ווי אין אָנהייב פון דער בונדישער לעגאַלער פרעסע אין די ערשטע „פרייע" חדשים פון 1906: די רעדאַקציאָנס־דירה איז געווען בלויז אַן אָרט מיט אַן אַדרעס, די רעדאַקציע אָבער פלעגט זיך צונויפקלייבן ערגעץ אין אַ פּריוואַטער דירה, נאָר שוין ניט אין די קאָמ־פאַרטאַבעלע וואוינונגען פון דער דיפּלאָמירטער אינטעליגענץ, נאָר אין דער באַשיידענער דירה — פון אַ. ווייטער. — מעדעם און אַ. ווייטער זיינען געווען שאַרפע קעגנער אין דער פראַגע פון דער נאַציאָנאַלער פּראָגראַם פון „בונד" — דער ערשטער אַ ווייכער „נייטראַליסט" און דער צווייטער אַ „האַרטער" אַקטי־וויסט פאַרן נאַציאָנאַלן רענעסאַנס און קיום. אָבער ביי זיי ביידן איז געווען אַן איינגעבאָרענער נשמה־אַריסטאָקראַטיזם, אייגנאַרטיק צונויפגעגאָסן האַרמאָניש מיט פונקט אַזאַ נשמה־דעמאָקראַטיזם — און זיי האָבן זיך קעגנזייטיק האַרציק ליב באַקומען. און דאָס האָט געהאַט אַ ווירקונג אויך אויפן אָרגאַן, וואָס איז געגאַנגען אויפן וועג פון אַנטוויקלען זיך צו אַ שיינעם ליטעראַרישן זשורנאַל. זיי איז אָבער ניט באַשערט געווען לאַנג צו זיין צוזאַמען: ס׳זיינען אַרויס סך הכל דריי נומערן, ווי ס׳איז באַפאַלן געוואָרן די רעדאַקציע און דער „מאָרגנשטערן" איז פאַרמאַכט געוואָרן. די מיטגלידער פון דער רעדאַקציע זיינען ניט אַרעסטירט געוואָרן, לויט מעדעמס אויס־דריק, בלויז אַ דאַנק „אַ מזלדיקן צופאַל": זיי זיינען אַוועק מיט אַ פערטל שעה פריער, האָט מען זיי ניט געטראָפן.

אין נום. 2 „מאָרגנשטערן" האָט אַ. ווייטער געגעבן אַ באַ־גייסטערטע כאַראַקטעריסטיק פונם „גרעסטן פוילישן מאָלער, דיכ־טער און דראַמאַטורג" סטאַניסלאַוו וויספּיאַנסקי.

אין יענער צייט איז אין ווילנע געווען זעער אַ גרויסע ליטעראַרישע משפחה. איז געגרינדעט געוואָרן די ערשטע „יידי־שע ליטעראַרישע געזעלשאַפט", וואָס האָט איינגעאָרדנט זעער

רייך־באַזוכטע אָוונטן. א. ווייטער איז, צוזאַמען מיט ה. ד. נאָמבערגן געווען איינער פון די טיכטיקסטע אָרגאַניזאַטאָרן און טוער פון דער דאָזיקער געזעלשאַפט. באַליבט און געשעצט ביי די אַרבע־טער, האָט ער געזעען וועקן ביי זיי אַ אינטערעס פאַרן יידישן קינסטלערישן טעאַטער, געזוכט צווישן זיי באַגאַבטע און זיך באַ־פריינדעט מיטן בונדישן טוער „יעקל דעם שניידער" (פינסקי), אַ ליבהאָבער פון דראַמאַטישער קונסט, וואָס האָט זיך איבערגע־געבן בלב ונפש דער אידעע פון שאַפן אַ „יידישע מוזיקאַליש־וואָקאַליש־דראַמאַטישע געזעלשאַפט" אין ווילנע. אַ. ווייטער האָט צוגעצויגן די דעמאָקראַטישע אינטעליגענץ און די ליטע־ראַטן, און די געזעלשאַפט איז געגרינדעט געוואָרן. אין פאַרוואַל־סונג זיינען אַריין: דער דערמאָנטער אַרבעטער „יעקל" און די שריפטשטעלער אַנסקי, אַ. ווייטער, ש. גאָרעליק, נאָמבערג, ניגער א. אַ. די דאָזיקע „געזעלשאַפט" האָט געשפילט אַ קאָלאָסאַלע קולטו־רעלע ראָלע אין ווילנע ביז דער וועלט־מלחמה אין 1914. פון איר איז עס אַרויסגעקומען „פאַד"אַ" — די באַרימטע „ווילנער טרופע" — — —

אַ. ווייטער האָט ניט גערוט. ער האָט געאַרבעט ווי אין אַ פיבער. „פאָזיטיווע קולטור", „פאָלקס־רענעסאַנס"—זיינען זיינע לאָזונגען געוואָרן. פון דער פאַרטיי איז ער שוין אינגאַנצן אַוועק. נאָכן גרינדן די ליטעראַרישע געזעלשאַפט און די דראַמאַטישע האָט ער זיך גענומען שאַפן אַ חודשדיקן מאָדערניסטישן זשורנאַל, וואו ער זאָל קענען פאַראייניקן אַלע לעבעדיקע קינסטלערישע כוחות פון פאָלק. צו דעם צוועק איז ער זיך צונויפגעקומען מיט ש. גאָרעליק און ש. ניגער—זיינע געוועזענע פאַרטיי־קעגנער און שאַרפע קריטיקער. די אָרגאַניזירונג פונם זשורנאַל פון דער מאַטע־ריעלער זייט איז אָנגעקומען „שווער ווי קריעת ים־סוף". אַ. ווייטער האָט אינגאַנצן איבערגענומען אויף זיך די גאַנצע אָרגאַניזאַציע, די טעכנישע און געשעפטליכע זייט פון דער געפּלאַנטער אונ־טערנעמונג, די השגחה אויף דער ריינקייט פון דער שפּראַך, די סטיליזאַציע, — און אין פעברואַר 1908 איז אַרויס דאָס ערשטע בוך פון די „ליטעראַרישע מאָנאַטשריפטן", רעדאַגירט דורך:

ש. גאָרעליק, אַ. ווייטער, ש. ניגער. אינם פּראָגראַם־אַרטיקל „צו די לעזער“, „וואָס די ענדגילטיקע רעדאַקציע פון אים געהערט דער פעדער פון אַ. ווייטער“, זוכט אַ. ווייטער אַסינטעז פונם אַלטן און נייעם אין דער יידישער קולטור. די אַסימילאַטאָרישע אינטעליגענץ, וואָס טראָגט זיך מיט בגידה־חלומות וועגן ליקווידירן די יידישע נאַציאָנאַליטעט, האָט פולשטענדיק באַנקראָטירט. די „אָרטאָדאַקסאַל־נאַציאָנאַלע אינטעליגענץ, וואָס וויל בויען בלויז אויפן עבר“, שטיקט די שאַפערישע כוחות פון פאָלק, „רייסט זיי אָפּ פון לעבן און מאַכט זיי פרוכטלאָז“. „מיר וועלן דאָ ניט ווידער אויפהויבן דעם אַלטן קריג צווישן דער איצטיקער און דער היסטאָרישער שפּראַך. אין דעם סכסוך באַווייזט זיך דער טראַגיזם פון אונזער דעזאָרגאַניזירטן נאַציאָנאַלן לעבן, וואָס ברענגט צו דעם, אַז איינע צעטרעטן דעם עבר מיט אַן אומפאַרדינטן עקל און אַנדערע, פאַרקערט, ווילן דערנערן מיט די טראַדיציעס פון דעם טויטן עבר דעם לעבעדיקן הווה“. „אויפן פּאָליטישן און עקאָנאָמישן חורבן פונם יידישן לעבן, — שרייבט ער ווייטער,—באַווייזן זיך אָן צווייפל שפּראָצונגען פון קולטור־רענעסאַנס. ס׳וואַקסט די איבערצייגונג, אַז דאָס יידישע פאָלק האָט דאָס זעלביקע רעכט, ווי אַנדערע פעלקער, צו שאַפן זיין אייגענע קולטור, אויסגיסן זיין נאַציאָנאַלן איך אין אָריגינעלע פאָרמען, איינבינדן זיין אייגן בלאַט אין גרויסן וועלט־בוך“. אַ. ווייטער זעט סימנים פון קולטור־אויפלעבונג הן אין די קרייזן פון דער יידישער אינטעליגענץ, הן אינם לעבן פון די פאָלקס־שיכטן. „דער אַנטשטייענדיקער קולטור־רענעסאַנס פאָדערט, אַז אויף זיין באָדן, אויפן באָדן פון קולטור־שאַפן, זאָלן פאַראייניקט ווערן אַלע לעבעדיקע קרעפטן פון פאָלק. „פּאַרפּעסטיקן אונזערע נאַציאָנאַלע באַסטיאָנען!“ — דאָס איז דאָס שלאָגוואָרט, וואָס הענגט אין דער לופט: מיר וועלן דורך די אָנשטרענגונג פון אַלע שעפערישע קרעפטן העלפן בויען אונזערע קולטור־פעסטונגען“. די מיינונג פון די „ליט. מאָנ.“ איז געווען, אַז „אַראָפּלאָזן זיך צום פאָלק“ איז לחלוטין ניט קיין דעמאָקראַטישע שטרעבונג. מ׳מוז, פאַרקערט, הייבן דאָס פאָלק צו אַ העכערער מדרגה פון

קולטור. „דער ציל פון די „ל. מ.״ איז צו זיין אַ זאַמלפּונקט פאַר דעם, וואָס זאָל רייכער מאַכן אונזער גייסטיקע וועלט, פאַרגרעסערן אונזער קולטור־אייגנס, אויסשפּיינערן דעם געשמאַק פון דעם אַלטן לעזער און געווינען נייע; ביסלעכווייז קומט ער שוין אָן, דער נייער לעזער״.

אַ. ווייטער האָט געצווייפלט, צי עס זיינען דאָ די „גענוגנ־דיקע סימפּאַטיעס״ פאַר אַזאַ אויסגאַבע מיט אַזוינע צילן, אָבער ער האָט געגלויבט „אין דעם אָנקומען פון אונזער קולטור־מאָרגן, אין דעם וואוקס פון דעם קולטור־באַוואוסטזיין און נאַציאָנאַלן זעלבסט־ערע־געפיל ביי דער יידישער אינטעליגענץ און אירע שכנישע שיכטן״.

מיט גרויסע האָפענונגען זיינען די רעדאַקטאָרן־אַרויסגעבער צוגעטראָטן צו זייער אַרבעט, אָבער — די „אַטמאָספערע איז נאָך ניט געווען גינסטיק״ און פון די „ליט. מאָנ.״ זיינען אַרויס בלויז פיר ביכער (דאָס לעצטע אין מאַי 1908). אָבער אַ רושם האָבן זיי געמאַכט אַ געוואַלדיקן. די פּרעסע בכלל איז אַרויסגע־טראָטן קעגן דעם זשורנאַל, אָבער ער האָט אַרויסגערופן אויך וואַרימע סימפּאַטיעס. געקומען איז עס מסתמא אַ דאַנק דעם גייסט פון „זוכעניש״, „גאָטזוכעניש״, „פאַרבענקטקייט״, וואָס האָט גע־שוועבט איבערן זשורנאַל און געפילט זיך אין אים — דער גייסט, וואָס איז דעמאָלט אַזוי נאַטירליך געווען פאַר אַלע דריי רע־דאַקטאָרן, די געוועזענע און אַנטוישטע פאַרטיי־לייט, און אַזוי דערווידער די רעכט־גלויבנדיקע מיטגלידער פון די פאַרטייען, וואָס „האָבן שוין געוואוסט דעם אמת״ און ניט געדאַרפט מער זוכן... אַפילו בעל־מחשבות איז ניט אַריינגעדרונגען אינם מהות פון די „ליט. מאָנ.״ און האָט זיי באַגעגנט מיט איראָניע און ביטול, האָט אָוועקגעגעבן אַ פאַרציע פּרק הירשביינען, נסתּרן, מנחמען, אָנכין און אַפילו זיינע ליבלינגען אַשן און נאָמבערגן, וואָס האָבן זיך דאָרט באַטייליקט, אָבער אַ באַזונדערן פּסק האָט געכאַפּט ביי אים דער „דריילינג״ גופא... ערנסטער איז געווען די באַציאונג פון ש. אַנסקי (סיימיסטיש זאַמלבוך „די שטימע״, נ׳ 2, ווילנע 1908), וואָס האָט אויפגעוויזן ניט בלויז די חסרונות, נאָר אויך

די מעלות פון די „ל. מ.", און פון האַרצן זיי געוואונטשן ער־
פאָלג — — —

בכל אופן זיינען די „ליט. מאָנ." געווען „די ערשטע אָנ־
זאָגער פונם יידישן קינסטלערישן רענעסאַנס, דער ערשטער ערנ־
סטער פּרוב צו שאַפן אַ מאָדערנעם קולטור־קינסטלערישן אָרגאַן"
(נ. מייזל), און אַ. ווייטער, וואָס איז געווען די נשמה פון דער
צייטשריפט, וואָס זיין גייסט האָט געשוועבט איבער איר און „זיין
השפעה האָט זיך געפילט אין איר גאַנצן טאָן, אין איר געשמאַק־
פולער, פאַר אַ יידיש בוך גאַנץ אומגעוויינליכער אויסשטאַטונג,
פונקט ווי אין איר מאָדערניסטישן אינהאַלט" (ז. רייזען), — איז
געווען איינער פון די ערשטע מבשרים פון דער קולטורעלער
אויפלעבונג ביי אונז.

אַליין האָט אַ. ווייטער אין די „ל. מ." ווייניק געשריבן.
אין נ׳ 1 האָט ער פאַרעפנטליכט זעער אַן ערנסטן אַרטיקל וועגן
טעאַטער, וואו ער האָט אַרויסגעזאָגט העכסט אָריגינעלע געדאַנ־
קען וועגן זיין אויפקום און אַנטוויקלונג. ער לעכצט נאָך גאַנצ־
קייט, פאַרפולקומונג פון דער יידישער קונסט און קולטור. מיר
האָבן איבערגעריסן מיט דער פאָלקסטימליכקייט, מיטן נאַציאָנאַלן
תוך און פאָרמען, — האָבן מיר קיין קונסט ניט. „ווילן מיר, —
פאַרענדיקט ער דעם אַרטיקל, — האָבן אַזאַ בינע, וואָס זאָל אונז
ניט באַליידיקן, באַדאַרפן מיר פריער פאַר אַלץ איבערשאַפן די
באַליידיקנדיקע פאָרמען פון אונזער לעבן און אומקערן זיך צו
די נאַציאָנאַלע פאָרמען — אָנהייבן פון אָנהייב דעם לעצטן בוך
פון אונזער קולטור־שאַפונג"... דעם „זוהר" האַלט ער פאַר „איי־
נעם פון די געניאַלסטע וועלט־ספרים", וואָס דער יידישער
פאָלקס־גייסט האָט געשאַפן, און זיין האַרץ איז גערירט פון די
„רייצנדיקע טאַנץ־נעבט פון ווייס־געקליידטע יונגפרויען און
מענער־יוגנט אין די גערטענער פון ירושלים" — — — אין
נ׳ 2 האָט ער געגעבן אַ שיינע איבערזעצונג פון קנוט האַמסונס
„מלכת שבא", אַ נעקראָלאָג נאָכן אָן אַ צייט פאַרשטאָרבענעם ישעיהו
בערשאַדסקי און אַ נאָטיץ „דרך ארץ", וואו ער טרעט אַרויס
קעגן איינעם, וואָס האָט געפּרובט „אַראָפּרייסן" מענדעלען. אין

ג׳ 4 האָט ער אָפּגעדרוקט דעם ערשטן קאַפּיטל פון אַ גרעסערער אַרבעט וועגן דעם באַרימטן פילאָסאָף פון פּרויען־האַס אָטאָ ווייַ־נינגער, מיט וועמען ער איז באַפריינדעט געוואָרן נאָך זייענדיק אין בערלין אין י. 1904, ווען יענער האָט אים געלייענט זיין בוך „געשלעכט און כאַראַקטער" נאָך אין כתב־יד.

אַ. ווייטער האָט געדינט דעם זשורנאַל מיט אמתער מסירת־נפש, האָט אַלע כוחות אָנגעשטרענגט צו זיכערן זיין קיום, צו־געצויגן צו דעם צוועק י. ל. פּרצן און צוזאַמען מיט אים געזוכט פינאַנסיעלע מיטלען; פּרץ פון זיין זייט האָט געגעבן 1000 רובל און געפּאָדערט, די יוגנט זאָל העלפן, — אָבער, די גאַנצע מי איז געווען אומזיסט: קיין פינפטער נומער איז שוין ניט אַרויס. ערשט איצט האָט מען אָנערקענט די באַדייטונג פון די „ליט. מאָנ." און ווייטערס נאָמען איז באַרימט און באַליבט געוואָרן אין דער יידישער קולטורעלער וועלט. אַ. ווייטער איז איצט געוואָרן אַ צענטראַלע פיגור, איז געשטאַנען אין צענטער פון דער באַוועגונג פאַר אַ מאָדערנער יידישער קולטור און האָט זיך דורכגע־שריבן מיט די וויכטיקסטע פאַרשטייער פון דער יידישער ליטע־ראַטור, באַזונדערס מיט פּרצן. אָבער ער האָט שוין געצווייפלט אויך אינם נייעם און האָט זיך באַצויגן צו מענטשן מיט שטאַר־קער צוריקהאַלטונג, איז געווען אינגאַנצן אַנטוישט אין דער יידי־שער אינטעליגענץ.

דער אונטערגאַנג פון די „ליט. מאָנ." האָט אים גרויס צער פאַרשאַפט, און ער האָט זיך גענומען — פאַרן טעאַטער. ער האָט זיך שוין לאַנג געטראָגן מיט דער אידעע פון אַ יידישן ריינעם קינסטלערישן טעאַטער און האָט געזוכט מיטלען און וועגן זי צו פאַרווירקליכן אין לעבן. ער האָט וועגן דעם געפירט אַ קאָרעס־פּאָנדענץ מיט זיין פריינד מ. עלקין, וואָס איז געווען רעזשיסער ביי דער טרופּע פון אַדלער, נעראָסלאַווסקאַיאַ, בן־עמי אין קיעוו. ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ ריינעם רעפּערטואַר. פון דעם ענין האָט זיך אָבער גאָרנישט אויסגעלאָזן: די אַרטיסטן האָבן ניט מסכים געווען אָפּצוזאָגן זיך פון דעם גאָרדין־רעפּערטואַר. עלקין האָט זיך אומגעקערט צוריק קיין באָברויסק און האָט אַרויסגערופן

צו זיך ווייטערן פון ווילנע. ווייטער האָט דאָ געלייענט אַ לעק־ציע וועגן טעאַטער און האָט גערעדט מיט פאַרביטערונג וועגן דער אינטעליגענץ, וואָס האָט זיך אָפּגעריסן פון דער אייגענער קולטור. די יוגנט האָט אים געמאַכט אַ באַגייסטערטע אָוואַציע, אָבער קיין ממשותדיקס פאַרן טעאַטער. איז דערפון ניט אַרויס־געקומען און ער האָט זיך צוריקגעקערט קיין ווילנע.

דאָ האָט ער זיך דערוואוסט וועגן טויט פון זיין מוטער, וואָס האָט זיך פאַר אים פשוט מקריב געווען, און זיין נשמה איז אויפגעטרייסלט געוואָרן ביזן גרונד: איצט האָט ער דערשפּירט, אַז זיין ליבשאַפט צו איר האָט געברענט טיף אין האַרצן, און ער האָט זיך פאַר שולדיק דערפילט... דער ענין קדיש האָט אים קיין רו ניט געגעבן... פאַרן טויט האָט זי אים איבערגעלאָזן אַ צוואה — „אויפצופּאַסן די צוויי ברידערלעך זיינע: אליהו און משה", וואָס זיינען געווען ניט גאָר שטאַרק אין געזונט און אייביק פאַרטראַכט, פאַרטאָן אין־זיך און געקוקט אויף דער וועלט ווי אויף אַ פרעמדער... די מוטער פלעגט קוקן אויף זיי, טראַכטן וועגן אַלע אומגעקומענע קינדער אירע און פלעגט זיך שרעקן פאַר עפּעס: „ס'האַרץ פלעגט איר זאָגן, אַז אויך די לעצטע דריי זין אירע שטייט פאַר אַ סכנה פון טויט אָן אַ צייט, — און ס'האַרץ פלעגט איר אויסגיין"... איר צוואה איז געווען אַ צוואה פון יאוש...

אַ. ווייטער האָט דאָס אַלץ גוט געוואוסט, אָבער ס'איז אים אויך געווען קלאָר, אַז אים, דעם אייביק אומלעגאַלן נע־וָנָדניק, וואָס דערוואַרט פאַר זיך די האַרבסטע שטראָף אין פאַל פון אַן אַריינ־פאַל, איז לחלוטין אוממיגליך אָפּצוהיטן די צוואה. האָט אים פאַר־פאָלגט אומעטום אַ שטומער יענוועלטישער פאָרוואורף... ער האָט ענערגיש געאַרבעט אויף דעם צי אויף יענעם געביט, איז געזעסן אין געזעלשאַפטן, פאַרבראַכט די צייט פונדרויסן גאַנץ רואיִק, געמיטליך, און אַמאָל אפשר פריילעך, אָבער אומעטום האָט אים אין אויער געהילכט יענער פאָרוואורף... די אַנטוישונג אין אי־דעען און מענטשן, דאָס שטרעבן צו אַ לעבן מיט דער פולער ברוסט, רמ"ח אברים און שס"ה גידין, און דאָס אומאויפהער־ליכע ריכטן זיך אין דערזעלביקער צייט אויף אַ פלוצלינגן אַרעסט

אין לאַנגזאַמען אָדער אַפילו גאָר גיכן טויט דורך מענטשנס הענט, דער אינעווייניקסטער קאָנפליקט פון דער „מאָדערנע" מיט דער גייס־טיקער ירושה פון עבר, דאָס אחריות־געפיל פון „חובות הלבבות" בנוגע דעם כּלל און דעם פּרט און די פּאַקטישע אוממיגליכקייט זיי צו ערפילן,—דאָס אַלץ האָט געבראַכט צו דער אַנטוויקלונג פון אַן אויסערגעוויינליכער טראַגעדיע אין ווייסערס נשמה. ווי טשאַילד האַראָלד, איז א. ווייטער אויף זיין שטייגער ביסלעכ־ווייז אַוועק אינגאַנצן אין זיך, אין זיין שטיל־געהיים געליבטער וועלט פון געלייטערטער יידישקייט, דער דאָזיקער האַרמאָנישער „סיסטעם פון עטיק," וואו ער האָט געמיינט צו געפינען אַן אָפּרו פאַר זיין צערודערטער, צעוואונדעטער נשמה... ריידן וועגן דעם?... האָט ער דאָך אַליין מיטגעהאָלפן דעם חורבן פון דער דאָזיקער סיסטעם, פון דער דאָזיקער האַרמאָניע!... ער מוז שווייגן! ער האָט קיין רעכט ניט צו ריידן! ער מוז אויף זיך אַ תשובה נע־מען, צוריק קיין ראַדון אַוועק, אין בית־המדרש אַריין, פאַר דער גמרא זיך נעמען, פאַרן „זוהר", פאַרן „חובות הלבבות"!...

אַזוי האָט ער געטראַכט, אָבער געטאָן האָט ער אַנדערש...
„עס האָט זיך ניט געלאָזן" — דאָס איז זיין טראַגעדיע גע־ווען — — — דער מיליטער־דאָקטאָר איינהאָרן, דוד איינהאָרנס פאָטער, האָט עס יע געקאָנט טאָן, האָט לגמרי איבערגעריסן מיט דער דורכגעפוילטער דעגענערירטער אייראָפּעאישער קול־טור און אַוועקגעזעצט זיך אין גאונס קלויז אין ווילנע על התורה ועל העבודה,—א. ווייטער אָבער איז אַוועקגעפאָרן קיין פּעטער־בורג, וואו ער איז איינגעלאַדן געוואָרן אין דער רעדאַקציע פון „פריינד" — — —

אין „פריינד" האָט ער געדרוקט נאָטיצן, אַרטיקלען און פעליעטאָנען איבער ליטעראַרישע און קולטור־געזעלשאַפטליכע פראַגן. ער האָט אין זיין אַרטיקל „אַ נייער טאַלענט" („דער פריינד" 1909) דער ערשטער אויפמערקזאַם געמאַכט אויף בערגעלסאָנען, וואָס האָט דעמאָלט געהאַט אָפּגעדרוקט זיין „אַרום וואָקזאַל".

אין פּעטערבורג האָט זיך א. ווייטער גיך אָריענטירט און

איז געוואָרן אַ חשובער קאָלעגע אויך אין די רוסישע ליטעראַ־רישע קרייזן, וואו ער האָט אַ טיכטיקן אָנטייל גענומען אין דער שטורימדיקער פּאָלעמיק וועגן „נאַציאָנאַלן פּנים" בכלל און אין דער קונסט בפרט, וואָס האָט זיך אין יענעם יאָר (1909) פונאַנ־דערגעפלאַקערט אַרום דעם באַוואוסטן אינצידענט שלום אַש — טשיריקאָוו — אַראַבאַזשין.

י. ל. פּרץ האָט אין זײַנע בריוו צו ווייטערן (סוף דעצעמ־בער 1908 און אָנהייב 1909) אויסגעדריקט אים אַכטונג און אָנערקענונג, אויך פרייד צו זײַן אַרײַנטרעטן אין „פרײַנד", און האָט אים אײַנגעלאַדן מיטצואַרבעטן אין זײַן „יודישער וואָכענ־שריפט", וואָס האָט אָנגעהויבן ערשײַנען דעם 28 יאַנוואַר 1909 און וואָס פּרץ האָט אויף איר געלייגט נים ווייניק האָפענונגען (אַרויס סך־הכּל פיר אײַנבויגנדיקע נומערן). ער האָט אים אויך געבעטן איבעררײַדן מיט פּעטערבורגער יידישע שריפטשטעלער און געלערנטע, אַ שטייגער, מיט ש. אַנ—סקי, ברוצקוס, ח. ד. הורוויץ א. אַ., זיי זאָלן מיטאַרבעטן אין דער „וואָכענשריפט" (פּרץ איז מיט זיי דאַן נאָך ווייניק באַקאַנט געווען), און געבעטן ביי אים אַגב אויך אַ טובה בנוגע דעם איבערדרוק פון זײַנע שריפטן. ווייטער, ווידער, „קען שיקן פאַר דער „וואָכענשריפט" וואָס ער וויל און קען". פּאַקטיש אָבער האָט ביי אים ווייטער גאָרנישט געדרוקט. אײַן זאַך, אַ מאָנאָלאָגאַרטיקע, האָט פּרץ אים אָפּגעשיקט צוריק און געבעטן אויסבעסערן, אָנשרײַבן אין דריי־טער פּערזאָן. איין בריוו פּרצעס איז געווען אַ דיפּלאָמאַטישער, און ווייטער איז פון אים געווען פאַרוואונדעט טיף אין האַרצן. האָט אים פּרץ אַ צווייטן בריוו געשריבן, וואו ער בעט אים „ניט חושד זײַן מיט אַ „הינטער־מיין". און דאָך — בשעת „דער פרײַנד" איז סוף 1909 אַריבער פון פּעטערבורג קיין וואַרשע און פּרץ איז, לויט שמואל ראָזנפעלדס אויסדרוק, געווען דער „קוואַטער" פון דער צײַטונג, „דער גאַנצער בעל־שמחה, דער גאַנצער בעל־דעה" (אַ קורצע צייט, אַגב), האָט ראָזנפעלדן געקאָסט זעער אַ סך מי צו פּועלן ביי פּרצן, מ'זאָל אײַנלאַדן ווייטערן אין דער נײַער רעדאַקציע אַרײַן. אין די ערשטע געשריבענע קאָמבינאַציעס

וועגן דער רעדאַקציע איז ווייסערס נאָמען נישטאָ. דאָס אַלץ זיינען, לויט ראָזנפעלדן, ביי פרצן געווען — „בלויז מאָמענטאַנע שטימונגען, וואָס האָבן קיין דויערהאַפטן ווערט ניט געהאַט"... ווייטער אָבער האָט דאָ ווידער באַקומען אַ מאָראַלישן קלאַפּ — פון דעם, וועמען ער האָט ליב געהאַט און פאַרגעטערט — — —

---

פון ווייסערס אַרטיקלען פאַרן יאָר 1910 אין „פריינד" אין וואַרשע דאַרף באַזונדערס דערמאָנט ווערן זיין גלענצנדיקע מוסטערהאַפט קורץ געפאַסטע עסייע וועגן מענדעלען — „דער אָנהייב" (זאַמלבוך „מעוידעלע מוכר ספרים", רעד. פון ש. ראָזנפעלד, אויסגאַבע „דער פריינד", וואַרשע 1910), וואו ער האָט געגעבן אַן אייגנאַרטיקע, לחלוטין נייע כאַראַקטעריסטיק פון מענדעלען, דעם אָ נ ה י י ב ע ר פון אַ נייער תקופה אין דער יידישער ליטעראַטור, וואָס דאַרף טראָגן דעם נאָמען „מענדעלע-תקופה". ביי ווייסערן איז דער עיקר דאָס ע ט י ש ע שאַפן, ווייל דאָס איז דאָס אמתע שאַפן. „דער וועג צום עטישן שאַפן ליגט אָבער ניט אין דער הלצה, אין דעם אייגנטליך-אומעטישן וויץ פון דער סאַטירע, נאָר אינם ראָמאַנטישן, ד. ה. אינם טראַגישן"... „ווער ווייס, פאַרוואָס און וויאַזוי עס רייסן זיך פלוצלינג איבער ביי אונז די קוואַלן פון שאַפן, פאַרוואָס און וויאַזוי מיר זיינען געקומען פון דעם מקונן ירמיהו דורך די מאַיעסטעטישע שפּאַנישע יידן, דורך די געניאַלע שעפער פון נאָך שפּאַניע — צום בדחן"... „דער אָנהייב פון אונזער ליטעראַרישן שאַפן איז געווען — די בדחנישע סאַטירע. דער אָנהייב איז געווען — מענדעלע. ער האָט אָבער דעם אַלטן בדחן באַזיגט, אין זיך אַליין אים באַזיגט. דער נייער, ע ט י ש ע ר אינהאַלט האָט צעשטערט די פאָרמען פון זיין שאַפן". ווי סערוואַנטעס און גאָגאָל, האָט ער פון דער דיסהאַרמאָניע אַ האַרמאָניע געשאַפן, פונם קאָמישן — אַ געניאַל טראַגיש בילד פון אַ גאַנצן דור, פון אַ גאַנצן פאָלק.

אין אַן אַנדער אָרט האָט ער פּייערליך דערקלערט, אַז דאָס יידישע פאָלק איז אויף אייביק אַ שונא אַלע קלאַסן פונם שפּאַנישן פאָלק „פאַר דער אינקוויזיטאָרישקייט, וואָס איז אויף אייביק פאַרבליבן איינגעוואָרצלט אין זייערע אַלעמענס נשמות ניט אויסצוואָרצלען". ער האָט קיינמאָל ניט געקענט פאַרגעסן די קרושים פון די אויטאָ־דאַ־פעען און פון די אַנדערע בעסטיאַ־לישסטע רציחות, וואָס זיינען באַגאַנגען געוואָרן איבערן קאָפּ פון זיין פאָלק און פאַרבליבן אומאָפּגערעכנט — — —

אַ געוויסע צייט האָט וויטער נאָך געאַרבעט אין „פריינד" אויך אין יאָר 1911. פון דער מאַסע אַרטיקלען, וואָס ער האָט דאָרטן דאַן פאַרעפנטליכט, איז כאַראַקטעריסטיש איינער, וואָס הייסט „זכר לחורבן", וואו ער טרעט ארויס קעגן דער „פאַריקמאַכערישער ציוויליזאַציע", וואָס האָט פאַרפעסטעט אונזער לעבן; קעגן דעם משכּיל־קליינבירגער, וואָס האָט ניט קיין פאַרשטענדעניש פאַר קולטור־דענקמעלער, פאַר פאָלקסטימליכקייט און עכטקייט און „פאַרקאַלכט, פאַרשמירט, „באַפּוצט" די אַלטע שיינקייט פון יידישן הויז, דעם אוממיסלבאַרן אויפריכטיקן טרויער". „יע, אַלטע פאָרמען ווערן צעשטערט און אָנשטאָט זיי ווערן געשאַפן נייע, אָבער פון די אַלטע פאָרמען בלייבט דאָס ווערטפולע, זייער חן גייט איבער בירושה צו די נייע, ציט זיך, לויט פרצעס בילדליכן אויסדרוק, די „גאָלדענע קיים, די זיידענע שנור, וואָס בינדט אַלע דורות צונויף"... דער אַרטיקל איז — אַ הימן דער אויפריכטיקייט, „דעם זיידן, דעם יידן, וואָס פאַרמעגט דעם אמתסטן פאַטאָס פון „אחד", דעם פאַטאָס פון באמתדיקער, פשוטער גרייטקייט אויף מסירת־נפש פון די עשרה הרוגי מלכות"... ער פאַרדאַמט דעם זון און דעם אייניקל פון דער השכלה, וואָס האָבן זיך אָפּגעריסן פון פאָלק, און פאַרענדיקט מיט די ווערטער: „צי איז ניט צייט צוריק?!..."

אַ. וויטער האָט אָבער סוף־כל־סוף ניט געקענט צופרידן בלייבן מיט דער לאַגע פון אַ זשורנאַליסט, וואָס האָט נאָך דערצו ניט געקענט אַרויסזאָגן אַלץ, וואָס האָט געפּייניקט זיין אומרו־איקן גייסט... ער האָט זיך אַרומגעטראָגן „מיט פאַרשיידענע פּלע־

נער וועגן קולטורעלע און ליטעראַרישע אונטערנעמונגען. ס׳איז אָבער ניט געווען די סביבה און די קולטורעלע כוחות אויף צו שאַפן עפּעס וואָס גרויס און ערנסטס״. ער האָט גענומען אַן אָנטייל אין וואַרשעווער געזעלשאַפטליך־קולטורעלן לעבן, אַ סך געאַרבעט פאַרן וואַרשעווער „הזמיר״ און פאַר דער וואַרשעווער ליטעראַרישער געזעלשאַפט און איז געבליבן — אומבאַפרידיקט...

אונטער דער צייט איז אין ווילנער פאַרלאַג „די וועלט״ אַרויס ווייטערס נייע דריי־אַקטיקע דראַמע „אין פייער״, וואו ס׳ווערט געשילדערט דער חורבן פון דער יידישער משפחה, די פאַרלאָזנקייט און עלנט פונם אַלטן און נייעם דור. דער מאָדער־נער בורזשואַזער קאַפּיטאַליזם האָט זיך אַריינגעריסן אין דער יידישער גאַס און האָט דאָרטן אַלץ פאַרפּעסטעט. די רעליגיע ביי די אַלטע איז געוואָרן אַ מצוות אנשים מלומדה און די יונגע זיינען געבליבן אינגאַנצן אָן אַ גאָט. די וואָוילבאַרימטע יידישע צניעות איז פאַרשוואונדן און יידישע זין און טעכטער טרינקען זיך אין אַ ים פון זינד... דער רייכער וואַלד־סוחר שלמה זאַבאָ־לאָווער האָט געפּאָלגט זיין זון סימען און אַריינגעלייגט זיין געלט אין אַ זאַוואָד ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפענעם ווינקל ביים ברעג פון אַ טייך, אָנגענומען אינזשענערן, אַ פּערסאָנאַל אָנגעשטעלטע און אַרבעטער, און די געגנט האָט אויפגעלעבט... סימע האָט פאַרלאָזן דעם אוניווערסיטעט באַגייסטערט פון אַ אידעאַל צו „בויען״ עפּעס, צו מאַכן דעם קאַבצאַנסקער און מאַזעפּעווקער יידן פאַר אַ פּראָ־דוקטיוון און נוצליכן מיטגליד פון דער געזעלשאַפט, אָבער דער רעזולטאַט איז געווען — נאָך אַ גרעסערער חורבן... די שטילע פאַרוואָרפענע געגנט איז פון דער זאַוואָדן־קולטור לגמרי דעמאָ־ראַליזירט געוואָרן... אַ תהום פון הפקרות... און אינעם תהום איז פאַרזונקען אויך שלמהס טאָכטער חנהקע, וואָס האָט שוין געהאַט אַ שטאָטישע, צוימענבּרעכערישע פאַרגאַנגענהייט, און ביים ראַנד פונם תהום שטייט שוין אויך זיין פּלימעניצע, די יונגינקע רחלע, וואָס רייסט זיך פון יאוש צו די „פּרעמדע״, צו די „געזונטע״... שלמה איז עס נישט משיג מיטן שכל, דערשפּירט עס אָבער אינ־סטינקטיוו, כאַפּט זיך פאַרן קאָפּ און אַנטשליסט זיך אין אַ יאָ־

האָניס־נאַכט, ווען עס ווערן פייערן געצונדן, אונטערצוצינדן דעם זאַוואָד און אַלץ מיטאַנאַנדער, — עס זאָל פון דעם קיין שריד ופליט ניט בלייבן... אין שטוב טוט זיך תּוהו ובוהו... קיינער ווייס ניט וואָס, נאָר אַלע שפּירן, אַז „עפּעס" וועט געשעען... אַלע גייען ווי שאָטנס אום. די אַלטע פאַרשטייען ניט די יונגע און די יונגע פאַרשטייען ניט איינע די אַנדערע, אויך זיך אַליין ניט... יעדערער גייט אום מיט זיין וואונד אין האַרצן... דער אינזשענער־אידעאַליסט לעווין ליבט די אומגליקליכע חנהקען, וואָס קען אים ניט ענטפערן, און סימע דערוויסט זיך, אַז זיין כּלה איז „אַזאַ" ווי זיין שוועסטער... אַלע האָבן מיט־אַמאָל דער־שפּירט דעם צער פון „זינד", דעם פּיין פון קרבן חטאת, און זוכן אַ תּשובה, זוכן צו ווערן געריייניקט — אין פייער... די יידישע זין און טעכטער האָבן זייער וועג דעם אייגענעם פאַר־לאָרן, זייער גאָט, און ציען זיך, ווי די גליווערנדיקע פלאַטערלעך, צום פרעמדן פייער און קומען אום נאַריש, אומזיסט... שולמית האָט זיך איבערגעגעבן דעם אומגעלומפּערט ווילדן טריאומפירנ־דיקן חם, בענקענדיק טיף אין האַרצן נאָך דער רירנדיקער ריינ־קייט פון די אור־טעכטער ישראלס, וואָס פלעגן מיט מירטן אין די הענט אין ווייסן אַרויסגיין אין די נעכט אין די וויינגערטנער פון ירושלים און זינגען צאַרטע כּלה־לידער... אַזוי בלייבן טאָר עס ניט! דאָס, וואָס איז, מוז אַוועק מיט פייער, די זינד פון דור מוז דורך פייער געלייטערט ווערן... די טאַטעס די משכּילים האָבן אָנגעהויבן חרוב מאַכן די אַלטע שיינקייט און די זין האָבן פאַר־ענדיקט... מוז דעריבער אונטערגיין דער דור, „זאָל אַלץ ברענען, זאָל דער לעצטער ייד זיין אַרבעט טאָן. נאָך אים וועט קו־מען דער נייער ייד, דער אַמאָליקער, דער שפּאַנישער ייד, למשל, וואָס האָט מלוכות געבויט... איך האָב קיינמאָל אַזוי נאָ־ענט ניט געהערט די טריט פון דעם נייעם יידן, ווי היינט" (לע־ווין צו סימען) — — —

און אַז דער זאַוואָד איז פון אַלע זייטן אַרומגענומען גע־וואָרן פון פייער און ס'איז געוואָרן אַ מהומה, און מ'האָט געזוכט די צאַרטע רָחֶלען, וואָס איז, מן הסתם, פאַרשוואונדן אין די

פלאַמען, — האָט סימע עקזאַלטירט אויסגעשריען: „פּייַער ריי־ניקט!" — — —

אַ טיפער טרויער, אַן אומפאַרמיידליכע טראַגעדיע — איז דער פאָן, די פאָרם און דער תּוך פון דער דאָזיקער אייגנאַרטי־קער רעאַליסטישער דראַמע, וואָס איז באַהויכט מיט אַ לופטיקער סימבאָליק. פון די קאַרגע קורצע שטריכן, כאַראַקטעריסטישע האַנדלונגען און וואַרים־צאַפּלדיקע, כאָטש געפּרעסטע דיאַלאָגן איז אַרויס אַ דראַמע, וואו דער דראַמאַטיזם גייט־דורך פון דער ערשטער שורה ביז דער לעצטער. אונטער דעם לבוש פון דעם ווערק שפּירט זיך אַ ציטער־פלאַטערדיקע נשמה, וואָס ליידט פאַר די זינד פון דור, האַלט זיי פאַר אייגענע און ראַנגלט זיך מיט זיך אַליין, וויל אַליין דער אייגענער קרבן חטאת ווערן דורך זעלבסטאָפּפערונג אַליין געלייטערט ווערן און דעם פאָלק, אויפלעבן און באַנייען — — —

די טיפּן זיינען דאָ עכט, בולט, קינסטלעריש געשילדערט; יעדע פערזאָן איז דאָ אַ וועלט פאַר זיך, אַ גאַנצע וועלט; די אַנטוויקלונג פון דער דראַמע און דער פינאַל — נאַטירליך, און די פּיעסע איז דערצו אויך סצעניש.

די דאָזיקע צווייטע נשמה־דראַמע פון א. ווייטער איז, פּונקט ווי זיין ערשטע דראַמע, דורך דער קריטיק נאָך לחלוטין ניט אָפּגעשאַצט געוואָרן. דאָגמאַטיש־קאָנסערוווירטע און יעזואיטיזירנדיקע מעשׂטשאַנעס מיט לחלוטין ניט מאָזאָליע־דיקע הענט, וואָס ליבן זיך צו פּוצן דווקא אין צוימענבערעכע־רישע פעדערן, „רייסן אים אַראָפּ", און די אַנדערע, וואָס האָבן זיך באַפרייט שוין פון די קיקיון־דיונהדיקע פּראָגראַמען און פליגלאונטערשניידנדיקע דאָגמען, זיינען שוין צו ראַפינירט אין זייערע פאַרנאַסישע געשמאַקן און שוויגן אָלימפּעאיש, אָדער — דיפּלאָמאַטיש — — —

אין מערץ 1920 איז די פּיעסע צום ערשטן מאָל אויפגעפירט געוואָרן דורך דער סטודיע ביי דער טעאַטער־געזעלשאַפט אין ווילנע, און אין זעלביקן יאָר איז אין קלעצקינס פאַרלאַג אַרויס די צווייטע אויפלאַגע.

## CXXXV

אין וואַרשע איז אין יאָר 1911 געגרינדעט געוואָרן בראש מיט י. ל. פּרץ אַ געזעלשאַפט פאַר אויפבויען אַן ערנסטן יידישן טעאַטער. אין קאָמיטעט זיינען אַריין אַ ריי געזעלשאַפטליכע טוער (פּאָדלישעווסקי, דאַווידזאָן א. אַ.) און ליטעראַטן (פּרץ, אַש, ווייטער א. אַ.). ווייטער האָט שוין לאַנג געהאַט באַשלאָסן אינגאַנצן אָפּצוגעבן זיך מיטן נייעם יידישן טעאַטער, — האָט ער זיך איצט מיט לייב און מיט לעבן איבערגעגעבן דער אַרבעט פון דער נייער טעאַטער־געזעלשאַפט. אין איר נאָמען איז ווייטער אַוועקגעפאָרן קיין דרום־רוסלאַנד, שלום אַש קיין ריגע און פּרץ קיין פּעטערבורג. זיי האָבן געדאַרפט אומעטום מאַכן אַן אַגיטאַציע פאַר דער שאַפונג פון אַ טעאַטער־פאָנד. פּרץ האָט אָבער ניט געוועלט זיין אַליין אין „פאַרהאַסטן" פּעטערבורג, האָט ווייטער געמוזט איבעררייסן זיין אייגענע נסיעה און פאָרן מיט אים ווי אַ מורה דרך, וואָס איז שוין אין דער רעזידענץ געווען באַקאַנט פון פריער. נאָכן אויסריכטן פּרצן צוריק קיין וואַרשע איז ווייטער אַוועק אויספירן די אויף זיך גענומענע שליחות. ער איז אויסגעווען אין אַלע גרעסערע שטעט, האָט אַרויסגעוויזן ביי דער אַרבעט אמתע מסירת נפש, און אָן שום באַלוינונג. פּונקט ווי אַמאָל האָט ער געהאַלטן, אַז אַ סאָציאַליסט טאָר ניט מאַכן די רעוואָלוציע פאַר אַ קרדום לחפר בה, פאַר אַ מאַטעריעלער קאַריערע, — אַזוי האָט ער איצט ניט געוועלט לעבן אויפן חשבון פון דער נייער אידעע זיינער. „איך מוז פאָרן אַהין, — האָט ער זיך איינמאָל אויסגעדריקט, — וואו איך זאָל האָבן אַ פאָרלעזונג", דאָס הייסט, וואו ער זאָל האָבן אויף לעבנסמיטל. ער האָט נאָך פּעטערבורג באַזוכט נאָך אַ סך שטעט: ריגע, ווילנע, מינסק, באָברויסק, קיעוו, יעקאַטערינאָסלאַוו, פּאָלטאַווע, כאַרקאָוו. ער האָט אומעטום געלייענט לעקציעס און געשאַפן אַקציעס פאַרן טעאַטער. „אין זיינע לעקציעס, — שרייבט נחמן מייזיל, — איז געווען אַ טיפער גלויבן און זיי האָבן פאַרמאָגט אָריגינעלע, געזונט־געבויטע געדאַנקען וועגן דער יידישער שאַפונג בכלל און יידישן טעאַטער בפרט. דער שטאָלצער עָנָיו, דער מענטש פון געציילטע ווערטער האָט זיינע עפנטליכע אַרויסטרעטונגען אָנגעהויבן שעמעוודיק.

מיט אַן אימתא דצבורא, און שטאַרק זיך צעפלאַקערט, געשפריצט מיט פלאַמענדיקן פּאַטאָס, ווען ער איז דערגאַנגען צו אונזער קולטורעלן מצב און אונזערע קולטורעלע באַדערפענישן. און ער מיטן גרויסן שיינעם קאָפּ, מיט די ברענענדיקע אויגן, מיט דער באַגייסטערטער אויפרעגונג איז געווען דאַן שטאַרק ענליך צו פּרצן". ענליך דערצו שרייבט אויך מענדל עלקין.

נאָך אַלע אָנשטרענגונגען זיינען די רעזולטאַטן אָבער געווען גאַנץ קליינע, קיין פאָנד איז ניט געשאַפן געוואָרן, און נאָכן באַוואוסטן צוזאַמענשטויס פון פּרצן מיט דער פּעטערבורגער יידישער „דעמאָקראַטישער אינטעליגענץ" איז די אַרבעט פון די איניציאַטאָרן אינגאַנצן איבערגעריסן געוואָרן. אַ. ווייטער אָבער איז ניט געווען אינגאַנצן אַנטוישט... ער האָט געליטן שאַרפע מאַטעריעלע נויט און איז קעגן זיין ווילן געצוואונגען געווען אָנצוקומען צו הלוואות פון אינטימע פריינד, פון וואָס ער האָט מאָראַליש שמערצליך געליטן. און אין דער זעלביקער צייט פון מאַטעריעלער געדריקטקייט פלעגט ער גאַנץ אָפט אַליין אָוועקגעבן אַן אַנדערן דעם לעצטן ביסן... אין אַ בריוו צו מ. עלקין שרייבט ער: „איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געבויט. אַלע מאָל צעשטערט. כסדר צעשטערט... עס איז פשוט אַן אימה, וואָס איין מיטלמעסיקער מענטש קאָן צעשטערן אויף זיין לעבן!... און קיין זאַך ניט געבויט. נו, און מיין שרייבן ביז אַהער איז אויך ניט קיין בנין. וואָס אַזוינס וועל איך ווייטער שרייבן, בין איך אויך מסופק, צי דאָס וועט זיין אַ בנין. האָב איך קיין הויז ניט געבויט, קיין גייסטיקע בנינים אויך ניט. צעשטערט האָב איך. ציט מיר דאָס האַרץ כמעט קרענקליך, כמעט מיט משוגעת, עפּעס אויסצובויען. דאָס איז ניט מליצה. דאָס איז גאָר פשוטע דבורים. דוכט זיך מיר, אַז איצט וועל איך אויסבויען, ציגל צוזאַמענשלעפּן און מאַכן אַ בנין. עס איז גאַנץ מיגליך, דאָס זאָל מיר געלינגען. און וואָס מער איך לייד דערביי, האָב איך אַלץ מער הנאה. און נאָך אַ מאָטיוו. איך מוז אומפּליען. איך קאָן אויף אַן אָרט ניט זיצן. אַ מוק אין קאָפּ, אַ וואונד אַזאַ"...

„איך בין כסדר צווישן פרעמדע מענטשן, ריידן—רעדט מיט זיי

עפעס אַן אַנדער מענטש, ניט איך, אַ קאָמי־וואָיאַזשאָר, אַכלל־טוער, אַ שרייבער, נאָר ניט איך. איך שווייג, כּסדר איך שווייג. אָט דאָס ערשטע מאָל זיך פונאַנדערגערעדט אין אַ בריוו"... אין אַ צווייטן בריוו צו עלקינען דריקט ער אויס זיין שטאַרקן גלויבן, אַז דער בנין, דער נייער יידישער טעאַטער, וועט קומען. „אויב איך בין אָפּטימיסט, שרייבט ער, איז דאָס גאָרניט אויף שוין, אויף היינט, אויף מאָרגן (אגב, איך פערזענליך, פאַר זיך, וואַרט כּסדר אויף קאַטאַסטראָפעס), נאָר איך ווייס, אַז דאָס, וואָס איך טו היינט און וועל טאָן מאָרגן, האָט אַ צוקונפט"... „און אויפן האַרצן איז דערווייל ניט געראָטן. איך האָב עפעס אַ פערזענליכע מעשה פון אַמאָל (פון פאַר 4—5 יאָרן), וואָס איז פאַרגעסן געוועזן—ניט אינערליך, נאָר ווי פאַרגעסן געוועזן. און איצט האָט זיך עס אויפגעוועקט"...

ווייטער האָט נאָך געמאַכט פּרוון צו אָרגאַניזירן אַן ערנסטע יידישע טרופּע מיט עלקין, בן־עמי און נעמי בראש, פאַרבונדן זיך מיט בעליאַיעוון, צוליב ראַסטעווען אַ גרויסן יידישן אַרטיסט — אויך מיט דאַלמאַטאָוון.

נאָכדעם ווי אַלע זיינע פּלענער צו שאַפן אַ יידישן מאָדערנעם טעאַטער האָבן זיך ניט איינגעגעבן, באַרואיקט זיך ווייטער ניט און גיט זיך איבער מיטן גאַנצן ברען אַ נייער אידעע—צו גרינדן אַ מאָדערנעם יידישן פאַרלאַג, וואָס זאָל דינען נאָר די אינטערעסן פון דער יידישער ליטעראַטור און פון יידישן לעזער. „ער חלומט וועגן גרויסגעבן שיינע יידישע ביכער, שיין אין אינהאַלט און שיין אויך אויסערליך; וועגן אַ פאַרלאַג, וואָס זאָל ניט אַזוי אויסן זיין קאָמערציעלע רווחים, ווי די אַנטוויקלונג פון דער יידישער ליטעראַטור". ער איז געווען זעער באַפריינדעט מיט באָריס קלעצקין, ביי וועמען ער האָט אַ געוויסע צייט פאַרבראַכט אין סטאָרעוואָ, האָט געווירקט אויף אים לטובת זיין פּלאַן, און אין זעלביקן יאָר 1911 איז געגרינדעט געוואָרן דער „ווילנער פאַרלאַג" פון ב. א. קלעצקין. ער האָט זיך איבערגעגעבן דער אַרבעט בלב ונפש, געטאָן עבודת פּרך, צוגעצויגן צום פאַרלאַג די יונגע און פאַרמאָסטן זיך אויף גאָר אַ ברייט־צעצווייגטער אַרבעט, געמאַכט

אויך די נייטיקע הכנות צום זשורנאַל „די יידישע וועלט“, אָבער ער איז דאָך געווען אַן אומלעגאַלער, — די זשאַנדאַרמעריע האָט ניט אויפגעהערט צו זוכן אים און ער האָט אין ווילנע ניט גע־קענט מער פאַרבלייבן. ווידער האָט זיך אָנגעהויבן זיין נע־ונד־לעבן, וואו אַ טאָג, וואו אַ נאַכט...

אונטער דער צייט האָט ער געהאַט אָנגעשריבן אַן עסייע „דער גאון“ און אַ פיר־אַקטיקע דראַמע „דער שטומער“, — צוויי אוניקומס אין אונזער ליטעראַטור, וואָס זיינען דער אַפּאָגעי פון וויטערס תשובה־אידעאָלאָגיע. דאָס ערשטע ווערק הייבט זיך אָן אויף אַזאַ שטייגער: „אַזוי לאַנג קיין גאון ניט געווען, אַזוי לאַנג“... אַמאָל איז אויך דאָס פאָלק אויף צוויי טיילן געשפּאָלטן געווען, וואָס האָבן אַ פאַרביסענע פייערדיקע מלחמה געפירט, אָבער דאַן זיינען צוויי גאונים די פירער געווען, דער בעש״ט און דער ווילנער גאון, — און ביידע טיילן זיינען איין פאָלק, אַ גאַנץ פאָלק געווען. „און דאָס איז ביי אונז דאָס לעצטע מאָל געווען, אַז אַ גאון האָט דאָס פאָלק געפירט“. נאָכ־דעם — נייע דורות, יידן ציען זיך „אַהין“, צו „ליכט“, — איז די שול ליידיק געוואָרן, איז ס׳פאָלק אָן פירער געבליבן, אָן גאונים. „שטעלט זיך עמיץ העכער פון אונזערע געהויקערטע אַקסלען, — פאַררייסן מיר דעם קאָפּ אַרויף און שרייען: „גאון!“... ווער איז ביי אונז ניט געניאַל? אָבער אין זיך ווייסן מיר גוט: — יתומים!“... זיכער: דעם גאון באַשאַפט נאָר דאָס גאַנצע פאָלק, וואָס לעבט איין לעבן. ביי אונז? צעריסן אַ פאָלק אויף שטי־קער! עס גאַנץ מאַכן וואָלט נאָר אַ גאון געקענט. אַ נייער בעש״ט־רעפאָרמאַטאָר מוז קומען מיט אַ באַנייטער יידישקייט, מיט אַ גע־לייטערטער רעליגיע. דער גאון האָט רעכט צו שאַפן איבער די העכסטע ווערטן פון פאָלק — איבער דער אמונה פון פאָלק... ס׳איז קיין פאַרכישופטער קרייז: אַלץ ווייזט, אַז עס זאַמלען זיך ביסלעכווייז אָן די חומר ולבנים פאַרן נייעם בנין; אין פאָלק ווערט געשאַפן אַלץ, וואָס איז נייטיק פאַר זיין קיום. מיר גייען צוריק צו דער שול, צו דער קייט פון עבר, צום פאָלק. דערמיט ווערט אַלץ נעענטער צו אונז דער גאון, מאַכן מיר אַלץ גיכער

זיין אָנקומען, דעם אָנקומען פון גואל... בכן מוזן מיר צוריקגיין, צום זיידן, צום עלטער־זיידן. שוין צופיל פון זיך אַוועק, שוין צייט צוריק — אין שול אַריין!"

דעם דאָזיקן אַרטיקל, וואָס איז געווען אָנגעשריבן נאָך אין יאַנואַר, האָט א. ווייטער אַוועקגעשיקט אין זאַמלבוך „פון צייט צו צייט", אויסגאַבע פון קיעווער „קונסט־פאַרלאַג", נאָר מ'האָט אים ניט געדרוקט „צוליב די אויספירן און צוליב די רופן צוריק אין שול אַריין", און ער איז פאַרעפנטליכט געוואָרן ערשט אין יאָר 1919 אין קיעווער „ביכער וועלט" נ״נ 4—5 „ווי אַ דאָקומענט, וואָס כאַראַקטעריזירט די שטימונגען פון יענער צייט"...

„דער שטומער" איז אַן אייגנאַרטיק רעאַליסטיש־סימבאָלישע דראַמע. דער סיוזשעט אויסערליך ניט קאָמפּליצירט. אַלכּסנדר, אַ אינזשענער, געענדיקט אין אויסלאַנד, וואו געפירט, ווי בכלל די יידישע פאַרפרעמדטע יוגנט, „אַ צעלאָזן לעבן", גיט זיך מיט־אַמאָל אַ ריס־אָפּ, טוט תּשובה, קערט זיך אום צוריק אַהיים אין קליינשטעטל מיט אַ שטעטלשער מיידל, אַסיאַ, וואָס האָט אויך שטודירט אין די אויסלאַנדס, געהאַט שוין אַ „גאַנצע פאַרגאַנגענהייט" און צום סוף זיך פאַרבענקט נאָך אַ ריין יידיש לעבן. ער האָט עפּעס יע פון איר עבר געהערט, האָט זי אָבער ליב באַקומען, איר מוחל געווען און באַשלאָסן מיט איר חתונה האָבן — כּדת משה וישראל. איז אָבער אין טאָג פון דער חופּה זיינער אַן אַלטער פריינד אומדערוואַרט געקומען צו פאָרן צו אים און האָט אין זיין האַרצן אַ קערנדל חשד פאַרוואָרפן, וואָס איז מיט יעדער סצענע אַלץ ווייטער געוואַקסן, ביז עס איז צייטיק געוואָרן. דער פריינד איז געווען דער לעצטער פון אַסיעס געליבטע, וואָס זי איז מיט אים זיך פונאַנדערגעגאַנגען, ווייל זי האָט שוין מער ניט געוועלט קיין הפקר־זאַך זיין, געוועלט, ווי די מאַמע אַמאָל, אונטער אַ חופּה שטיין אונטערן אָפענעם הימל, דעם „הרי אַת" הערן און וויינען פון גליק. אַלכּסנדר האָט דורכגעפירט שטרענג אַלע רעליגיעזע מנהגים, אַפילו דעם טאָג ערב חופּה געפאַסט, און פאַרוואונדערט דאָס שטעטל בכלל און זיין פרומען קלוגן פאָטער און נאָך קלי־

גערן פעטער, „דעם שווייגער“, בפרט. די עלטערן האָבן דעם שידוך ניט געוועלט: אַסיע איז נאָך פון אַמאָל אין שטעטל אַ באַרעדטע געווען. אָבער אַז דער זון האָט זי ליב און טענהט, אַז ער האָט געבלאָנדזשעט און איז איצט אַ נייער מענטש געוואָרן, אַז זי האָט זיך יאָרן־לאַנג קיין אָרט ניט געפונען — „יידישע קינדער זייגען מוראדיק עלנט, בלאָנקען אום, ווי פאַרלאָרענע“ — און זי האָט איצט חרטה, איר האַרץ איז ריין געבליבן און זי איז אַן ערליך, יידיש מיידל, — שווייגן זיי, מישן זיי זיך ניט... אויף שבע ברכות האָט ער זי פאַרן גאַנצן עולם רעאַביליטירט און „מזל טוב“ באַקומען... דער פריינד איז אָבער שטאַרקער געווען, אַסיע האָט זיך, קעגן איר ווילן, געצויגן צו אים (פונקט ווי חנהקע צו איר „ערשטן“ אין „אין פייער“)... און אַלכסנדר איז דערגאַנגען דעם אמת, אַז צווישן איר און דעם פריינד איז אַלץ געווען, און האָט פאַרשטאַנען, אַז ער האָט אַ טעות געהאַט... דער טייוול האָט פאַרפלאָנטערט... אַ פאַרפאַלענער דור! „אין אַזאַ דור — איז אָדער מען רעדט, זיך צו פאַרשרייען, אָדער מען ווערט אַנטשוויגן, ווי דער פעטער, מען ווערט אַ שטומער“. און ער איז אַוועק — אין בית־מדרש. אָבער אויך אַהין גייט אים דער פריינד נאָך, ווי אַ פאַטום, און טענהט צו אים: „קיינער איז ניט שולדיק. מיר זייגען אַלע שולדיק. אָפגעריסן זיך פון די טאַטעס און פון די זיידעס און אין דעם נייעם לעבן, וואָס איז אַזוי גיך אויפגעקומען, האָבן מיר פאַרגרייזט, פאַרפלאָנטערט זיך. דרייט אונז דער טייוול אום, ווי אין דער וויסטעניש, אָפגעריסענע, צעשיידטע, מיט זיך אַליין צעשיידט, מיטן אייגענעם פאָלק צעשיידט, מיט דער פאַרגאַנגענהייט... מענטשן אָן אַ היים“... אין בית־מדרש בלייבן הייסט—זיך אָפזונדערן פון לעבן. די, וואָס בלייבן אין לעבן, טאָרן ניט שווייגן. מ׳דאַרף אָנהייבן פונסניי... מ׳דאַרף בויען אַ ניי, נאָר אַ יידיש לעבן“... אַלכסנדר אָבער „קען שוין ניט“... דער פאָטער קומט צו אים — רופן צום לעבן, דער פעטער קומט — העלפן אים שווייגן, אַסיע — מיט תחנונים נאָך פאַרגעבן, זי וואָלט, אויך ווי חנהקע פון „אין פייער“, וועלן זיך אָפזונדערן, אָבער

ביי ייִדן איז ניטאָ וואוהין, ניטאָ קיין הייזער פאַר נזירות... אַלכּסנדר ענטפערט אַלעמען מיט אַ ל פ אַ ר ג ע ב ן און מ י ט ש ו ו י י ג ן, און דער לעצטער אַקט ענדיקט זיך מיט „והוא רחום יכפּר עון" — — —

פונקט ווי „פאַרטאָג" און „אין פייער", איז „דער שטומער" אַ אינטימע דראַמע פון ווייטערס אייגענער נשמה, פאָרגעשטעלט אויסערליך אין רעאַלע בילדער, אין עצם אָבער סימבאָלישע אַלעמען איז שוין היינט קלאָר, אַז אַלכּסנדר און דער פריינד זיינען צוויי אַנטיפּאָדן פון ווייטערס נשמה. פאַר אַ סימבאָלישע האָט אָנגענומען די דראַמע אויך בעל מחשבות, ווען ער האָט רעקאָמענדירט די אַרטיסטן צו שטעלן זי אויף דער בינע און געגעבן זיי אָנווייזונגען, ווי אויסצושטאַטן זי סימבאָליש, נשמה־דיק. פון דער אַנדער זייט זיינען די עצם רעאַלע בילדער גענומען פון [ווירקליכן לעבן. דער פאָטער ש מ ו א ל — דאָס איז ווייטערס פאָטער שמואל (לחלוטין ניט קיין צופאַל), די מוטער — זיינע און דער פעטער דער שווייגער — דאָס זיינען זיינע צוויי פעטערס משה דוויליאַנסקי (ז"ל) און יצחק מאיר דעוועניסקי (ז"ל) פאַרקערפּערט אין איין פערזאָן. די טיפּן זיינען לעבעדיקע, אויסטערליש כאַראַקטעריסטישע, מיט אַ ספּעציפיש־ווייטערישער וואָרימקייט געשילדערטע.

צו דער דאָזיקער דראַמע איז שוין געווען אַן ערנסטערע, כאָטש נאָך אַלץ ניט אינגאַנצן געהעריקע באַציאונג מצד דער אָפיציעלער קריטיק (בעל־מחשבות, ד"ר מיכאל ווייכערט). געפּענטעט פון געוויסע שאַבלאָנען, איז מען ביי זיך ניט זיכער, ציטערט מען אַ קוק צו טאָן אויף ווייטערן ווי אויף אַ קינסטלער, אויף ווייטערן, וואָס האָט אויסגעפּרעגטע בילדער און טיפּן געגעבן, — אין דער צייט ווען מ'האָט קלענערע פאַר קינסטלער געקרוינט...

ערשינען איז דער „שטומער" אין יאָר 1912 אין „ווילנער פאַרלאַג" פון ב. א. קלעצקין און אין אַ צווייטער אויפלאַגע אין זעלביקן פאַרלאַג אין 1920 מיטן בילד פון מחבר. געשטעלט געוואָרן איז די דאָזיקע פּיעסע זייער אַ סך מאָל און מיט גרויס ערפאָלג.

אין דער דאָזיקער צייט, אָנהייב 1912, איז ער אַוועקגעפאָרן קיין לאָדז, וואו ער האָט זאָרגעוודיק איינגעאָרדנט זיין מיטעלן ברודער אליהון אויף אַ שטעלע און אויף קוואַרטיר ביי אַ קרובה; האָט זיך געפרייט, וואָס אים איז געלונגען אויסצופירן כאָטש עפּעס פון דער מוטערס צוואה, און איז אַוועקגעפאָרן צוריק — וואַנדערן...

אין דער אַרבעט פון „ווילנער פאַרלאַג", ווי אויך אינם זשורנאַל „די יידישע וועלט", וואָס ווייסער האָט אַזוי פיל כוחות אַוועקגעלייגט אויף זיי, איז אים ניט באַשערט געווען מער זיך צו באַטייליקן. אין דער נאַכט פונם 23 אפּריל 1912, האָט די זשאַנדאַרמעריע דורכגעפירט אין ווילנע מאַסן הויזזוכונגען און אַרעסטן צווישן אַרבעטער און באַזונדערס אינטעליגענץ. צווישן אַנדערע זיינען אַרעסטירט געוואָרן אויך דוד איינהאָרן, וואָס האָט געאַרבעט אין „פאַרלאַג", און דער שריפטשטעלער משה זילבורג. מ'האָט זיי אַלעמען באַשולדיקט אין באַטייליקן זיך אין „אַ נאַרוואָס פאַרגעקומענעם צוזאַמענפאָר פון בונד". די מעשה איז געווען פון גרונד אויס ליגן: פון דער אַכטער, לעמבערגער, קאָנפערענץ פון בונד אין אָקטאָבער 1910 אָן איז ניט פאָרגעקומען קיין שום בונדישער צוזאַמענפאָר; דוד איינהאָרן ווידער און משה זילבורג האָבן בכלל קיין שום שייכות ניט געהאַט צו דער אָרגאַניזאַציע פון בונד. באַזונדערס האָט מען זיי, פונקט ווי די איבעריקע אַרעסטירטע, אויף די פאַרהערן געפּלאָגט מיט געשייטע פראַגן וועגן אַ. ווייטער, „מיט וועמען זיי אַרבעטן צוזאַמען אין קלעצקינס פאַרלאַג". מ'איז פון זיי אָבער, פאַרשטייט זיך, קיין זאַך ניט דערגאַנגען. אַ. ווייטער איז דעמאָלט געווען אין ווילנע און איז ניט אַרעסטירט געוואָרן: ער האָט זיך געהאַלטן זעער קאָנספּיראַטיוו, האָט אויסגעמיידט באַגעגענישן מיט טוער פון רעוואָלוציאָנערע פאַרטייען און איז ניט געגאַנגען אין ערטער, וואָס אויף זיי האָט געקענט פאַלן אַפילו דער קלענסטער „חשד", אויך ניט אין דרוקקעריי, וואָס די שפּיאָנען האָבן פון איר די אויגן ניט אַראָפּגענומען, — האָט די זשאַנדאַרמעריע ניט געוואוסט פונם זיין זיינעם אין ווילנע. ער האָט אָבער ניט געוועלט מער פאַרבלייבן אויף דער „פרייהייט". ביי אים איז שוין מיט אַ האַלב יאָר פריער

צײַטיק געוואָרן דער געדאַנק — איבערגעבן זיך דער זשאַנדאַרמעריע: אים איז נמאס געוואָרן דאָס לעבן נע־ונד און דאָס אייביקע אויסבאַהאַלטן זיך. ער האָט געלעכצט נאָך קולטור־אַרבעט און געהאָפט דווקא דורך אַליין מעלדן זיך צו באַקומען די מיגליכקייט דערויף. דאָך האָט זיך דער ענין איבערגעבן־זיך געצויגן. איצט אָבער האָט ער זיך פעסט אַנטשלאָסן און אין ערשטן טאָג זיך געמאָלדן דער זשאַנדאַרמעריע מיט די ווערטער: „איך בין דעוועניסקי פון 1905, — נעמט מיך!" דערמיט האָט ער דעם פּראָצעס נאָך מער פאַרפּלאָנטערט און פאַרשווירקט און פאַר זיך ערגער געמאַכט. זילבורג און איינהאָרן זײַנען צוגלייך מיט די איבעריקע אַרויסגעשיקט געוואָרן אויף צוויי יאָר קיין אויסלאַנד און א. ווייטער איז נאָכן אָפּזיצן שטרענג לאַנגע חדשים אין לוקישקער טורמע אַרויסגעשיקט געוואָרן צום צווייטן מאָל אַדמיניסטראַטיוו אין טורוכאַנסקער געגנט (אין ווייטן סיביר) אויף דריי יאָר.

א. ווייטערס אַלטער פאָטער, שוין אַ קראַנקער אויף קרעבס, איז ווידער אומגעלאָפן „ראַטעווען" זײַן אַייזיק־מאירן, אַוועקגעפאָרן קיין פעטערבורג, געווענדט זיך נאָך הילף צו זײַן געוועזענער שנור, וואָס האָט דאָרט אַ צווייטן מאָל חתונה געהאַט, און רייך, און געהאַט אַ צוטריט אין די הויכע ספערן, — אָבער זי האָט אים קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט... ער האָט „געזעען איר גליק און זײַן קינדס אומגליק" און די אַלטע, שוין אויסגעטריקנטע אויגן זײַנען אים פול געוואָרן מיט טרערן; ער האָט זיך גענומען צום האַרצן און איז נאָך מער קראַנק געוואָרן. דאָך איז שמואל אַליין צוגעקומען צום ראש פון פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט. דער גענעראַל האָט דערזען פאַר זיך אַ טויטן מענטשן, האָט צו אים מיטלייד דערפילט, געבעטן אים זיצן, אָבער דערקלערט אים, אַז דאָס ווענדט זיך ניט אָן אים. ער קען דאָ גאָרניט העלפן, אַז דריי יאָר סיביר איז אַ גרויסע הנחה און באַלד, אין 1913, וועט לכבוד דעם 300־יאָריקן יובילײ פון הויז ראָמאַנאָוו געמאָלדן ווערן אַמניסטיע. שמואל האָט זיך אומגעקערט אַהיים אינגאַנצן אַ דערשלאָגענער און האָט קוים דערלעבט זײַנע לעצטע טעג. ער האָט באַקומען פון זון פון סיביר אַן אומגעוויינליך האַרציקן בריוו, וואו יענער שרייבט אים אגב: „טאַטע ליבער, טײַערער! איך

בין שוין אויך אַן אַלטער ייד, מיר זיינען ביידע אַלטע יידן, זין פון ישראל סבא״... דער פּאָטער האָט זיך צעכליפּעט ווי אַ קינד און אין אַ קורצער צייט אַרום, חנוכּה תּרע״ג, איז ער געשטאָרבן מיטן נאָמען אייזיק־מאיר אויף די ליפּן — — —

אַ. ווייטער האָט שפּעטער געפּועלט ביי דער מאַכט צו בלייבן אין קראַסנאָיאַרסק, וואו ער האָט געהאַט אַלטע באַקאַנטע נאָך פון דער ערשטער „ססילקע״, און האָט צוליב לעבנס־מיטלען מיטגעאַרבעט אין רוסישע צייטונגען, אין „סיבירסקאַיאַ זשיזן״ א. אַ. ער האָט מקיים געווען זיין נדר פון שווייגן: קרוב פינף יאָר האָט ער געשוויגן. זעלטן ווער ס׳האָט פון אים און וועגן אים אַ ידיעה געהאַט. מ. עלקין איז געווען דער איינציקער אינטימער פריינד זיינער, מיט וועמען ער פלעגט זיך שטענדיק דורכשרייבן. ביי עלקינען האָט ער געבעטן אים צושיקן די נייסטע פילאָסאָפישע ביכער, בעלעטריסטיק, רוסישע זשורנאַלן ערנסטע און באַזונדערס ביכער און זשורנאַלן וועגן טעאַטער. אויך אַ טייטש־חומש און אַ מנורת־המאור זאָל ער אים, למען השם, צושיקן, — ער האָט „יידיש פאַרגעסן״. — מאַטעריעל האָט ער אַ צייט זייער געליטן, געהונגערט... אין אַ בריוו דערמאָנט ער וועגן אַ העפט — אַ מין טאָג־בוך, געשריבן מיט בלייפעדער, וואָס ער האָט איבערגעלאָזן אין ווילנער טורמע ביי שמואל טשערנאָוויטשעס אַ ברודער, מיט וועמען ער איז עטליכע טעג געזעסן אין איין קאַמער, און ער בעט עלקינען אָפּנעמען עס און באַשמירן מיט לאַק, כּדי דאָס געשריפטס זאָל ניט אָפּגעריבן ווערן. פון פּרצעס אַ קאַרטל איז ער „געוואַלדיק דערפרייט געוואָרן, אין די אויגן הייס געוואָרן״... אין אָקטאָבער 1914 האָט ער שוין געחלומט וועגן אַן אָרט אין רוסלאַנד, וואו צו באַזעצן זיך נאָכן ענדיקן דעם טערמין פון גלות, אין זעער ווייניק ערטער וועט ער האָבן רעכט צו באַזעצן זיך: אַ געוועזענער פּאַרשיקטער. אין קראַסנאָיאַרסק וואָלט ער שוין געקענט גוט לעבן, אָבער עס ציט אים אַ היים, וואו די צרות זיינען אַזוי גרויס און די נויט ניט קלענער... דאָך — נאָך זיינע גרויזאַמע איבערלעבונגען אין טורוכאַנסק און אין יעניסייסקער געגנט, וואוהין ער איז געווען

אַריבערגעשיקט, האָט ער מורא געהאַט צו פֿאָרן אַהיים אָן אַ צוגעגרייטער אַרבעט, וואָס זאָל אים געבֿן חיונה. האָט ער זיך וועגן דעם דורכגעשריבֿן מיט ש. ניגער, דעם רעדאַקטאָר פֿון „ווילנער פֿאַרלאַג", מיט ש. ראָזנפֿעלד, דעם בֿאַפֿולמעכטיקטן פֿון „יעקאָפּאָ", און מיט מ. עלקין.—פּרצעס טויט האָט אויף ווייטערן געמאַכט אַ שרעקליכן רושם. ער האָט אָנגעשריבֿן אַן אַרטיקל וועגן פּרצן און אַוועקגעשיקט אין דער „יודישער וועלט", אָבער מ׳האָט אים ניט געדרוקט. איז ווייטער געווען אויפֿגערעגט אויף זיינע „ווילנער פֿריינד" און קאָלעגן. ווען ער האָט מוחל געווען „אַנדערע אומפֿאַרמיידליכע זאַכן", אָבער, „ער וועט זיי קיינמאָל בשום־אופֿן ניט מוחל זיין זייער בֿאַגיין זיך מיט אים בנוגע דעם דאָזיקן שרעקליכן טויט"... אין 1915 האָט זיך געענדיקט זיין גלות=טערמין און ער איז געווען זעער בֿאַזאָרגט פֿון די שווערע בֿאַדינגונגען פֿונם צוריקקער און פֿון די שווערע אויסזיכטן אויף פֿאַרדינען צום לעבֿן. קיינער האָט פֿאַר אים גאָרנישט געטאָן. זיינע האָפֿענונגען אויפֿן „פֿאַרלאַג" זיינען צערונען געוואָרן, אַגבֿ איז בֿאַלד פֿאַרמאַכט געוואָרן די גאַנצע יידישע פּרעסע. ער האָט זיך געבֿעטן ביי עלקינען צו זען בעטן ב. אין פֿאַל, ווען די פּרעסע וועט רעסטאַווירט ווערן, „דאָסמאָל אים ניט אויסצומיידן"... ער איז „מסכּים אויף אַלע בֿאַדינגונגען", נאָר „מ׳זאָל אים ניט פֿאַרמיידן"... אָן אַרבֿעט איז ער „באמת שטום געוואָרן".— די מלחמה און דער חורבן פֿון די פּוילישע און ליטווישע יידן האָבן אים דערדריקט און ער האָט עס אין קאַלטן סיבֿיר איבערגעלעבֿט מיט אַ שרעקליכער פֿאַרביטערטקייט — — —

אונטער דער צייט איז מיט אַ טראַגישן טויט געשטאָרבן אין לאָדז אין עלטער פֿון 19 יאָר אַ. ווייטערס דערמאָנטער ברודער אליהו („ליאָצקע") דעוועניסקי, און ער, אַ. ווייטער, איז איצט געווען זעער פֿאַרנומען מיטן געדאַנק וועגן אַיינאָרדענען אין קראַסנאָיאַרסק זיין יינגסטן, איינציק־פֿאַרבליבֿענעם ברודער מ ש ה ד ע ו ו ע נ י ש ס ק י, וואָס איז געקומען צו אים נאָכדעם ווי די דייטשן האָבן פֿאַרנומען זיין וואוינאָרט לידע. שפּעטער איז דער פּיזיש=שוואַכער משה געוואָרן מאָבֿיליזירט און אַוועקגעשיקט פֿון

קראַסנאָיאַרסק אויפֿן רומענישן פראָנט, וואו ער איז קראַנק געוואָרן אויף שווינדזוכט. אַז ער האָט זיך אומגעקערט צוליב זיין קראַנקהייט צוריק קיין קראַסנאָיאַרסק, האָט ער שוין דאָרטן דעם ברודער ניט געטראָפן, ווייל נאָך דער פעברואַר-רעוואָלוציע איז ווייטער אַוועקגעפאָרן קיין פעטערבורג. אין קראַסנאָיאַרסק איז משה געבליבן אַ לענגערע צייט אין שפּיטאָל, וואו ער איז אין אָנהייב 1918 געשטאָרבן אין עלטער פון 18 יאָר. מיט אים איז אַוועק פון דער וועלט דער לעצטער מיטגליד פון ווייטערס עלטערן-הויז — — —

---

פינף יאָר איז אַ. ווייטער שטום געווען, דער ריס אין האַרצן איז נאָך גרעסער געוואָרן, די פּערזענליכע טראַגעדיע נאָך טיפער, אָבער דער גורל פון זיין אומקומענדיקן פאָלק דריקט מער ווי אַלץ זיין האַרץ. „וואָס וועט עס זיין!—שרייבט ער אין אַ בריוו צו עלקינען — פאַר דער גאַנצער צייט פון אונזער עקסיסטענץ, פאַר די גאַנצע טויזנטער יאָרן—זיינען נאָך ניט געווען אַזעלכע נסיונות. אין אונזערע נאַציאָנאַלע קאַטאַסטראָפעס איז אַלעמאָל געווען גרויסקייט, און איצט איז קיין גרויסקייט לחלוטין ניטאָ, הגם די קאַטאַסטראָפע איז אומגעהייער גרויס"... — זיין געדאַנק האָט זיך פאַרטיפט, די פאַנטאַזיע האָט זיך פאַרשפּרייט ביז די ווייטסטע האָריזאָנטן און ער האָט זיך געטראָגן מיט גראַנדיאָזע פּלענער, פּלענער פון אַ נייעם ערנסטן בויען. זיין טאַלענט האָט נייע פליגלען באַקומען. ער, אַ. ווייטער דער סקעפּטיקער, וואָס האָט שטענדיק געצווייפלט אַפילו אין זיך אַליין, האָט אין זיך איצט אָנגעהויבן גלויבן און געהאָפט גאָר גרויסע זאַכן אויפצוטאָן.

קומענדיק סוף מערץ 1917 קיין פעטערבורג, האָט ער דאָרטן גענומען זוכן די פּאַסנדיקסטע סביבה אויף אויסצופירן זיין פּלאַן וועגן אַ גרויסער יידישער טעגליכער צייטונג. איבער פאַרשיידענע מניעות האָט זיך דערפון גאָרנישט אויסגעלאָזן,—איז ער אָנגעקומען פאַר אַ פאַרוואַלטער אין „ביוראָ פאַר צונויפרופן

דעם יידישן צוזאַמענפֿאָר". אַז ס'איז געגרינדעט געוואָרן „דאָס פּעטראָגראַדער פֿאָלקס־בלאַט", איז ווייטער ניט אַריין אַהין אַלס מיטגליד פֿון רעדאַקציע, איז נאָר געווען אַ מיטאַרבעטער מן הצד. די דעמאָראַליזאַציע פֿונם יידישן מיטלשטאַנד פֿאַר דער צייט פֿון דער מלחמה האָט געמאַכט אויף אים אַ פּייַנליכן רושם און אין אַרטיקלען אינם דערמאָנטן וואָכנבלאַט און שפּעטער אין ווילנער „וואָך" האָט ער אויסגעגאָסן זיין צאָרן אויף דעם אומריינעם גייסט פֿון שמוכל און ספּעקולאַציע, וואָס האָט ווי אַ מגפֿה באַהערשט ברייטע שיכטן פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג.

פֿון סיביר האָט ווייטער מיטגעבראַכט אַ סך כּתבֿים, גאַנץ נייע ווערק, דערציילונגען און פּיעסן פֿון אַ גאַנץ נייעם שניט, פֿון אַ גאַנץ נייעם פֿאַרנעם, און האָט זיך געטראָגן מיט פּלענער פֿון נאָך נייע און נייערע שאַפֿונגען פֿון אַ גאַנץ הויכער מדרגה. באַזונדערס האָט זיך אויסגעצייכנט פֿון די דאָזיקע כּתבֿים זיינע אַ נייע גאָר גרויסע דערציילונג אָדער ראָמאַן „ביים שאַמאַן" — אַ קונסט־ווערק פֿון ערשטער מדרגה, וואָס איז אָנערקענט געוואָרן פֿאַר „אַ דערגרייכונג אין ווייטערס שאַפֿן". דאָ איז ווייטער אַן ערשטראַנגיקער מאָלער פֿון נאַטור־בילדער און אַ קלאַסישער שילדערער פֿון טיפֿסטע פּסיכאָלאָגישע איבערלעבונגען, פֿון העכסטן מענטשליכן עקסטאַז, — אַ דיכטער פֿון גאָטס גענאָד. די שפּראַך — לעבעדיק, זאַפֿטיק, בליצאַרטיק, וואונדערשיין. די פּערזאָנען — טיפּן, וואָס פֿאַרבלייבן אויף אַלעמאָל אין זכּרון. אינגאַנצן איז דאָס, לויט נ. מייזילס דעפֿיניציע, „אַ פֿאַרשטייפּט און פֿאַרטיפֿט קינסטלעריש ווערק און לחלוטין ניי אין דער אַלגעמיינער אויפֿפֿאַסונג און קינסטלערישן פֿאַרנעם און לויט דער וואָגיקייט פֿון די שילדערונגען". אָבער אַ. ווייטער האָט, ווי אַלעמאָל, ניט ליב געהאַט צו ריידן וועגן זיינע ווערק, וועגן די נייע ווי וועגן די אַלטע. און אויב ער האָט אַמאָל יע גערעדט פֿון זיי, איז עס געווען ווי „כּלאחר יד", שווער און שעמעוודיק. ער האָט געאַרבעט צו פֿאַרקירצן און באַזייטיקן די „פּערזענליכע און סוביעקטיווע שטעלן" פֿון דער דערציילונג, בכדי דאָס ווערק זאָל אַרויסקומען פֿולשטענדיק אָביעקטיוו.

נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט ווייטער געוואוינט אַ קורצע צייט אין ניזשני־נאָווגאָראָד, נאָכדעם איז ער אַוועקגע־פאָרן קיין סיביר ספּעציעל צו באַזוכן דעם קבר פון זיין יונג־פאַרשטאָרבענעם לעצטן ברודער משה. אומקערנדיק זיך צוריק פון סיביר, האָט ער אַ געוויסע צייט פאַרבראַכט אין באָברויסק ביי זיין פריינד מ. עלקין, נאָכדעם אין מינסק. אים איז שוין אָבער לגמרי דערעסן געוואָרן דאָס וואַנדערן און ער האָט געזוכט אַ שטיל ווינקעלע, וואו ער זאָל קענען רואיק אַרבעטן. ריידנדיק אין מינסק מיט נעענטערע מענטשן, האָט ער זיך געחידושט, וואָס די ווילנער טרופּע פירט ניט אויף זיינע פּיעסן, וואָס זיינען שוין אַ סך מאָל געשפּילט געוואָרן, און באַזונדערס דעם „שטומען", וואָס איז געגאַנגען אַפילו אין דער מאָסקווער סטודיע. אין דער זעלביקער צייט האָט ער געשריבן נייע ווערק, איבערגעזעצט גאָרקיס „קינדהייט"—אַ באַשטעלונג פון פּעטערבורגער „חברה מפיצי השכלה"—און געגרייט צום דרוק זיינע סיבירער דערציילונגען.

דעם 27 נאָוועמבער 1918 איז ווייטער געקומען קיין ווילנע, וואוהין ס'האָט אים די גאַנצע צייט געצויגן מיט אַ שטאַרקער מאַכט. צוזאַמען מיט אייניקע ווילנער ליטעראַטן האָט ער גע־פּרוווט גרינדן אַ נייע גרויסע יידישע צייטונג, אָבער צוליב דער אומזיכערער פּאָליטישער סיטואַציע ערב דעם אַוועקגאַנג פון די דייטשן איז דערפון גאָרנישט אַרויס. דאַן האָט ער צוזאַמען מיט ש. ניגער, וואָס איז געקומען קיין ווילנע דעם 25 נאָוועמבער 1918, געגרינדעט אַ וואָכנשריפט פאַר ליטעראַטור און קולטור־פראַגן „די וואָך", וואָס פון איר זיינען אַרויס סך הכל פיר ביכלעך (8 יאַנוואַר — 8 פעברואַר 1919). דאָס איז געווען אַ שיינער לי־טעראַריש־געזעלשאַפטלעכער זשורנאַל. ביידע רעדאַקטאָרן זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט דער כוונה צו בויען און אָפּבויען די יידישע קולטור (ברייט גענומען) נאָך איר אומגעהייער גרויסן חורבן דורך דער וועלט־מלחמה און אירע נאָכווייעניש. מיט דעם געדאַנק פון בויען און שאַפן איז געווען דורכגעדרונגען אויך דער זשורנאַל. דאָ האָט אַ. ווייטער אין ערשטן נומער פאַרעפנטליכט אַ קאַפּיטל פון זיין דערמאָנטער דערציילונג „ביים שאַמאַן" און

אַן אַרטיקל „אונזער צייט" וועגן חורבן פון אונזער לעבן און וועגן אונזער לעבנספּעאיקן גייסט. דער לעצטער אַרטיקל עטעמט מיט אָפּטימיזם און ווייטער רופט אויס: „מען דאַרף בויען יבנה!" אין נ. 2—„די בירזשע אויף זאַוואַלנער גאַס"—פּאַרביטערונג קעגן דער דעמאָראַליזאַציע פון די געלט־ספּעקולאַנטן. אין נ. 4 איז אָפּגעדרוקט ווייטערס לעצטע איינאַקטיקע דראַמע „אַן אומגליק" (וועגן אַ רבס אַ טאַכטער, וואָס איז אַוועק אין שמד),—די בעסטע פון אַלע זיינע פּיעסן. דאָס האָט אָנערקענט אויך דער שטרענ־גער ש. ניגער, וואָס שרייבט: „לויט דער מייסטערשאַפט פון זיין (דעם איינאַקטערס) געביי, לויט דער ריינקייט, צונויפגענומענקייט און פעסטקייט פון זיין דיאַלאָג איז ער צייטיקער און פולקומע־נער ווי זיינע פריערדיקע דראַמאַטישע ווערק". פּונקט ווי „ביים שאַמאַן" אין בעלעטריסטיק, איז „אַן אומגליק" אַ דערגרייכונג פון אַ. ווייטערס טאַלענט אויפן געביט פון דראַמע. דאָס איז אַ קונסט־ווערק אין פולסטן זין פון וואָרט, וואָס גייט אַריין אין אוצר פון אונזער דראַמאַטורגיע צוגלייך מיט אַלע קלאַסישע יצירות אירע. — אינם זשורנאַל האָט ער געגעבן אויך עטליכע שיינע איבערזעצונגען פון שאַרל באָדלער און פּעטער אַלטענבערג.

ער האָט זיך געטראָגן מיט אַ פּלאַן צו אָרגאַניזירן לעק־ציעס וועגן דער פּוילישער ליטעראַטור. אַליין האָט ער גערעכנט פּאָרצולייענען וועגן מיצקיעוויטשן, סלאָוואַצקין און וויספּיאַנסקין; ער האָט געחלומט אויך וועגן איבערזעצן די בעסטע ווערק פון די פּוילישע וואָרט־קינסטלער אויף יידיש און פון דער יידישער ליטעראַטור אויף פּויליש. אויך האָט ער אָנגעוואָרפן אַ קאָנטור פון אַ דראַמע אויף דער טעמע פון יידיש־פּויליש־ליטווישע באַ־ציאונגען. אַזוי אַרום האָט ער געשטרעבט צו אַ התקרבות צווישן די פעלקער דאָ דורך דער העכערער אידעען־וועלט.

נאָכדעם ווי ווילנע איז פאַרנומען געוואָרן פון דער רויטער אַרמיי, איז אַ. ווייטער צוגעצויגן געוואָרן אַלס פאַרוואַלטער פון דעם גרויסן יידישן פאַרלאַג, וואָס האָט זיך אָרגאַניזירט ביים „קאָמיסאַריאַט פאַר פאָלקס־בילדונג פון ליטע און ווייסרוסלאַנד". ער האָט געוואָלט אויסנוצן די גרויסע מיגליכקייטן פון „קאָמי־

סאַריאַט״ פאַר דער יידישער קולטור. אַ דאַנק זיינע גרויסע אָר־גאַניזאַטאָרישע כשרונות איז אים געלונגען צו באַזייטיקן אַלע טעכ־נישע מניעות און ער האָט געשאַפן די מיגליכקייט פאַר גראַנ־דיאָזע אויפטוען פון דעם דאָזיקן פאַרלאַג. ער האָט אויסגענוצט זיין גאַנצע השפעה, כדי ניט צו דערלאָזן די רעקוויזיציע פון די יידישע דרוקערייען, און האָט זיי אַלע צוגעצויגן צו דער אַרבעט פאַרן פאַרלאַג.

פון פּאָליטישן און געזעלשאַפטליכן לעבן איז ער די גאַנ־צע צייט געשטאַנען לגמרי אָן אַ זייט. זיין אַלטער ידיד מ. נחום־סאָן, וואָס האָט דעמאָלט רעדאַקטירט אין ווילנע די סאָציאַלדע־מאָקראַטישע „נאָוואַיאַ עראַ״ (די נייע ערע), האָט אומזיסט גע־פּרוווט צוציען אַ. ווייטערן, דעם אידעאישן קעגנער פון די „רוסישע״ מעטאָדן פון דער ראַטן־מאַכט אין דעם קאַנט, צו מיטאַרבעט אין זיין צייטונג, וואָס האָט געקעמפט קעגן די דאָ־זיקע מעטאָדן; די „דעמאָקראַטישע פּאַרטיי״ האָט גערעכנט, אַז ווייטער איז נאָענט צו איר ברוח, און האָט אים געלאַדן צו זיך פאַר אַ מיטגליד, אָבער אויך אָן ערפאָלג. אַ. ווייטער האָט בשום אופן ניט געקענט מער געהערן צו קיין שום פּאַרטיי: ער איז געווען אינדיווידואַליסט און האָט אין איטליכער פּאַרטיי אײנגעזעען אַ טעם לפגם... ער איז געווען „לחלוטין אַפּאָליטיש״, „געטאָן זיין זאַך (אין פאַרלאַג) און גאָר״. ער, דער פּאַקטיש פאַרבליבענער שווייגער, איז איצט געווען קעגן יעטווידער שריי־ערישקייט, לאַרים און געפּילדער. ער האָט געזאָגט: „ניט אין שטורים איז גאָט״... — בשעת ס'איז געקומען די אויפטרייסל־דיקע ידיעה וועגן דעם לעמבערגער פּאָגראָם (אין נאָוועמבער 1918), האָבן די ווילנער יידישע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן אין אָנהייב דעצעמבער צונויפגערופן אַ באַראַטונג אונטערן פאָרזיץ פון ש. אַנ—סקי אין דער רעדאַקציע פון די „לעצטע נייעס״ וועגן דעם, ווי צו רעאַגירן דערויף. אַ סך רעדעס זיינען דאַן געהאַלטן געוואָרן, לאַנגע און הייסע, אָבער אַ. ווייטער האָט לאַנג געשוויגן און אין זיין צולעצט גענומענעם וואָרט האָט ער זעער איינגעהאַלטן, אַזוי ווי ציטערנדיק, קורץ און טיפזיניק אַרויסגע־

זאָגט אַ רעיון, אַז — אפשר זיינען מיר אַליין אויך אין אַ געוויסער מאָס שולדיק און אַז מיטן שרייענדיקן פּראָטעסט וועלן מיר נאָר מחלל הקודש זיין, שענדן אונזערע אומגעקומענע על קידוש השם... — ער האָט זיך נאָר אינטערעסירט אַ ביסל מיטן פאַראיין פון די יידישע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן אין ווילנע, האָט אָנטייל גענומען אין דער איינאָרדענונג פון זיינע „אינטימע אָוונטן", אָבער אַליין איז ער כמעט קיינמאָל ניט אַרויסגעטראָטן אויף זיי. בשעת אַן—סקיס פאָרלעזונג פון זיין „דיבוק" אין לאָקאַל פון ליטעראַטן־פאַראיין אויף פּאָהוליאַנקע 15 דעם 17 יאַנוואַר 1919 האָט אַ. ווייטער ענערגיש געאַרבעט אַרום דער איינאָרדענונג, אָבער אין די אַנטוויקלטע דעבאַטן נאָך דער פאָרלייענונג האָט ער, דער דראַמאַטורג, זיך ניט באַטייליקט. אַזוי איז אויך געווען אויף דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג פון דער „היסטאָריש־עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט" (20 פעברואַר). אומעטום האָט ער געשוויגן. אָבער ווען עס איז געקומען צו זיין האַרציקער אידעע, צו דער פראַגע וועגן בויען דעם נייעם יידישן טעאַטער, האָט דער אייביקער שווייגער שוין ניט געקאָנט מער בלייבן גלייכגילטיק. ער האָט זיך באַטייליקט אין די וויכוחים און פּאָלעמיזירט מיט די אָנהענגער פון דעם אַזוי־גערופענעם אַקטיאָרן־טעאַטער, זעענדיק דעם שווערפּונקט פון דער טעאַטער־פראַגע אין דער צונויפגעפּאַסטער, האַרמאָניזירטער קאָלעקטיווער אַרבעט פון דעם גאַנצן אַנסאַמבל, און אָנטייל גענומען אין דער רעפּערטואַר־קאָמיסיע פון דעם מלוכה־טעאַטער. ער איז אין דעם מאָמענט געווען זייער פּעסימיסטיש געשטימט. ער האָט געהאַלטן, אַז דער טעאַטער „קען קיין קיום ניט האָבן, ניטאָ די פּאַסנדע מענטשן"...

לויט דער איניציאַטיוו פון אַ. ווייטער און ש. ניגער, האָט דער „בילדונגס־קאָמיסאַריאַט" אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַ חודשדיקן ליטעראַריש־וויסנשאַפטליכן זשורנאַל „די נייע וועלט" (נאָכן מוסטער פון דער געוועזענער „יודישער וועלט") אונטער דער רעדאַקציע פון ש. ניגער. אין נ. 1—2 (יאַנואַר—פעברואַר) האָט א. ווייטער פאַרעפנטליכט אַן אַרטיקל „דער ווילנער טע־

אַטער — זיין לעצטע ליטעראַרישע אַרבעט—וועגן דעם נאַר־וואָס געגרינדעטן ערשטן יידישן מלוכה־טעאַטער. ער שטעלט זיך אָפּ אויף דער אויפפירונג פון פרץ הירשביינס „פוסטע קרעטשמע" און „די נבלה" און ווייזט אַרויס זיין טיפע פאַרשטענדעניש פאַר די פּראָבלעמען פונם נייעם יידישן טעאַטער. ווי אינם ערשטן בוך פונם זשורנאַל, אַזוי אויך אין צווייטן (מערץ־נומער) זיינען אָפּגע־דרוקט צוויי קאַפּיטלעך פון ווייטערס דערמאָנטער איבערזעצונג פון מ. גאָרקיס „קינדהייט". די איבערזעצונג איז אַ מוסטערהאַפטע, אַ קלאַסישע. דאָס גאַנצע בוך איז אין 1920 אַרויס אין „ווילנער פאַרלאַג" פון ב. א. קלעצקין.

א. ווייטער האָט אין יענער צייט, ווי שוין דערמאָנט, געהאַט וועער אַ סך כּתבים, אָבער אַלץ, וואָס ער האָט אָנגעשריבן, האָט אים נאָך ניט באַפרידיקט. ער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט נייע פאַרשיידענע גראַנדיאָזע ליטעראַרישע פּלענער. ער האָט געגלויבט, אַז ער בלייבט שוין אַ תּושב אין ווילנע און האָט געזאַמלט ידיעות פונם לעבן פון דער שטאָט פאַר דער צייט פון דער מלחמה און אָקופּאַציעס— מאַטעריאַל פאַר אַ קאָלעקטיווער לעבנס־טראַגעדיע אין רעזול־טאַט פונם וועלט־בילבול. ער האָט לײדנשאַפטלעך געזוכט צו דער־גיין, וואָס עס טוט זיך אין דער טיפעניש פון דער פאָלקס־נשמה, ער האָט געזוכט — די שפורן פון משיח אויפן וועג פון דער אוניווערסאַלער און נאַציאָנאַלער מאַרטיראָלאָגיע... ער האָט אָנגעהויבן אַרבעטן איבער דער שוין דערמאָנטער פּיעסע אויף דער טעמע פון די באַציאונגען צווישן די היגע נאַציאָנאַליסטן. האָט אָנגעשריבן אַ ריי נייע ערציילונגען און אַ גרויסן טייל פון אַ ברייט און טיף פאַרטראַכטן ראָמאַן פון דער צייט פון דער גרויסער רוסישער רעוואָלוציע, אַ העכסט אָריגינעל קונסט־ווערק, וואָס זיין אָנהייב איז אָפּגעדרוקט אין „ווייטער־בוך". און אומע־טום — פּראָבלעמען, די העכסטע פּראָבלעמען, וואָס דרינגען אַרויס פונם לעבן, טראַגישן ליידן און שטרעבן פון דער נאַציע (ניט אין באַנאַלן זין גענומען)... ער האָט זיך נאָך ערשט געגרייט צו שרייבן, געליבט, באַפליגלט און באַגייסטערט פון די שענסטע מוזן פון יצירה. ער האָט אין זיך נייע כּוחות

דערשפּירט און האָט געגלויבט, אַז ער האָט אויסצופירן אַ מיסיע, וואָס קיין אַנדערער אַחוץ אים וועט עס ניט אויספירן... און דאָך—אין דער זעלביקער צייט, ווען ער האָט זיך געפילט „פיזיש אויסגעצייכנט", איז בײַ אים אינערליך געווען „גאָר ניט פריילעך". ער שרייבט (דעם 2־טן אַפּריל 1919) צו זיין אינטימען פריינד עלקינען: „איך שפּיר (בפּועל ממש), אַז איבער מיין קאָפּ העננט אַ קאַטאַסטראָפע, און איך וואַרט, אַז יעדע מינוט זאָל זי געשעען. פריער אָדער שפּעטער וועט עס געשעען. איך שפּיר עס כמעט פיזיש, עס לאָזט זיך אָבער וועגן דעם ניט ריידן" — — —

איינמאָל, פּורים־צייט אָדער עפּעס נאָך פּורים, האָט זיך מיט־אַמאָל באַוויזן איבער ווילנע אַן עראָפּלאַן, וואָס האָט אַראָפּ־געשאָטן אַ שנײַ פּוילישע פּראָקלאַמאַציעס. זיינען די „פּוילישע חברים" פון בילדונגס־קאָמיסאַריאַט פאַרסאָפּעטע אַריינגעלאָפן אין צימער, וואו אַ. ווייטער האָט געאַרבעט, און מיט אַ ציטער אין שטים און אַ קלאַפּעניש פון אַ צאָן אָן אַ צאָן אים געפרעגט: „חבר ווייטער! איר זייט דאָך אַ חכם און ווייסט דאָך אַלץ, — זאָגט: צי ס'איז אמת, אַז די „ווייסע" וועלן קומען?.." אַ. ווײַ־טער האָט אויף זיי אַ קוק געטאָן מיט אַ סאַרקאַסטישן שמייכל און געענטפערט: „קלאָר ווי דער טאָג: פּילסודסקי וועט קומען, און גאָר אינגיכן, און—אַי וועט ער עס „צימבלען"! (די דאָזיקע מעטאַפאָרע האָט ער איבערגעגעבן מיט אַ ספּעציפישן פּוילישן אויסדריק), — ס'וועט אַזש הייס ווערן!" — — —

אַ. ווייטער האָט געליבט די פּאָליאַקן, איז געווען באַגייס־טערט פאַר זייער ליטעראַטור און קונסט, פאַר זייערע פרייהייטס־קעמפער, האָט געחלומט דעם חלום פון זייער באַפרייאונג; נאָך מיצקעוויטשעס באַרימטע „44" געגלויבט, אַז די פּוילישע נאַציע־פונקט ווי די יידישע, איז באַרופן אויסצופירן עפּעס אַ ספּעצי־פישע מיסיע אינם היסטאָרישן פּראָצעס פון דער מענטשליכער קולטור. — און ער האָט געוואַרט אויף זייער קומען און בשום אופן ניט געוואָלט פאַרלאָזן ווילנע...

אַז עלקין האָט, זייענדיק עטליכע טעג פאַר פּסח אין ווילנע,

געבעטן זיך בײַ אים רחמים קומען צו אים אויף פּסח קיין באָברויסק, האָט ער שוין געהאַט אײַנגעשטימט, אָבער לסוף, אַ שעה פֿאַרן פֿאָרן, האָט ער חרטה געהאַט און איז ניט געפֿאָרן... ער האָט זיך געגרייט אויף די אַנדערע טעג צו פֿאָרן קיין ביניאַקאָני און נאָכדעם באַזוכן גרויס־סאָלעטשניק, וואָראָנאָווא, אײַשישאָק, ראַדון, די וואָראָנאָווער יוגנט האָט אַפּילו געגרייט פֿאַר אים אַן אָוונט, — ער האָט ליידנשאַפטליך געגאַרט צו זען זיך און פֿאַרברענגען אינטים מיט אַלע פֿאַרבליבענע מיטגלידער פֿון דער משפּחה, מיט זײַנע קינדהייטס־חברים און גלאַט מיט די „אַלטע ליבע מענטשן פֿון שטעטל"... נאָך דער צעפּוילטקייט פֿון דער שטאָטישער קולטור האָט זײַן נשמה זיך געצויגן צום שטעטל „מיט איר גאַנצקייט און ריינקייט"... ער האָט זיך בײַ באַקאַנטע מיט גרויס אינטערעס נאָכגעפֿרעגט וועגן אײַשישקער „קיבוץ", וועגן ראַדונער און סלאָבאָדקער ישיבות, און „באַזונדערס וואָס מאַכט דער מערקווירדיקער מענטש דער אַלטער „חפץ חיים", דער „בעל מידות תּרומיות"...

און גוטס האָט ער געזייט אויף שריט און אויף טריט, געטאָן טובות אויף רעכטס און אויף לינקס: דעם—מיט אַ לעצטן „ניקאָלאַיעווער" אָדער „קערענקע" און דעם—מיט אַ גוט וואָרט, „וואָס איז טײַערער פֿאַר געלט"; דעם פֿאַרזאָרגט מיט אַרבעט אַזוי צי אַנדערש און דעם געמינטערט צו טאָן עפּעס, צו בויען און שאַפֿן פֿאַרן כּלל דווקא איצט „בשעת חירום", אין דער צײַט פֿונם גרויסן חורבן... און ווידער אַמאָל געזוכט שעפֿערישע ליטעראַרישע כּוחות, און אַז געפֿונען — געוועקט־געמונטערט זיי, מקרב געווען אָנפֿאַנגער און געהויבן דעם מוט בײַ אָפּהענטיקגעוואָרענע, ניט־אָפּגעשאַצטע, אונטערשאַצטע אָדער „אַראָפּגעריסענע"... און אַלעמאָל—אי שטאָלץ אי צוגעלאָזט, איידל, מילד, צאַרט, ווי ער וואָלט געגלעט, ווי אַ קיל ווינטעלע אין אַ הייסן זומער־טאָג... אַלעמען דן געווען לכף זכות, געוואָרן אַזוי ווי אַלפֿאַרגיביק... געוואָלט, מ'זאָל אים רופֿן ניט מיט קיין שום בײַנאָמען, נאָר פּשוט יצחק־מאיר אָדער אײַזיק־מאיר, אַפּילו איטשע־מײַער,—אַלץ איז אים גלײַך ליב געווען. יענעמס האָט ער געשאַ־

געוועט און אליין פאר זיך מאטעריעלס גאָרנישט ניט פארלאנגט. אַ קרישטאָל־ריינע נשמה, האָט ער די לעצטע צייט געמאַכט אַן איינדרוק — פון אַ לעבעדיקן ה י י ל י ק ן, אַ פאַרטיפטן אין זיך אָדער אַ פאַרטראַכטן אין גאַנץ אַנדערע ווייטע וועלטן — — —

ער איז געווען און געבליבן געטריי איבערגעגעבן דעם הייליקסטן אידעאַל פון דער אַרבעטנדיקער־ליידנדיקער מענטש־הייט — דעם אידעאַל פון איבערבויען דאָס לעבן אויף די יסודות פון אַבסאָלוטער אייביקער גערעכטיקייט. זיין איידל האַרץ האָט אים געבלוטיקט זעענדיק, „ווי מען טראָגט די הייליקסטע אידעען אויף פאַרבלוטיקטע שפּיזן", פונקט ווי דאָס האָבן געטאָן די, וואָס האָבן מיט פייער און שווערד פאַרשפּרייט רעליגיעס... זיין גאַנץ לעבן האָט ער געשטרעבט — צום משיח־אידעאַל, וועלכן ער האָט פאַרשטאַנען אויף אַ מאָדערנעם אופן אַלס די באַפרייאונג פון אַלע פעלקער און פון זיין פאָלק בתוכם, אַלס אַ נייע, לעתיד־לבואדיקע וועלט, וואו אַלע־אַלע, דער יחיד און דער כלל, משפּחות, שטאַמען, נאַציעס און ראַסן זאָלן זיך פילן ליב־פאַר־ברידערט אין אַן אמתער סאָציאַל־באַפרייטער און אויסגעגלייכ־טער מענטשהייט. ער האָט פאַר זיך קיינמאָל ניט געזוכט קיין שום פּערזענליכע קאַריערעס, ער האָט וועגן זיך אין דעם פּרט אַפילו קיינמאָל ניט געטראַכט. ער האָט אין זיין לעבן קיין איינ־ציקע מינוט גליק ניט געהאַט. ער איז געווען דער סימבאָל פון מסירת־נפש, וואָס איז געווען דער כאַראַקטעריסטישסטער שטריך פון זיין נשמה — — —

און אָט אין רעכטן מאָמענט פון ווייטערס גייסטיקן אויפ־שטייג, ווען די יידישע נאַציאָנאַלע קולטור האָט געהאַט אַלע גרונדן צו דערוואַרטן פון אים אַ ניי וואָרט, עפּעס גרויס און דערהייבנס, — האָט אים דער גורל וואָס אַנדערש באַשערט — — —

שבת חול המועד פּסח (19 אַפּריל) איז ווילנע פאַרנומען געוואָרן פון די פּוילישע לעגיאָנערן. אין שטאָט איז געגאַנגען אַ העפטיקער אומאויפהערליכער געראַנגל אויף די גאַסן. די זאַמד־גאַס, וואו ווייטער האָט געוואוינט ביי ש. ניגער אין אַ צי־מער אין הויז נ' 7, איז אין משך פון זונטאָג דעם 20־טן נאָך

געווען אין רשות פון דער רויטער אַרמיי. דער דיכטער לֵיב יפה, וואָס האָט געוואוינט אינם זעלביקן הויז און אויף די זעלביקע טרעפּ מיט אַ שטאָק העכער, האָט אין ווילנער „יידישער צייטונג" נ׳ 11 (כ״א אייר תרע״ט — 21 מאַי 1919) באַשריבן די איבער־לעבונגען פון דער צייט און ווייטערס לעצטע שעהן:

„אויסערליך איז ער געווען רואיק און געלאַסן. זעלטן נאָר פלעגט מען קענען באַמערקן פון אַ צוק אויף זיין פנים, אַז ער איז טיף אויפגערודערט, אַז ער באַוועלטיקט זיין אינערליכע אומרו. — אַרום האָבן אָן אויפהער געקראַכט די שאָסן, געקלאַפּט די קוילנוואַרפערס, אין די פענסטער זיינען שוין אַריינגעפאַלן קוילן... אויפן אָוונט איז שטילער געוואָרן. מיר האָבן זיך אויפ־געקליבן צוזאַמען, כדי ניט צו בלייבן איינזאַם די נאַכט אין דעם אויפגעברויזטן ים פון מענטשליכער שנאה, וואָס האָט געלויערט אַרום פון אַלע ווינקעלעך. מיר האָבן געזוכט אַ שוץ פאַר די קינדער, פאַרשטעלט די פענסטער, כדי אַ קויל זאָל ניט אַריינ־פליען. ווייטער האָט זיך מיט דעם מתעסק געווען. ער האָט אונז נאָכגעגעבן ווי קליינע קינדער, דערפילט אַלע באַפעלן פון די מוטערס, וואָס איינער פלעגט גלייך סותר זיין דעם אַנדערן.

דעם אָוונט האָט ער געלייענט אין אַ העברעאישער כרע־סטאָמאַטיע די „עבודה", די באַשרייבונג, ווי די כהנים אין בית־המקדש פלעגן אָפּריכטן יום־כּפּור די עבודה. ער האָט באַוואונ־דערט די גרויסאַרטיקע קינסטלערישע קראַפט און סצענישע באַ־וועגליכקייט פון דער באַשרייבונג, די רייכקייט פון די ביל־דער. — מיר האָבן דעם אָוונט באַרירט פאַרשיידענע פראַגן. וויי־טער האָט געזאָגט, אַז איצט מוז מען שאַפן אַ יידישע פרעסע, אָן וועלכער די יידישע באַפעלקערונג איז אַזוי לאַנג געווען. מער ווי אַלץ האָט מען גערעדט וועגן באָלשעוויזם. מ׳האָט זיך באַמיט פאַרשטיין אים היסטאָריש און פּסיכאָלאָגיש, ווי אַ שטראָף, וואָס די מענטשהייט לעבט איבער פאַר אירע זינד, פאַר דער מלחמה, וועלכע האָט געמוזט ברענגען צו אַ חורבן פון דער אַל־טער וועלט. וואָס וועט איצטער זיין? איינער פון אונז האָט פּרובירט זאָגן נביאות, אַז די פּאָליאַקן וועלן מן־הסתּם זיך בעסער פאַר־

האַלטן צו די יידן, ווי אין אַנדערע ערטער. ס'איז אין זייער אינטערעס צו־ציען צו זיך די יידן אין ליטע, האָבן זיי פּאַר גוטע פריינד. ווייטער האָט באַמערקט: „ליידער זיינען אָבער די פּאָליאַקן שלעכטע פּאָליטיקער"...

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

„ס'איז דורכגעגאַנגען די נאַכט. אויף דער גאַס האָט זיך אָנגעהויבן די מלחמה. גאַנץ פרי האָבן מיר זיך צעשיידט. אַזוי־גער 10 אינדערפרי בין איך אַראָפּגעגאַנגען צו די שכנים. ווייטער איז געשטאַנען אין קאַמערל מיט די קינדער פון זיינע גוטע פריינד און האָט אַלץ געהאַלטן דעם העבּרעאישן ספר און געלייענט די עבודה"..

באַלד האָט זיך דערהערט אַ דונערדיקער קלאַפּ אין טיר פון ניגערס דירה און אַ יִרגזונדיק געשריי: „עפענען!" אַ. ווייטער, וואָס זיין צימער איז געווען תיכּף לינקס פון אריינגאַנג, האָט גלייך געעפנט און ס'זיינען אריין עטליכע זעלנער מיט אַן על־טערן, וואָס האָט מיט די אויגן אָפּגעמאָסטן ווייטערן פון אויבן ביז אַראָפּ און אויסגערופן רואיק: „אַזאַ הויכער, שלאַנקער, פאַרשפּילעט אויף אַלע קנעפּ,—אַן עכטער באָלשעוויק! קום!"...

ווייטער האָט דערויף דערווידערט: „דער פאַן עלטסטער האָט אַ טעות, איז געוויס געקומען ניט צו מיר"... — „ניין, טאַקע צו דיר!" — איז געווען דער ענטפער, און די זעלנער האָבן זיך כּהרף־עין אַרויפגעוואָרפן אויף ווייטערן און אַראָפּגעשלעפּט אים פון די טרעפּ אויפן מיטן גאַס...

די דאָזיקע טראַגעדיע האָט זיך אָפּגעשפּילט אויף די אויגן פון דער אַרטיסטין פרוי שערמאַן.

דער חאונדערבאַרער העלד „חבר אַראָן", וואָס האָט גאַנצע צען יאָר פון זיין יונגן לעבן פאַרבראַכט אין טורמעס און סיביר, וואָס איז אָן דעם מינדסטן שרעק דורכגעגאַנגען געשייט־צעלייג־טע נעצן פון צאַרישן שפּיאָנאַזש און געדיכטע פייער־זאַלפּן און וואָס דורכגעטריבענע זשאַנדאַרמען האָבן ניט אויסגעהאַלטן זיין שאַרפן אָדלער־בליק; דער אומדערשראָקענער אַ. ווייטער, „דער מאַן, וואָס איז געווען אין די בליענדיקסטע יאָרן, פול מיט לעבן

און מיט שטרעבן, מיט ענערגיע און מיט ליכטיקסטע האָפענונגען אויף דער צוקונפט, — האָט ניט געקענט שלום ווערן מיטן גרויזאַמען געדאַנק, אַז דאָס — איז שוין דער סוף, אַז אָט קומט זי, די קאַטאַסטראָפע, וועלכע ער האָט ניט אויפגעהערט צו פילן איבער זיין קאָפּ", — און ער האָט זיך ווירדיק געווענדט צו די זעלנער אין אַ שיינעם קלינגענדיקן פּויליש מיט רירנדיקע ווערטער:

— טויט ניט, זין פונם ערשט באַפרייטן פאָלק, אַ מענטשן, וואָס איז דער בעסטער פריינד אייך, וואָס האָט געבענקט נאָך אייך, געוואַרט אויף אייך! מענטש! נשמה! טויט קיין מענטשן ניט, קיין אומשולדיקן מענטשן!...

אָבער די „מענטשן", די „נשמות" זיינען ניט גערירט געוואָרן, זיינען אומדערבאַרימליך געווען...

— שוויג, געשייטער זשיד! מיר קענען דיך, דו „קאָמיסאַר"! — האָט די לופט געריסן...

אין דעם אויגנבליק איז פּרוי שערמאַן צוגעפאַלן מיט אַ פאַרצווייפלטן געיאָמער צו דעם זעלנער, וואָס האָט גענומען אָנשטעלן דעם ביקס, געבעטן זיך ביי אים, ביי אַלע זעלנער רחמים ניט צו טויטן דעם אומשולדיקן דיכטער, וואָס האָט צו די באָלשעוויקעס קיין שום שייכות ניט, — אַלץ אומזיסט! אַלס ענטפער האָט זיך אַ דונער-קנאַל דערהערט, און אַ. ווייטער — „איז געטראָפן געוואָרן אין שלייף. זיין איידל שטרענג געזיכט, וואָס איז פּנים-אֶל-פּנים מיטן טויט געבליבן רואיק און ווירדיק, האָט נאָר אַ קליינעם צוק געטאָן. די קויל, וואָס האָט געטויט אים אויפן אָרט, איז אַרויסגעפלויגן און פאַרוואונדעט די אַרטיסטין, וואָס האָט אומזיסט געפּרוווט אים ראַטעווען פון די תליונישע הענט" — — —

דאָס איז געשען מאָנטאָג שביעי של פסח תרע"ט צווישן 10 און $10^1/_2$ אינדערפרי (21 אַפּריל 1919).

„אין אַ האַלבער שעה אַרום, — דערציילט ווייטער ליב יפה, — האָט מען אונז *) געטריבן אויפן גאַס אונטער די קוילן,

*) יפהן אין ניגעצרן.

חאָס זיינען געפאַלן אַרום אונז, ווי אַ האָגל, אונטער די ביקסן, חאָס זיינען געווען אָנגעשטעלט אויף אונז. דורכלויפנדיק האָבן מיר דערזעען חייטערן ליגן אַ טויטן אויפן גאַס מיטן פּנים צום הימל, מיט אָפענע אויגן. מיר האָבן זיך ניט געקענט פאַרבויגן פאַר דעם קערפּער פון אונזער פריינד, זיך געזעגענען מיט אים. מ׳האָט אונז געיאָגט און מיר האָבן געוואָרט אויפן טויט״ — — —

„פון וויטערס טויטן קערפּער, — שרייבט ז. רייזען, — האָט מען אַראָפּגעצויגן די שיך און די אייבערשטע קליידער און ער איז געבליבן ליגן אין דער גאַס־ריגע קעגנאיבער דעם הויז, וואו ער האָט פאַרבראַכט די לעצטע חדשים פון זיין לעבן. דער פאַר־חילדערטער, פון בלוט פאַרשיכורטער המון האָט אים ניט גע־וואָלט אָפּגעבן די דינער פון שפּיטאָל פון „רוסישן רויטן קרייץ״. ערשט מיטוואָך, דעם 23־טן, אינדערפרי איז דער טויטער ווייטער געבראַכט געוואָרן אין שפּיטאָל.

פרייטאָג *) איז געווען די לוויה. אין דער אֵימֶהפולער אַטמאָספערע פון יענע טעג, ווען דאָס לעבן און דאָס האָב און גוטס פון דער יידישער באַפעלקערונג איז געווען הפקר, ווען אין דער לופט האָבן נאָך געשוועבט די שאָטנס פון די דערהרגעטע, זיך געטראָגן די פאַרשטיקטע קרעכצן פון די געפּייניקטע, האָבן די נאָענטע פריינד פון ווייטערן ניט געפונען פאַר מיגליך צו מאַכן זיין לוויה ברייט עפנטליך. מ׳האָט קיינעם ניט אָנגעזאָגט און קיינעם ניט גערופן צו באַגלייטן צו דער אייביקער רו דעם טייערן, הייליקן קרבן. נאָר געציילטע מענטשן זיינען אין שטילן טרויער נאָכגעגאַנגען נאָך דעם אָרון. און אַז מ׳האָט אַראָפּגעלאָזן דעם קדוש אין דעם פריש־אויסגעגראָבענעם קבר, האָט אַ שטילער שוידער דורכגעצוקט איבער דעם קליינעם עולם און די פאַר־שיקטע גיפטיק־זודיקע טרערן האָבן זיך געשטעלט אין די אויגן״.

ש. אַנסקי האָט מיט אַ ציטערדיקער האַנט אויפגעשריבן אויף אַ פּראָסטן הילצערנעם ברעטל:

*) כה ניסן.

„אייזיק־מאיר דעווענישסקי (א. ווייטער), דערהרגעט דורך אַ קויל שביעי של פסח“.

„שטיל איז מען זיך צעגאַנגען פון בית החיים. אַלץ איז געווען געענדיקט“...

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

אַזוי איז פון אַ מערדערישער מענטשנס האַנט אומגעקומען טראַגיש דער מבשר פון אונזער נאַציאָנאַל־קולטורעלן רענע־סאַנס, וואָס זיינע לעצטע ווערק האָבן עדות געזאָגט אויף אַ פּאָ־טענציעל־מעכטיקן טאַלענט, וואָס האָט די לעצטע צייט זיך ערשט צעבליט, — אומגעקומען אַ כהן אין בית־המקדש פון דער קונסט בעת ער איז געווען פאַרטאָן אין דער „עבודה“; אַ גרוי־סער אַלטרואיסט, איינער פון אונזערע געטרייסטע באַגייסטערטע גבורים און מסירת־נפשדיקע ראַנגלער פאַרן משיחישן „באחרית הימים“; אַ מענטש מיט אַ גאַר הויכער נשמה, וואָס האָט געפילט דעם צער פון זינד, דעם פּיין פון קרבן חטאת, וואָס האָט געליטן פאַר זיין פאָלק און פאַר אַלע פעלקער, פאַר זיין דור און פאַר אַלע דורות,—איינע פון די איידלסטע פּערזענליכקייטן אונזערע, איינער פון די שענסטע זין ישראלס; — אַזוי האָט אויפגענומען דעם טויט פון קדושים — יצחק־אייזיק־מאיר בן שמואל דעווע־נישסקי (אַ. ווייטער) — — —

א. י. גאָלדשמידט.

ווילנע, שבט תרפ״ד.

# עפּילאָג

ווי אַ דונער האָט די שרעקליכע ידיעה וועגן ווייטערס טראַגישן טויט געטראָפן די אידעאישע און פּערזענליכע חברים און פריינד פונם מאַרטירער אין דער גאַנצער וועלט. די גאַנצע יידישע און העברעאישע פּרעסע האָט זיך אָפּגערופן מיט אַרטיקלען וועגן דעם לעבן און שאַפן פון אַ. ווייטער. אין אַלע גרויסע שטעט פון דעם אַלוועלטליכן יידישן ישוב זייגען איינגעאָרדנט געוואָרן טרויער-אָוונטן צום אָנדענק פונם אומגעקומענעם: אין ווילנע און אין וואַרשע, אין קיעוו און אין פּעטערבורג, אין ווין, אין יפו און אין ניו-יאָרק, אין אַרגענטינע און אין דרום-אַפריקע. און אומעטום איז אין משך פון 1919 אַ סך מאָל אויפגעפירט געוואָרן ווייטערס „אינטימסטע שאַפונג"—„דער שטומער".

דער פאַראיין פון די יידישע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן, וואו ווייטער איז געווען איינער פון די אַקטיווסטע מיטגלידער פאַר די לעצטע חדשים פון זיין פאַרברענגען אין ווילנע, האָט באַשלאָסן אויף אַ ווירדיקן אופן צו פאַראייביקן זיין נאָמען. צו דעם צוועק איז ביים פאַראיין געגרינדעט געוואָרן אַ „ווייטער-פאָנד", „צו וועלכן עס גייען אַריבער אַלע רעכט אויף ווייטערס ליטעראַרישער ירושה און אויף דער אויפפירונג פון זיינע פּיעסן". צום אָנדענק פון אַ. ווייטער האָט דער פאַראיין אַרויסגעגעבן צום ערשטן יאָרצייט נאָך אים אונטער דער רעד. פון ש. ניגער און ז. רייזען אַ „ווייטער בוך", וואָס באַשטייט פון צוויי טיילן: איינער—ספּעציעל געווידמעט ווייטערס אָנדענק, דער צווייטער — אַ זאַמלבוך פון פאַרשיידענע בעלעטריסטישע זאַכן און קריטישע אַרטיקלען. דאָס וויכטיקסטע אָבער איז די מצבה, וואָס דער ליטעראַטן-פאַראיין האָט, לויט דער איניציאַטיוו פון זלמן רייזען, געשטעלט אויפן קבר פונם טראַגיש-אומגעקומענעם שריפטשטעלער. די נייטיקע מיטלען דערויף האָבן געגעבן: דער ווילנער ליטעראַטן-פאַראיין, דער פאַראיין פון די יידישע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן אין וואַרשע, די ווילנער יידישע קהילה, די „ווילנער טרופּע", „יעקאָפּאַ", ב. אַ. קלעצקין און ווייטערס משפּחה. די אַרבעט (פון קינסטלער דניאל ראָזנהויז) האָט זיך פאַרצויגן און די מצבה איז פאַרטיק געוואָרן אין אַ יאָר אָנדערהאַלבן אַרום נאָכן ערשטן באַשלוס (טבת תרפ"א). ג' אלול תרפ"ב (27 אויג. 1922) איז אין דער אָנוועזנהייט פון אַ טויזנטקעפּיקן עולם פאָרגעקומען די אַנטהילונג

פונם ווייסער־דענקמאַל — אַ מאָנומענטאַלע פיגור פון אַן אָדלער מיט אַ פּאָר־וואונדעטן פליגל. די מצבה איז זעער אָריגינעל, הויך 4½ אַרשין און מאַכט אַ אימפּאָזאַנטן איינדרוק. ס'איז אָפּגעריכט געוואָרן אַ הזכּרה פון חזן א. מ. בערנ־שטיין מיטן כאָר און ס'זיינען געהאַלטן געוואָרן האַרציקע רירנדיקע רעדעס פון לי־טעראַטן, אַרטיסטן, געזעלשאַפטליכע טוער און מענטשן פון עולם, אויך פון הרב י. סראָעלאָוו. ה. מ. מייטין האָט פאָרגעלייענט אַ שיר „אויפן טויט פון אַ. ווייטער״.

אין פיל ערטער זיינען געמאַכט געוואָרן פאַרשיידענע פּרוּוון צו פאַר־אייביקן ווייטערס נאָמען: דורך אָנרופן ביכער־אַלמערס אין ביבליאָטעקן אויף זיין נאָמען (ווילנער יידישער לערער־פאַראיין א. אַ.), דורך עפענען ספּעציעל ביבליאָטעקן אויף זיין נ׳מען (ניו־יאָרק, בועגאָס־איירעס א. א.) און דורך אָפּ־דרוקן אָנזיכטס־קאַרטן פין אַ. ווייטער (ווילנע, בועגאָס־איירעס).

דער בעסטער דענקמאָל פאַר אַ. ווייטערן וואָלט געווען — אַ זאַמלונג פון אַלע זיינע ווערק. אָבער צום אומגליק זיינען בעת דער מהומה אומגעקומען אויך ווייטערס אַלע נייע כּתבים, וואָס וואָלטן געווען אַן אוצר פאַר אונזער ליטעראַטור. בלייבט אונז דער קליינער רעשט פון זיין רייכער פאַרלאָרענער ירושה, אָבער אויך דער רעשט איז אונז טייער, דען טייער איז אונז דער זכר פון אַ. ווייטער!

**א. י. גאָלדשמידט.**

---

# מסירת־מודעה

װעגן די מאטעריאלן, װאָס איך האָב געהאַט פאר מיין ארבעט איבער װייסערס ביאָגראפיע.

## א. געדרוקטע מאַטעריאַלן:

1. „װייטער־בוך" 1920: בריװ פון װייטערן צו מ. עלקין און צו דער ארטיסטין נעמי און פון י. ל. פרץ צו א. װייטער; „א. מ. דעװענישסקי" (ביאָגראפישע נאָטיצן) — ז. רייזען; „חבר אראָן" — א. י. גאָלדשמידט; „פראַגמענטן פון זכרונות" — מ. עלקין; „אייניקע זכרונות װעגן א. װייטער" — מ. ב. שניידער; „װעגן א. װייטער" — דן קאַפּלאַנאָװיטש; „װער איז דער שטומער" — א. מאָרעװסקי; „א. װייטער" — ה. ד. נאָמבערג; „װייטער דער דראַמאַטיקער" — ד"ר מיכאל װייכערט; „שװייגן" — ש. ניגער; „ביים קבר פון א קדוש" — ש. אנסקי; „פון א. װייטערס איבערגעלאָזענע כתבים". — 2. ש. ראָזנפעלד: „דאָס װייטער־בוך" („נייער הײנט" 1920, נ' 89). — 3. דוד אײנהאָרן: „א. װייטער" („ארבעטער־שטימע" 1920, נ' 31). — 4. י. בעקער: „װייטער־בוך" („טאָג" 1920, נ' 100). — 5. מ. שאליט: „װייטער־בוך" („לעבען" 1920); „די װאָך" („לעצטע נייעס" 1919, נ' 28). — 6. ספר זכרון לא. װייטער („הצפירה" 1920, נ'90). — 7. נחמן מייזל: „א. װייטער" („ביכער־װעלט" 1919, נ"נ 4—5); „צען יאָר" („ארבעטער־לוח" 1922). — 8. ב. מיכאלעװיטש; „זכרונות פון א יידישן סאָציאַליסט", באַנד II און III. — 9. ח. מעדעם: „זכרונות". — 10. מ. ליטװאַקאָװ: „א. װייטער" („באַגינען" 1919); „צװיי דוירעס" („קולטור און בילדונג" 1919, נ' 1). — 11. ח. לאָצקי־באָרטאָלדי: „א. װייטער דער אפנעשטאַנענער" („ביכ.־װ." 1919, נ"נ 4—5). — 12. ש. אנסקי: „ליטעראַרישע מאַנאַטשריפטן" („די שטימע" 1908, ב. I). — 13. בעל־מחשבות: „ליטער. מאָנ." („געקליבענע שריפטען" ב. II); „דער שטומער" („שריפטען" ב. IV). — 14. מ. אָלגין: „ליטער. נאָטיצן" („צייט" 1913, נ' 14); „א. װייטער" (אויפן פרישן קבר פון אונזער מאַרטירער, — „צוקונפט" 1919, נ' 9). — 15. א. אײזענשלאָס: „א. װייטער און זיין שאַפן" („די צייט", קראָקאָ 1919, נ"נ 31 און 37). — 16. ש. גאָרעליק: „א. װייטער" (װאָכנבלאַט „פרייטאָג", בערלין 1919). —

17. שלום אש: „צום אַנדענקען פון א. ווייטער“ („לאָדזער פאָלקסבלאַט“, יז אלול תרע״ט, נ׳ 212, איבערדרוק פון ניו־יאָרקער „פאָרווערטס“). — 18. די אַרטיקלען פון „טאָג“ 1919, נ׳ 11. — 19. די אַרטיקלען פון „יידישע צייטונג“ 1919, נ׳ 11. — 20. די רעצענזיעס פון B-ch (װלאַדעק) און מ. ליבער אויף די „ליט. מאָנ.“ אין „די נייע צייט“ 1908, נ׳ 3. — זרובבל: „פסח־בלאַט“ 1908. — 22. ש. ל. ציטראָן: „ערינערונגען וועגן א. ווייטער“ („לעבען“ 1920, נ׳ 2); „די טראַגעדיע פון ווייטערס טויט“ („אונזער פריינד“ תרפ״ב, 199). — 23. וו. שולמאַן: „א. ווייטער“ („לעבענס־פראַגען“ 1919, נ׳ 89). — 24. אברהם מאָרעווסקי: „פּרק און ווייטער“ („טאָג“ 1920, 78/273). — 25. חייקל לונסקי: „א. ווייטער ז״ל“ („אונזער טאָג“ תרפ״ב, נ׳ 391). — 26. מאיר הער: „א. ווייטער“ („א. ט.“ 1922, נ׳ 956). — 27. ז. סעגאַלאָוויטש: „ווייטערס מצבה“ („א. ט.“ 1922). — 28. פאַרשיידענע באַריכטן און נאָטיצן אין דער פּרעסע וועגן ווייטערן.

## ב. לעבעדיקע ידיעות פון ווייטערס קרובים, פריינד און נאָענטע באַקאַנטע, ווי אויך פערזענליכע זכרונות.

פאָלגנדיק געטעס קאַטעגאָרישע־ עצה, האָב איך געמ כט א נסיעה אינם דיכטערס לאַנד — אין אַלע מקומות, וואו א. ווייטער האָט פאַרבראַכט זיינע קינדער־יאָרן און זיין פריע יוגנט, און באַקומען א רייכן מאַטעריאַל. דער ווייט גרעסטער טייל פון מיין אַרבעט איבער דער לעבנס־געשיכטע פון אונזער ראַנגלער־מאַרטירער איז געבויט אויפן יסוד גראָד פון דעם דאָזיקן העכסט אָריגינעלן מאַטעריאַל און פון בכלל מיגליכסט געגויי דורכגעפאָרשטע און שטרענג קאָנטראָלירטע ידיעות שבעל פה פון די שפּעטערדיקע פאַריאָרן פון א. ווייטערס לעבן, ווי אויך אויפן גרונד פון פערזענליכע געלייטערטע זכרונות. איך האָב זיך גענומען פאַר דער דאָזיקער אויספירליכער אַרבעט אין דער איבערצייגונג, אז דאָס וועט קיין אַנדערער ניט טאָן און אַז דאָס מוז אָבער יע געטאָן ווערן...

דאָ געפין איך פאַר נייטיק אויסצודריקן מיין דאַנק די פאָלגנדיקע חשובע פערזאָנען פאַר די ווערטפולע ידיעות וועגן ווייטע־ן, וואָס זיי האָבן מיר געגעבן — ביודעים, וויסנדיק דעם צוועק, ובלי יודעים, ווען זיי זיינען געווען מסיחים לפי תומם: ליבע בת משה־ליב (דעווענישסקי) און מרדכי לאַנדע, רחל־לאה און כתריאל חלאַוונאָוויטש, חיים־משה גאָלדאַנסקי, משה־לוי כ״ץ, אברהם־

יצחק שוסטער (גרויס־סאַלעטשניק); חנה בת יצחק־מאיר (דעווענישסקי) און שמואל בויער, יוסף בן משה און פרוי דווילאַנסקי (ביניאַקאָני); וואולף סטרע־לעצקי, אייזיק פּאַדגור (איישישאָק); עלקע און שבתיאל בלאָך, רויזע גאָלדאַני־סקאַ (וואָראָנאָווע); שרה דעווענישסקי (ווילנע); ישראל ראַבינאָוויטש (סמאָר־גאָן־ווילנע); חיענע עפּשטיין (לאָדז); יעקב גאָרדאָן (שאַרקווישטשינע); יעקב שוואַבסקי (קלעוולענד—אַמעריקע); מאַרק ווילטער, אברהם מוטניק, ד״ר פּ. ראָזני־טאַל („אנמאַן״), אַרקאַדי („אַלכּסנדר״) קרעמער, באָריס קלעצקין, יוסף קאַמער־מאַכער; די שריפטשטעלער אַברהם גליקמאַן, פּרץ הירשביין, משה זילבורג, לייב יפה, מענדל עלקין, דן קאַפּלאַנאָוויטש, שרה רייזען, זלמן רייזען, משה שאַליט; פאַר די פאָטאָגראַפיעס—אסתּר דווילאַנסקי און חיה לעווין (ביניאַקאָני).

און נאָך דעם אַלעם פעלן נאָך מאַטעריאַלן וועגן געוויסע מאָ־מענטן פון הייטערס לעבן און טעטיקייט און ניט אַלעמאָל איז מיגליך געווען צו רעווידירן די ידיעות דורך פאַרגלייכונגען, אָפּוועגן און אָפּמעסטן, אויסצוי־געפינען דעם הצד השווה און דעם מכריע צווישן סותרדיקע ידיעות און הנחות. איך וועל דאַנקבאַר זיין, ווען מ׳וועט זאַכליך אויפווייזן די טעותן.

**א. י. גאָלדשמידט.**

## תיקון טעות.

אויף זייט VII שורה 7 פון אויבן און ש. 14 פון אונטן—דאַרף זיין פאַרקערט: דער עלטסטער משה־לייב און דער צווייטער—אליהו.

ז. XXXII ש. 15 פון אויבן: אַנשטאָט ישיבה דאַרף זיין—קיבוץ; ש. 14 פון אונטן: אַנשטאָט דוד־יצחק דאַרף זיין אביגדור.

---

**הערה צו די „כתבים״:** צוליב אַ טעכנישער סיבה גייט דער אַרטיקל „דער אָנהייב״ ניט לויט דער געהעריקער לויפנדיקער ציפער, נאָר אין סדר א106, ב106 א. א. וו., און מחמת דער זעלביקער אורזאַך איז ער ניט דערמאָנט אינם „אינהאַלט״.

# I. בעלעטריסטיק

# אין וועג.

שפעט אין דער נאַכט. פרייטאָג צונאַכט.

אין וואַגאָן איז לער און פאַראומערט. ס'איז נאַס און קאַלט, דאָס ליכטל ווינקט טונקל.

לאַנגזאַם קריכט דער צוג. שאָטנס שוועבן איבער די ווענט און פאַרשווינדן.

אין פענסטער קוקט די שוואַרצע נאַכט. עס פאַלן לאַנגזאַם פונקען פון אויבן, פאַלן און ווערן פאַרלאָשן.

אין לערן וואַגאָן זיצן מיר נאָר באַנאַנד: איך און מיין שכן.

פריער איז ער ווייט אינגם ווינקל געזעסן, דערנאָך האָט ער זיין פעקל געבראַכט צוטראָגן צו מיר. אים איז ניט היימליך פרייטאָג צונאַכט אין וואַגאָן.

ווי קומט ער אַהער?

אַ הויכער אַ דאַרער ייד, פרום און אָרים געקליידט, גרוי און אַלט.

דער שטערן צעקנייטשט, אין די אויגן—צער, די באַקן איינגעשרומפן, די נאָז פאַרשאַרפט, ווי ביי אַ גוסס.

איך קוק אים אָן מיט בענקשאַפט און עס דוכט זיך מיר, אַז דאָס איז מיין אייגענער טאַטע, וואָס האָט זיך, ווער ווייס צוליב וואָס, משונה פאַרענדערט און ער וויל מיך ניט דערקענען.

ער קוקט אויף מיר אַ ווײַלע ווי צעשראָקן און פרעגט:

— צי דאַליעקאָ פּאַן יעדזיע?...

ווי קומט ער אַהער? ווער פאָרט אין אַזאַ נאַכט? ביי אים זיינען די אויגן, ווי פאַרוויינטע, פאַרטרויערט און קראַנק. ער זעהט מיך שלעכט.

איך הער אין זיין קול צערטליכע ליבליכע נאָטן. אין דער פינסטערער נאַכט, צווישן ערד און הימל, אַליין מיט זיין צער אינגם קאַלטן און וויסטן וואַגאָן, איז זיין האַרץ געוואָרן ווייך...

— איך בין אויך אַ ייד!—ענטפער איך.

און עס ווערט שטיל.

מיין שכן הויקערט זיך איין, שפּאַרט איין די עלנבויגנס אין די קני, לייגט דעם קאָפּ אין די הענט און שאָקלט זיך טרויעריק.

איך קוק אין פענסטער און טראַכט...

ס׳איז שווער צו שווייגן. איך פרעג אים:

— און איר פאָרט ווייט?...

ער הייבט אויף שווער זיין גרויען קאָפּ און קוקט מיר אָן ווי דערשטוינט:

— איך?... יאָ, איך פאָר ווייט...

און זיפצט און באַהאַלט ווידער זיין בלייך-געלבע געזיכט אין זיינע ברייטע, דאַרע, צעמאַזאָליעטע הענט...

עס געדויערט ניט לאַנג זיין שווייגן:

— איך פאָר קיין וואַרשע, קיין וואַרשע פאָר איך...

ער רייסט זיך אַליין איבער, רונצלט, ווי פון יסורים, זיין גרויסן שטערן און שאָקלט זיך:

— געלויבט זאָל זיין השם יתברך! געלויבט זאָל זיין השם יתברך!...

ס׳איז קענטיק, דאָס אין זיין אַלטן קאָפּ וואַנדלען אום ביי-זע שלעכטע געדאַנקען. עס וויל אים דער שטן מיט זיין גאָט צעקריגן, נאָר ער גיט זיך ניט אונטער, ער שאָקלט זיך אַלע מאָל שטאַרקער און טרייבט די בייזע רעיונות פון קאָפּ: זיין גאָט איז דער אַלמעכטיקער: ער ווייס, וואָס ער טוט...

---

...ער רעדט שטיל, מיט אַ טיפער שטימע:

— איר זאָגט, אַ נייער ייד זייט איר? איך פאַרשטיי, איצט פאַרשטיי איך עס שוין, ברוך השם.

— איך האָב אַ זון געהאַט... איך האָב אַ זון, מיין איך. איז ער אויך אַ נייער ייד... איינער איז ער ביי אונז, איינער אַליין. קינדער האָבן זיך ביי אונז ניט געהאַלטן, ברוך השם...

— ס׳איז לאַנג צו דערציילן, מיין פריינד... מיך האָט ער ניט ליב געהאַט. ער זיצט מיט איר, מיט דער מאַמען, און לאַכט און שטיפט, און אַז איך גיי אַריין, ווערט שטיל און טויט. ער

זיצט ווי אַ באַשטראָפטער, זי איז ברוגז—פאַרוואָס?—איך האָב שוין אַלץ נאָכגעגעבן. רוסיש—זאָל זיין רוסיש. קורצע פאות, קורצע רעקלעך. דעם פונק יידישקייט האָב איך געוואָלט איינ־היטן, ער זאָל נישט פאַרלאָשן ווערן. איך פלעג שרייען, ביינערן זיך. שלאָגן נישט—חס ושלום. די אייגענע האַר רייסן פון קאָפּ. ער פלעגט עס ניט קענען איבערטראָגן. עס פלעגט ווערן אַ יאָמער, אַ געוויין, תשעה־באב אין שטוב... דאַמאָלסט פלעגט זי אים אַרום־האַלזן און אַנטלויפן אין דער אַנדער שטוב. זי, אַ יידענע, אַ נאַ־רישע מאַמע, זי האָט אים אומגליקליך געמאַכט, זי האָט אים צע־לאָזן געמאַכט...

— ע, וואָס זאָל איך אייך זאָגן... איר זייט דאָך אַליין אויך אַ צעלאָזענער!... פון די נייע יידן זייט איר דאָך!...

---

ער קערט זיך אָפּ פון מיר און קוקט אין פענסטער אַריין.

צווישן הימל און ערד ליגט אַ געדיכטע פינסטערניש. ווען־ניט־ווען שפרינגט פאַרביי אַ גרויסער שלאַנקער בוים מיט אויס־געשטרעקטע צווייגן; ווען־ניט־ווען, אין דער לענג פונם וועג, גוסס׳ט אַן איינזאַמער פונק; און באַלד ווערט ווידער פוסט אין דער פינסטערניש און וויסט.

— האָט ניט קיין פאַראיבל, יונגערמאַן! מיין ווייטאָג רעדט דאָס אין מיר. איך זעה, איר זייט אַן איידעלער מענטש.

— מיין זון איז אויך געוועזן איידל און שיין, אָבער אונז האָט ער גאָר ניט געשוינט. ניט זיך און ניט אונז.

— ווער ווייסט, וואו ער איז ניט אויסגעוועזן? אין תּפיסה, דערנאָך אין שניי־מדבריות, הינטער די הרי־חושך... בשעת ער איז צוריק געקומען, בין איך שוין גרוי געוועזן, און די מאַמע קראַנק...

— איך האָב אים פראָסט געפרעגט: נו, וואָס וועט איצ־טער זיין? איך האָב געמיינט: עלטער געוואָרן, צום שכל געקו־מען. מאַלע וואָס אַמאָל—יינגלשאַפט!... האָב איך אַ תּשובה באַ־קומען: „יעדער לעבט מיט זיין אייגענעם שכל. איך וועל שוין לעבן, ווי מיין שכל זאָגט מיר. זאָרגט ניט פאַר מיר. זייט רואיק, טאַטע... און איז אַוועקגעפאָרן... וואָס האָב איך געקאָנט טאָן? איר, יונגערמאַן, פאָלגט אייער טאַטן?

---

— מ׳לעזט היינטיקע צייטן בלעטער און מ׳ווייס, וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט... איך האָב זיך געריכט אויף דעם, שוין לאַנג געריכט; אַלע טאָג האָב איך, ברוך-השם, געוואַרט אויף אַזאַ ידיעה און זי איז געקומען היינט... אַ ברודער האָב איך אין וואַר־שע, האָט ער דאָס מיר טעלעגראַפירט...

— מ׳זאָגט, אַז עס איז שוין פאַרפאַלן און עס וועט שוין קיין זאַך ניט העלפן. מ׳זאָגט, אַז איך וועל שוין קומען נאָך אַלע־מען... איך ווייס, וואָס מ׳זאָגט!... כ׳ווייס, ס׳האָט דאָך פּאַסירט, אַז אַפילו זיי האָבן באַפרייט. וואָס זאָגט איר, יונגערמאַן, האָט פּאַסירט, אַז אַ פעלד־געריכט האָט באַפרייט?

— דער רב האָט גע׳פּסקנט, איך זאָל פאָרן אום שבת. גע־לאָזן אַ שכנתּה אין שטוב, ביי דער אַלטער... אַ רחמנות, נעבעך, אויף איר...

---

ער רעדט עפּעס שטיל און ניט דייטליך. זיין גרויער קאָפּ איז מיד געבויגן. אפשר טראַכט ער פון דעם, ווי ער וועט מאָרגן רירן די הערצער פון די, וואָס האַלטן אין זייערע הענט דאָס לעבן פון זיין איינציקן זינדיקן זון... אָדער פון דער אַלטער קראַנ־קער מאַמען, וואָס איז שולדיק אין אַלץ, נאָר איז ניט בכיוון שול־דיק און דערביי איז זי איצט אַזוי קראַנק און פאַרלאָזן... ווער ווייסט?

ער קוקט ניט מער אויף מיר, ער שאָקלט זיך ווי אַן אָבל און קרעכצט...

און די נאַכט איז פינסטער ווי פריער, נאָר ערגעץ־וואו, ווייט אָן אַ זייט, ווינקט צייטנווייז אַ פייערל, און עס דוכט זיך, אַז ער איז ווייס־ווייט פון אונז, אַז מיר מיידן אים אויס און אַז ער ווערט באַלד פאַרלאָשן...

# יוּבָל

זיין אמת׳ער נאָמען איז געווען הערש פידלער. נאָר אַלע, סיי יידן, סיי קריסטן, האָבן אים גערופן יובל און זעלטן ווער ס׳האָט געוואוסט, אַז דאָס איז נאָר אַ צונעמעניש און פונוואַנען עס שטאַמט.

דאָס איז געווען אַ נאָמען נאָך קינ׳ס אוראייניקל, נאָך דעם ערשטן כלי-זמר פון „בראשית״. אַ שטעטלשער וויצלינג, אַן אַלטער חסיד, וואָס פלעגט זיך אַליין, צוליב זיין גרויען עלטער, רופן מתושלח און דעמן שמיד פון שטעטל—תּובל=קין, האָט אים דעם נאָמען געגעבן און אַזוי איז עס געבליבן אויף לאַנגע צייטן.

הערש פידלער איז דער ערשטער כלי=זמר אין שטעטל גע-ווען. געשפּילט האָט ער פידל, נאָר, ווער ווייסט פאַרוואָס, דאָס פידל האָט ער פאַר אַ וואָכעדיקע זאַך, פאַר אַן אַרבעטס=כלי גע-האַלטן. צווישן קאָמאָד און אַלמער איז געשטאַנען איינגעשפּאַרט אַן אַלטע, אַ קראַנקע, אַ ביסל הייזעריקע פּיאַנע, און זי איז זיין קליי-נינקער ארון=קודש געווען. אַלע טאָג אינדערפרי פלעגט ער זאָרגי-פול, מיט קפדנות ווישן און רייבן די אַלטע אָפּגעקראָכענע ברעט=לעך פון דער פּיאַנע און צודעקן זי מיט אַ שוואַרצער שטיק לייוונט. און צייטנווייז, פון תענוג וועגן, פאַר זיך אַליין אָדער פאַר גוטע געסט, פלעגט ער שפּילן פּיאַנע.

אין שטעטל איז געווען אַן אָרקעסטער פון פיר כלי=זמר. יובל איז געווען איינער פון די שותפים און בשעת מ׳פלעגט דאַרפן שפּילן אויף אַ רייכער חתונה, וואו מ׳האָט געפאָדערט ניט אַנדערש נאָטן, אָדער זעלטן-ווען ביי אַ פּריץ אויף אַ באַל, פלעגט יובל זיין דער דיריזשאָר אין אָרקעסטער.

יובל פלעגט אַליין זאָגן, דאָס ער איז טעמפּ אין נאָטן=עברי און ווייס ניט עד=היום דעם כלי=זמרישן אלף=בית ווי געהעריק-

זיינע נאָטן האָט ער מגייר געווען. כדי ער זאָל זיי פלינק קענען לעזן, איז ביי אים אויף יעדן „דאָ“ געשטאַנען אַ קמץ, אויף „רע“ אַ סגל, אויף „סאָל“—אַ חטף-קמץ א. אַז. וו. ער האָט בכלל געהאַט זיין אייגענעם כלי-זמרישן לשון, וועלכן קיינער האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין. זיינע שותפים זיינען שוין געווען צו זיין לשון צוגעוווינט, און ווען ער פלעגט, בעת אַ רעפּעטיציע פאַר אַ רייכער חתונה אָדער אַ באַל, דיריזשירן און אַ פאַרשוויצטער שרייען: „איינס, צוויי, דריי, לאָקשן! איינס, צוויי, דריי, לאָקשן!..“ פלעגן זיי פאַרשטיין, וואָס ער מיינט... טיף באַהאַלטן אין קאָמאָד ליגט ביי יובל׳ן אַ גראָבער בוך פון ווייסע צוקער-פּאַפּיר, אַ פאַרשריבענער כמעט ביזן סוף. גאַנצע בלעטער זיינען פאַרשריבן מיט קמצ׳ן, פּתח׳ן, חיריק׳ן, סגל׳ן,—דאָס איז יובלס אינטימע, פון אַלעמען פאַרבאָרגענע מוזיקאַלישע שאַפונג, זיינע געהיימע לידער, וואָס קיינער ווייסט פון זיי ניט...

ווער ווייסט, וואו און ווי אַזוי יובל האָט אַמאָל די מאַרסעליעזע געהערט...

אַהיים איז ער געקומען גערירט פון דעם נייען ניגון און האָט אים אין זיין געהיימען בוך פאַרשריבן. דאָס איז געווען דער גרעסטער כבוד, וועלכן ער האָט געקענט דעם נייער ליד אָנטאָן.

ווען עס פלעגן איצט קומען צו אים אָנגענומענע געסט, פלעגט מען פעסט צושליסן די לאָדן, פאַרשפּאַרן די טיר און יובל פלעגט פון דער צוגעקילטער הייזעריקער פּיאַנע ליפערן מיט אַ כישוף-מינע די טענער פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטערליד.

— אַ שאַרפע ליד!

און עס פלעגט אים אַלץ פאַרדריסן, וואָס מען טאָר ניט אַזאַ ליד שפּילן אינדערהויך, פריי און פראַנק אין די גאַסן.

נאָר עס איז געקומען אַ צייט, אַז מ׳האָט געמאָגט.

דער שטרייק האָט זיך אָנגעפאַנגען זונטאָג, און מאָנטאָג אַ זייגער צוועלף ביי טאָג האָט מען שוין געוואוסט פון מאַניפעסט.

און עד-היום ווייסט קיינער ניט, ווער ס׳האָט גערופן און ווער ס׳האָט געהייסן ברענגען די פּאַנע, און דאָך איז אויפן גרויסן

מאַרק די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג פון שטעטל געווען און אַ רויטע פאָנע האָט געפלאַטערט איבער דער מענגע און אינמיטן, העכער פון אַלעמען, איז עמיץ אַ בלייכער געשטאַנען און משונה הויך געשריען:

— גלויבט ניט!...

און אַלע האָבן דאָך געגלויבט און עס איז אַלעמען געווען גרינג און פרייליך, ווי אין אַ זומער־יום־טוב, און אַפילו דער, וואָס איז געווען אַזוי האַרטנעקיג אין זיין צווייפל, האָט אַליין אויך געגלויבט.

און מיט־אַמאָל האָט די מענגע צאַנגעפאַנגען שטיל זיך צו באַוועגן און רוישן, ווי עס רוישן בוימער אין אַ געדיכטן וואַלד; די רויטע פאָנע איז פאָראויס אַרויסגעגאַנגען און צווישן איר אין דער מענגע האָט זיך יובל מיט זיין אָרקעסטער געשטעלט.

— עס לעבע די פרייהייט!..

און מ׳האָט זיך געלאָזן גיין. און תיכף האָט יובל מיט זיין פידל־בייגענדל אויפגעוועקט דעם אַלטן באַס פון טרומייטער, אַ שמייכל געטאָן צו דער חנ׳עוודיקער פלייטע, אַ ווינק געגעבן צום פידל, און אַז ס׳איז מער קיין חייל ניט געבליבן, האָט ער אויף זיין אייגענער פידעלע אונטערגעכאַפּט:

— און מאַכט פון שקלאַפעריי אַן ענד!...

בשעת אינאָווענט זיינען ביי אים זיינע שטענדיקע געסט געזעסן, האָט מען שוין ניט באַדאַרפט שליסן ניט די טיר און ניט די לאָדן און מ׳האָט פריי געזונגען די און אַנדערע ברענענדיקע לידער פון גרויסן קאַמף, און יובל, אַ מידער, אַ בלייכער, האָט אַקאָמפאַנירט אויף זיין אַלטער פיאַנע.

און דערנאָך איז ער נאָך ביז שפעט אין דער נאַכט געזעסן און געשריבן אין זיין פאַרבאַהאַלטענעם בוך פון ווייסע צוקער־פאַפיר לאַנגע רייען מיט זיינע אייגענע קבלה׳יסטישע צייכנס. אָפט פלעגט ער האַסטיק לויפן צו דער פיאַנע און ציען פון איר שנירלעך פאַרשיידענע טענער, אַ מאָל הויכע און מעכטיקע, אַ מאָל שוואַכע און דינינקע, ווי פון אַ קינדער־געוויין... דאָס האָט ער צו דער ערע דער פרייהייט נייע לידער געשאַפן...

פון מיטוואָך אָן האָט מען גערעדט אין שטעטל, דאָס פרייטאָג — ס׳איז געווען אַ טאַבל־טאָג — וועט זיין אַ פּאָגראָם, דאָס די שוואַרצע מאה וויל זיך אָפּרעכענען פאַר דער דעמאָנסטראַציע פון די „זשידעס" און איבערהויפּט פאַר דעם אָרקעסטער.

— איך וועל זיי ווייזן מוזיק! — האָט געזאָגט דער פּריסטאַוו, און די שטעטלשע בעלי־בתים זיינען אומגעגאַנגען צעשראָקענע און האָבן אַלץ גע׳טענה׳ט, אַז ווען ניט דער אָרקעסטער, וואָלט אַלץ אַריבער רואיק, און די שוואַרצע־מאָה האָט אויך געשאָטן פעך און שוועבל איבערהויפּט פאַרן אָרקעסטער...

פון ניין פרי איז געזעסן דער זעלבסט־שוץ. מ׳האָט געזונגען לידער, אמת, אַביסל שטילער, נערוועזער, מען איז געווען עטוואָס בלייכער און די באַוועגונגען העפטיקער, דאָך איז געווען כמעט כריילִיך און מוטיק.

און כאָטש אַ גאַנצן פרימאָרגן האָט מען זיך אַלע ווײַלע געריכט, אַז אָט קומט מען אָנזאָגן די גוטע בשורה, דאָך האָבן אַלע טיף אין האַרצן געהאָפט, אַז דער טאָג וועט פאַרבייגיין שטיל, און בשעת עס איז מיט־אַמאָל אויפן גאַס געוואָרן אַ טומל און אַ פּאַטרולנער איז אַריינגעלאָפן אַ בלייכער און האָט געוואָלט עפּעס זאָגן און האָט פאַר קיין אופן ניט געקאָנט, — איז דאָס געווען אַזוי אומגעריכט, אַז מ׳האָט פאַרגעסן אַלע פּלענער און באַפעלן און אַלע האָבן זיך מיט־אַמאָל אַ לאָז געטאָן און געשפאַרט זיך און געשטערט איינער דעם אַנדערן אין דער ענגער טיר פון דער קליינער כאַטקע און דערביי האָבן אַלע געשריען:

— גייט פּאָרוויז! לויפט ניט!..

דער פּאָגראָם האָט זיך אין איין צייט אָנגעפאַנגען אין אַלע פיר עקן פון שטעטל און קיינער האָט ניט געוואוסט, וואוהין פריער צו גיין...

---

אַ זייגער פיר איז שוין כמעט שטיל געווען, נאָר ערטערווייז האָט מען נאָך געוואָרפן מיט שטיינער. און אַז יובל האָט זיך אויף אַ ווײַלע באַפרייט פון פערטן צעהנדליק און איז געגאַנגען זעהן, וואָס עס טוט זיך ביי אים אין דער היים, האָט ער נאָך פונווייטן דאָרט, וואו עס זיינען געווען זיינע פענסטער, דערזעהן גרויסע

שוואַרצע לעכער, און אַז ער איז צוגעגאַנגען נעענטער, האָט אים עפּעס אַ שאַרפע און אַ קאַלטע זאַך אַזוי ווי דורכגעשטאָכן דעם מוח און ער איז אַ צייט אומבאַוועגליך אויף איין אָרט געשטאַנען...

פון דאַמאָלסט אָן שפּילט ער מער ניט, גייט אום אַ פאַר־טראַכטער איבערן שטעטל, און אַמאָל, ווען עס דאַכט זיך אים, אַז ער זעהט ווידער גרויסע, טויטע, בלינדע לעכער, הייבט ער אָן צו לויפן און שרייען און שטיפער־קינדער יאָגן אים נאָך...

די גראָמילעס האָבן זיין פּיאַנע צעבראָכן.

# אין דער פרעמד.

ער האָט זי קוים איינגערעדט צו גיין מיט אים. זי האָט זיך לאַנג געאַמפּערט:

— דו װעסט ריידן פּויליש... איך וועל ניט פאַרשטיין!..

ער פאַרשטייט און רעדט רוסיש, און דאָס איז די איינציקע שפּראַך, אויף וועלכער זיי קאָנען ווי עס איז זיך צונויפרעדן. נאָר ווען ס'קומען זיינע חברים און פריינד, זיצט זי אין אַ ווינקל שטום און פאַרשעמט. און אַמאָל, ווען עס פאַלט איר אַריין אַ שלעכטער געדאַנק, וואָס לויפט איבערן לייב מיט קאַלטע שאַרפע נאָדלען, און עס דאַכט זיך איר, דאָס זיי, מיט וועלכע זי קאָן זיך ניט צונויפרעדן, מוזן מיינען וועגן איר ווער ווייסט וואָס, כאַפּט זי זיך צום קינד און טוט עפּעס-וואָס אַרום אים, פּונקט ווי זי וואָלט וועלן ווייזן, ווי לייכטזיניק זייער חשד איז און ווי ערנסט איר לאַגע איז אין אָט דעם הויז... און דאַן האָט זי אַ פּנים פון זייער אַ פאַר'דאגה'טער, פאַרהאָרעוועטער מוטער, וואָס ווייס גאָרנישט און וויל גאָרנישט וויסן אויסער איר קינד.

ער האָט זי איינגערעדט און זי איז געגאַנגען הערן.

צוויי צימערן... אין מיטן, אין צווישן-טיר, ביי אַ טישל זיצט ער און רעדט. אַרום זיצן אייגענע, נאָר אַביסל פרעמדע מענטשן. עפּעס זיינען די געזיכטער געזינטער און צופרידענער—אומבאַוועגליכע, אָן אַן אויסדרוק אין די שטריכן ביי די מענער—פאַרדרייטע וואָנסן, אויסגעשפּיצלטע ווי קליינע שפּיזן. די פרויען—צופיל פאַרפּוצט, שרייענדיק, אָן געשמאַק; די היט גרויס, מיט לאַנגע שפּיציקע פעדערן, ביי אייניקע—גאַנצע פויגלען אויף די היט.

זי כאַפּט זיך איצט, דאָס זי איז די איינציקע מיט אַ הוילן קאָפּ. זי באַקוקט זיך אומרואיק און זעהט דאָס, וואָס זי האָט פריער גאָר ניט באַמערקט: אויפן מיטן פון איר אָפּגעטראָגענער שוואַרצער קלייד ליגט אַ גרויסער פלאַם, אויף דעם יאַקל בלישטשען

אָרים לענגליכע גלעזערנע קנעפלעך... און עס דאַכט זיך איר, אַז די און יענע קוקן מיט פאַראַכטונג אויף איר הוילן קאָפּ, אויף די ברודנע קלייד און די געשמאַקלאָזע גלעזערנע קנעפּ. די הענט ווערן צו לאַנג און ליגן שלעכט ווי פרעמדע און עס ווערט איר אומבאַקוועם ענג און איינזאַם.

וואָס ער רעדט פאַרשטייט זי ניט. עס שיטן זיך ווערטער פרעמדע און שווערע ווי בליי. איין וואָרט פונם צווייטן קאָן זי ניט אָפּטיילן; זיי גיסן זיך צונויף ווי איינציקע טראָפּנס אין אַ קאַלטן רעגן. און עס מאַכט אַזאַ איינדרוק, פונקט ווי אַלץ וואָלט געווען פאַרצויגן מיט כמאַרנע וואָלקנס און עס וואָלט אָן אַן אויפהער איינאַרטיק קלאַפּן אַ רעגן איבערן דאַך. זעלטן ווען עס שפּרינגט ארויס אַ באַקאַנט, אַ נאָענט וואָרט און דענסטמאָל דאַכט זיך איר, אַז פון ערגעץ, פון אונטער אַ ראָג, האָט זיך פלוצלינג באַוויזן אַ פריינדליכע געזיכט, וואָס באַגריסט זי ליבליך...

— באַקונין !...

און עס ווערט ווידער פאַרצויגן מיט וואָלקנס און פינסטער...

---

פאַרוואָס רעדט ער אַזוי קאַלט און ניט באַגייסטערט ?... זיין שטים איז טרוקן און איז מאַנכסמאָל ענליך אויף אַן אַלטן הייזעריקן זייגער, בשעת ער שלאָגט זיינע שעה׳ן... דענסטמאָל איז זי זאַנפטער און שטאַרקער געווען... פאַרוואָס קלינגט זי איצט אַזוי פרעמד און ווייט ?...

אין אַ ווינטערדיקן טאָג איז ער געקומען... מיטן עטאַפּ... און אין פאַרוואָגלטן און פאַרפרוירענעם סיבירער דערפל איז געוואָרן ליכטיקער און וואַרימער. אין דערפל האָבן אויסער איר נאָך צוויי פּאָליטישע געוואוינט. איינער האָט שוין דאָרט דעם פערטן יאָר געציילט און האָט נאָך צוויי יאָר געהאַט. ביי אים אין שטוב איז געווען פול קינדער און ער אַליין האָט שוין לאַנג גאָרנישט געלעזן אויסער אַלטע צייטונגען און איז גאַנצע טעג געווען פאַרנומען מיט דער בעל־הבית׳ישקייט און מיט די אָרטיקע פויערים, פאַר וועלכע ער פלעגט פּראָשעניעס שרייבן. דער צווייטער איז געווען אַ יונגער, אַ שלאַנקער און אַ שיינער, נאָר איז אינגאַנצן געווען פאַרטאָן אין געיעג און פלעגט אַלץ אומפאָרן איבער די דער־

פער אין געסט. אוןביידע האָבן צו גוט געלעבט מיטן פּאָפּ, מיט דעם מיראָוואָי און אַפילו מיט דעם פּריסטאַוו און פלעגן דערצו נאָך אַמאָל שיכור'ן מיט זיי צוזאַמען און פליען דערנאָך אויף „טראָיקעס" איבערן דאָרף און זינגען לידער. און איר פלעגט זיך דאַכטן, אַז זיי באַציען זיך צו איר שלעכט און אַלץ דערפאַר, וואָס זי איז אַן אַרבעטערין און קען קיין רוסיש ניט... איר איז געווען אין דעם דערפל אַזוי באַקלעמט און איינזאַם, אַז צייטנווייז זומער אין אַ רעגן-טאָג און איבערהויפּט ווינטער אין די לאַנגע אומענדליכע נעכט, פלעגט זי וואַרפן אירע ביכער מיטן גראָבן ווערטערבוך, איינגורען זיך אויפן בעט אין קישן, אַ גאַנצע נאַכט היסטעריש כליפּען און אויף מאָרגן ליגן אַ בלייכע און קוקן, ווי פאַרבלאָנדזעט, אינדערווייטנס, ביז עס פלעגט קומען די אַלטע מיכיילאָוונאַ, די הויזווירטין, און פלעגט מיט איר טיפער, צאַרטער מוטער-שטים אָנהייבן טענה'ן און בעטן און רופן „דאָטשענקאַ" (טאָכטערל), און דאָס פאַרגליווערטע האַרץ פלעגט ביסלעכווייז אָפּגיין און ווערן ווייכער און וואַרימער.

דערנאָך איז ער געקומען. און צוליב דעם, וואָס ער האָט זיך אויך אָפּגעטיילט פון יענע פּאָליטישע און פלעגט אַריינקומען נאָר צו איר און רעדן פון יענע כמעט מיט די זעלביקע ווערטער וואָס זי, האָט זי זיך ביסלעכווייז צוגעוויינט צו אים און פלעגט שוין אַליין וועלן, ער זאָל קומען וואָס אָפטער און זיצן ביי איר וואָס לענגער. און בשעת ער האָט איר איינמאָל אין אָוונט שטי-לערהייט דערציילט זיין פּלאַן, ווי אַזוי ער וויל אַנטלויפן, האָט דאָס האַרץ ביי איר געקלאַפּט משונה שטאַרק און ער האָט באַ-מערקט, ווי זי איז טויט-בלייך געוואָרן.

און דענסטמאָל האָט ער אויך שטילערהייט איר נאָך וואָס דערציילט...

אין קאָפּ האָט זיך, ווי אַ שלענגל, אַ צאַפּל געטאָן:

— זיך שמד'ן?..

און גלייך פאַרשוואונדן. צו וואָס? זיי גלויבן דאָך ביידע ניט!...

און ער האָט גערעדט פון דעם, ווי פינסטער דאָ איז, אין

קליינעם דערפל, און ווי מעכטיק דאָס לעבן איז דאָרט, אין דער גרויסער וועלט, וויפיל וויכטיקע גרויסע אַרבעט דאָרט איז דאָ. און אַליין האָט ער אויך אויסגעזעהן גרויס און מעכטיק און האָט גערעדט דרייסט און מיט זיכערהייט:

— מיר וועלן אַרבעטן!...

און ביי איר האָט דער אָטעם פאַרכאַפּט פון דער אומגעריכטקייט און פון דער גרויסער כוואַליע האָפענונג און בשעת זי האָט אים מיט אַ שטימע, אַ ציטערנדיקער פון פרייד, געפרעגט:

— און איך אויך? —

האָט זי ניט געוואָרט אויף אַן ענטפער און האָט פעסט געגלויבט אין אירע אייגענע כוחות, וואָס זיינען איצט צוליב אים אַזוי ריזיק געוואַקסן...

דריי וואָכן האָבן זיי געלעבט פאַרשיכורט און דערנאָך זיינען זיי ביידע צוזאַמען געלאָפן.

זיי האָבן לאַנג און שווער געוואַנדערט, פריער אין וועג, בשעת׳ן לויפן, און דערנאָך פון איין שטאָט צו דער אַנדערער. זי האָט געדולדיק געוואַרט, נאָר אינעווייניק האָט שוין אַ פּאַר׳סמ׳טער צווייפל געזויגן דאָס האַרץ און איר פלעגט צייטנווייז זיין אַזוי עלנט און טרויעריק, ווי דאָרטן אין קליינעם דערפל. און בשעת זיי האָבן זיך שוין אַם ענדע באַזעצט אין אַ גרויסער רוישנדיקער שטאָט, האָט זי שוין גאָרנישט געקאָנט טאָן. ער פלעגט אַוועקגיין אינדערפרי און קומען צוריק שפּעט ביינאַכט און זי פלעגט אָדער זיצן און ציטערנדיק זיך צוהערן צו דעם נייעם לעבן, וואָס האָט זיך אין איר באַוועגט, אָדער נייען וויקעלעך און העמדלעך פאַר דעם קינפטיקן קליינעם מענטשן. און נאָר זעלטן ווען עפּעסוואָס פלעגט איר דערמאָנען אָן די פריערדיקע פלענער און ערבעץ-וואו אין אַ הינטער-ווינקעלע פונם באַוואוסטזיין פלעגט אָנהייבן גריבלען אַ ווערימל פון פאַרצווייפלונג. און דאַן פלעגט זי אומגעדולדיקער וואַרטן אויף אים און עס פלעגט זיין ניט היימליך אַליין אין שטוב צו זיצן.

און דערנאָך, שפּעטער, האָט זיך דאָרטן, הינטער זייער צימער, די ערד געשפּאָלטן און אַ שטורימווינט פון צעשטערונג

האָט דאָס אַלטע לעבן אויף שטיקער געבראָכן און די לופט איז איבערפילט געווען מיט אַן אומגעהייערן באַטויבנדיקן געשריי פון קיינמאָל ניט געוועזענער פרייד און קיינמאָל ניט געוועזענער פיין, פון נייגעבאָרענעם מעכטיקן לעבן און פון דעם אייביקן צער פון טויט... אָבער ביי איר אין צימער איז נאָך שטילער ווי פריער געווען, זי איז קראַנק געלעגן און זעלטן ווען האָט ניט הויך געוויינט אַ קינד...

אַמאָל איז ער געקומען פריער ווי געוויינליך און איז געווען מיד און בלייך און זי האָט צום ערשטן מאָל באַמערקט, דאָס ער זעהט אויס שלעכט און איז שוין ענליך אויף אַן אַלטן מענטשן. ער האָט דערציילט, אַז מ'זוכט אים, אַז די חברים ווילן, ער זאָל אַוועקפאָרן אין אויסלאַנד, און אַז ער האָט שוין מסכים געווען. דאָך האָט ער שטיל געפרעגט:

— ווי מיינסטו—פאָרן?..

זיי זיינען געפאָרן...

עס דאַכט זיך איר, ווי פריער, דאָס עס רעגנט און עס קלאַפן די טראָפנס איבערן דאַך. ווי פונקען פון אַגעדיכטן רויך, שפריצן אַרויס אַלץ אָפטער איינצלנע פאַרשטענדיקע ווערטער, מערסטנטייל נאָענטע פריינדליכע נעמען, אַמאָל געהערטע און טייל-ווייז פאַרגעסענע, און דערנאָך שפרייט זיך ווידער אויס אַ שימערנ-דיקע פינסטערניש איבער אַלעמען...

אויפן וואַנט ביי איר לינקער האַנט, הענגט אַ קליינער שפיגל, זי קערט זיך אָפּ און זעהט אַ בלייך-געלבע פאַרעלטערטע געזיכט, אַ לאַנגע פאַרשאַרפטע נאָז, ווי ביי אַ מאַנספאַרשוין; די האָר שי-טער און דאָס קליינע פאַרפלאָכטענע צעפל ליגט פלאַטשיק, ווי צוגעקלעפּט... אויפן קאָלנער פון שוואַרצן יאַקל—אַ ווייסע סטאַוועקע פון שפיצן און דאָס ווייסע ליגט עלנט צווישן דעם שוואַרצן יאַקל און געלבן געזיכט און מאַכט זי נאָך געלבער און בלייכער... דאָס האַרץ ווערט ביי איר פאַרגליווערט ווי אַמאָל אין דעם שניי-מדבר און זי פילט זיך ווי אַ יתומה צווישן די אַלע אייגענע און דאָך פרעמדע פנימער... עס דאַכט זיך איר ווידער, דאָס אַלע קוקן אויף איר, ווי אויף אַן אומגעלומפערטע און אַ העסליכע, און זי

ווייל מיט בענקשאַפט, ער זאָל גיכער פאַרענדיקן זיין לאַנגע פאָר־לעזונג, זי זאָל גיכער קענען גיין צו זיך אין צימער און איינע אַליין באַטראַכטן ווי געהעריק דעם נייעם געדאַנק, וואָס פלאָנטערט זיך איצט ביי איר אין קאָפּ און קאָן זיך ניט אויספלאָנטערן...

זי קוקט מיט שטאַרע אויגן אויפן לאָמפּ מיטן גרינעם קויל, וואָס פאַרשטעלט אינגאַנצן ז י י ן געזיכט. אין די אויגן ווערט עפּעס משונה וואַרים און דער לאָמפּ הייבט זיך אָן ביסלעכווייז צו שאָקלען און צוזאַמען מיט אים באַוועגט זיך דער טיש, אויף וועלכן ער שטייט. די טיר ווערט אַ מאָל שמעלער, אַ מאָל ברייטער, און הוידעט זיך אויך, און די פרעמדע שטים, מיט וועלכער ער רעדט, גריבלט און עגבערט דאָס האַרץ... און זי פילט, ווי פון די אויגן קאַפּען אַראָפּ גרויסע טראָפּנס טרערן...

דערנאָך הערט זי, ווי עס ווערט שטיל אויף אַרגע און עס הייבן זיך אויף מיט-אַמאָל עטליכע צענדליק מענטשן און שפּאַרן זיך אין די ענגע טירן, און די זעלביקע שטים, וואָס האָט אָקאָרשט אַזוי לאַנג און ניט פאַרשטענדליך גערעדט, פרעגט איר, צי איר טוט דער קאָפּ וויי...

* * *

אין דעם אָוונט האָבן זיי צווישן זיך ניט גערעדט און צום ערשטן מאָל זיינען איר פרעמד געווען סיי ער, סיי דאָס קינד. און אַ גאַנצע נאַכט איז זי געלעגן מיט אָפענע אויגן אין דער פינסטער און האָט אַלץ געטראַכט וועגן דעם, ווי אַזוי אומצוּע־דערן איר לעבן און מאַכן עס שענער און בעסער. נאָר עס האָבן זיך מאַכטלאָז געפלאָנטערט די געדאַנקען און געזונקען אין דער פינסטערניש און עס האָט וויי געטאָן און געקלעמט דאָס האַרץ, און עס האָט זיך אַזוי געוואָלט ווידער אָנהייבן דאָס לעבן פון אָנהייב, ווערן ווידער יונג און מונטער און זיין ווי אַמאָל צווישן אייגענע, נאָענטע און ליבליכע... נאָר זי איז זיכער געווען, אַז דאָס קען שוין ניט זיין.

# אֵשֶׁת־אִישׁ.

בשעת לידע האָט סליחות־צייט, אין אַ פינסטערע שטילע נאַכט, געברענט, האָט מען ביי אונז אין קליין שטעטעלע גרויסע טונקל־רויטע זייל'ן אויפן הימל געזעהן און עס האָט אויסגעוויזן אַזוי, פונקט ווי דאָרט, ערגעץ־וואו ווייט, זאָלן ווער ווייס וועלכע היימלאָזע מענטשן אַ גאַנצן וואַלד אונטערצינדן.

כמעט דאָס גאַנצע שטעטל איז אויפן גאַס געשטאַנען און געקוקט צום הימל. ס'איז געווען אַ ווינט, אַ שטאַרקער און אַ טרוקענער, און אַלעמען איז קאַלט געווען, אַביסל פון ווינט און אַביסל אויך פון דער פּלעצליכער אומגעריכטקייט און פון נייגעריקייט, און די אומגעוויינליכע צאָל מענטשן, וואָס זיינען אין דער נאַכט געשטאַנען אין מיטן גאַס און געשפּאַנט, אַביסל דערשראָקן און פאַרוואונדערט געקוקט אינדערווייטנס, איז ענליך געווען אויף אַ מנין יידן, וואָס זיינען אַרויס מיט די גראָבע סדורים און מיט יום־כפור־ליכט מחדש זיין די לבנה, און פּלוצלינג איז די לבנה פאַרשוואונדן, אַ ווינט האָט די ליכט אויסגעלאָשן און די יידן זיינען געבליבן שטיין צעטומלט און דערשטוינט.

קיינער האָט ניט געוואוסט, וואו עס ברענט, און קיין השערה איז ניט געווען ענליך אויפ'ן אמת... אַ ייד מיט אַ שאַרפער אויג האָט אַ ווײלע געקייט דאָס שפּיציק בערדל אין מויל, זיך געשאָקלט פאַרטראַכט ווי ביים דאַווענען, אַ פּאָר מאָל אַ קרעכץ געטאָן און געזאָגט:

— לידע ברענט!

און אַלע האָבן מסכים...

— יאָ, איר זייט גערעכט, איר זייט גערעכט... און מ'איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען. נאָר וואָכן־לאַנג האָט מען נאָך גערעדט פון דער אומגעהייערער שרפה, וואָס האָט אַ גאַנצע שטאָט אין

איין נאַכט אויפגעפרעסן און אַרויסגעטריבן פון די הייזער האַלב=נאַקעטע מענטשן און קראַנקע פרויען מיט קליינע קינדער און גע=לאָזט איבער דער וועלט.

איבערהויפּט שבת בין מנחה למעריב פלעגט מען רעדן אין קלייזל פון דער אומגליקליכער שטאָט, וואָס האָט אָפּגעברענט און געמוזט אָפּברענען צוליב די שווערע זינד, וואָס אירע צעלאָ=זענע קינדער האָבן באַגאַנגען, און יעדער פלעגט דערציילן נייע חטאים, העסליכע און שרעקליכע, נייע אומגעהערטע עבירות, פאַר וועלכע עס קומט אפשר כרת און וועלכע דער שטאַרקער גאָט קאָן נישט פאַרגעבן און מוז זיך אָפּרעכענען פאַר זיי מיט די על-טערן און מיט די עלטער=עלטערן פון די זינדיקע...

אין אַ ווינקעלע, האַרט ביים אָרון-קודש, זיצן מיר, קליינע קינדער, הערן זיך צו דורשטיק און טוליען זיך אייגע צו די אַנ-דערע, ווי שעפּעלעך אין אַ געוויטער. די ווייכע קינדערשע הערצער קלעמען און טוען וויי און עס דאַכט זיך אונז, אַז מיר זעהען אין דער טונקלקייט די שאָטנס פון די לידער יידישע בחורים, וואָס לייגן ניט קיין תפילין, גאָלן די בערד, גייען שבת טאַנצן מיט מיידלעך און האָבן אייזערנע הערצער, וואָס קענען ניט פילן, אַז צוליב זייערע זינד ליגן קראַנקע מאַמעס און גוסס'ן און קליינ=טשינקע קינדער שטאַרבן, און עס שטייען שוין אַזויפיל קליינע שטיינדלעך, אָנשטאָט מצבות, אויף דעם אַלטן בית=עולם...

און בשעת דער טאַטע גיט פאַרצווייפלט און בייז אַ מאַך מיט דער האַנט און זאָגט, אַז עס איז ניטאָ צו וואָס צו דערמאָ=נען אַזעלכע קלייניקייטן, אויב אין לידע פלעגט מען מחלל שבת זיין בפרהסיא.

— און אשת=איש אַפילו...

טוליען מיר זיך נאָך ענגער איינע צו די אַנדערע און רעדן שטיל צווישן זיך:

— אַפילו אשת-איש, אַפילו אשת=איש!...

און אַז עס ווערט די טונקלקייט געדיכטער, און עס פאַר-שווינדן די שאָטנס פון קלייזל, און די יונגע לייט מיט די באַפּוצ-טע בערדלעך, וואָס זעהען אויס ווי געשאָרענע, זאָגן, דאָס עס זיי-

נען שוין געוויס דאָ דריי שטערן אויפ׳ן הימל און מען מעג שוין דאַוונען מעריב,׳ און דער טאַטע ווינקט זיי מיט די אויגן, ווי איינער זאָגט: מ׳קען אייך! —און רופט זיי מיט אַן אומפּאַרבאַהאַלטענעם האַס:

— משכּילים! שטערנזועהער! —

דאַכט זיך אונז, קינדער, דאָס עס שוועבט שוין דער שטן אויך אויף אונזער שטעטל און די קינדערשע הערצער קלאַפּן דערשראָקן אין אַ שווערן פאָרגעפיל פון אומגעהערטע צרות...

---

ווינטער איז אין חדר וואַרים און בשעת די לאָמפּן ברענען, לערנט זיך מיט התמדה און אונזערע שטענדיק בלאַסע פּנימלעך זיינען מיט אַ רויטן גלאַנץ באַדעקט און די אויגעלעך פינקלען. ווי קליינע ליכט, און מיר גלויבן, דאָס פאַר יידישע קינדער פּאַסט ניט צו לויפן אויף שליטלעך, צו מאַכן באַבעס פון שניי, אָדער זיך גליטשן; עס ווילט זיך נאָר לערנען, לערנען און אויסוואַקסן גרויס און זיין אַזוי כּרום ווי דער רבי און אפשר נאָך מער.

קיין זייגער האָבן מיר ניט אין חדר, נאָר צוויי מאָל אַ טאָג ...ט דער פּאַסאַזשירן-צוג, איין מאָל בייטאָג און איין מאָל ניין אינאָוונט, און בשעת ער פייפט דעם צווייטן מאָל, ווערט פּלוצלינג שטיל אין גאַנצן חדר; דער רבי שמעקט לאַנגזאַם פון זיין טאַבאַק-פּושקע, קוקט אויף עמיצן פון אונז מיט נאַסע שטאַרע אויגן, פריער ציטערט ביי אים די לאַנגע באָרד און דערנאָך ניסט ער... און מיר אַלע מאַכן-צו די גמרות.

מיר גייען אַלע צוזאַמען אַהיים מיט קליינינטשקע לאַמטערנעלעך און פאָראויס לויפן איבער דעם שניי לאַנגע בעזעמלעך פון ליכט, קערן-אויס די געדיכטע פינסטערניש און מאַכן איבער דער גאַס אַ ליכטיקן וועג פאַר אונז.

און מ׳גייט זיך פונאַנדער... אויף איינעם וואַרט אינדערהיים אַ ליבליכע וואַרימקייט און אַ צאַרטער גלעט פון אַ מוטער-האַנט; ביי אַנדערע איז נאַס און קאַלט און אויפן גרויסן באַק-אויוון ליגן קינדער איינגעדעקטע אין אַלטע צעריסענע בגדים און וויינען פאַר קעלט און הונגער... הינטער דעם חדר, ווער ווייסט פאַרוואָס,

טיילט זיך די גאַנצע וועלט גאָר אַנדערש און משונה־אומפאַרשטענדליך און ס'איז נאָך מער אומפאַרשטענדליך, פאַרוואָס ביי אונז אין שטוב זיינען אַזוי פאַרשוואָלן די פענסטער פון פראָסט, פאַרוואָס טוט וויי דער קאָפּ ביים אייזערנעם אייוועלע און פאַרוואָס איז אַזוי אומגעוויינליך שטיל, מיד און טרויעריק...

יענעם אָוונט איז לעבהאַפטער געווען און רעש'דיק.

עס זיצט דער טאַטע און עטליכע שכנים און צווישן זיי אַ פרעמדער מענטש, אַ הויכער, מיט לאַנגע הענט, מיט דאַרע פיס, אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע, וואָס פון אונטער איר זעהען זיך קינדערש־קורצע הייזן און אויסגעקרימטע שיך. די באָרד איז שוואַרץ און געדיכט און צוזאַמען מיט דעם שוואַרצן היטל באַדעקט זי זיין געזיכט ווי מיט אַ שוואַרצער מאַסקע און לאָזט נאָר שטעקן אַ לאַנ־גע בלייכע נאָז. ער שטייט און שאָקלט זיך, ווי אין אַ פרומער יום־כפורדיקער שמונה־עשרה, און מאַכט מיט די לאַנגע הענט און די פאָלעס פון קאַפּאָטע וואַרפן זיך אויך נאָך... ער רעדט הויך און גיך, איבערהיפּנדיק גאַנצע ווערטער, און צייטנווייז רייסן אים איבער די שכנים מיטן טאַטן און ענטפערן אים אַלע צוזאַ־מען, אַמאָל מיט אויסגעשרייען און אַמאָל מיט גאַנצע, נאָר אומ־פאַרשטענדליכע זאַצן.

ביי דער מאַמען דערוויס איך זיך, דאָס דער ייד איז פון לידע.

און ביסלעכווייז הייב איך אָן צו פאַרשטיין איינציקע שטיק־לעך פון זייער פאַרוויקלטן שמועס און ווייס שוין, דאָס דער הו־כער ייד איז געשיקט געוואָרן צו אַנטדעקן די זינד פון אַ יידישער ווייבל, וואָס איז ערגער פון אַלע אויסוואורפן, פון אַלע רשעים און אַפילו פון געשמדטע יידן, און ראַטעווען פון גרויסע צרות און שווערע זינד איר מאַן, וואָס וואוינט אין אַמעריקע.

— אַן אשת־איש...

און איך פאַרשטיי שוין, פאַרוואָס דאָס יידישע ווייבל איז פון לידע אַנטלאָפן און פאַרוואָס זי מוז פאַרבאַהאַלטן ליגן אין אַ גויאישער שטוב, ביי אַדאַלקען, וואָס וואוינט הינטערן שטעטל.

אויף מאָרגן האָט זיך אין חדר פון אינדערפרי גיט געלערנט

און עס האָט אויסגעזעהן אַזוי, פונקט ווי מיר זאָלן זיך ריכטן, דאָס באַלד וועט עמיץ קומען און שטערן אונז אין מיטן לערנען און דאָס עס איז דעריבער בעסער אויפצואווארטן ביז איינער וועט קו־מען און אַוועקגיין און לאָזן אונז צו רו. דער רבי האָט נאָר געהייסן איבערחזרן דאָס נעכטיקע און אַליין איז ער געשטאַנען, אָנגעטאָן אין מאַנטל, ביי דעם פאַרשוואָלענעם פענסטער און גע־קוקט דורך דעם אויבערשטן ווינקל פון שויב, וואָס איז ניט פאַר־פראָרן געווען.

און באַלד איז טאַקע עמיץ צוגעפאָרן צו אונזער חדר און ס'האָט זיך מיין טאַטע מיט דעם לידער יידן באַוויזן און אָנגעהויבן איילן דעם רבין, אָבער ער האָט זיך לאַנגזאַם צוגעזעצט און נאָר קורץ געענטפערט:

— מען דאַרף נאָך צווייען, מען דאַרף אַ בית־דין האָבן.

איידער עס זיינען נאָך צוויי יידן געקומען, האָבן מיר זיך דערוואוסט, צו וואָס מען רופט מיט־אַמאָל אַ בית־דין צונויף און מען רייסט אָפּ דעם רבין פון זיין גרויסן חדר. און בשעת אַלע זיינען אַוועקגעפאָרן, איז געוואָרן ביי אונז משונה שטיל און אַלע האָבן מיר זיך צוזאַמען אין אַ ווינקל געזעצט און געטראַכט וועגן דעם, ווי בלייך און דערשראָקן דאָס זינדיקע ווייבל וועט ווערן, ווען עס וועלן פלוצלינג אַריינקומען אין גוי'ס שטיבל, מיט גאָטס שליחות, פינף פרומע יידן, בייזע, מיט גרויסע שוואַרצע, טיילווייז גרויע בערד און פרעגן אויף לשון־קודש:

— יהודית, וואו איז דיין ממזר?

און דערנאָך, ווען זי וועט פאַר שרעק ניט פאַרשטיין און ניט קענען ענטפערן, וועט דער רבי, דער עלטערער און פרימע־רער, מוזן אַליין נעמען פון בעט דעם איינגעוויקלטן ממזר און באַווייזן אים אַלע איבעריקע פיר יידן, כדי זיי זאָלן דערנאָך קע־נען עדות זאָגן ווי געהעריק, און ווי דערנאָך וועלן זיי, מער ניט קוקנדיק אויף קיינעם, מיט געראָנצלטע שטערנס, מיט בייז אַראָפּ־געלאָזענע ברעמען, גיך אַרויסגיין פון דעם אין־צווייען טמא'דיקן אַדאַלקעס שטיבל...

אַ גאַנצן טאָג האָבן זיך אין מיין קינדערשן קאָפּ שווערע

און ניט-קינדערשע געדאַנקען געפלאָנטערט און דער רבי פלעגט מערקן, דאָס איך בין ניט אַריינגעטאָן אין דער גמרא און טראַכט פון אַנדערע זאַכן, און איינמאָל האָט ער מיך פּלוצלינג אַ פרעג געטאָן, וואו איך האַלט... איך האָב מיט דער גאַנצער האַנט אויף דעם גאַנצן בלאַט געוויזן...

און פרייטאָג צו נאַכט און שבת פאַר מעריב האָט מען ווי־דער אין קלייזל גערעדט פון דער אומגליקלעכער שטאָט, וואָס האָט אַזאַ צעלאָזענע יוגנט און אַזעלכע חצופות, ווי דאָס יידישע ווייבל, וואָס ליגט ביי אַדאַלקען.

און אונז, קינדער, פלעגט זיך דאַכטן, דאָס פון גרעסערע עבירות ווייסט שוין די וועלט ניט...

* * *

פון יענער צייט איז שוין באַלד צוואַנציק יאָר פאַרבייגע־לאָפן. יידישע שטעט און שטעטלעך ברענען נאָך עד־היום, נאָר דאָס פייער ברעכט שוין אויס ניט צוליב אשת-איש'ן. יאָר־יערליך וואַרפן די פרומע יידן ביים תשליך די אַלטע עכט־יידישע עבירות אין טייך אַריין און דאָס וואַסער טראָגט זיי אַוועק וויית, וויית און דערטרינקט זיי אין די גרויסע ימים. נייע וואַסערן ברענגען נייע, אָבער אַלמענטשליכע זינד. און ביסלעכווייז פאַרגעסן שוין די נייע אויפגעקומענע דורות די שרעקליכע געשטאַלט פון די אַמאָליקע הונדערטער יידישע עבירות, ווי די היינטיקע יוגנט האָט איר קינ־דערשע קריאת־שמע פאַרגעסן...

און די אַמאָליקע מאוימדיקע ווערטער זיינען פוסט ווי אַן איי־שאָלעכץ און קלינגען שוין ניט מיט זינד און שרעקן ניט מיט סקילה און שריפה... זיי דערמאָנען נאָר די פאַרגאַנגענע קינדהייט און יוגנט, און כאָטש די לעצטע זיינען אַזוי טרויעריק און איינ־זאַם געווען, ווילט זיך דאָך, ווער ווייסט פאַרוואָס, זיי צוריקקערן.

# אין אַ שטעטלי

בשעת זי טראַכט וועגן דעם, ווען איז אין שטעטל בעסער געוועזן: אַמאָל אָדער היינט?—ווייס זי אַליין ניט, ווי צו ענטפערן אויף אַזאַ שווערע פראַגע.

אַמאָל איז דאָס שטעטל באַרימט געוועזן אין דער יידישער וועלט און געוועזן רוישנדיק און באַלעבט. ביידע בתי־מדרשים, דער אַלטער און דער נייער, זיינען איבערפילט געוועזן מיט יונגע בחורים. ביי זיי אין שטוב האָבן צוויי געוואוינט, שלאַנקע און שיינע, און איינער פון זיי האָט אַזוי גוט געלעבט מיט איר עלטערער שוועסטער... פרייטאָג־צו־נאַכט פלעגן קומען צו איר שוועסטער די חברת׳עס און שטיל, מיט ציטערנדיקע שטימען, פונאַנדערפרעגן די סודות פון קליינעם צימער, וואו ער האָט געוואוינט און וואוהין די שוועסטער פלעגט אָפט זיך גנבענען שטילערהייט, אויף די שפּיץ־פינגער, כדי טאַטע־מאַמע זאָלן ניט דערהערן. ביי יעדער פון די חברתעס פלעגט זיך די ברוסט וויגן און די פייכטע אויגן פינקלען מיט אַ פייערל פון אַ פאַרבאַהאַלטענער קנאה און ליידנשאַפטליכקייט. און קוקנדיק אויף דער שוועסטער, וואָס פלעגט זיצן צווישן זיי ווי אַ גליקליכע און אויסדערוויילטע, און הערנדיק פונדערווייטנס איינציקע, אַביסל פרעמדליכע ווערטער פון זייערע פאַרבאָטענע סודות, פלעגט ביי איר, נאָך אַ קליין־מיידל דאַן, דאָס האַרץ קלעמען פון פאַרדרוס אויף דעם, וואָס זי איז נאָך אַזוי קליין און אַזוי קינדיש, און עס פלעגט זיך איר מיט בענקשאַפט וועלן אויסוואַקסן הויך, ווי די שוועסטער, און שיין ווי זי און אפשר נאָך שענער...

אַמאָל, דאַכט זיך, איז דאָס שטעטל גרעסער און ליכטיקער געוועזן. אינדערפרי, בייטאָג און פאַרנאַכט אַלץ נייע, יונגע און הויכע, ניט קיין היגע מענטשן אויפן גאַס. בין־הזמנים, נאָך פסח און נאָך סוכות, פלעגט אין שטעטל רוישן מיט די נייע געסט און

מיט קוואַרטירן פאַר די אָנגעקומענע. בשעת דער טאַטע פלעגט צופרידן און שטאָלציק זיך באַרימען, דאָס דער שטעטלשער שול־הויף אַנטהאַלט דעם אוצר פון גאַנצן פאָלק ישראל, פלעגט עס דאַן כמעט ענליך זיין אויפ'ן אמת. און צייטנווייז, אין שטילע ווינ־טער־נעכט, בשעת עס פלעגט זיך דאַכטן, אַז מען הערט אין גאַנץ שטעטל, ווי די דריי הונדערט יונגע שטימען זינגען אינם נייען און אַלטן בית־מדרש זייערע הילכיקע גמרא־ניגונים, פלעגן ביי די יידישע מיידלעך שטאַרקער די הערצער קלאַפּן און פילן, דאָס ביי זיי אין שטעטל ליגט אַן אוצר פון יונגן גליק און דאָס יעדע פון זיי קען צוגיין און נעמען פאַר זיך אַ ביסל פון גרויסן אוצר.

ביסלעכווייז זיינען די ניגונים שטילער געוואָרן, די בתי־מדרשים—געררוימער... און דאָס שטעטל האָט נייע ניגונים דער־הערט און נייע מענטשן דערזעהן...

פון דער צייט, ווען דער טאַטע איז צוריק געקומען פון שטאָט און דערציילט, ווי דאָרטן זיינען די בעלי־מלאכות איבער די גאַסן געגאַנגען און געזונגען, ווי מ'האָט מכת־רצח געשלאָגן און ווי ער אַליין האָט אין אכסניא זייערע פּאַפּירלעך מיט'ן „שלום־עליכם" געזעהן, איז שוין פיל יאָר פאַרלאָפן. דענסטמאָל האָט זי די נייעס פאַרוואונדערט געהערט און ניט געקענט פאַר־שטיין, צו וואָס גייען עס בעלי־מלאָכות—מן הסתם, אַזעלכע יידן, ווי ברוך דער שוסטער, אין לאַנגע קאַפּאָטעס מיט געדיכטע שוואַר־צע בערד—איבער די גאַסן און זינגען לידער און פאַרוואָס רופט זיי דער טאַטע „מורדים" און רעדט פון זיי אַזוי דערשראָקן און בייז, און וואָס איז דאָ אַזוינס אַ „שלום־עליכם" אויף פּאַפּירלעך...

דאָס איז שוין לאַנג, לאַנג געוועזן. און יענע צייטן זעהען אויס איצט אַזוי נאַאיוו און קינדיש, ווי די צייטן פון צייכן־שפּילן אָדער פון שפּיל אין פערדלעך. פאַר דער דאָזיקער צייט פלעגן וואָס אַמאָל אָפּטער אָנקומען פון שטאָט בפרט און פון דער גרויסער וועלט בכלל וואונדערבאַרע, אָפּטמאָל אומפאַרשטענדליכע ידיעות וועגן אומגעהערטע, אויסערגעוויינליכע זאַכן. און אויף ימים־טובים האָבן אָנגעפאַנגען זיך צו באַווייזן פון שטאָט היגע, שטעטלשע קינדער פון אָרימע עלטערן, אין קאַפּעלושן, קורצע סאַרע קורטקעס, ווי

ביי סטודענטן, מיט שוואַרצע שטעקלעך. גענייטע שטעטלשע יונגע לייט פלעגן טייטלען אויף זיי מיט די פינגער:

— דאָס איז פון י ע נ ע ר „חברה"...

שוין צוויי יאָר צייט, ווי דאָס שטעטל האָט איר אייגענע „חברה", אַן אייגענע אָרגאַניזאַציע, מיט אַן אייגענעם שטעמפּל, אויף וועלכן ס'איז אויסגעקריצט דערזעלבער „שלום־עליכם", וואָס האָט אַזוי דעם טאַטן אַמאָל פאַרוואונדערט. און ז י האָט שוין לאַנג אירע אַמאָליקע ביכער אויפגעהערט צו לעזן און לעזט שוין גאָר נייע, גאַנץ אַנדערע ביכער, ביכלעך און ביכעלעך; האָט זי־צונגען, קרייזן, באַדאַרף טיילן ליטעראַטור און זיך טרעפן מיט מענטשן. און כאָטש אַמאָל, ווען דאָס אַלץ איז נאָך ניי געווען און ניט אויסגעפּרובט, האָט זיך איר געדאַכט, אַז פאַר איר און פאַרן שטעטל פאַנגען זיך אָן גליקליכע, גלענצנדיקע צייטן, דאָך פילט זי זיך איצט איינזאַם, הילפלאָז און פאַרלאָזן, און דאָס שטעטל זעהט אויס וויסט און טרויעריק, ווי אַ בית־עולם...

פון אַלטן שטעטלשן לעבן מיט זיינע אייגנאַרטיקע גליק־אוצרות זיינען נאָר ברודנע שערבלעך געבליבן. עמיץ האָט איינ־געשמידט דאָס קליינע שטעטל אין דער אומגעהייערקייט פון וועלט־לעבן און האָט אַלץ אין שטאָט קליין און נישטווירדיק גע־מאַכט. דיביידע בתּי־מדרשים זיינען פּוסט און אָנשטאָט די יונגע און שלאַנקע זעהט מען נאָר איצט אַלטע און איינגעהויקערטע אָדער מיאוסע און אָפּגעלאָזענע, וואָס זיינען ענליך אויף אַלטע. פון די אַנדערע, נייע, מיט וועלכע זי לעבט איצט, פאַרלאָזט אויך, ווער עס קען נאָר, דאָס קליינע שטעטל און גייט אַהין, אין גרויסע שטעט, וואו דאָס לעבן זידט און ברויזט, און קומען אַהיים אויף ימים־טובים לוסטיקע און צופרידענע און דערציילן אומגעווייִנליך שיין פון דעם, ווי מ'לעבט דאָרט.

און דענסטמאָל זעהט אויס דאָס שטעטל נאָך טרויעריקער און עלנטער, און א י ר טוט ווייט דאָס האַרץ און עס פאַרדריסט ביז טרערן, פאַרוואָס איז זי אַ בעל־הבתּישע מיידל, אַזאַ הילפלאָזע און אַזאַ עלנטע, און ניט קיין שניידערין אָדער זאָקן־מאַכערין, וואָס קען—ניט פאָלגן דעם בייזן איינגעשפּאַרטן טאַטן און פאָרן

וואוהין זי וויל. און עס דאַכט זיך איר, דאָס עס איז איבעריק און ניט נוציק דאָס, וואָס זי איז הויך און שיין און אפשר נאָך שע־נער ווי איר שוועסטער אַמאָל... אין דעם וויסטן שטעטל איז סיי־ווי־סיי ניטאָ קיינער, וועמען ז י זאָל באַגערן און ו ו ע ר ס׳זאָל באַ־גערן ז י...

איינמאָל, אין אַ האַרבסט־טאָג, האָבן זיך די שטעטלשע בעלי־עגלות צוריקגעקערט פון דער באַן־סטאַנציע פריער ווי געוויינליך און אויף די פראַגן פון די פאַרוואונדערטע בעלי־בתּים האָבן זיי נאָר קורץ און כּמעט בייז געענטפערט:

— ניטאָ!..

און ערשט שפּעטער אַביסל האָבן זיי דערציילט אַזעלכע ווילדע זאַכן, אין וועלכע מ׳וואָלט בשום אופן ניט געגלויבט, ווען זייערע געזיכטער זאָלן ניט אַזוי ערנסט זיין און די בודעס—פּוסט... מען האָט געמוזט גלויבן...

זיי האָבן דערציילט, דאָס דער אומגעהייער גרויסער קער־פּער פון גאַנצן לאַנד, וואָס האָט מיליאַרדן הענט, וואָס ווייס ניט פון קיין רו, וואָס אַרבעט אייביק און אָן אַן אויפהער, האָט מיט־אַמאָל אַ שטרייק געמאַכט. די באַן גייט ניט; די רעלסן ליגן ווי טויטע גלידער. אין שטאָט איז פינסטער, ווי אין אַ וואַלד. די מענטשן זיצן אין די הייזער פאַרשפּאַרט און האָבן מורא אַרויסצוגיין אויף די פּוסטע גאַסן... און עס איז שוין קיין ברויט ניטאָ אין שטאָט, און קראַנקע ליגן אָן רפואות און גוסס׳ן, און קינדער ליגן פאַרשמאַכט פון הונגער... און קיינער ווייס ניט, ווען דאָס אַלץ וועט זיך ענ־דיקן...

און בשעת אין די בעל־הבתּישע הייזער און אין די בתּי־מדרשים, הינטער דער בימה, זיינען קרייזלעך פון נייגעריקע גע־זעסן און דערשראָקן געהערט פון דער אומגעריכטער נייעס און געפּרובט טרעפן, צוליב וואָס דאָס אַלץ האָט פּאַסירט, און ווען דער סוף וועט קומען, — האָט אויף דער הינטער־געסל, אין דער אַלמנה׳ס הייזל, די „סכאָדקע” אַ זיצונג געהאַט.

דאָרט האָבן אַלע געוואוסט, וואָס די נייעס באַטייט און פאַרוואָס האָט מיט־אַמאָל אַזאַ משונה זאַך פּאַסירט, נאָר קיינער פון

דער „סכאָדקע״ האָט ניט געקענט זאָגן, וואָס זיי באַדאַרפן איצט טאָן, ווי באַדאַרפן זיי אין דעם קליינעם פאַרוואָרפענעם שטעטל מיטווירקן אין דער גרויסער אָנגעשטרענגטער אַרבעט, וואָס פירט זיך דאָרטן ווייט-ווייט אין די גרויסע שטעט. און אַלע האָבן דע-ריבער גערעדט קורץ און אָפּגעריסן און האָבן איינע אויף די אַנדערע געקוקט הילפלאָז און פאַראומערט, ווי באַשטראָפטע. און בשעת עמיץ האָט פאָרגעלייגט, מען זאָל אַן אַלגעמיינעם שטרייק דערקלערן און גיין מיט אַ „דעמאָנסטראַציע״, האָט קיינער אַפילו ניט געפּרובט דעבאַטירן, און איינציקע האָבן נאָר מיט אַ פאַר-קרימטן שמייכל געענטפערט:

— ביי אונז... אַן אַלגעמיינער שטרייק!

— אפשר אויפ׳ן שול-הויף דעמאָנסטרירן?!...

און מ׳האָט ניט ערנסט געלאַכט...

פאָרן אין שטאָט און דאָרט זיך דערוויסן, וואָס זיי האָבן צו טאָן, איז אויך געווען איבעריק און אפשר אינגאַנצן אוממיגליך. פאָרן אַהין און צוריק מיטן פור באַדאַרף דריי-פיר טעג געדויערן און פאַר דער צייט קען זיך די וועלט איבערקערן. דערצו האָט נאָך איינער דערציילט, דאָס ער האָט זיך שוין נאָכגעפרעגט ביי די בעלי-עגלות און קיינער פון זיי, אַפילו קריסטן, ווילן בשום אופן ניט פאָרן אַהין, וואו עס טוען זיך אַזעלכע שרעקליכע מעשים.

דער, וואָס האָט דערציילט, איז געווען אַ שטאָטישער סטאָלער, וואָס האָט געמוזט וואוינען אין אַ קליין שטעטל, ווייל אין שטאָט האָבן אים שוין אַלע בעלי-בתים געקענט און אויף אַרבעט ניט גענומען. בשעת ער האָט גערעדט, האָבן ביי אים די ליפּן געצי-טערט און דאָס מויל האָט זיך מאַנכסמאָל געקרימט, ווי ביי אַן אַלטן אָדער ווי ביי אַ מענטשן, וואָס האַלט ביים וויינען. און ווען ער האָט געענדיקט און עס איז אין שטיבל מיט אַמאָל שטיל גע-וואָרן און אַלע האָבן קעגן זיך געקוקט און געטראַכט פאַר זיך, האָט ער מיט-אַמאָל זיך אויפגעכאַפּט פון באַנק און געזאָגט:

— איך גיי צופוס!...

אין ערשטן מאָמענט האָט אים קיינער ניט פאַרשטאַנען און

מ׳האָט געמיינט, דאָס ער וויל פון דער „סכאַדקע״ אין שליחות גיין צו דערוויסן זיך, וואָס עס הערט זיך אין שטאָט; ווי מענטשן, צו וועלכע פרעמדע שטייען־צו מיט נאַרישע עצות, בשעת עס טוען זיי די ציין וויי, האָבן עטליכע מיט כּעס און מיט קוים פאַר־באַהאַלטענער שׂנאה געענטפערט:

— מען דאַרף ניט! מען בעט אייך ניט!

און ערשט שפּעטער, ווען ער האָט פאַרוואונדערט אָנגעקוקט זיי און געפרעגט צעטומלט: „וואָס?״ „ווער?״—האָבן אַלע מיט־אַמאָל פאַרשטאַנען זייער פעלער און ניט געוואוסט וואָס צו זאָגן...

עפּעס שווערס ווי בליי איז געלעגן ביי אַלעמען אויף די הערצער און געדריקט. צוליב דעם, וואָס קיינער האָט ניט געהאַט וואָס צו ראַטן, און צוליב דער אַלגעמיינער פאַרלעגנהייט, האָט מען גיך די זיצונג געשלאָסן און מ׳האָט אָנגעפאַנגען זיך פונאַנ־דערצוגיין. זי און נאָך איינער, אַ יונגער בחור׳ל, זיינען געגאַנגען דעם כּטאָלער באַגלייטן. ס׳איז געווען פינסטער און בלאָטיק און שטיל און נאָר צייטנווייז פלעגט עמיץ פון זיי שרייען צו איר: „היט זיך!״ און עס פלעגט ווייטער שטיל זיין. גלייך הינטערן שטעטל האָבן זיי זיך צעגעשטעלט און דער יונגער בחור׳ל האָט דער ערשטער איר אומפאַרשטענדליך געזאָגט:

— נו גייט שוין צוריק!

און זי האָט אים אָנגעקוקט דערשטוינט און איידער זי האָט נאָך צייט געהאַט צו פרעגן, פאַרוואָס גייט ער ניט צוריק, האָט ער שטיל צוגעגעבן:

— איך גיי מיט אים!...

מיט עפּעס אַ קעלט איז דאָס האַרץ פאַרלאָפן און פאַרגליי־ווערט געוואָרן, און גאָר די ווערטער פון פריינדשאַפט און האָפ־נונג זיינען שטעקן געבליבן אין האַלז, ווי ביינער, און האָבן גע־שטיקט. זי האָט נאָר קוים די האַנט זיי געגעבן און — געבליבן שטיין... אַרום איז פינסטער געווען. לינקס איז דאָס שטעטל גע־לעגן, ווי אַ גרויסע שוואַרצע בלאָטע, אין וועלכער עס האָבן עט־ליכע טונקעלע פייערלעך געבלישטשעט. רעכטס איז געשטאַנען

דער וואַלד, אַ גרויסער, אַ געדיכטער, אַ פאַרטראַכטער... און אפשר עטליכע מינוט איז זי געשטאַנען צווישן גרויסן וואַלד און קליינעם שטעטל און האָט מיד געטראַכט פון דעם, וואָס עס טוט זיך איצט אין דער גרויסער וועלט הינטערן וואַלד און ווי שווער איר איז און כמעט אוממיגליך, גלייך ווי זיי, פריי און מוטיק, ביי קיינעם ניט פרעגנדיק, קיין זאַך ניט האָבנדיק, מיט הוילע וועג-שטעקנס דורכגיין דעם וואַלד און קומען אַהין, אין דער גרויסער, רוישנדיקער, באַלעבאַטער שטאָט... אין די פאַרטרערטע אויגן האָט די פינסטערניש אויסגעזעהן אומגעוויינליך געדיכט און האָט אינגאַנצן איינגעשלונגען די צוויי שאָטנס פון די פרייע וואַנדערער, און נאָר איין מאָל האָט זיך איר אויסגעדאַכט, דאָס אַ באַקאַנטע שטים רופט זי אָן מיט איר נאָמען און הייסט גיין אַהיים, ווייל עס איז שפעט...

* * *

אינדערהיים זיינען מיטן טאַטן האָלץ-סוחרים געזעסן און געהאט אַ לאַנגן פאַרוויקלטן חשבון. איינגענורעט אין קישן איז זי געלעגן אין אַ פינסטערן צימער און האָט געטראַכט וועגן זיך, וועגן דעם אַמאָליקן לעבן פון איר שוועסטער, וואָס זי האָט אַזוי מקנא געווען, און וועגן דעם, וואָס עס וועט זיין, נאָר אין צווייטן צימער האָט מען משונה הויך, און צייטנווייז עטליכע שטימען מיט-אַמאָל, גערעדט פון שפאַלן, שניפער און קלעצער, און איינער, מן הסתם אַ גראָבער רויט-געלער ייד, פלעגט אַלע ווײלע מיט אַ ווידערדיקער שטים אויסשרייען לאַנגע אומפאַרשטענדליכע לשון-קודשדיקע פראַזן און עטליכע מאָל נאָכאַנאַנד זיי איבער'חזר'ן. מן הסתם צוליב דעם האָט דער קאָפּ וויי געטאָן ביז איבלקייט און די געדאַנקען האָבן זיך געפלאָנטערט, ווי אין אַהיץ-קרענק, און עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז ווען די סוחרים זאָלן אַוועקגיין און אין שטוב זאָל ווערן זעער רואיק, וואָלט זי אפשר געקענט באַטראַכטן ווי געהעריק איר לאַגע און געפינען אַן אויסוועג...

די סוחרים זיינען ביז שפעט אין דער נאַכט געזעסן...

# אַ מ אָ ל.

ס׳איז געווען שפעט אינאָווענט; איבער אונז אָבער איז נאָך אַ ברייטער ליכטיקער הימל געהאַנגען. אויפן ווייטן צפון ווייסן ניט די הימלען פון רואיקער מעסיקייט: ווינטער ליגן זיי מיד און פאַרפינסטערט און קוקן בלינד און שטאַר, און נאָר אויף אַ שעה אָדער צוויי עפענען זיי קוים זייערע קראַנקע פאַרגעפלטע אויגן, און דעמאָלט קומט אָן דער קורצער ווינטער־טאָג... דערפאַר ווילן זיי ניט זומער־צייט טונקל ווערן און ערשט שפעט אין אָוונט פאַר־באַהאַלטן זיי זייערע בלענדנדיקע בינטלעך שטראַלן און לאָזן־איבער נאָר לאַנגע פורפור־סטענגעס אויף די ראַנדן, איבער די הויכע בערג און דעם געדיכטן שוואַרצן וואַלד...

מיר אַלע, אַ קאָלאָניע פאַרשיקטע, זיינען אין יענעם אָוונט געזעסן ניט ווייט פונם דערפל, אויפן רעכטן, בערגיקן ברעג פון טייך און געוואַרט: ס׳איז אַ פאָסט־טאָג געווען.

מיר זיינען שוין צוגעוויינט געווען איין מאָל אַ וואָך צו וואַרטן אויף דער פאָסט, אָבער יענעם מאָל האָט כמעט קיינער פון אונז ניט געוואַרט אויף איר מיט אַזאַ אומגעדולדיקייט און ס׳איז ניט געוואַקסן קיין געפיל פון מאַכטלאָזן פאַרדרוס און פון פאַרוואָגלט־קייט, ווי ווינטער אָדער יעסן־צייט, ווען די פאָסט פלעגט פאַר־שפעטיקן. מיר זיינען יונג געווען און די פאַרשווענדערישע זון פון קורצן סיבירער זומער פלעגט אונז פאַרשיכורן און לאָזן דאַכטן, אַז מיר וואוינען דאָ גוטווויליק, ווי אויף אַ פרייער זומער־וואוינונג, און אָן די פאַרגאַנגענע צייטן פלעגט נאָר קוים־קוים און ניט־דייטליך דערמאָנען דער שטילער טרויער, וועלכן ווייטע הימלען, פורפור־ראַנדן, אָדער פאַרטראַכטע ביימער באַשאַפן שטענדיק...

און נאָר איינער פון אונז, אַ קראַנקער און אַן עלנטער, וואָס פלעגט שטענדיק וואַרטן אויף וויכטיקע בריוו פון „רוסלאַנד" און זיך אַלע מאָל ריכטן, אַז היינטיקס מאָל וועט אים די פאָסט

ברענגען עפּעס אומגעווייגליכס, וואָס וועט ביזן גרונד אומענדערן זיין לעבן צום גוטן,—דער איז דעם מאָל אויך געזעסן באַזונדער און אָנגעשפּאַנט געקוקט אינדערווייטנס און זיך צוגעהערט וואַכ־זאַם, צו פאָרט ניט די פאָסט.

ער האָט זי דער ערשטער דערזעהן, און זיך גלייך אַריבער־געשיפּט אויף יענער זייט. מיר זיינען געבליבן...

אין שטילע זומער־אָוונטן קלינגט דאָס פּרויען־לאַכן, ווי קליי־נע גלעקעלעך פון ריינעם זילבער, און דאָס געזאַנג פון ברייטע, געדיכטע ברוסט־שטימען הערט זיך מוטיקער און דרייסטער... אויפן טייך ביי אונז האָט דעריבער דער אייביקער טרויער גע־זונקען אין טיפער פרייד פון לעבן, און אונטער דעם אָפענעם הימל האָט די יוגנט דעם פאַרגעסענעם ערד־יום־טוב געפייערט און לידער פון פרילינג געזונגען...

קיינער האָט ניט געהערט, ווי ער איז צוריק געקומען, און ווען מ׳האָט אים באַמערקט, איז פּלוצלינג שטיל געוואָרן: אַלע מיט־אַמאָל האָבן זיך צו אים אַ וואָרף געטאָן און גיך און אָפּגעריסן געפרעגט איינס און דאָס זעלבע:

— בריוו ?...

ער פלעגט שטענדיק זיין פאַרטרויערט און רעדן לאַנגזאַם און צעשטרייט: נאָר איצט האָט ער עפּעס צו לאַנג געשוויגן און משונה, כמעט בייז און קרענקליך געענטפערט:

— ס׳איז דאָ! ס׳איז דאָ!...

און האָט צוגעגעבן:

— אין ווילנע... דעם 1־טן מאַי... האָט מען געשמיסן!...

זיין טרוקענע שטים האָט איינאַרטיק די קורצע זאַצן פון בריוו איינע נאָך די אַנדערע געלעזן און געציטערט. יעדער זאַץ פלעגט פאַלן אויף די הערצער, ווי אַ משא פון שטיינער, און סמ׳ען זיי מיטן גיפט פון פאַרשטיקטע יסורים, פון ברענענדיקער שאַנדע און זידנדיקן האַס. קיינער האָט ביזן סוף דעם בריוו ניט געהערט. איינער אַ בלייכער, מיט פאַרבראָכענע הענט אויפן קאָפּ, פלעגט אַלע ווילע אָפּלויפן אַ שטיקל פון אונז און צוריק צו אונז צו־לויפן שרייענדיק:

— געשמיסן! געשמיסן!...

און זיך דריקן די שלייפן...

און ס׳איז געוואָרן שטיל אויפן ברעג פון טייך און טרויע-ריק. איבער אונז איז געהאַנגען אַ בלייכער הימל אָן שטערן. דער טייך האָט זיך געצויגן, ווי אַ שוואַרצע סטענגע פון קרעפּ, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז עס שוועבן צווישן אים און דעם הימל די אויסגעפּייניקטע מאַרטירער-נשמות, וואָס זיינען צו-פרי אויף דער ערד געקומען און געמוזט אונטערגיין... און יעדער האָט שטיל געטראַכט באַזונדער...

שפּעטער האָט קיינער פון אונז זיך ניט געקאָנט דייטליך דערמאָנען, ווער עס האָט דער ערשטער אין יענעם טרויער-אָוונט אַ פריילאַכע, מוטיקע ליד אָנגעפאַנגען צו זינגען; אָבער ביז שפּעט אין דער נאַכט האָבן לידער פון אייביקן פרילינג, פון יוגנט און שפּראָצנדיקן לעבן די שאָטנס פון שרעק און פון פיין, ווי מיט שמות, געטריבן... און אין דאָרף, וואו מען האָט געוואוסט, ווי מיר וואַרטן אַלע וואָך אויף דער פּאָסט, און געהערט אונזער גע-זאַנג פונדערווייטנס, האָט מען גערעדט, אַז די פּאָליטישע האָבן היינט מן הסתם אַ פריילאַכע פּאָסט ערהאַלטן...

---

צו דער צווייטער פּאָסט איז אונזער קאָלאָניע שוין קלענער געוואָרן: מען איז געלאָפן...

---

# אַ מעשה מיט אַ יידישן קיניג. *)

אַ גאַנצן טאָג האָט זיך קיינער פון ווייסן פּאַלאַץ ניט באַווייזן און ס׳האָט אויסגעזעהן אַזוי, ווי דער פּאַלאַץ וואָלט צוליב אבלות זיך פאַרשלאָסן פון אינעווייניק און אַ טרויעריקער זיך אָפּגעזונדערט פון די איבעריקע הייזער אַרום. און כאָטש די, וואָס האָבן אַרום פּאַלאַץ געוואוינט, האָבן געטאָן זייער אַרבעט ווי שטענדיק, דאָך האָט זיך אַ גאַנצן טאָג געפּילט ביי אַלעמען אַזאַ שווערע מידקייט, אַז קיינער האָט ניט געוואָלט נאָכ־רעגן גענויער, ווי און צוליב וואָס דעם פּריצ׳ס טאָכטער האָט זיך דאָס לעבן גענומען. און אַז עס איז אָוונט געוואָרן, איז געוואָרן אַרום שטילער ווי געוויינליך און אויפן פּריצישן סאָד ביים פּאַלאַץ האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ פאַרשוויגענער צער. פון פריען אָוונט ביז זון־אויפגאַנג פלעגט שטענדיק אומגיין איבערן סאָד אַ וועכטער, משה מיט זיינעם אַ משרת, אַ קליין יינגל, און היטן. אין דעם אָוונט אָבער האָט זיך ניט געוואָלט קלאַפּן אין וועכטער־בלעך און אומגיין צווישן די נאַכט־שאָטנס. אַרומגענומענע מיט דער אומבאַוועגליכער שטילקייט, זיינען זיי ביידע, איינגעבויגענע און שווייגענדיקע, געזעסן ביי זייער שטרויענער בודקע און פאַרטראַכטע געקוקט קעגן זיך און וואַכזאַם צוגעהערט צו דער אַרומיקער טונקלקייט.

---

*) די לעגענדע וועגן דעם, אז א ייד איז אמאל געווען א קיניג אין פוילן, גייט אום צווישן די יידן אין ליטע און פוילן און איז אויך פאַרשריבן אין פיל וואריאנטן. אין דער דערציילונג פונם דיכטער זיינען פארמישט צוויי באזונדערע לעגענדן—וועגן שאול וואהל (א ווירקליכער היסטארישער פערזאָן, א גרויסן סוחר און אָטקופּשטשיק), וואס האט, לויט דער לעגענדע, רעגירט א טאג (לויט אייניקע—אפילו עטליכע חדשים) איבער פוילן נאך סטעפאן באטאריעס טויט, און וועגן אברהם דעם פּולווערטרעגער (פּאַרכאַחניק אָדער קאַראַבעלניק), שוין געוויס איינגאנצן א לעגענדארע פערזענליכקייט, וועלכע איז כלומר׳שט אין

נידעריקער, אויפן לאָנקע, איז געלעגן אַ געדיכטער מילך-בלייכער נעפל און פונוויטן האָבן זיינע שטיקער אויסגעזעהן ווי אַיינגעוויקלטע אין ברייטע יום-כיפור-קיטלען, פאַרבלאָנדזשעטע, איינזאַמע שאָטנס. ס׳איז געווען טונקל; נאָר פאַר די אויגן האָבן געשימערט מיקראָסקאָפיש-קליינע ליכט-פונקען און פלעגן זיך צייטנווייז צונויפגיסן אין ווייכע און צאַרטע סטענגעס פון רעגנבויגנפאַרבן און דעמאָלט פלעגט עס אויסזעהן, פונקט ווי די נידעריקע שווער-באַפרוכטעטע בוימער וואָלטן זיך אָנהייבן ציען אַרויף אין דער הויך און איינוויקלען זייערע שפּיצן אין די פלאַטערנדיקע סטענגעס פונם אָוונט-ליכט. און אַז צייטנווייז, אומגעריכט און אָן אַ סיבה, פלעגן אָנהייבן פאַלן איינע נאָך די אַנדערע שווערע עפל פון די בוימער און עס פלעגט זיך דייטליך הערן, ווי קורץ דעו-עפל רייסט זיך אָפּ פון צווייג, ווי ווייך און מוטערליך עס נעמט אים אויף די גרינע פייכטע ערד, און עס פלעגט זיין משונה צו פילן, ווי לאַנג עס געדויערט די איינציקע רגע פון זיין פאַלן, — פלעגט משה שטיל, ווי אַ סוד דערציילנדיק, אויסשפּרעכן:

— עפל פאַלן...

און טרויעריק מיטן קאָפּ צושאָקלען. איין מאָל האָט ער נאָכדעם אַ לאַנגע ווײַלע געקוקט צום הימל און האָט צוגעגעבן.

— שטערן פאַלן אויך... אַז עס קומט זייער צייט. און מענטשן פאַלן. און פאַלאַצן פאַלן אויך, בחור׳ל. ביי אונז זיינען אַמאָל פאַלאַצן געווען און זיינען אויך צעפאַלן...

---

גאָר אַלטע צייטן אויסגעקליבן געוואָרן פאַר אַ קיניג ביי פאָלגנדיקע אומשטאַנדן: די פּוילישע שליאַכטע האָט געדאַרפט קלייבן אַ קיניג; זי האָט זיך בשום אופן ניט געקענט צונויפרעדן. צום סוף האָט מען באַשלאָסן אויסצוקלייבן פאַר אַ קיניג דעם, וועמ עס וועט מאָרגן אינדערפרי דער ערשטער אָנקומען אין שטאָט. אָנגעקומען איז אַברהם דער פּולווערטרעגער. מ׳האָט אים געמאַכט פאַר אַ קיניג. ער האָט געבעטן אַ טאָג צייט אויף זיך מישב צו זיין און האָט איבערגעגעבן זיין קרוין דעם ערשטן פּיאַסט (אַן אַלטע פּוילישע קיניגליכע דינאַסטיע).

די וואַנט פון פּאַלאַץ מיט אירע ניט־באַלויכטענע פענסטער הענגט אַנטקעגן, ווי אַ גרויסער פּאָרהאַנג פון ווייסן לייַנוואַנד משונה דורכגעריסן אין שוואַרצע לעכער. די שטיקער נעפּל קריכן לאַנגזאַם אום פונוויַיטן און עס פּאַלבן זיך זייערע בלייכע תּכריכים־קליידער. משה׳ס גרויסער געדיכט־באַוואַקסענער שוואַרצער קאָפּ שאָקלט זיך שטיל צום טאַקט מיט זיינע קורצע, איינציקווייז־גע־ציילטע ווערטער און אין דעם אומבאַשטימטן ליכט פון אָוונט זעהט ער צייטנווייז אויס אָפּגעטיילט פון משה׳ס קערפּער... און דאָס אַלץ וואַרפט אַ מורא אויף דעם קליינעם יינגל...

— ביי ווען... פּאַלאַצן ?...

— ביי ווען, פרעגסטו. ביי די בני־מלכים, בחור׳ל. ביי מיר, למשל. דער נייַנטער דור פון אַ מלך בין איך...

— ...מיין זעקסטער עלטער־זיידע, בחור׳ל, איז אַ מלך געווען, אַ ייד, אַ קאָראַבעלניק, אַ קלוגער ייד, וואָס האָט אַ וועלט געזעהן, אַ וועלט אויסגעוועהן. און אין זיין וועג איז ער זיך גע־פאָרן ווי שטענדיק. איינמאָל אויף אַ גרעבליע, נעבן אַ פּאַלאַץ, נעבן אַ ווייסן פּריצישן פּאַלאַץ, בחורל, האָבן אים פויערים און פּריצים אָפּגעשטעלט: ר׳ שאול, זיי אונזער קיניג. נעם דיר דעם ווייסן פּאַלאַץ, נעם דיר דאָס גרויסע לאַנד, די טאַטרען־בערג, זייער פּערל־שניי, דיברייטע טייכן, די גרויסע וועלדער און די טאָלן־גרינס. זיי אונזער קיניג... און עס איז דעמאָלסט, בחור׳ל, געווען אַ זומער־טאָג, ווי דער היינטיקער, אַ ליכטיקער און אַ ריי־נער, און דאָס קאָרן און דער ווייץ איז ווי גאָלד געלעגן אויף דעם ברייטן לאַנד, און פונדעסטוועגן האָט ר׳ שאול געבעטן ביז אויף מאָרגן צייט אויף ישוב־הדעת. ר׳ שאול, בחור׳ל, האָט זיך מישב זיין באַדאַרפט.

— און דערווייל, בחור׳ל, האָט מען מיין עלטער־זיידן אין פּאַ־לאַץ אָפּגעפירט, אין אַ גרויסן, ווייסן פּאַלאַץ פון מירמלשטיין, די קרוין פון לאַנד אָפּגעגעבן אים, אויפן טראָן אים אַרויפגעזעצט און גע־לאָזן אַליין, און אַזוי איז ער אַ גאַנצן טאָג אויפ׳ן טראָן געזעסן.

— מן הסתם איז אַזוי באַשערט געווען, אַז גראָד אין יענעם אָוונט זאָל קומען אַ צייט פּאָר צוויי שטערן פון הימל אַראָפּצו־

פאַלן און ס׳האָט באַדאַרפט אַזוי זיין, אַז ר׳ שאול זאָל די רגע פון זייער פאַלן זעהן. אָט דעמאָלט האָט זיך זיין ישוב־הדעת געענדיקט. ער איז אַרויס פון ווייסן פּאַלאַץ, אַהין צו דער גרעבליע געגאַנגען און האָט קורץ געזאָגט צו די קינדער פון גרויסן לאַנד:

„שאול איז ניט מרוצה. שאול פאָרט ווייטער זיין וועג״!...

— און דערנאָך, בחור׳ל, האָט ער זיך אויף זיין וועגל מיט דער קאָראָבעלקע געזעצט און האָט זיך ווידער געלאָזט פאָרן נע־ונד איבער דער וועלט פון איין דאָרף צו דעם אַנדערן, פון איין שטאָט צו דער אַנדערער...

ס׳איז קענטיק געווען, אַז ער האָט באַדאַרפט נאָך וואָס זאָגן און דערציילן דעם סוף פון זיין עלטער־זיידן, וואָס האָט שוין גע־האַט אויף זיך אַ קיניגליכע קרוין און זיך פון איר אָפּגעזאָגט. נאָר משה האָט מיט־אַמאָל איבערגעריסן און איז אויפגעשפּרונגען:

— עמיץ פאָרט!

פאַרביי דעם סאָד־פּאַרקאַן האָט זיך פון דער פינסטער־ניש געצויגן צום פּאַלאַץ אַ לאַנגער שאָטן פון אַ פּריצישער קאַרע־טע. און מיט־אַמאָל האָבן זיי זיך ביידע דערמאָנט, וואָס פאַר אַ משונה׳דיקער טאָג היינט איז געווען און פאַרוואָס דער ווייסער פּאַלאַץ שטייט אַ פינסטערער, און ס׳האָט זיך מיט בענקשאַפט גע־וואָלט וויסן, וואָס טוט זיך דאָרט אין אים, אין אָפּגעזונדערטן און פאַרטרויערטן, ווער זיינען די אומבאַקאַנטע מענטשן פון קאַרעטע, וואָס זיינען אין אַזאַ טרויער־אָוונט אין געסט געקומען, און פאַר־וואָס אַ פּריצ׳ס אַ טאָכטער האָט זיך באַדאַרפט דאָס לעבן נעמען. נייגעריקע, פאַרקלערטע וועגן פאַרוויקלטן אין פאַרבאַהאַלטענעם שנור, וואָס בינדט צוזאַמען זיי, די סאָד־וועכטער, דעם פּריץ פון ווייסן פּאַלאַץ, זיין טויטע טאָכטער, די אָוונט־געסט און די נאַכט־חלומות וועגן דעם זעקסטן עלטער־זיידן, וואָס איז אַ טאָג אַ מלך געווען,— זיינען זיי ביידע לאַנג געשטאַנען ביי דער הינטערוואַנט פון פּאַ־לאַץ און זיך צוגעהערט. און בשעת די פינסטערע פענסטער האָבן מיט־אַמאָל אויפגעלעבט און אַריינגעקוקט אין סאָד אַריין מיט לאַנגע פּאַסן פון בלייך־געלבן ליכט, האָט משה דער וועכטער פאַר־

געסן, וואָס אין יענעם טאָג האָט פּאַסירט, און האָט פּלוצלינג, אַ בייזער און אַן איינגעהויקערטער אָנגעהויבן קלאַפּן אין זיין גרויסע וועכטער=בלעך.

די טרוקענע קלעפּ האָבן די נאַכט-שטילקייט אויף שטיקער צעריסן.

# בײם שאַמאַן.

(אַ קאַפּיטל פון אַ דערציילונג).

אין דער היים איז איצט אלול, שוין אפשר ראָש=השנה; דאָ, ביין אָסטיאַקישן שבט׳ל, איז אויך עפּעס אַ יום=טוב. נעכטן און אייערנעכטן פאַרן זון=פאַרגאַנג איז מען געשטאַנען ביים טייך, צוערשט מיטן פּנים צום מזרח, צום באַרגיקן ברעג פון טייך און געבוקט זיך צום גאָט פון דער זון, דערנאָך מיטן פּנים צום דרום, צום גרויסן פעלז, וואָס לויערט איבערן טייך, ווי אַ ריזיקע חיה, און באַשיצט דעם קליינעם שבט פון די בייזע גייסטער, וואָס קומען פון אַרויף=וואַסער, פון די ווייטע געגנטן, וואו עס וואוינען רייכע, נאָר פיינדלעכע און אַכזריותדיקע פעלקער; געבוקט זיך צום צפון, צו דער אומגעזעענער הויפּטשטאָט פון די וואונדערלעכע גייסטער, וואָס האַלטן אין זייערע הענט די שטאַרקסטע ווינטן און זיינען די בעלי=בתים איבער אַלע חיות און פישן און וואָס פון זייער ווילן ווענדט זיך דאָס, וויפיל ווייסע פוקסן עס וועלן קומען אַהער אין די קאַפּקאַנעס פון אָרימען שבט, אָט די געגאַרטע ווייסע פוקסן פון דער גרויסער טונדרע, וואָס זייער ווייכע און געדיכט=האָריקע פעל איז אַזוי באַליבט ביי די סוחרים; און נאָך לענגער געבוקט זיך צו מערב, וואו עס זיצט דער אַלמעכטיקסטער גאָט פון דער וועלט, וואָס נעמט=אויף אויף זיינע הענט טאָג=טעגלעך די זון, אַז זי קומט צו אים אויף נאַכטלעגער.

דערווייל איז נאָך זומער. אין גיכן, אַמאָל אין אַן אָוונס, וועט זיך פלוצלינג אויפהייבן אַ שטורעם=ווינט, וועט אַרויפשלעפּן אויפן הימל געדיכטע טינט=שוואַרצע וואָלקנס און אָנהייבן שמייסן מיט אַ קאַלטן שטעכעדיקן רעגן, אויסגעמישט מיט שניי; פון דעמאָלט אָן וועט זיך שוין די זון חדשים=לאַנג ניט באַווייזן. דערווייל איז אָבער שטיל און וואַרים. נאָכן פלאַקערן פון זומער, ווי אַ פאַרשפּעטיקטע כלה נאָך שטורימדיקע יוגנט=יאָרן, לייכט די זון בלייך, גייט ווי אָפּגעזונדערט אָן אַ זייט, איבער דער צפון׳דיקער העלפט פון הימל, נאָר אויף דער ערד פאַרשפּרייט זי אַ מנוחה׳דיקע, אַ ליבלעכע, אַ ביסל אַ טרויערדיקע ליכטיקייט: דער

הימל איז לויטער-קלאָר, אויסגעטאָן די פאַרשיידנפאַרביקע פלאַמיגע קליי־
דער פון זומער און עניוות׳דיג איינגעוויקלט זיך אין בלויען; דער וואַלד
שטייט רואיק, קהלת׳דיק אויפגעקלערט, מיט גראָע האָר פון די בלעטער־
בוימער אויפן שוואַרצן קאָפּ.

עס איז יום־טוב. אַ גרויסער עולם האָט זיך היינט געלאָזט אין
וועג, צום קרעמער אין רוסישן דאָרף, מיט פולע שיפלעך ווילדע אינ־
דיקעס, וואָס דער חסד פון גאָט האָט היינטיקס יאָר הונדערטערווייז גע־
טריבן אין די אָסטיאַקישע נעצן. חאַנאַלס מאַן איז אויך אַוועקגעפאָרן
און איבערגעלאָזן אין דער היים דעם טאַטן, דעם אַלטן שאַמאַן. זיצן
מיר ביידע אויף דער ערד, פאַר זיין יורטע, די פיס אונטער זיך. נעבן
אונז ליגט אויסגעצויגן חאַנאַל. דעם אַלטן איז אומעטיק און פאַרדראָסיק.
אַ גרויסן מאָל־צייט וועלן זיי דאָרטן האָבן ביים סוחר אין שטוב פאַר
די געבראַכטע אינדיקעס... חאַנאַל האָט זיך איינגעשפאַרט און ניט גע־
וואָלט מיטפאָרן. היינט ווי לאָזט מען זי דאָ אַליין מיטן גלאַנצעדיקן
דאַשעק? האָט ער אויך געמוזט איבערבלייבן.

— אַ פיינער וועטער! — זאָגט דער אַלטער, כדי צו באַהאַלטן זיין
כעס אויף מיר און שאָקלט צו מיטן קאָפּ גאָטספאָרכטיג און נכנעדיק.

די הויט פון זיין לאַנגלעכן געזיכט, אָן סקולעס, איז געל־בלייך
און גלאַנציק, ווי פאַרמעט, די איינגעפאַלענע, צעקנייטשטע באַקן זיינען
שיטער באַוואַקסן מיט גראָע האָר און פון קינבאַק הענגט אַראָפּ אַ שפּי־
ציק בערדל. ער טראָגט ווייבעריש אַ טיכל אויפן קאָפּ, ווי דער שטיי־
גער איז, און פון אונטער איר גרייזלען זיך איבער די אויערן געל־ווייַ־
סע האָר, ווי פרומע פאות. אין שוואַרצע בגדים וואָלט ער ענלעך גע־
ווען אויף אַן אַלטן פרוש פון בית־מדרש, נאָר זיינע וואַסערדיקע, מיט
רויטע אָדערלעך פאַרלאָפענע אויגן קוקן צייטנווייז שטעכעדיק און כיס־
רע, ווי ביי אַ חיה.

חאַנאַל ליגט אויפן זאַמד מיטן פנים אַרויף, די הענט אונטערן
קאָפּ פאַרוואָרפן. מיט פאַרזשמורעטע אויגן קוקט זי אין הימל אַריין. דער
שמאָלער שטערן האָט זיך טיף איינגעקנייטשט איבערן נאָז, נאָר די
ברוסט וויגט זיך פּאַוואָליע און עס דוכט זיך, אַז זי שמייכלט... נאָך
אַ שעה דריי צו וואַרטן ביזן אָוונט, ביז מען וועט דאַרפן גיין באַקוקן
די נעצן אין וואַלד, און ווער ווייס, אפשר וועט היינט דער אַלטער אויך
מיטגיין מיט אונז.

— זייער! — ענטפער איך אָן חשק.

איך צי זיך אויך אויס אויפן זאַמד לעבן חאַנאַלן. אָן אן אויפהער

זיפּט זיך בּלױקײט פֿון הימל, אַן אומגעזױמענע האַנט האָט אױסגעמישט מיריאַדן דימענטשטײנער, בּלױע, גרינע, שװאַרצע און שיט זײ איבּער כּסדר אין בּרײטן הױבּ פֿון הימל. רואיק װיגט זיך דער הױבּ און לאָזט זיך אַראָפּ אַלץ נידעריקער. װאונדערלעך װאַקסט אױס מײַן קערפּער און װיגט זיך אין זעלבּן ריטם און עס דוכט זיך, אַז אָט=אָט װעט אַרױסגײן די ערד פֿון אונטער מיר און לאָזן מיך אין דער לופֿטן.

— כ'װיל זינגען! — זאָגט פּלוצלינג דער אַלטער, מיט אַ פֿאַרנײגטן קאָפּ אָן אַ זײַט און גכנעדיג, װי אַ קינד װאָס בּעט עפּעס.

— דער שאַמאַן װעט זינגען! — שרײַט אױס עמיץ אַרום אונז, און די פֿרײלעכע בּשורה זאַמלט האַסטיק צונױף דעם איבּערגעבּליבּענעם עולם און מיר לאָזן זיך אַלע שנירלדיק, דער שאַמאַן מיט אַ געבּױגענעם קאָפּ פֿאָראױס, אין זײַן יורטע אַרײַן.

עס בּרענט אַ שײטער=הױפֿן. מיר זיצן קײַלעכדיק אין עיגול פֿון יורטע. אױבּן אָן, אַנטקעגן טיר, זיצט דער אַלטער. זײַן געזיכט איז פֿאַרשלאָפֿן, די אױגן פֿאַרמאַכט; ער װיגט זיך און מורמלט עפּעס אַ נגון אונטערן נאָז, װי אַ חזן, װאָס איז זיך מסדר ערבֿ=יום=טובֿ. דער בּלינדאױגיקער, זײַן שטענדיקער בּאַהעלפֿער, װאַרימט דעם כּשוף=פּױק איבּערן פֿײַער און פּרוּװט אַלע װײַלע, צי איז שױן געננג הילכיק זײַן קלאַנג.

— גיכער! — גיט אַ זאָג דער שאַמאַן און זײַן שטים ציטערט.

אױפֿן טאָװול פֿון פּױק איז קינדיש אױסגעמאָלט קײַקעלעך און דרײדלעך. דאָס גרעסטע קײַקעלע מיט פּינטעלעך אַרום איז די זון מיט די שטערן. איבּער זײ פֿליט אַ גאַגאַרע און עס לױפֿט אַ האָרנדיקער הירש. דער גאַנצער טאָװול איז פֿול מיט פֿיש און פֿײגלען, חיות און מענטשן און איז אַרומגעצירט אין אַלע װינקעלעך מיטן הײליקן צײכן פֿון לעבּן און פֿרוכטבּאַרקײט, װאָס איז ענלעך אױף אַ פֿלאַכן שליסל פֿון אַ פֿראַנצױזישן שלאָס. און דער רײַף פֿון פּױק איז בּאַהאַנגען מיט בּלעכלעך און אײַזנדלעך, װאָס האָבּן אױך, יעדערער פֿאַר זיך, אַ װיכטיקן, פֿאַרבּאָרגענעם זין.

װי אױפֿגעװאַכט, שטעלט זיך אױף דרײסט דער שאַמאַן, און מיט אַ בּרײטער בּאַװעגונג, די אַרבּל פֿאַרקאַשערט, נעמט ער דעם פּױק אין האַנט, װי אַ געניטער מײסטער זײַן אַרבּעט=אינסטרומענט, גיט לײַכט אַ פּרוּװ זײַן געדיכטן רױש, פֿאַרשליסט די אױגן פֿעסט, מיט כּװנה, װי אַ ײד צו שמע=ישׂראל, און הײבּט אָן לאַנגזאַם און ריטמיש צו דרײען מיטן קאָפּ אױף רעכטס און לינקס:

— איך הײבּ אָן צו רופֿן! הערט זיך אײַן!

ער קלאַפּט איין מאָל אין פֿאַרמעט פֿון פּויק און דעם רייף פֿאַר־האַלט ער פֿעסט אין האַנט. דער פּויק ברומט; אַ וויכטיקער אָנזאָג הערט זיך אין זיין געדיכטן ברומען. ער קלאַפּט נאָך אַ מאָל קורץ און אָפּגע־ריסן און לאָזט פֿריי דעם רייף אין האַנט; צאַפּלען זיך אויף די הענגע־לעך אַרום און עס שיט זיך אויס און צעשפּרייט זיך איבער דער יורטע זייער טרוקענער בראַזג. און קלאַפּט אַ דריטן מאָל, שטאַרקער און נאָך קירצער, און די בלעכלעך רוישן אָנגעשראָקן, דער אייזן בראַזגעט ליאַ־רעמדיק; און אין זעלבן אויגנבליק גיט ער האַסטיק און טיף אַ קלאַפּ אין אָנגעצויגענעם פֿאַרמעט און אַ פּולער, אַ טיפֿער און אַ ברייטער רעש צעשווימט אין דער לופֿט. אויסגעשטרעקט באַפֿעלעריש די רעכטע האַנט מיטן פּויק, דעם קאָפּ אויסגעצויגן פֿאָראויס, מיט ברייט אויפֿגעעפֿנטע אויגן, מיט אַן אויסדרוק פֿון ליידן אין געזיכט, בלייבט ער שטיין און הערט זיך אָנגעשטרענגט צו. מיר אַלע פֿאָלגן דעם וואונק פֿון זיין לינ־קער האַנט און זיצן שטיל, אומבאַוועגלעך, דעם אָטעם פֿאַרהאַלטן... עס קלינגט נאָר די שטילקייט אין אויער און איינגעהאַלטן רוישט דער טייך... פּלוצלינג בליצט אויף זיין פּנים, אַ קורצער שמייכל ציט זיך אויס אויף די ליפּן, ער שרייט־אויס אַ פֿריילעך געשריי, טרייסלט־אויף מיט התפּעלות דעם פּויק און הייבט אָן צו רופֿן מיט אַן איינטאָניקן, מיר דוכט זיך, מיט אַ טרויעריקן יידישן נגון, און וויגט זיך אין טאַקט:

— קום, דו גייסט פֿון פֿעלד, קום, דו אָדלער־גייסט! קום, דו גייסט פֿון בער, קום פֿון טיפֿן וואַלד...

און דער בלינדאויגיקער באַהעלפֿער כאַפּט אונטער:

קום, דו גייסט פֿון הירש, אויף די גרינגע פֿיס...

און מיר אַלע הייבן זיך אָן נאָכצושאָקלען אין טאַקט און העלפֿן:

— טו־או טו־או טו, טו-או טו־או טו...

און דער אַלטער רופֿט ווייטער:

— קום, דו גייסט פֿון פֿיש, מיט די שאַרפֿע ציין, דו, גאַגאַרע, אויך קום אַהער צופֿליען!...

ווי ביי אַ יידן, וואָס דאַוונט מיט האַרץ, אויסגעטאָן פֿון דער אַרו־מיקער וועלט, זיינען ביי אים די אויגן צו דער ערד אַראָפּגעלאָזן, זיין בלייכער פּנים האָט זיך אויסגערויטלט און זיין קול קלינגט ווי ביי אַ יונגן. מיט אַלע הושים פֿילט ער, ווי די גייסטער קומען אַהער פֿון גאָר דער וועלט, אונטערטעניק צום רייף פֿון זיין פּויק, איינע פֿליענדיק אויף ברייטע פֿליגלען, די אַנדערע לויפֿנדיק און טרייסלענדיק די ערד אונטער זיך, קומען אָן אַהער און מאַכן פֿול מיט זיך די ענגע יורטע און שפּאַרן

זיך אַרום אים, אַרום זייער האַר, וואָס קלאַפּט אין צויבער־פּויק, און וואַרפן אים שיר ניט אַנידער.

— טאַ־טאַ־טאַ־טאַ־טאַ !... (שטילער !) — שעפּטשעט דער אַלטער אין פּויק אַריין, קוים זיך אויפהאַלטנדיק אויף די פיס, און זיין געזיכט האָט אַן אויסדרוק פוןליידן און נחת אויסגעמישט צוזאַמען.

און פּלוצלינג, גלייך ווי זיין אויער וואָלט עפּעס פאַרנומען, ווערט ער אומרואיק, די אויגן עפענען זיך ברייט און דערשראָקן. דאָס האָט דער בייזער גייסט דערהערט דעם טומל און לויפט אַהער, ווי אַ שוואַר־צע קודלאַטע חיה, מיט ברענענדיקע גרינע אויגן, אָטעמט רויך פון די נאָזלעכער און וואַרפט מיטן קאָפּ, ווי אַ וואָלף, און דער אַלטער הייבט אָן ליאַר־מדיק צו קלאַפּן אין פּויק און רופן צו הילף די גוטע גייסטער:

— נעמט זיך צו אים, צום פאַרשאָלטענעם, שלאָגט אים אין קאָפּ אין קודלאַטן! דעם נאָז צושפּאַלט אים דעם פליישיקן, דעם פייכטן און קאַלטן, ער זאָל שוין מער קיינמאָל ניט קאָנען מיין ריח דערשמעקן, ער זאָל זיך ניט דערוויסן, וואו אָסטיאַקעס זיצן, וואו זייערע יורטעס שטייען, וואו זייערע שיפלעך שווימען. שלאָגט אים, גוטע פריינד מיינע! שלעכט וועט זיין, אויב ער וועט קומען אַהער!

— שלעכט וועט זיין, אויב ער וועט קומען אַהער! — כאַפּט אונ־טער דער עולם, דערשראָקן, מיט בלייכע פּנימער, גרייט אויפצושפּרינ־גען יעדע ווייַלע. דער אַלטער שטייט אויך גרייט צו דער געפערלעכער מלחמה, באַוואָפנט מיטן צויבער־פּויק. אַ קורצע ווייַלע הערט ער זיך צו אין דער שטיל און מיטאַמאָל ברומט אויס מוטיק דער פּויק און ער הייבט אָן מיט באַגייסטערטער האָפענונג:

— אָט אַזוי און אָט אַזוי וועט איר אים בייקומען... פּוילט זיך נאָר ניט! סטאַרעט זיך! היינט איז יום־טוב ביי אונז, פול די יורטע מיט קאַשע און פלייש. עס וואַרט אַ כבוד אויף אייך — פוילט זיך ניט! שלאָג אים, בער, מיט דיין שווערער האַנט, בייס אים אַיין מיט אַלע דרייסיק ציין, פאַרטרייב אים, הירש, ווייט אין וואַלד אַריין, אויף יענער זייט פון די גרויסע בערג...

גליקלעך האָט זיך געענדיקט די מלחמה, פריילעך שמייכלען די ליפּן ביי דעם אַלטן, פון אונטער די אַראָפּגעלאָזטע אויגן גיסט זיך אַ ליכטיקייט איבערן פּנים, צופרידן און באַרואיקט ברומט דער פּויק און רופט צוריק די חילות פון מלחמה־פעלד.

— פאַרטריבן ווייט דעם פאַרשאָלטענעם, טאָ קומט צוריק אַהער און רוט זיך אָפּ! מיר האָבן נאָך אַ סך צו טאָן, מיר האָבן אַ ווייטן וועג

פאַר זיך, קומט צוריק אַהער און זייט מיר טריי !..

ווי אַמאַמע, וואָס רופט צונויף אירע קינדער אין שטוב אַריין, שטייט ער אויסגעשטרעקט דעם קאָפּ פאָראויס, קוקט זיך צו אויפמערק־זאַם און ליבלעך, צי אַלע זיינען בשלום צוריק געקומען, און רעדט מיט זיי ווייך און האַרציק, לויבט זיי פאַר דער באַוויזענער גבורה און מונ־טערט און מאַכט זיי דרייסט צום ווייטערדיקן קאַמף.

— טאַ־טאַ־טאַ־טאַ־טאַ!.. — שטעלט ער זיי אָפּ, אַז זיי הייבן אָן שטיפעריש זיך צו שפּאַרן צו אים און זיין פּנים איז פול מיט נחת.

דער באַהעלפער דערלאַנגט אים דעם הייליקן מאַנטל, דאָס איז פון הירשנפעל אַ שמאָלער בגד, אַ קורצער, ביז די קני, די פּאָלעס פאַר־שניטן, ווי אין אַ וויזיטקע, און איז געדיכט אַרומגעהאַנגען ראָנדנווייז מיט אייזנדלעך, ווי אַ פרויען־קלייד מיט גלאָז־פּערל. אין אָט דעם בגד וועט ער גיין צום מערב, צום עק פון הימל, צום גרעסטן גאָט פון אַלע געטער. דער וועג איז ווייט, באַדעקט מיט אַן אייביקן שניי, און אַלע בייזע גייסטער לויערן אויף אים; גייט ער אויסטרעטן דעם וועג. קיין קויל וועט ניט דורכשלאָגן דעם הייליקן מאַנטל און קיין חיה וועט אים ניט דורכבייסן. די גוטע גייסטער, וואָס פּאָלגן דעם באַפעל פון זיין פויק, וועלן אים אָפּהיטן פון גרויסן שאַייטאַן... לאָזט ער זיך אין וועג אַריין. מיט גאָר דעם כוח באַוועגט ער מיט די אַקסלען, טרעט שווער מיט די פיס, גלייך ווי ער וואָלט זיך אין טיפן שניי. די שמאָלע עקן פון זיינע פּאָלעס סטאַרטשען אָפּ אויף הינטער און בשעת ער בויגט זיך, ווערט ער מאָדנע ענלעך אויף אַ גרויסן פויגל מיט לאַנגע און דאַרע פיס. ער זינגט, קלאַפּט אין פויק צום טאַקט און וויגט זיך און די ראָנדן אייזנדלעך קלאַפּן שאַרף און קורץ איבערן פעל פון בגד, ווי קאָסעס, וואָס שניידן היי אויף דער לאָנקע:

— איך גיי אין ווייטן וועג, — דערציילט דער אַלטער — גייט מיר נאָך, איר אַלע גייסטער, היט מיך אָפּ פון די פאַרשאָלטענע, איך טרעט אויס דעם וועג צום ברעג פון מערב.

— ער טרעט אויס דעם וועג צום ברעג פון מערב! — זינגט נאָך דער באַהעלפער און וויגט זיך צוזאַמען מיט אים און עס וויגט זיך אויך דער גאַנצער עולם, זינגט נאָך און צוקט מיט די אַקסלען.

— שטיי ניט אָפּ פון מיר, גאַגאַרע! פון אַלע פריינד ביסטו די בעסטע, פון אַלע פויגלען די קליגסטע... שטיי ניט אָפּ פון מיר, גאַגאַרע!

— שטיי ניט אָפּ פון אים, גאַגאַרע! — בעט דער גאַנצער עולם.

און ער דערציילט, נאָך וואָס ער גייט צום הימל:

— געקומען אַ מענטש פון אַ ווייטן לאַנד, האָט קיין בראַנפן ניט און קיין סחורה. גוטע אויגן האָט ער, וואַרימע, טראָגט אַ זיידענעם היטל מיט אַגלאַנצנדיקן דאַשעק... ווייל ער וואוינען מיט אונז, לאָזן מיר אים. ער איז אונז אַלעמען געפעלן געוואָרן, און אַ מזלדיקער איז ער אויך געוויס. נאָר צי איז ער ניט קיין כישוף־מאַן?

— נאָר צי איז ער ניט קיין כישוף־מאַן?... — זינגט נאָך דער עולם, נאָר אויף מיר קוקט קיינער ניט, גלייך ווי ניט וועגן מיר וואָלט דער אלטער גערעדט.

— אָן בראַנפן — זינגט דער אלטער — האָט ער איינגעשיכּורט חאַנאַלן, דעם גאַנצן שכל אָפּגענומען ביי איר, פאָלגט זי ניט דעם מאַן און קיין עלטערן, גייט פון זיין יורטע ביינאַכט אַוועק. אַ יתומה איז זי, היינט צו וועמען זאָל מען זי אַרויסטרייבן:

דער עולם חזרט ניט איבער דעם אלטנס רייד, נאָר שרייט אויס פון אומגעריכטקייט און איבעראַשונג. כאַנאַל האָט עקשנותדיק איינגעבויגן דעם קאָפּ און פאַרזשמורעט די אויגן.

— און ווי נעמט מען פון איר דעם כּישוף אַראָפּ?—טעהנט דער אלטער. אַ געדיכטער שווייס באַדעקט זיין פּנים, די אַקסלען הייבן זיך ביי אים, ווי אין אַ קאָנוואָולסיע, און שווער און טיף קנעט ער דעם שניי.

פּלוצלינג טוט ער אַ קרעכץ, בלייבט אויף אַ רגע אָנמעכטיק. דער באַהעלפער פאַרשטייט, אַז דער שאַמאַן האָט שוין פאַרענדיקט דעם וועג און איז געקומען צום ברעג פון מערב, צום ראַנד פון הימל. איצט וועט דער קליגסטער פויגל—די גאַגאַרע — אונטערשטעלן אים אירע פליגלען און טראָגן אַרויף צום העכסטן הימל, צום גרעסטן גאָט פון אַלע געטער. דערלאַנגט ער אים דעם אייזערנעם קרוין, אָן אויסגעפלאָכטענעם פון דיגע רייפן און מיט אַ מעסער אויף אים, אָן אויסגעבויגענעם פון פאָרנט אויף הינטן. מיט אָט דעם מעסער וועט ער זיך הייבנדיק שניידן די וואָלקנס.

איצטער רעדט דער אלטער. קוים וואָס עס וויגט זיך זיין קערפּער; ווי אַ פרומער ייד אין שמונה־עשרה, דרייט ער פאַרביסן מיטן קאָפּ, די אויגן פאַרמאַכט, די ציין פאַרשטשעמעט ווי פון ווייטאָג, די ליפּן פאַרשלאָסן און אַראָפּגעצויגן אין די ווינקלען. גאַנץ פּאַוואָליע קלאַפּט דער מעטאַל פון פויק, שטיל ברומט דער פאַרמעט און נאָר אָפּטמאָל ציטערט־אויף דער אלטער, קרעכצט אויס, ווי פון אַ ווייטאָגדיקן תענוג, און הייבט אָן איינצוהאַלטן דעם צו געשווינטן פלי פון פויגל:

—טאַ־טאַ־טאַ־טאַ־טאַ!..

נאַר וואָס אַ מאָל ווערן די באַוועגונגען לאַנגזאַמער, ווי די לעצטע

באוועגונגען פון אימפעט. ער עפנט אויף די אויגן און בלייבט שטיין פאַרוואונדערט, גלייך ווי ער וואָלט זיך פון שלאָף אויפגעכאַפּט ניט אויפן אייגענעם געלעגער, און פּלוצלינג טרייסלט ער אויף מיט גאַר דעם כּוח דעם פּויק און הייבט אָן מיט התפּעלות און שׂימחה צו טאַנצן אויף איין אָרט שטייענדיק. די גאַנצע יורטע רוישט מיט רעש פון ברומענדיקן פּאַרמעט, אין אַלע ווינקעלעך צעשיט זיך און פּאַרזינקט דאָס שווערע קלאַפּן פון דעם אייזן, און דעם אַלטנס קול קלינגט מיט אַ יונגער זאַנפט און זינגט אַלויב צום שטאַרקסטן גאָט פון אַלע געטער. ער הערט אויף צו טאַנצן, גלייכט אויס דעם קערפּער און מיט אַ פּאַרריסענעם באַקרוינטן קאָפּ, ווי אַ מלך, וואָס האָט זיך אָנגעטאָן אין פּעלענע בגדים, הייבט ער אָן צו זינגען נביאות׳דיק:

— איך זע דיך, מענטש פון ווייטן לאַנד, וואו מען רייט אויף שווערפיסיקע פערד! אין אַ גרויסן הויז האָסטו דאָרט געוואוינט, וואָס איז פיל מאָל גרעסער פון דעם סוחר׳ס חויז. אַ וואַרימע ווינטערדיקע זון גייט אום איבער דיין לאַנד און געמויערטע אייוונס שטייען אין די הייזער... אונזערע הייזעלעך זיינען קליין, אונזער זון וועט באַלד קאַלט ווערן און מיר וואַרימען זיך ביי שייטער־הויפנס. אַנטלויף פון אונז!...

— די פרויען פון דיין לאַנד האָבן ווייכע האָר און קעמען זיי אַלע טאָג. זייער לייב איז ווייס, זייערע הענט איידל און דין און די קליידער זייערע שמעקן זיס. איז אַפּנים ענליך חאַנאַל אויף די פרויען פון דיין לאַנד!

— ביזט ניט קיין מכשף, דאָס האָט מיין שוואַרצער שונא פאַרכּשופט איר נאָך מיידלווייז און מיר פאַר אַ שנור אויסגעשדכנט. קאָן זי קיין מלאָכה ניט און האָט נאָך ביז היינט קיין איין־איינציק קינד ניט געהאַט. האָסטו זיך אַ מאָל אום האַלבע נאַכט צו איר צוגערירט, ביסטו אויך פאַרכּשופט געוואָרן...

— אַ! מיין שוואַרצער שונא פאַרפאַלגט מיך, זיינע גרינע אויגן ברענען מיט פייער — וועל איך זיי אויסלעשן... העלפט מיר, אַלע גוטע גייסטער מיינע!

און מיט אַ באַנייטן כּוח הייבט ער אָן ווידער צו טאַנצן אויף איין אָרט. מיטן פייגלשן עק און שפּיציקן גראָען בערדל, אין האָריקן בגד, וואָס די ייִנגלעך אויף אים זעען אויס ווי שופן פון אַ פּויזעדיקע חיה, מיטן האָרנדיקן אייזערנעם קרוין און מיט זיין אומגעלומפּערטן טאַנצן איז ער אַליין ענלעך אויף אַ משונהדיקע טייוואָלאַנישע באַשעפעניש, און נאָר זיין פנים רויטלט זיך מיד מיט אַ מענטשלעכער באַגייסטערונג, די

פריער וואַסערדיקע אויגן בלישטשען און די ליפּן שמייכלען מיט אַ שמייכל פון התפעלות. מער קיין ווערטער האָט ער שוין ניט, נאָר אַלע ווײַלע שרייט ער אויס אַ פרייליכן און אַ טיפן נקמה־געשריי:

— וואַ !.. וואַ !.. וואַ !..

און ביי יעדן געשריי גיט זיך אַ צאַפּל דער עולם גלייך ווי ער וואָלט געווען צונויפגעבונדן צווישן זיך און מיטן אַלטן מיט אומגעזע־ענע שניר, און שרייט נאָך ניט ווילנדיק זיינע קולות, און אַלץ העכער און העכער ווערן די געשרייען. עס דוכט זיך, אַז עס הייבט זיך אויף און לאָזט זיך אַראָפּ די קיילעכדיקע יורטע, ווי עס הייבט זיך און לאָזט זיך אַראָפּ דער געדיכטער קול פון עולם, און אַלץ אָנגעשטרענגטער און טיפער ווערט דעם אַלטנס טאַנץ: דאָס מאָל וועט ער מיטן וואָרצל אַרויסרייסן דעם כשוף.

נאָר ביסלעכווייז, ווי אַ וואַסער נאָכן שטורם־ווינט, הייבט אָן רו־איקער צו ווערן זיין נקמה־געשריי, די מידע פיס גייען לאַנגזאַמער, די הענט באַוועגן זיך שוין ניט און דער פויק ווערט אַנטשוויגן, דער אַלטער זעצט זיך אַנידער, און זעט אויס אין מיינע אויגן ווי אַן אַלטער ייד אַ פרומער נאָכן יום־כפורדיקן מוסף. ער זיצט, די כוחות אויסגעשעפּט, דער קאָפּ אַראָפּגעלאָזן, דער שווערער קרוין אָן אַ זייט אַראָפּגערוקט, און דער פּנים איז בלייך און אויסגעצויגן און עס ליגט נאָך אויף אים דער אָפּשיין פון פריערדיקער התפעלות.

אָבער האַסטיק פאַרגייט דער יום־טוב. דער בלינדאויגיקער באַ־העלפער הייבט אָן די הייליקע כלים אויפצוראַמען, דער אַלטער האָט שוין דעם קרוין פון קאָפּ אַראָפּגענומען, אויסגעטאָן דעם הייליקן מאַנטל. איצט איז ער ענלעך אויף אַ שכורן, וואָס האַלט זיך אין שווערן אויסניכ־טערן, — דער פּנים איז אויסגעלאָשן, די ווינקלען פון מויל איבלדיק אַראָפּגעלאָזן.

דער שייטער־הויפן רויכערט און ברענט מיט אַ קאַרגן פייער, אין יורטע איז טונקל: די זון איז שוין פאַרגאַנגען. דער עולם הייבט זיך אויף פאַרמאַטערט: עס איז שוין צייט צו די נעצן אין וואַלד. נאָר דער אַלטער זיצט נאָך אָפּהענדיק, אין טומל פון זיינע פאַרפלאָנטערטע זע־ענישן, און חאַנאַל קוקט נאָך אַלץ אַנטקעגן זיך מיט בלאָנזשענדיקע, טרוקענע און אויפגעצונדענע אויגן. אַן אומדערטרעגלעכער געפיל פון צער פאַרקלעמט דאָס האַרץ...

— חאַנאַל ! — רוף איך אין דער שטיל.

זי ציטערט אויף, קוקט מיר אָן אַ קורצע ווײַלע פרעמד. און פאַר־וואונדערט צוהערנדיק זיך צו איר אייגענעם האַרץ־קלאַפּן אין אַרומיקער שטילקייט, טוט זי אומגעריכט אַ שמייכל און ענטפערט מיר מיט פייכט־געוואָרענע אויגן:

— קום!

שוין נאַכטיק בלוי דער הימל, ווי אַ שוואַרצע מחנה טונקלט זיך דער וואַלד, מיט זיין אייביקער התמדה שלעפּט דער טייך דעם ריזיקן לאַסט פון זיינע וואַסערן... מיר גייען ווייט אַוועק און קוים וואָס מיר הערן, ווי עס בילן די הינט ביי אונזערע יורטעס...

# II. דראמע

# אָן אומגליק.

## ערשטער אַקט.

די ביינע שטעלט פאָר אַ צימער אין אַ קליינשטעטלדיקער שטוב. רעכטס אַ טיר, טיפער — אַ ווינקל פון אַ גרויסן אויוון. פון אויוון ביי דער לינקער וואַנט — אַ שפּאַניש־ווענטל, מיט אַ סיצענעם פאָרהאַנג אויפן חלל פון טיר, וואָס פירט אין פאָדערהויז אַריין. לינקס אַ גרויסער עס־טיש. פרימאָרגן. מיט אַ יאָר 50 צוריק.

### 1־טער אויפטריט.

ריוועלע און די רביצין.

ריוועלע: — אַ יונג מיידל; פאַראומערט, כמעט אַפּאַטיש — אַך־אַך־אַך!.. ווידער רעגן...

די רביצין: אַ שטילע, פרומע יידענע — פאַרוואָס ענטפערסטו ניט?

ריוועלע: וואָס ווילסטו, מאַמע?

די רביצין: איך וויל גאָרנישט, וואָס זאָל איך וועלן, נאָר ער גריזיעט מיר. טאָג און נאַכט זעגט ער מיר. ווייסט דאָך זיינע טענות: דו פירסט קיין שטאַט, אַ רבס אַ טאָכטער, טענהט ער...

ריוועלע: טאָ וואָס טוט דעם רבס טאָכטער? איך זיץ דאָך, ווי אין אַ שטייג פאַרשפּאַרט.

די רביצין: פאַרוואָס זיצטו שפּעט?

ריוועלע: טאַקע אַן עוולה, אַ גרויסע עוולה! גאָט מיינער, וואָס וועט דאָס זיין, וואָס וועט דאָס זיין?!

די רביצין: וואָס זאָל זיין? מען דאַרף זיך אונטערגעבן, מען

מוז פאָלגן זעסט דאָך, ווי איך פאָלג. איך אין דיינע יאָרן בין שוין לאַנג נאָך דער חתונה געווען... און געפאָלגט, כסדר געפאָלגט... גיב זיך אונ־טער, טו ווי ער פאַרלאַנגט. עלנט—אַוודאי... נאָר וואָס קען מען העלפן. אַזוי לעבן מיר. אַזוי האָבן אונזערע מאַמעס געלעבט. אַזוי דאַרף מען לעבן... און אַז דו טוסט עפּעס, טאָ באַהאַלט, ווי געהעריק. און דו היטסט זיך גאָרניט. היינט, אַז דו ביסט נאָך געשלאָפן, איז ער געווען ביי דיר און עפּעס אַ צונויפגעבונדענעם פּעקל געפונען, ווייס איך וואָס.

ריוועלע: וואָס פאַר אַ פּעקל?!

די רביצין: דאָס ווייס איך ניט. ער איז אַריינגעפאַלן צו מיר אַ פאַרברענטער. דו באַהאַלטסט זיך עפּעס, טענהט ער. ער קוקט דיך נאָך, טאָכטער. טאָ טאָמער האָסטו עפּעס, זאָג מיר. ווייסט דאָך, מיר מעגס־טו זאָגן, נישקשה.

ריוועלע: ניין, איך האָב גאָרנישט וואָס צו זאָגן.

די רביצין: טאָמער האָסטו, מעגסטו מיר זאָגן, נישקשה. מיר מעגסטו...(דערהערט ווי די טיר עפנט זיך, טאָן־ענדערנדיק) אַ, ס'אַר אַ נאַוואַלניצע! *)

## 2־טער אויפטריט.

דיזעלבע, דער רב און ברוך.

דער רב: —אַ הויכער, אַ שטרענגער—נו! נו!

ברוך: —אַ ייד אַ קריכער—און דער אָרגאַניסטע נעמט ביי זיי אין קראָם אויף קאָנטע... האָט ער זיי צוגעלאָזן צו איר, און זיי האָבן איר געזען, די חצופה.

דער רב: וואָס הייסט געזען? גערעדט?

ברוך: אַוודאי גערעדט, ווי־זשע דען. נאָר ווי קומט? עס העלפט ניט. פון תמיד אָן געווען אַ חצופה אַ מיידל, אַן אויסוואורף...

דער רב: פיין! פיין! דערלעבט יאָרן אין שטעטל, ניטאָ וואָס צו ריידן. פיינע יאָרן דערלעבט... רוף זיי אַהער!

ברוך: תיכף. (אָפּ)

## 3־טער אויפטריט.

דער רב, די רביצין, ריוועלע.

דער רב: אָט האָסטו, רביצין, האָדעוואַניע. אויף אַ בת־יחידה פון אונטער דער מאַמעס פאַרטוך, נעם זיך אַ מוסר אַראָפּ.

די רביצין: וואָס? וואָס אַזוינס האָט פאַסירט?

---

*) אַ גוסרעגן.

דער רב: צייט שטעטל שטייט, האָט נאָך אַזוינס ניט פּאַסירט. אַ יידיש־קינד איז אין שמד אַוועק, אַ נאַרישע מאַמע האָט אַליין, בידים, אַ קינד צום שמד געפירט.

די רביצין: וואָס רעדסטו—בידים?

דער רב. די האָדעוואַניע! חיים־לייב איז אַן ערלאַכער ייד, איך קען אים. ער וואָלט געפירט בדרך הישר, נאָר—אַ שוואַכער, נעבאַך, האָט קיין דעה ניט. האָט די מאַמע געפירט. אַלץ נאָכגעגעבן, אַלץ מעג מען. וואָס נאָר עס ווילט זיך. האָט זיך פאַרוועלט—אין קלויסטער אַריין. זעסטו, רביצין?

די רביצין: וואָס האָב איך דאָ צו זען? וואָס רעדסטו, זאָלסטו געזונט זיין.

דער רב: אָט וואָס דו האָסט צו זען! אָט זע, אַ טאָכטער, אַ בת־ישראל, אָט זע ווי זי זיצט: הערט—עס האָט אַן אומגליק פּאַסירט—און צו איר האָט דאָס ניט... וואָס זיצטו אַזוי, פרעג איך דיר?

ריוועלע: גאָרנישט, טאַטע, פאַרטראַכט זיך.

דער רב: אין די עולמות־העליונים פאַרטיפט? ציִ די ערד דרייט זיך? פאַרוואָס טראַכסטו ניט בעסער ווי אַזוי אַ יידיש קינד באַדאַרף זיך אויפפירן, ווי אַזוי אַ טאָכטער באַדאַרף אומגיין ביים טאַטן אין שטוב. דו גייסט דאָך אום, ווי אַ פרעמדע, ווי צווישן שונאים.

די רביצין: בייס עפּעס אָן. עס איז דאָך שוין שפּעט.

דער רב: רביצין, מיש זיך ניט, געדענק, צו וואָס מען ברענגט אַ קינד מיט אַזאַ האָדעוואַניע. לאָז, איך באַדאַרף זיך מיט איר צונויפ־ריידן. וואָס אַ טאָג מער, ווערט ערגער, הערסט דאָך, וואָס עס טוט זיך ביי אונז.

ריוועלע: איך בעט דיר, טאַטע, זאָל זיין גענוג.

דער רב: וואָס? וואָס איז דאָס פאַר אַ דיבורים? וואָס טוט זיך דאָס היינט מיט דיר? הערסט, אַז ביי אַ שכנה, איבער דער גאַס, איז אַ מיידל אין שמד אַוועק און דו זיצסט ווי אַ הילצערנע, דיר איז דאָס ניט נוגע, קענטיק; און אַז דער טאַטע טענהט—דער טאַטע מעג טענהן, ער וויל ח"ו ניט דיין רעה — ענטפערסטו, וואַגסטו צו ענטפערן מיט אַזאַ מויל. וואָס איז דאָס אַזוינס, האַ? (פויזע) וואָס זייט איר ביידע מיט־אַמאָל אַנטשוויגן געוואָרן? וואָס שוויגט איר, פרעג איך אייך.

די רביצין: ביסט היינט בייזער, ווי תמיד.

דער רב: הערסט דאָך, וואָס עס טוט זיך ביי אונז. אָט, איבערן

גאַס האָט אַ טאַטע=מאַמע אויסגעהאָדעוועט אַ משומדתטע. אַוודאי בין איך
בייז. אַז אַ טאָכטער פאָלגט ניט, לאָזט זיך ניט מדריך זיין, גייט אום
ווי אַ פרעמדע, און איז איינגעדרייט אין זיך ווי אַ קנויל. כסדר פאַרביסן,
כסדר באַהאַלטן. וואָס באַהאַלטסטו פון מיר? איך זע, אַז דו באַהאַלטסט
עפּעס? (פויזע) וואָס שווייגט איר ביידע?

## 4=טער אויפטריט.

דיזעלבע, חיים=לייב, לאה און דער שמש.

ברוך: זיי זיינען שוין אַליין געגאַנגען צו אייך.

חיים-לייב: —אַ קליינגעוואַקסיקער ייד מיט אַ שפּיציק בערדל—געטראָפן
אונז דער אומגליק! פאַרוואָס קומט דאָס אונז, רבי?

דער רב: פאַר האָדעוואַניע, ר׳ חיים=לייב, פאַר האָדעוואַניע.

לאה: —אַ הויכע יידענע, אַ קרעמערקע—וואָס איז שייך—האָדעוואַניע,
ווי אַן אויג אין קאָפּ האָבן מיר זי טייער געהאַלטן. אַ פּנים, געזשאַלע-
וועט עפּעס פאַר איר אָדער אַמאָל אַ קרום-וואָרט געזאָגט? מיין טייערע
פייגעלע, ווי אַ קאַנאַריקל איז זי אין שטוב געווען.

חיים-לייב: שלעכט, רבי, פאַרזינדיקט אונזער קינד.

דער רב: איך מוז אייך זאָגן, ר׳ חיים=לייב, אַז אויף אייך ליגט
די שולד. מען טאָרניט לאָזן אַ יידיש קינד זאָל וואַקסן פון זיך אַליין,
ווי אַ גראָז אין פעלד. אַ יידיש מיידל באַדאַרף מען היטן, אַ שומר באַ=
דאַרף זיין אַ טאַטע ביי זיך אין שטוב, אומגיין און צוימען צאַמען אַרום,
נאָך אַ צאַם און נאָך אַ צאַם; טאָמער אַן איבעריקער צאַם, וועט ניט
שאַטן חלילה (צו ריוועלען). זיץ ניט פאַרחלומט, רבקה! קאָנסט זיך קיין
אַרבעט ניט געפינען? טו עפּעס (ריוועלע און די רביצין אָפּ).

## 5=טער אויפטריט.

דער רב, חיים=לייב, לאה און ברוך.

דער רב: וואָרים איר זעט דאָך, וואָס עס טוט זיך אַרום. עס
ליגט די טומאה און לויערט אויף אונז, ווי אַ חיה רעה, און יידישע
טעכטער פאַלן אין איר נעץ אַריין און קומען אום, און קומען אום. דו,
יידענע, האָסט דיין קינד געפּטרט, איך ווייס, אייער טאָכטער האָט אַ שם
געהאַט אין שטעטל.

לאה: אַפּנים, ווייס איך, ווי די דינים הייסן מיט אַ קינד זיך
צו באַגיין. אַ אשה טוט, וואָס דאָס האַרץ זאָגט איר. אַן איינאיינציק
קינד זיצט און נודזשעט זיך; פאַררוקט זיך, אַז עס ווערט פינסטערלאַך,

אין אַ ווינקעלע און צעגיסט זיך, ווי אַ קאַנאַריקל, ציטערט אויף און חלשט פון צער אַ מאַמעס האַרץ. אַ אשה ווייס קיין דינים ניט. גיי איך צו איר און בעט זיך, אַליין בעט איך זיך ביי איר: גיי ערגעץ=וואוהין, זוך זיך עפּעס אויס אַ פאַרגעניגן. ווער האָט זיך דאָס געקאָנט ריכטן אויף אַזאַ אומגליק? גיט אַן עצה, רבי.

דער רב: איך האָב דאָך אייך געשיקט רופן זיך מיישב צו זיין.

לאה: מיר זיינען שוין אַליין געגאַנגען צו אייך.

דער רב: פאַרשטייט איר מיר, איז דאָס סתם אַזוי אַ שטות אָנגעפאַלן אויף אַ יידיש קינד, איז נאָך דאָ אַ האָפענונג. איר זייט איינ=מאָל געווען און עס האָט ניט געהאָלפן, גייט נאָכאַמאָל. גייט מיט בייזן. אַוודאי, זאָגט איר, אַז מען וועט איר חלילה ניט אויפוואַרפן, אויב זי קערט זיך אום צוריק, אָבער אַחוץ דעם—דווקא מיט בייזן, אַ טופּ מיטן פוס: דו, חצופה, ווי וואַגסטו אויף אַזאַ נבלה! פאַרשאָלטן וועסטו זיין אויף דור דורות, אויב דו האָסט קיין חרטה ניט. שעלט! מען מעג!

חיים=לייב: ווער קען דאָס, רבי!

דער רב. אויב דאָס איז אַ שטות, וועט העלפן. נאָר אויב אָבער, ח"ו, אַ מעשה, ווייס איך וואָס, אַ ליבע, צי וואָס, איז שלעכט! אַ שייגעץ? אַ מעשה?

לאה: ניין, רבי, מיר ווייסן גאָרנישט.

חיים=לייב: פאַרבלענדט געווען, רבי.

דער רב: דאַרף מען זיך דערוויסן. פרעגט אויס קודם כּל אירע חברטעס.

לאה: מיר טראַכטן דאָס אויך.

חיים=לייב: דעריבער זיינען מיר דאָס געקומען צו אייך.

לאה: טאָמער וועלן מיר זיך עפּעס דערוויסן.

דער רב: וואָס קענט איר זיך פון מיר דערוויסן?

חיים=לייב: ווייל מיר מיינען, אפשר... ווייל... טאָמער...

לאה: טאָמער ווייס עפּעס אייער טאָכטער, זאָל געזונט זיין!

דער רב: וואָס רעדט איר? פונוואַנען זאָל דאָס מיין טאָכטער וויסן?

לאה: אַ חברטע, רבי.

דער רב: וואָס פאַר אַ חברטע? רייד, יידענע, קלאָרע דיבורים.

לאה: מיין טאָכטערס אַ חברטע איז זי, ווייס זי אפשר...

דער רב: יידענע, וואָס רעדסטו! ווי קומט מיין טאָכטער צו איר?!

לאה: וואָס האָב איך זי געדאַרפט טרייבן. זי פלעגט קומען צו אונז. מיט אונזער טאָכטער חברטעס געווען.

דער רב: רביצין, וואו ביסטו? קום אַהער, איך דאַרף דיר האָבן!

## 6=טער אויפטריט.

דיזעלבע און די רביצין.

די רביצין: וואָס פאַרלאַנגסטו?

דער רב: זע, אַ נעבאַכל! וואָס פאַרלאַנג איך? גאָרנישט, רביצין, גאָרנישט. וואו איז רבקה? רבקה, קום אַהער! רבקה!

## 7=טער אויפטריט.

דיזעלבע און ריוועלע.

דער רב: קום אַהער נעענטער, איך בייס זיך ניט. אָט אַזוי. און דערצייל: פאַרוואָס איז זייער מיידל אין שמד אַוועק. דיינע אַ חבר־טע! אַ שיינע חברטע אויסגעקליבן. און אַז דיינע אַ חברטע — ווייסטו, מוזטו וויסן, טאָ דערצייל. פאַרוואָס איז זי אַוועק אין שמד?

ריוועלע: (ענטפערט ניט).

לאה: אפשר ווייסטו עפּעס. דערצייל, ריוועלע. איר זייט דאָך חברטעס געווען.

ריוועלע: איך ווייס גאָרנישט!

דער רב: עס קאָן ניט זיין. דו ווייסט, דו מוזט וויסן.

די רביצין: הערסט דאָך, אַ קינד זאָגט, אַז זי ווייס ניט.

דער רב: מיש זיך ניט, רביצין! גענוג שוין מיט דיין הדרכה! זעסטו, אין וואָס זי האָט זיך אַריינגעדרייט. דערצייל!

ריוועלע: (ענטפערט ניט).

דער רב: וועסט מוזן דערציילן. אונטער אַ שלאָס וועל איך דיר האַלטן, ווי אין אַ תפיסה וועסטו ביי מיר זיצן, ביז דו וועסט מיר אויסדערציילן אַלץ פון א. ביז ת. דערצייל!

ריוועלע: (ענטפערט ניט).

דער רב: דערצייל, זאָג איך דיר!

ריוועלע: דו הייסט דערציילן? גוט! איך דערצייל. פאַרוואָס איז זי אַוועק? עס איז איר ענג געווען. קיינזאַך ניט, אַלץ גוט, אַלץ, ווי געהעריק, ווי עס פּאַסט פאַר יידן, נאָר ענג, ענג ווי אין אַ שטייג.

דער רב: וואָס רעדסטו, פאַרשטיי איך ניט. וואָס הייסט ענג?

ריוועלע: געווען ענג, אַ יידישע שטוב איז ווי אַ שטייג, אָפּ־

געצאַמט און ענג. חלשט אַ מיידלש האַרץ פון בענקשאַפט און רייסט זיך... ווער ווייס, וואוהין, נאָר פון שטייג אַרויס.

דער רב: וואָס רעדסטו דאָ, פאַרשטיי איך ניט. וואָס האָט זי געוועלט?

ריוועלע: האַ? וואָס האָט זי געוועלט? וואָס האָט זי געוועלט, דאַרפט איר וויסן? איך וועל אייך זאָגן: (אַנגעשטרענגטע פויזע) אַ צופּיעש־טשעטע בת־יחידה—מאַלע וואָס עס פאַרווילט זיך אַ בת־יחידה, וואָס מען האָט ניט מדריך געווען. איר פרעגט מיר, וואָס זי האָט געוואָלט: מאַלע וואָס עס קען זיך פאַרוועלן אַ צעלאָזענער...

דער רב: אָט אַזוי, אָט דאָס איז רייד פון אַ סטאַלן מענטשן.

ריוועלע: צעלאָזן... ווייל זי האָט קיין צוימען ניט געהאַט אַרום זיך. אַפּנים האָט ווער נאָכגעקוקט, זי זאָל ניט וואַקסן, ווי גראָז אויפן פעלד, אַפּנים האָט די מאַמע געוואוסט, ווי צו פירן אַ קינד, אַ יידיש מיידל, אין רעכטן וועג?

לאה: וואָס רעדסטו, ריוועלע.

דער רב: אומגעריכט, אומגעריכט! נאָר — ריכטיקע רייד, מיי־נע רייד.

ריוועלע: האָט זיך איר ווער ווייס וואָס פאַרוועלס.

דער רב: האָסטו דאָך געוואוסט!

ריוועלע: געוואוסט. וויזשע־דען!

דער רב: טאָ, ס'טייטש?

ריוועלע: וואָס „סטייטש"?

דער רב: ס'טייטש, ווי דערלאָזטו דערצו? באַדאַרפט ניט לאָזן! דערציילן איר טאַטן, מיר דערציילן.

ריוועלע: זעסטו, דווקא דאָס האָב איך ניט געקאָנט. וואָרים... וואָריב... מיר זיינען דאָך חברטעס געווען. ביידע אין איין וועג געגאַנ־גען, נאָר איך בין אָפּגעשטאַנען, אין לעצטן מאָמענט אַ שרעק אָנגעפאַלן.

דער רב: איך פאַרשטיי ווידער ניט. וואָס הייסט: דו מיט איר אין איין וועג, ר"ל? וואָס רעדסטו?!

ריוועלע: גאָרנישט. נאָר אַז איר ווילט, אַז איר ווילט אַלע ניט אַנדערש, קען איך נאָך איצט אַלץ מיטאַמאָל פאַרריכטן. איך קאָן גיין צו איר. קומט צוזאַמען. מען וועט אונז צולאָזן, וואָס אַרט אייך. וועל איך זי שוין איבעררעדן. איך וועל שוין אַלץ פאַרריכטן, איר וועט זען. טאָ קומט-זשע, קומט!

די רביצין: וואָס איז דאָס מיט דיר, ריוועלע? אַזוי אומגע־ריכט, מיטאַמאָל?

דער רב: רביצין. מיש זיך ניט!

ריוועלע: גאָרניט מיטאַמאָל, מאַמע. שוין לאַנג, אַז איך קלייב זיך אַלץ, גאָרניט מיטאַמאָל! נו, ווינטש מיר גליק, מאַמע. זעסט דאָך, וואוהין איך גיי. קומט־זשע, קומט.

חיים־לייב: נו, אפשר וועט דאָס זיין די ישועה.

לאה: זאָל זיין מיט גליק.

דער רב: הלוואי.

ריוועלע: גייען מיר. (חיים־לייב, לאה און ריוועלע אָפּ).

(לענג־ע־ע פויזע).

## 8-טער אויפטריט.

דער רב און די רביצין.

דער רב: אָט אַזוי באַדאַרף מען ריידן מיט אַ קינד! זעסט! אַז מיר זיינען ניט גלייך צו אַנדערע פּעלקער. פּאַר אַ יידיש קינד איז פול די וועלט מיט נעצן, פול מיט שטיינער אויף יעדן טריט. לאָז נאָר אָפּ, לאָז פון אויג אַרויס אַ יידיש קינד, פאַלט עס נעבאַך אין נעץ אַריין, ווערט עס נעבאַך געשטרויכלט. דאַרף מען היטן, יידן באַדאַרפן היטן זייער ביסל גוטס. וואָרים ווען ניט, איז ח״ו אַ סוף צו יידן...

אַדאַנק גאָט, עס גייט צו גוטן ביי אונז, אַ סטאַלער מענטש גע־וואָרן. נאָר דו, רביצין, ביסט אַ בעל־עוולה. וואָס טוסטו הינטער מיינע פּלייצעס אַנדערש ווי איך פאַרלאַנג? אַז איך זאָג, זי זאָל זיצן אין שטוב, ווייס איך וואָס איך זאָג, טאָרסטו מיך ניט נאַרן.—מילא, וואָס ביז איצט איז געווען, איז פאַרפאַלן. אפשר—נאָר צו גוטן, אפשר איז באַשערט, ווער ווייס, אַז דורך איר זאָל אַ יידיש קינד פון שמד אַרויסגעראַטעוועט ווערן. נאָר אויף להבא זאָג איך דיר אָן: הערסט, רביצין, דו זאָלסט ביט וואַגן זיך אַריינצומישן אין מיין פירונג. איך ווייס, וואָס איך טו... גיב אָנבייסן.

די רביצין: (גרייט צום טיש אָן ערעמען אָנבייסן)

דער רב: (גייט זיך וואַשן, זעצט זיך צום טיש; עסנדיק) און אי״ה נאָך סוכות שטעל איך חופּה. נישקשה, גאָט וועט העלפן מיט נדן. און אַז חתונה געמאַכט, איז שוין, אַדאַנק גאָט, פּטור, בין איך שוין אויס שומר און זי וועט ממילא ווערן אַ מענטש... אַ גאַנץ פיינער מאַן דער פּרוש, אַן ערלאַכער ייד, אַ שטילער מענטש און קען גוט לערנען, אָבער גאָר

גוט. נו, גאָט וועט העלפן... נאָר דאָס שטעטל באַדאַרף מען אָנהייבן צו ריייניקן. גאָר אַראָפּגעוואָרפן דעם יאָך, אַלץ אַראָפּגעוואָרפן. צום שטעטל באַדאַרף מען זיך נעמען. ברוך, וואָס זיצטו דאָרטן. קום אַריין.

## 9-טער אויפטריט·

דיזעלבע און ברוך.

ברוך: ברוכים היושבים!

דער רב: (שאָקלט צו מיטן קאָפּ).

די רביצין: קומט עסן.

ברוך: עסט געזונטערהייט. שוין געוועזן אין דער היים. אַ ביס געטאָן און יוצא.

דער רב: ברוך, דו וועסט גיין צו אליהו דעם רופא און דו וועסט אים מתרה זיין אין מיין נאָמען. וועסט זאָגן: דער רב האָט געזאָגט, מען זאָל אויפהערן ביי אים אין שטוב נאַכט אין נאַכט אין קאָרטן שפּילן. דער רב האָט אָנגעזאָגט, וועסטו אים זאָגן, אַז אויב ער וועט ניט פאָלגן, וועט מען אים מיט די פינגער פאַרטייטלען.

ברוך: איך וועל גיין.

דער רב: און וועסט אַריינגיין צו לייזער דעם קצב און זאָגן, ער זאָל איינהאַלטן זיינע מוידן, זיי זאָלן ניט אומגיין מיט אַזאַ פּריצות אין גאַס, און זאָלסט אים זאָגן: דער רב האָט געזאָגט, אַז ער ווייס, וואָס עס טוט זיך ביי אים אַלע שבת נאָך מיטאָג, און אַז איך הייס, אַז עס זאָל ביי אים אין שטוב קיין איגרישקעס פון בחורים מיט מוידן ניט זיין.

ברוך: איך וועל גיין.

דער רב: און זאָלסט אַריינגיין צו הנה דעם קרעטשמער און זאָגן אים... דו זאָלסט אים זאָגן: אַז איך האָב אים גערופן אַהער, ער זאָל נאָך היינט קומען צו מיר.

ברוך: איך וועל גיין.

דער רב: און זאָלסט אַריינגיין צום לערער מיט דער קאָקאַרדע און זאָלסט אים זאָגן אין מיין נאָמען, אַז איך שווייג ביז אַ צייט, אַז כל זמן ער איז שטיל, בין איך שטיל, נאָר אַז איך הער שוין, מען רעדט אויף אים, און אז מען רעדט, טויג ניט; זאָג אים, אַז אין שטוב מעג ער זיין, ווער ער וויל און וואָס ער וויל, נאָר אַז אויפן גאַס, בפרהסיא, זאָל ער זיך האַלטן מיט אַ שטאַט, ווי אַ מענטש, וואָרים ווען ניט, וועל איך ניט שווייגן.

בּרוך: גוט, איך וועל זאָגן.

דער רב: מען מוז זיך נעמען רייניקן. אַי, מען דאַרף רייניקן (רוקט אָפּ דאָס עסן) נאַ, געננוג (נעמט בענטשן).

די רביצין: (גייט אָפּ פון טיש און שטעלט זיך בּיים אויוון).

בּרוך: (שטיל) איך וויל אייך פרעגן, רביצין, בּיינאַכט אויפן גאַניק זייט איר דאָס געשטאַנען, היינט בּיינאַכט?

די רביצין: בּיי אונז אויפן גאַניק?

בּרוך: יאָ. דער וועכטער דערציילט: היינט בּיינאַכט, אינמיטן נאַכט, איז עמיץ, אַ אשה, אויף אייער גאַניק געשטאַנען און געשטאַנען מיט אַ פּעקל אין האַנט. פרעג איך דאָס—ווער? איר, אַפּנים?

די רביצין: ששש...

דער רב. האַ? (בּייזער) האַ? (הייסט דורך זשעסטן צוגיין נעענטער צו אים) האַ?

בּרוך: בּיינאַכט, דערצייל איך, דער וועכטער דערציילט, איז עפּעס אַ אשה געשטאַנען בּיי אייך אויפן גאַניק, געשטאַנען, דערציילט ער, מיט אַ פּעקל אין האַנט...

דער רב: (ערשטוינט) האַ?

(עס הערן זיך האסטיקע טריט)

די רביצין: (דערשראָקן גייט אַנטקעגן).

דער רב: (אויפגעהערט צו בענטשן).

## 10-טער אויפטריט.

חיים־לייב: רבי, נאָך אַן אומגליק.

די רביצין: (שרייט אויס מיט אַ ווילדער קטים) ריוועלע!...

חיים־לייב: אויך... געבליבן... אין שמד...

דער רב: (גיט אַ פּאַטש אין טיש) אַ! (שפּרינגט אויף און בלייבט שטיין אָן באַוועגונג).

# III. לידער

* *
*

אָ, וואָס איז דאָס פאַר אַן אומגליק —
אַריפּמעטיקע פאַרגעסן;
צוויי שעה בין איך אויף אַ חבור
גאָר אַ גרינגן אָפּגעזעסן. —

איך פלעג ריעשען גאָר די שווערע
אין אַריפּמעטיקע די שאלות;
היינט איז שווער אַ גרינגער חבור:
פונם מענטשן זיינע מעלות. —

און אַ גאַנצן בויגן ציפער
האָב איך אָנגעשטעלט דאָרט פול;
און אַם ענדע, דער סך־הכל
איז געוואָרן גאָר — אַ נול !...

אייִשישאָק, 15 אָקטאָבער, 1896

* * *

(Ямбическое)

Иди, дитя, по кладбищу,
Отбрось ты страх пустой;
Не выйдут тѣни блѣдныя
Из-под земли сырой.

Пусть воет буря грозная
Среди могил сырых;
Пусть свищет вѣтер яростный,—
Он не поднимет их.

Чѣм привлечет их бурная
Ночная эта мгла?
Что мір им дал отраднаго,
Что смерть у них взяла?

Зачѣм же выйдут вновь они
Из скрывшей их земли
Туда, гдѣ боли жгучія
Терзали их и жгли?

*И. С. Девениский.*

Сморгонь, Май, 1896.

* *
*

(יאמביש) *)

גיי, קינד מיינס, איבער טויטנפעלדער,
וואַרף אָפּ די פּוסטע שרעק;
די שאָטנס וועלן נ י ט אַרויס
פון אונטער קבר־דעק.

זאָל רייסן קברים שטורעמווינט
מיט וואויען און געוויין,
זאָל פייפן, וועקן טויטע ־ער, —
זיי וועלן ניט אויפשטיין. —

מיט וואָס קען לאָקן זיי די נאַכט
די שוואַרצע אין דער נויט?
וואָס האָט די וועלט געגעבן זיי,
גערויבט פון זיי דער טויט?

צו וואָס־זשע זאָלן ווידער זיי
אַרויס פון קבר־ווענט
אַהין, וואו ס'האָבן וויי־ען שאַרף
געפּייניקט זיי, געברענט?

*) איבערגעזעצט א. י. גאָלדשמידט.

## גְשָׁמִים.

הָהּ, חשֶׁךְ־אֲפֵלָה,
כִּי כָבוּ כוֹכָבִים,
כִּי קָדְרוּ כַחֶרֶס
שָׁמַיִם מֵעָבִים..

כִּי יוֹרְדִים בְּלִי הֶרֶף
הַגְּשָׁמִים הָרָעִים;
כִּי כָל נֶטֶף־דֶּמַע,
כִּי בכִים שָׁמָיִם...

הָהּ, בֹּכִים שָׁמַיִם
לָאָרֶץ מִמָּעַל,
וּמְלֵאוֹת הַדִּמָעוֹת
הָאֵלֶה אַךְ רָעַל...

## רעגנס *)

אוי, חושך־אפלה — — —
פארלאָשן די שטערן — — —
די הימלען — פון וואָלקנס
אלץ פינסטערער ווערן...

עס נידערן רעגנס
אָן רו, מיט געטימל,
און יעטווידער טראָפן
ז'אַ טרער פונם הימל...

דער הימל צו וויינען
טוט ווייטער אלץ מערן
און דורכגעזאָפּט זיינען
מיט ניפּט אָט די טרערן...

*) איבערגעזעצט א. י. גאָלדשמידט.

כִּי בָמוֹ תִמְצְאוּ
אֶת זֵעַת הַפּוֹעֵל,
הָעֶבֶד הַנִּרְצָע
עַד בִּיאַת הַגּוֹאֵל,—

אֶת דִּמְעוֹת הֶעָנִי,
הַדְּמָעוֹת הַמָּרוֹת,
שֶׁיּוֹמוֹ אַךְ רָעָב,
שֶׁחַיָּיו אַךְ צָרוֹת,—

הַנּוֹשֵׂא אֶת סֵבֶל
הֶעָשִׁיר (אוֹ הָעֹשֶׁר) עַל שִׁכְמוֹ,—
אֶת דִּמְעוֹת יְלָדָיו
הָרְעֵבִים לַלֶּחֶם.—

הָהּ, חשֶׁךְ־אֲפֵלָה,
כִּי כָבוּ כּוֹכָבִים,

---

איר וועט דאָרט געפינען
דעם שווייס פונם פועל,
דעם קנעכט דעם פארקויפטן
ביז ביאת הגואל, —

די טרערן פון אביון,
פארהונגערט, פארמרהט,
וואָס פינסטער זיין טאָג איז,
זיין לעבן פארצרהט

אין יאָך פון באדריקער,
אין פיינליכער נויט, —
אויך טרערן פון קינדער,
וואָס חלשן ברויט...

אוי, חושך־אפלה,
פארלאָשן די שטערן,

כִּי קָדְרוּ כַּחֶרֶס
שָׁמַיִם מֵעָבִים...

כִּי קָדְרוּ שָׁמַיִם...
הֵם דְּמָעוֹת מוֹרִידִים
עַל צָרַת הֶעָנִי,
עַל אֲשֶׁר הַנְּגִידִים,

עַל מִזְבַּח הָרֶשַׁע,
עַל קָרְבַּן הָעוֹלָה...
הֵם עֵדִים נֶאֱמָנִים
בַּמְּרִיבָה הַגְּדוֹלָה.
בֵּין עֹשֶׁר וָעֹנִי,
בֵּין תַּעֲנוּג וָרָעָב,
בֵּין עַזּוּת אַפַּיִם
וְעֵגֶל הַזָּהָב.

---

פון װאָלקנס די הימלען
אלץ פינסטערער װערן.

פארכמארעט די הימלען...
זיי גיסן עס טרערן
אויף אָרימענס צער,
אויף ס׳גליק פון די הערן,

אויף הערשאפט פון רשעות,
אויף אומרעכטס קרבנות..
זיי זיינען די עדות
פון װעלטנס חורבנות —
אין קריג אינם גרויסן
פון אָרים מיט רייך,
פון הונגער מיט לוקסוס,
פון גלייך מיט ניט-גלייך.

תַּעֲלֶינָה הַצְּעָקָה,
הַדִּמְעָה, הָאֲנָחָה,—
הַגִּידוּ: לֹא יִבְכּוּ
שָׁמַיִם אֵיכָכָה?

* *
*

אִם גַּם חשֶׁךְ עַל הָאָרֶץ,
אִם סְבִיבֵנוּ אָמֶשׁ,—
עוֹד לֹא אָבְדָה תִקְוָתֵנוּ,
יַעֲלֶה עוֹד הַשָּׁמֶשׁ.

אִם מִסָּבִיב עַבְדוּת, רָעָב,
מוֹשֵׁל אֶגְרוֹף רֶשַׁע,—
תִּזְרַח עוֹד הַחֵרוּת, אַחַי,
תָּבִיא פְּדוּת וָיֶשַׁע.

---

עס שטייגט־אויף דער וועלט־צער,
געזיפץ און געוויין, —
אַ, זאָגט מיר: וואָס שווייגט שטום
דער הימל ווי שטיין?

* *
*

כאָטש אַ חושך הילט די וועלט איין,
נאַכט איז נאָך אַרום אונז, —
גלויבן מיר נאָך פעסט און האָפן:
סט'נאָך אויפשיינען די זון אונז.

כאָטש אַרום איז קנעכטשאַפט, הונגער,
ס'הערשט דער פויסט פון בייז־יונג, —
וועט נאָך אויפשיינען די פרייהייט,
ברענגען הילף, דערלייזונג.

עוֹד יִשָּׁבֵר עֵגֶל זָהָב,
גַּם הַכֶּתֶר יוּסַר,
וּבִמְקוֹם הַקִּינוֹת עַתָּה —
שִׁירַת חֵרוּת תּוּשַׁר!

קובנה, 1897.

(„הצפירה״ 1920, נ. 7).

---

ס׳וועט דער קאַלב פון גאָלד נאָך קראַכן,
קרוינען וועלן פאַלן,
און אַנשטאָט די קינות איצטער —
וועט דאָס פריי־ליד שאַלן.

---

בשעתו איז דערדאָזיקער שיר אָהעקגעשיקט געוואָרן צו אחד העם, וואָס איז דעמאָלט געווען רעדאַקטאָר פון „השלוח״. דער רעדאַקטאָר האָט גע־ענטפערט, אַז דער שיר איז אים זייער געפעלן, נאָר מחמת מורא פאַר דער צענזור קען ער אים ניט דרוקן. אין „הצפירה״ האָט דעם שיר איבערגעגעבן ווייטערס יוגנט־פריינד ה׳ י. שאַדאָווסקי.

# שִׁירַת מַלְאָכִים.

שְׁנֵי מַלְאֲכֵי שָׁמַיִם נִפְגָּשׁוּ,
שָׁמָּה בָּאֲוִיר מִלְמָעְלָה,
עֵת כְּבָר חֲצִי הַלַּיִל הִגִּיעַ—
זֶה יוֹרֵד, זֶה עוֹלֶה בַּלָּיְלָה.

וְשִׁירוֹת נְעִימוֹת, נִפְלָאוֹת
הַמַּלְאָכִים הִשְׁמִיעוּ בָּרָמָה ;
וַיִּדְּמוּ הַנְּחָלִים הַגְּדוֹלִים,
קָם רַעַשׁ הַיַּמִּים לִדְמָמָה.

הִטּוּ אֶת רֹאשָׁם הָעֵצִים,
יָפוּחַ הָרוּחַ דְּמִיָּה —
וַיָּשַׁר הַיּוֹרֵד שִׁירַת שָׁמַיִם,
וְהָעוֹלֶה—שִׁירַת הַיְּפֵהפִיָּה...

קובנה, 20 מאי 1897.

דעם שיר האָט איבערגעגעבן צום דרוק א. חײַטערס שװעסטערקינד ה׳ ש ב ת י א ל  ב ל אָ ך פון װאָראָנאָװע.

---

# די שירה פון מלאכים. *)

עס האָבן צװײ מלאָכים זיך געטראָפן
דאָרט אויבן אין די חעלסן שטערן
אין האַלבער נאַכט, װען ס׳בײַטן זיך משמורים—
דער נידערט און דער שטײַגט אין ספערן,—

און האָבן אין אַ שירה װאונדער־זיסער
צעגאָסן זיך, װאָס—העכער אַלץ געשטיגן.—
אַנטשטומט געװאָרן זײַנען גרעסטע טײַכן
און ימים־רויש—אַנטשװיגן.

געבויגן האָבן זײער הויפּט די בוימער,
דער װינט געװײט אַלץ שטילער, רײנער —
דער נידעריער ס׳געזונגען ס׳ליד פון הימל,
דער שטײַגער — פון דער שײנער...

---

*) איבערגעזעצט א. י. גאָלדשמידט.

# IV. עסייאיש

# דער גאון

I.

אַזוי לאַנג קיין גאון ניט געווען, אַזוי לאַנג...

מיט אַ פּאָר הונדערט יאָר צוריק... שטייט אַן אָפּגעזונדער־טע וועלט, אַן איינגעשלאָסענע, אַ וועלט פון אַ פאָלק, וואָס איז אין שול-הויף פאַרצוימט. איז אַ שטורים ביי יידן אין דער צייט, אַ מאוימדיקער שטורים. צוויי טיילן פון פאָלק האַלטן מלחמה צווישן זיך — אַ פאַרביסענע, אַ פייערדיקע מלחמה. נאָר דער גאון איז דאָ. איינער אין ווילנע — דער ווילנער גאון; דער צוויי־טער — דער בעש"ט. פירן זיי דאָס פאָלק. זיי ווייסן דעם וועג. איינער — אַזאַ וועג, דער צווייטער — אַן אַנדערן. נאָר דאָס פאָלק זעהט, ווי עס גייען פאַר אים, ווי די לעגענדאַרע פייער-זייל און וואָלקן-זייל, צוויי גרויסע יידן, צוויי גאונים פון פאָלק. און צוויי צעשפּאָלטענע פאָלקס-טיילן, וואָס גייען אויף מעסערס צווישן זיך וואָס שילטן איינע די אַנדערע מיט חרמים, זיינען דאָך איין פאָלק, אַ גאַנץ פאָלק.

און דאָס איז ביי אונז דאָס לעצטע מאָל געווען, אַז אַ גאון האָט דאָס פאָלק געפירט.

אָט שטאַרבט אויס דער דור, גייען נאָך אַ פּאָר דורות פאַר־ביי און עס הייבט זיך אָן אַ נייע תקופה. יידן ווילן פון שול אַרויס, אין „אייראָפּע" אַריין, צו „ליכט", צו וועלטליכער בילדונג. און וואָס מער עס ציען זיך יידן אַהין, פון שול-הויף אַרויס, ווערט וואָס אַמאָל אָרימער און גרויער דאָס לעבן דאָ דרינען, — הייבט אָן אַ פאָלק צו בלייבן אָן אַ פירער. אין שול שטייען ליי־דיק די ערטער פון די גאונים. און אין „אייראָפּע", ביי די, וואָס זיינען שוין געקומען צום „ליכט", שטייט אָנשטאָט דעם גאון פון

ווילנע—אַ משכיל אד"ם הכהן און אָנשטאָט דעם בעש"ט—ווער? דער ד"ר ערטער!

און אַפילו שפּעטער, אַז עס קומט דער בירגערליכער נאַציאָנאַליזם, און אַפילו נאָך שפּעטער, אַז עס איז געקומען דער קולטורעל-פּאָליטישער נאַציאָנאַליזם, אַז מיר האָבן שוין עפּעס — אין דעם נייעם תחום, שוין ניט אין שול, נאָר אין דער וועלט — יאָ געשאַפן, איז דען ניט אַפילו אונזער דור פּאַריתומט און פאַרבלאָנדזשעט, ניט אַ פּנים אָן אַוועג, אָן אַ פירער, אָן אַ גאון?

אַזוי לאַנג ניט געווען קיין גאון ביי אונז. אַז מיר האָבן שוין פאַרגעסן כמעט, וואָס איז דאָס אַזוינס אַ גאון, פאַרגעסן די שטריכן פון זיין געזיכט און אין דעם איצטיקן טומל זיינען מיר גרייט דאָס ערשטע בעסטע פּנים, וואָס קען גרימאַסעס מאַכן, אָננעמען פאַרן געזיכט פון גאון. וואָרום, ווען מען האָט שוין ניט געקרוינט מיט דעם נאָמען די גאַס — ניט די פאָלקס-גאַס, נאָר די פאַרפּוצטע גאַס, די דורכשניטליכקייט? קומט צו אונז אַ פּעאיקער בעל-תנ"ך און שרייבט שירים, פּישטשעט מען אים שוין אַנטקעגן: „גאון"! שטעלט זיך עמיץ העכער, איבער אונזערע געהויקערטע אַקסלען, פאַררייסן מיר דעם קאָפּ אַרויף, די מיילער געעפנט, און שרייען: „גאון!..." ווער איז ביי אונז ניט געניאַל?

אָבער אין זיך ווייסן מיר גוט:

— יתומים!...

גלייך ווי אַ מדבר-היץ וואָלט אויסגעטריקנט אונזערע קוואַלן, גלייך ווי אַ הי ן, אין דער וועלט אַריין, אין „אייראָפּע" זיינען אונזערע כוחות אויסגערונען לאַבוד און נאָך גאָר דער גוואַלדיקער אָנשטרענגונג פון די לעצטע דורות זיינען מיר געבליבן ביי פינסקערן און הערצלען אין אונזער געזעלשאַפטליכקייט און ביי פיר-פינף—זאָל זיין: צען-פופצען—באַגאַבטע מענטשן אין אונזער ליטעראַטור.

## II.

וויסן—בפירוש וויסן, צו קענען דערווייזן — ווייסט קיינער ניט, ווי אַזוי באַווייזט זיך אַ גאון ביי אַ פאָלק. נאָר זיכער זיינען

מיר, אַז דעם גאון באַשאַפט נאָר דאָס גאַנצע פאָלק. ער האָט די מיגליכקייטן פון אונז אַלעמען און יעדער פון אונז האָט עפּעס אַ חלק אין אים. אַז עס זאַמלען זיך אָן, אין אַ געוויסער צייט, גאָר די כּוחות פון פאָלק, באַשאַפן זיי דעם גאון, גייען זיי צו אים איבער. קומט ניט דער גאון, איז אַ סימן, אַז אָדער דאָס פאָלק גוססט, אַז די כּוחות פון פאָלק גייען אויס, אָדער אַז די כּוחות זיינען צעשפּליטערט, הגם זיי זיינען דאָ און קענען זיך ניט צו־נויפזאַמלען.

געהאַט האָבן מיר גאונים דעמאָלט, ווען דאָס פאָלק איז גע־ווען גאַנץ, ווען דאָס פאָלק האָט איין לעבן געלעבט, ווען אַלע האָבן געשאַפן אין איין מלוכה, אינם שול־הויף, אפילו וועלט־ליכע חכמות, אַפילו דברי חול — אַלץ צווישן דעם גאַנצן פאָלק, אַלץ צונויפגעבונדן מיטן גאַנצן פאָלק. האָט זיך אָנגעהויבן די נייע עפּאָכע פון דער אייראָפּעאישער קולטור, האָבן מיר זיך פון פאָלק אָפּגעריסן. וואו און ווען, אויב ניט ביי אונז, האָט אַ ליטעראַטור אָנגעהויבן פון אַ מלחמה מיט דער נשמה פונם פאָלק — מיט דער שול? וואו און ווען, אויב ניט ביי אונז, איז אַ ליטעראַטור געבליבן אַזוי אָפּגעזונדערט, אַזוי אָפּגעשניטן פון דער שאַפנדיקער אינטע־ליגענץ? מען רעדט ביי אונז כּסדר פון די אַסימילירטע, וואָס זיינען אַוועק פון אונז, און מען וויל זיי צוריקקערן צום יידישן שאַפן, און מען פאַרגעסט דערביי כּסדר אויף יענעם טייל פון פאָלק, אויף יענער ווירקליך יידישער אינטעליגענץ, פון וועלכער מיר זיינען אַוועק און צו וועלכער מיר באַדאַרפן זיך צוריקקערן,

אפשר דריי־פערטל פון פאָלק זיינען אָפּגעזונדערט פון אונז. יענע האָבן זיך זייער שאַפן, זייערע זאַמלפונקטן פאַר די שאַפנדיקע קרעפטן; מיר האָבן אונזערע ווינקעלעך. פעלט די גאַנצקייט, וואָס אַ פאָלק מוז האָבן. מיר פעלן זיי; אַ גרויסער טייל אויפריכטיקע שאַפונגספעאיקע נייע יידן זיינען אָפּגעריסן פון זיי, און אונז פעלט נאָך מער — אונז פעלן זיי, אונז פעלט דאָס אמתע פאָלק.

יידן האָבן כּסדר ספרים אַרום זיך. אַ פאַרהאַוועטער ייד — קומט די פרייע שעה, קומט שבת, גייט ער צו צום ספרים־שראַנק. מיט דער גאַנצער קייט פון יחוס איז דער ייד דורך אָט די ספרים

פאַרבונדן! איז ער מיט אונז פאַרבונדן? לכל־הפחות, מיט איינעם פון אונז, מיט דעם גרעסטן פון אונז? מיט אונז ניט, מיר זיי־נען ניטאָ אין דעם ספרים־שראַנק. „חוץ לתחום" זיינען מיר.

און פון דער אַנדרערער זייט — וואָס ווייסן מיר, די אָפּגע־זונדערטע, פון דעם, וואָס עס ליגט אין דעם אַלטן יידישן ספרים־שראַנק? וואו, אויף וועלכע קרייץ־פונקטן, טרעפן מיר זיך מיט יענעם יידן און לעבן מיט אים צוזאַמען, האָבן ניט אים אַ גייס־טיקן פאַרבאַנד? וואָס און ווען שאַפן מיר צוזאַמען מיט אים?...

צעריסן אַ פאָלק אויף שטיקער...

קאָן ניט ברענגען אַ גאון אויף דער וועלט אַ צעריסן פאָלק. גאַנץ מוז עס זיין!...

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

צונויפשמעלצן די צעבראָכענע שטיקער וואָלט נאָר אַ גאון געקאָנט. נאָר ער וואָלט געקאָנט אַריינברענגען אונז אין דעם ספרים־אַלמער און די ספרים פון אַלמער אַהער צו אונז ברענגען; נאָר ער וואָלט געקענט מאַכן אַזוי, אַז ביידע צעריסענע טיילן זאָלן זיך באמת צונויפוואַקסן, אַז ביידע העלפט פון דער יידישער צע־שפּאָלטענער נשמה זאָלן זיך ווידער אַ מאָל צונויפגיסן — עפענען די טירן פון שול און אונז אַהין אַריינברענגען.

מען באַדאַרף זאָגן הייטליכער, אָנטאָן זיך אַ כוח און באַנוצן דאָס פאַרשפּיגענע וואָרט: רעפאָרמירן די יידישקייט...

מיט אַ יאָר צוויי צוריק איז געקומען אַ נאַר אַ ייד און גע־וואָלט גרינדן אַ רעפאָרמירטע סאַלאָן־שול פאַר עלעגאַנטע דאַמען־טואַלעטן און אייראָפּעאישע מענער־פּרעק. האָבן מיר אַלע אויסגע־לאַכט די טפשות, ווי זי האָט פאַרדינט. גאָר אַ מאָל איז געווען אַ רעפאָרמאַטאָרישע באַוועגונג, האָט זי איבערגעלאָזן נאָך זיך נאָר אַ ביטערן דומפּיקן רויך. אין מערב־אייראָפּע איז יאָ פאַרווירקליכט געוואָרן אַ רעפאָרם, האָט זי געמאַכט פון דער לעבעדיקער יידיש־קייט אַ געפּאַלמעסטן מת... ווייל רעפאָרמירן אַ רעליגיע האָבן זיך אונטערגענומען אַזוינע, וואָס זיינען אַליין לחלוטין ניט געווען רע־ליגיעז. דאָס האָט אַ שילדן־מאָלער רעסטאַווירן געוואָלט אַ גאוניש קונסט־ווערק; אַ ציניקער האָט זיך גענומען אויסבעסערן אַ סיסטעם

פון עטיק. רעפאָרמירט ווערן קען אַ רעליגיע נאָר דורך דעם גאון. וואָרום, וויבאַלד ער איז דער אוצר פון גאָר די כוחות פון פאָלק, מוז זיין דער גאון רעליגיעז, און וויבאַלד ער איז דער פירער פונם גאַנצן פאָלק, קאָן ער, האָט ער דאָס רעכט צו שאַפן איבער די העכסטע ווערטן פון פאָלק — איבער דער אמונה פון פאָלק.

אונזערע אָרגאַניזירטע טיילן קענען זיך צונויפקומען נאָר אויפן שול-הויף — אין ברייטן זינען פון דעם באַגריף. נאָר דאָ האָבן מיר אינגאַנצן די אַלטע ירושה פון אַלע דורות. און צונויפּ־פירן אונז אַלעמען אַהין הייסט שוין — איבערשאַפן די פאָרמען פון שול, רעפאָרמירן.

כדי איינע — די יידן פון דער אַלטער יידישקייט — זאָלן ניט אומגיין צווישן אונז, ווי באַלאַגערטע; כדי מיר, די נייע יידן, זאָל, זיך ניט אומשלעפן פאַרעלנט און זעהן פאַר זיך כסדר די וואַנטן וואָס טיילט אונז אָפּ פון אונזער אייגענעם פאָלק — דאַרף קומען דער גאון און צונויפפירן אונז...

III

גאַנץ מאַכן אַ צעריסן פאָלק וואָלט נאָר אַ גאון געקאָנט און געבוירן אַ גאון קאָן נאָר אַ פאָלק, וואָס איז גאַנץ...

נאָר דאָס איז ניט קיין פאַרכישופטער קרייז.

אַלע מאָל, אין אַן עת־צרה, קומט אָן ביי אַ פאָלק דאָס באַ־דינגטע צוזאַמען מיט די באַדינגונגען. ערגעץ-וואו אין דער טיף זאַמלען זיך ביסלעכוויז אָן די חומר ולבנים, וואָס דער נייער בנין פאַרלאַנגט; מערסטנטייל אומבאַמערקבאַר פאַר אונז, ווערט ביס־לעכוויז אינעווייניק, אין פאָלק, געשאַפן אַלץ, וואָס איז אַזוי גוואַלדיק נויטיק פאַר זיין קיום, ביז עס עפענען זיך ניט ענדליך די פאַרבאָרגענע קוואַלן און עס קומט דער אמתער, דער גאון, וואָס פירט; עס קומט דער, וואָס ראַטעוועט.

מיר זעהען ניט, ווי אַזוי דאָס קומט פאָר, נאָר אַז דאָס פאַ־סירט, זעהען מיר. אַלע מיר גייען דאָך כסדר צוריק צו דער שול, צו דער קייט פון דער פאַרגאַנגענהייט, צום פאָלק. אַזוי אין דער

ליטעראַטור. אָנגעהויבן, ווייס איך פון ווּעמען, פון „יידישן פאַר־פסח", פון באַשפּייען, און געקומען צום באַזינגען, צום „שטעטל", למשל. די גרעסטע פערזענליכקייט צווישן אונז—פרץ—האָט אָנ־געהויבן פון „שטריימל" און געקומען צו „פאָלקסטימליכע געשיכטן"... און נאָך אַ גאַנצע ריי זאַכן, וואָס זיינען נאָך ניט לאַנג פאָרגעקומען אין אונזער ליטעראַטור און האָבן נאָך קיין נאָמען ניט.

אַזוי אויך אינם טעגליכן לעבן...

און וואָס נעענטער מיר ווּעלן קומען צו דער אַלטער שול, צום יידן פון דער אַלטער יידישקייט, אַלץ נעענטער ווערט צו אונז דער גאון, אַלץ גיכער מאַכן מיר זיין אָנקומען.

ווילן מיר טרעטן אַ וועג פאַר אים, דאַרפן מיר, פאַרביסן און דעם ווילן אָנגעשטרענגט, צוריקגיין, צום זיידן, צום עלטער־יידן צוריק...

צו ווייט פון זיך אַליין אַוועק, צו ווייט פונם ייד ן. עס איז צייט צוריק,—אין שול אַריין!...

יאנואר—1911

# V. פּובּליציסטיק

# דער גאַליציִשער „בונד".

די לעזער פון „פאָלקס־צייטונג" ווייסן, דאָס אין גאַליציע עקזיסטירט אַ יידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער־פּאַרטיי, וואָס שטייט אין דער אָרגאַניזאַציאָנס־פראַגע און אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע אויפן שטאַנד־פּונקט פון „בונד", און דאָס די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין עסטרייך באַקעמפט דעם גאַליציִשן בונד, ווי די רוסלענדער פּאַרטיי האָט באַקעמפט ז'עם בונד אין רוסלאַנד. און כאָטש אפילו די לעזער ווייסן פון ל נ ו ׳ ס באַריכט און פון ד־נ׳ס אַרטיקל אינם „וועקער" און אין „פאָלקס־צייטונג", דאָס דער קאַמף פון דער „פּאַרטיי" קעגן „בונד" איז „אַ קינדער־שפּיל" אין פאַרגלייך מיט די קאַמפּס־מיטלען, וואָס ווערן אָנגעווענדט קעגן דעם גאַליציִשן „בונד", דאָך האָט מען ביי אונז אין רוסלאַנד—איך האָב עס פּערזענליך דערפאַרן—קיין באַגריף ניט פון דעם, ווי שאַרף אונזער ברודער־פּאַרטיי ווערט באַקעמפט און ווי אומגעוויינליך שווער איר לאַגע איז. די א ו י ס ע ר ל י כ ע ענליכקייט אין דער לאַגע פון דיביידע פּאַרטייען—וואָס דער גאַליציִשער „בונד" איז אַרויסגעטראָטן פון דער פּ. פּ. ס. און ניט אָנערקענט שטייט ער אויסער דער פּאַרטיי, פּונקט ווי אונזער „בונד" איז פון דער „פּאַרטיי" אַרויסגעטראָטן און איז געשטאַנען אויסער איר—דאָס פאַרשטעלט די טיפע א י נ ע ר ל י כ ע אונטערשיידן, וואָס ס׳מאַכט די לאַגע פון דעם גאַליציִשן „בונד־צייטנווייז אומדערטרעגליך און וואָס ס׳פאַרגרעסערט אומפאַרגלייכליך די שולד פון דער אַלגעמיינער פּאַרטיי קעגן אים.

ס׳וועט זיין באַקוועמער, ווען איך וועל פריער באַקאַנט מאַכן דעם לעזער מיט דעם, ווי עס פירט זיך קעגן דעם גאַליציִשן „בונד" דער אוממיטלבאַרער אָרגאַניזאַציאָנס־קאַמף, דערנאָך מיט דעם, ווי ביידע צדדים באַגרינדן זייער פּאָזיציע, און שפּעטער וועלן מיר אָביעקטיוו באַטראַכטן די סיבות, צוליב וועלכע די

סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטיי ווערט באַקעמפּט אין גאַליציע. און ווייל אויף דער לעצטער פּראַגע וועל איך ענטפערן ערשט אין לעצטן פון דער גאַנצער ר״י אַרטיקלען, וואָס איך האָב בדעה צו שרייבן וועגן גאַליצישן „בונד“, וויל איך שוין נאָר איין באַמערקונג מאַכן.

אין „דער יודישער ווירקליכקייט“ (נומ. 1) אין דעם אַרטיקל „דער סאָציאַליזם און די נאַציאָנאַלע פראַגן אין עסטרייך“ ווערט אויך גערעדט פון דעם גאַליצישן „בונד“, „וועלכן עס קומט אויס פאַר אָט דאָס רעכט (זעלבשטענדיקע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע א. אַז. וו.) צו פירן אַ האַרטן קאַמף“. „דאָס ערקלערט זיך דערמיט“ —פירט אויס דער מחבר פון דעם אַרטיקל—„וואָס די יידן זיינען אַ סך מער צעשפּרייט, ווי אַלע פעלקער פון עסטרייך, זיי בילדן אין ערגעץ ניט קיין רוב און דעריבער ווערן זיי ניט אָנערקענט פאַר אַ נאַציע אַפילו פון די איבערצייגטע סאָציאַל-דעמאָקראַטן.“ דער גאַנצער אַרטיקל גיט אַ פאַלשע פאָרשטעלונג וועגן דער זאַך; ספּעציעל די לעצטע אויספירונג איז אפשר זעער ווינטשנסווערט פאַר דער טעריטאָריאַליסטישער „יודישער ווירקליכקייט“, זי האָט אָבער קיין גרונד ניט אין דער אָביעקטיווער ווירקליכקייט. אין גאַליציע וואוינען די יידן ניט ווייניקער קאָמפּאַקט ווי אַנדערע פעלקער אין עסטרייך און אין די שטעט בפרט פאַלט אויף דעם חשבון פון דער יידישער באַפעלקערונג ביז 40 0/0 (כמעט אַ העלפט). די סיבה ליגט אַ סך טיפער.

---

די מאַכט פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע שטאַמט דערפון, וואָס אין איר איז אָרגאַניש צונויפגעוואַקסן דער עקאָנאָמישער קאַמף מיטן פּאָליטישן. ביי יענער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, וואָס די פראָפעסיאָנעלע באַוועגונג איז אָפּגעריסן פון איר, פעלט אַן אָרגאַנישער טייל פון איר גאַנצקייט. אין אַ לאַנד, וואו די געזעלשאַפטליכע סתירות זיינען פאַרשאַרפט און וואו די אַרבעטער זיינען מער מסוגל צו סאָציאַליזם און שטייען אויף אַ הויכער קול-טורעלער מדרגה, איז די פראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציע נאָר אַ נויטיקער צוגאָב צו דער פּאָליטישער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער אָר-

גאַניזאַציע; אין אַזאַ לאַנד אָבער ווי גאַליציע *) מיט אַזאַ נידע-
ריקער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג, וואו די אינדוסטריע באַווייזט
זיך נאָך קוים און די האַנטווערקעריי ווערט ערשט איצט—און
דאָס אויך לאַנגזאַם — קאַפּיטאַליזירט, וואו די אַרבעטער-שיכטן,
סיי יידישע, סיי ניט יידישע, זיינען זעער שיטער און זייער קול-
טורעלער צושטאַנד זעער נידעריק — אין אַזאַ לאַנד שפּילט די
פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג אַ סך אַ גרעסערע ראָלע: זי איז ניט
נאָר אַ צוגאָב, זי באַשאַפט די פּאָליטישע פּאַרטיי. פּונקט ווי ביי
אונז איז דער איצטיקער „בונד", וואָס נעמט אַזאַ ענערגישן אָנ-
טייל אין דער וואַל-קאָמפּאַניע, אויסגעוואַקסן פון דער אַמאָליקער
„קאַסע", אַזוי קען אין גאַליציע ניט אויפקומען די פּאָליטישע
פּאַרטיי פון פּראָלעטאַריאַט אָן דער פּראָפעסיאָנעלער אָרגאַניזאַציע.
דער פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין איז די אָנפאַנג-שול פאַר דעם אַר-
בעטער, אין וועלכער ער לערנט דעם אַלף-בית פון סאָציאַליזם;
ער איז צום סוף דער אָרט, וואו די פּאַרטיי, די סאָציאַליסטישע
אַגיטאַציע, קאָן ערשט זיך טרעפן מיט דעם אַרבעטער, וואָס האָט
אייגנטליך נאָך מורא פאַר די סאָציאַליסטן; ער איז יענער מאַג-
נעט, וואָס ציט צונויף די צעבּרעקלטע אַרבעטער-מאַסע אין איין
קערפּער און וואַרפט זי אונטער דער ווירקונג פון דער סאָציאַל-
דעמאָקראַטיע. אָן דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג קאָן די פּאַרטיי
לגמרי ניט עקזיסטירן. מען דאַרף נאָך וויסן, דאָס אין עסטרייך
איז דאָ אַ געזעץ, לויט וועלכן אין אַ פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע
קאָנען זיך באַטייליקן נאָר מאַנסבּילן און נאָר די, וואָס זיינען ניט
יינגער ווי 24 יאָר. ווען די פּאַרטיי וואָלט זיך דאָ וועלן האַלטן
אויף איר פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע, וואָלט זי צוזאַמען מיט דעם
אויסגעשלאָסן פון אונטער איר ווירקונג די אַרבעטערינס און די

---

*) גאַליציע איז אַ טייל פון עסטרייך, ווי פּוילן אין רוסלאַנד. דאָס
איז איינער פון יענע דריי טיילן, אויף וועלכע ענדע 18-טן יאָרהונדערט איז די
מלוכה פּוילן צעטיילט געוואָרן צווישן רוסלאַנד, פּרייסן און עסטרייך.

יענע אַרבעטער-יוגנט, וואָס איז מער מסוגל אָנצושטעקן זיך פון סאָציאַליזם איידער יענער דור, וואָס איז עלטער פאַר 25 יאָר... דער פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין אַלזאָ שפּילט אין דער גאַליצישער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער באַוועגונג די ערשטע ראָלע. ווי זשע באַשטייט עס בנוגע צו דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג מיט דעם גאַליצישן „בונד"?

די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען זיינען אין עסטרייך, אויב איר ווילט, מער פּאַרטייאיש ווי ביי אונז. אין די סטאַטוטן פון פאַראיין (טיילווייז צוליב דעם, וואָס לויט דעם געזעץ טאָרן זיך די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען ניט פאַרנעמען מיט פּאָליטיק) שטייט ניט קיין זאַך, וואָס זאָל דערמאָנען די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע. ניטאָ קיין וואָרט פון דעם קלאַסן-קאַמף-פּרינציפּ, פון אַכט-שעה׳דיקן אַרבעטס-טאָג אָדער פון דעם חוב צו פייערן דעם ערשטן מאַי, און דאָך ווירקט דאָ אין פולער מאַכט, כאָטש אין אַ פאַרמאַסקירטער פאָרם, דאָס וועטאָ-רעכט, וואָס איז דורכגעפאַלן אויף דער 7-טער קאָנפערענץ פון „בונד". דער הויפּט-סימן פון די נייטראַלע פאַראיינען באַשטייט אין דעם, וואָס די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע קאָן דאָרטן נאָר געווינען די אָנפירונג; ווען זי איז אָבער אין דער מינדערהייט, שפּילט זי נאָר אַן אַגיטאַטאָרישע ראָלע—אויב דאָס איז מיגליך—און מוז זיך נאָכשלעפּן נאָך דער ניט-סאָציאַל-דעמאָקראַטישער מערהייט. אין די עסטרייכישע פאַראיינען ליגט די אָנפירונג לכתחילה אין די הענט פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע און קאָן בשום אופן צו די אַנדערע פּאַרטייען ניט אַריבערגיין.

ניט נאָר די איינציקע שטאָטישע, ניט-צענטראַליזירטע פאַראיינען (ווי ביי אונז, למשל), נאָר אַפילו די ראַיאָנע פאַראיינען („קראַיובקי", ווי מען רופט זיי אויף פּויליש) זיינען שוין פאַר דער לעצטער צייט פאַרשוואונדן געוואָרן אין עסטרייך און פאַרשווינדן אַפילו אין גאַליציע, וואו דער פּאַטריאָטיזם איז גרויס און וואו נאָך גאָר ניט לאַנג פלעגט דער פּוילישער אַרבעטער ניט וועלן אַריינטרעטן אין די צענטראַליזירטע רייכס-פאַראיינען (צענט-

ראַל-פאַרבאַנדן). די שוואַבן (די דייטשן) וועט ער זיין געלט ניט געבן,—פלעגט ער זאָגן. נאָר די צענטראַליזירונג איז דאָך פּאָרגע-קומען, ווייל די „קראיובקעס“, די לאָקאַלע פאַראיינען, האָבן קיין עקאָנאָמישע מאַכט ניט. די קאָנצענטראַציע פון דער פּראָפעסיאָ-נעלער אָרגאַניזאַציע איז געווען אַזאַ אומבאַדינגטע נויטווענדיקייט, דאָס זי האָט מנצח געווען אַלע הינדערנישן און דעם לאָקאַלן פּאַטריאָטיזם. די איינציקע שטאַרקע פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציע אין עסטרייך זיינען געווען די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע געווערק-שאַפטן פון די דייטשע און טשעכישע אַרבעטער. און דער סאָצי-אַל-דעמאָקראַטישער צענטר האָט געזאַמלט אַרום זיך די צעברעקל-טע לאָקאַלע אָרגאַניזאַציעס און געזאַמלט אויף אַזאַ אופן, דאָס די אָנפירונג בלייבט שטענדיק ביי אים. פאַר דעם אַרבעטער איז אָ פ נ ב אַ ר נוצליך, אים לוינט צו געהערן צום צענטראַלן פאַרבאַנד: דער פאַרבאַנד איז רייך, קאָן אויסהאַלטן די שווערסטע שטרייקן, שטיצט אין אַ צייט פון אַרבעטסלאָזיקייט, עלטער, קראַנקהייט, א. אַז. וו. דער פאַרבאַנד קאָן דעריבער זאָגן זיין דעה און ניט צו-לאָזן קיין פרעמדע עלעמענטן צו דער אָנפירונג. יעדע 5 (אָדער 10) אַרבעטער, וואָס ווילן צושטיין צום פאַרבאַנד, קענען בילדן אַ„צאָל-שטעלע, ד. ה. אויסוויילן אַן אייגענעם קאַסירער. דער פאַר-שטאַנד פון צענטראַלן פאַרבאַנד, אָדער ווי מען רופט עס אין אָפּקירצונג: „די צענטראַלע“, מוז האָבן צו דעם קאַסירער צוטרוי. ווען די גרופּע מיטגלידער, וואָס ווילן בילדן די צאָל-שטעלע, זאָל שטיין אונטער דער אָנפירונג פון אַ ניט-סאָציאַליסטישער פאַרטיי, וועט די צענטראַלע די צאָל-שטעלע ניט באַשטעטיקן, אָדער, אויב זי וועט זיך דערפון ערשט שפּעטער דערוויסן, וועט זי די צאָל-שטעלע צומאַכן.

יעדע 30 (אָדער 50; אין די סטאַטוטן פון אַנדערע פאַר-באַנדן שטייט נאָר: אַ באַדייטנדיקע צאָל) מיטגלידער קענען בילדן אַן אָרטס-גרופּע. די צאָל-שטעלע האָט נאָך ניט קיינע רעכט אַלס אַן אָרגאַניזאַציע; די אָרטס-גרופּע אָבער איז שוין אַן אווטאָנאָמיש זעלבשטענדיקע אָרגאַניזאַציע. זי איז שוין דאָס זעלבע, וואָס אונזער שטאָטישער „פּראָפעסיאָנעלער פאַראיין“, נאָר מיט דעם

אונטערשייד, וואָס די אָרטס־גרופּע, ווי אַ טייל פון אַ צענטראַלי־זירטן פאַרבאַנד, האָט ניט קיין אייגענע קאַסע. די מיטגלידער פון דער אָרטס־גרופּע וויילן אויס אַ ביוראָ, שיקן דעלעגאַטן אויף די פּראָפעסיאָנעלע צוזאַמענפאָרן, רופן־אויף פאַרזאַמלונגען, קויפן און פאַרשפּרייטן ליטעראַטור, מאַכן פאָרלעזונגען, אָוונטן א. אַז. וו.
אין גאַליציע, וואו די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע האָט נאָך ניט קיין עפנטליכע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע, גייט נאָך אַריין אין ביוראָ אַ פאָרשטייער פון סאָציאַל-דעמאָקראַטישן קאָמיטעט. דאָס איז שוין אַ פולשטענדיקע אָרגאַניזאַציע, אויף וועלכער אַ פּאַרטיי קען זיך שטיצן, און די צענטראַלע פאַרשטעלט דעם וועג פאַר ניט-סאָציאַליסטישע פּאַרטייען ווידער אַ מאָל דורכדעם, וואָס זי קען די אָרטס-גרופּע ניט ערלויבן צו עפענען, אויב אין דער גרופּע איז די מערהייט אַן אַנטיסאָציאַליסטישע; אויסער דעם, כאָטש די גרו־פּע איז אַוטאָנאָם, זעלבשטענדיק, קען זי דאָך פאַרמאַכט ווערן דורך דער צענטראַלע. אין די סטאַטוטן פון יעדן פאַרבאַנד שטייט אַ פונקט וועגן דעם. זעלבסטפאַרשטענדליך, צומאַכן אַן אָרטס־גרופּע און מאָטיווירן עס מיט דעם, וואָס זי פירט אַ קעגנסאָציאַ־ליסטישע פּאָליטיק, איז אוממיגליך פאַר דער צענטראַלע. זי קען אָבער געפינען אַ סך זאַכן, וואָס זאָלן איר געבן דאָס רעכט צו־צומאַכן די אַנטיסאָציאַליסטישע אָרטס-גרופּע. אויף אַזאַ אופן פאַ־סירט עס, דאָס כאָטש אפילו אין פאַרבאַנד ויערן אָנגענומען אַלע אַרבעטער, אַפילו קעגנער פון סאָציאַליזם, קען פּאַקטיש אין ביו־ראָ ניט אַריינגיין קיין קעגנער. *) און דעריבער האָבן, למשל, די סאָציאַל-ציוניסטן קיין אָרטס-גרופּע און קיין צאָל־שטעלע ניט.

---

*) אין גאַליציע איז דא נאָר איין אויסנאַמע — דער פאַראיין פון די דרוקער: דאָרט אין ביורא זיצן אפילו קריסטליך־סאָציאלע, און דאָס דערקלערט זיך דערמיט, וואָס דער פאַראיין אין גאַליציע גופא איז גענוג שטאַרק און קען זיין אומאָפּהענגיק פון דער צענטראַלע. איך וועל אגב באַמערקן, דאָס דער דאָ־זיקער פאַראיין איז מער ענליך צו א מיטלעלטערליכן צעך, ווי צו א סאָציאַליס־טישן קאַמף־פאַראיין. זיין פּאָליטיק איז זייער רעאַקציאָנער.

ווי זשע באַציִען זיך די געווערקשאַפטן צו דער יידישער סאָציאַלדעמאָקראַטישער פּאַרטיי אין גאַליציע?

אונזערע לעזער וועלן ניט קענען גלויבן, דאָס צוליב דעם וואָס דער גאַליצישער „בונד“ שטייט אויסער דער אַלגעמיינער, פּאַרטיי און וואָס ער איז נאָר אַ קעגנער פון דער פּ. פּ. ס; ווערט ער גאַנץ ערנסט באַטראַכט אין די געווערקשאַפטן; ווי אַ קעגנער פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע. פון מיינע ווייטערדיקע אַרטיקלען וועט קלערער ווערן, ווי ווילד דער סאָפּיזם איז און ווי ניט גערעכט איז דער קאַמף, וואָס ווערט מיט אַזאַ סאָפיזם באַגרינדעט און באַרעכטיקט.

די גאַליצישע בונדיסטן טראָגן אַ צונעמעניש „סעפּאַראַטיסטן“. די געוויינליכע באַשולדיגונג פון די געווערקשאַפטן קעגן די גאַליצישע בונדיסטן באַשטייט אין דעם, וואָס זיי טרייבן אין די געווערקשאַפטן „סעפּאַראַטיסטן-פּאָליטיק“. אונטער דעם ווערט ניט פאַרשטאַנען פּאָליטיק בכלל: דאָס וואָלט געווען אַ ריין פּאָליציייִשע באַשולדיגונג; אויך ניט סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטיי-פּאָליטיק: דאָס איז לויט אַלעמענס מיינונג נויטווענדיק און ווינטשנסווערט... די באַשולדיגונג אין „סעפּאַראַטיסטן-פּאָליטיק“ קלינגט ביי געווערקשאַפטן ווי אַ באַשולדיגונג אין קריסטליך-סאָציאַלער אָדער סאָציאַל-ציוניסטישער אַגיטאַציע. די אַגיטאַציע לטובת דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, וואָס די פּאַרטיי איז אייגנטליך פאַרפליכטעט צו פירן אין די פאַראיינען, ווערט אין דעם חשבון פאַר'ן גאַליצישן „בונד“ פאַררעכנט ווי די גרעסטע עבירה, ווייל די אַגיטאַציע ווערט געפירט לטובת דער יידישער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פּאַרטיי און ניט פון די פּ. פּ. ס... אין די סטאַטוטן שטייט גאָרנישט פון דעם, נאָר אַ סך ווייסן, דאָס די מיטגלידער פון די געווערקשאַפטן באַדאַרפן צאָלן אַ פּאַרטיי-שטייער. דאָס, וואָס די גאַליצישע בונדיסטן צאָלן אין זייער אייגענער פּאַרטיי, ווערט, פאַרשטייט זיך, לגמרי ניט פאַררעכנט און זיי ווערן אויפגעפאָדערט צו צאָלן דעם פּאַרטיי-שטייער פאַר דער פּ. פּ. ס. דאַן קומט אויס זיך אָפּצוווערן פון דעם מיט אַזעלכע באַווייזן, וועלכע די גאַליציִשע בונדיסטן גופא האַלטן ניט פאַר ריכטיקע: מיט דעם, וואָס דער מיטגליד

פון פאַראיין איז פאָרמעל, לויט דעם סטאַטוט, ניט מחויב צו צאָלן. דאָס גאַליצישע פאַך-בלאַט פון שניידער-פאַרבאַנד, וואָס ווערט אויסגעהאַלטן כמעט אויסשליסליך דורך די ספּעפאַראַטיסטן (פון לערך 1000 אָרגאַניזירטע שניידער געהערן העכער 600 צום גאַל. בונד), דרוקט צייטנווייז פיינדליכע אַרטיקלען קעגן גאַליצישן בונד. אין יעדן № שטייט בולט אַן אויפרוף: פאַרשפרייט דעם „נאַפּשוד"! (אָרגאַן פון דער פּ. פּ. ס.). אין אמתן באַדאַרף דאָס אַזוי זיין. די פּראָפעסיאָנעלע פרעסע באַדאַרף דאָך אונטערשטיצן און אַגיטירן פאַר דער פּאָליטישער פּאַרטיי-פרעסע. אויפן גאַליצישן באָדן אָבער, אין די אויסערגעוויינליך פאַרדאָרבענע באַדינגונגען, ווערט עס פאַרוואַנדלט אין אַ ווילדן אַבסורד: דאָס פאַך-בלאַט פון די „ספּעפאַראַטיסטן" טאָר ניט אַגיטירן פאַר זייער פּאַרטיי-פרעסע (וועכנטליכע צייטונג „סאָציאַל-דעמאָקראַט") און מוז אַגיטירן פאַר דעם „נאַפּשוד," וואָס באַגיסט זיי מיט די ערגסטע זלזולים. ווי וואָלטן מיר זיך געפילט, למשל, ווען אונזערע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען וואָלטן פאַרפליכטעט געווען צו רעקלאַמירן און אונטערשטיצן דעם פּ. פּ. ס.-ישן „אַרבעטער" אָדער דעם „ראָבאָטניק"?...

דאָס אַלץ איז אָבער קלייניקייטן אין פאַרגלייך מיט יענע שטרויכל-שטיינער, וועלכע די געווערקשאַפטן לייגן אויפ'ן וועג פון דער „ספּעפאַראַטיסטישער" פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג. איבערהויפּט די ערשטע צייט נאָכ'ן אַרויסטרעטן פון דער פּ. פּ. ס. (מאַי, 1905) פלעגט יעדע צאָל-שטעלע, און ווער רעדט שוין פון אָרטס-גרופּן, אָנקומען מיט די גרעסטע מאַטערנישן. ניט וועגן געווינען די אַרבעטער, נאָר איבערהויפּט וועגן געווינען דעם צוטרוי פון דער צענטראַלע אָדער אָפּשוואַכן איר חשד אין „ספּעפאַראַטיזם", קומט אויס צו זאָרגן אין דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג. דאָרטן, וואו די פּ. פּ. ס. האָט שוין געהאַט אַ צאָל-שטעלע אָדער אַן אָרטס-גרופּע, פלעגט שוין אוממיגליך זיין פאַר די „ספּעפאַראַטיסטן" נאָך איינע צו באַקומען, כדי אַפילו נ י י ע, גאָר ניט אָרגאַניזירטע אַרבעטער אין דער אָרגאַניזאַציע אַריינצוציען (ווייל די אַלטע טאָרן סיי-ווי-סיי ניט איבערגיין פון איין אָרטס-גרופּע אין דער אַנדערער), באַטש דאָרטן, וואו צווישן די אַרבעטער ווירקן די טשעכישע און

דייטשע פּאַרטיי, זיינען פּאַקטיש אין געווערקשאַפטן דאָ אָרטס-
גרופּן פאַר טשעכן און אָרטס-גרופּן פאַר דייטשן *) און כאָטש די
פּ. פּ. ס. האָט שטענדיק פאַרנאַכלעסיקט די אַרבעט צווישן דעם
יידישן פּראָלעטאַריאַט. אַ שוין-געוואוינגע צאָל-שטעלע ווערט אויפ-
געלייזט. אַזעלכע צופאַלן איז געווען ניט ווייניק. אָרטס-גרופּן,
אמת, זיינען נאָך קיינמאָל ניט צוגעמאַכט געוואָרן, נאָר אויף זיי
הענגט שטענדיק, ווי אַ שווערד, אַן אַזהרה: מיר וועלן אייך אויפ-
לייזן! עס פליען אינטערפּעלאַציעס: קאָלעגאַ דער און דער טרייבט
סעפּאַראַטיסטן-פּאָליטיק! אַמאָל קומט אַ סעקרעטאַר פון פאַרבאַנד-
און מישט זיך אַריין דירעקט, און אונטער זיין ווירקונג, וואָס באַ-
שטייט אייגנטליך ווידער נאָר אין דער אזהרה, וואָס וואַרפט אויף די אַר-
בעטער אַ מורא (די פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציע איז זיי טייערער
ווי די פּאָליטישע, צו וועלכער אַ באַדייטנדיקער טייל איז נאָך גאָר
ניט צוגעשטאַנען), ווערט אויסגעוויילט אַ פּ. פּ. ס-ישע ביורא. ווי
גרויס עס איז די ווירקונג פון דער אזהרה, איז צו זעהן פון אַזעל-
כע צוויי פאַקטן. אין איין אָרטס-גרופּע געהערן מער ווי צוויי
דריטל צו די „סעפּאַראַטיסטן“: כאָטש די פּ. פּ. ס. איז אין אַזאַ
מינדערהייט, ווילן די סעפּאַראַטיסטן אַליין אַ ביוראָ, אין וועלכער
די מערהייט געהערט צו דער פּ. פּ. ס. „ווען ניט — פאַרענטפערן
זיי—וואָלט מען אונזער גרופּע אויפגעל'ייזט“. אין צווייטן אָרט גייט
איבער די גאַנצע פּ. פּ. ס.-ישע אָרגאַניזאַציע פון די יידישע אַר-
בעטער צו די סעפּאַראַטיסטן. אין בריוו, אין וועלכן זיי שרייבן

*) די לעזער, וואָס ווייסן, דאָס די טשעכן פאַרלאַנגען נאַציאָנאַלע
פאַראיינען, מאַך איך אויפמערקזאַם, דאָס זיי פאָדערן ניט באַזונדערע אָרטס-
גרופּן, וואָס געהערן צו איין פאַרבאַנד און האָבן איין קאַסע, נאָר באַזונדערע
טשעכישע צענטראַלע פאַרבאַנדן, וואָס זאָלן האָבן אייגענע קאַסעס. קעגן
זייער פאָדערונג טרעטן אַרויס ד' איבעריקע ס. ד. אָרגאַניזאַציעס. די סיסטעם
פון אָרטס-גרופּן, וואָס האָבן איין צענטראַליזירטע קאַסע און איין צענטראַליזירטע
פאַרוואַלטונג אין די עקאָנאָמישע ענינים, אווטאָנאָמישע זעלבשטענדיקייט אין
דער אַגיטאַציע און אינערליכער פאַרוואַלטונג,—די דאָזיקע סיסטעם איז אָנגענומען,
אין גאַנץ עסטרייך און רופט קיינע באַשולדיגונגען אין נאַציאָנאַליזם ניט אַרויס.

פון דעם, בעטן זיי, די יידישע ס״ד פּאַרטיי זאָל עפנטליך ערקלערן, דאָס די אַרבעטער, וואָס גייען איבער צו די סעפּאַראַטיסטן, פּאַרלירן ניט זייער רעכט (וועלכע זיינען צייטנווייז געווען גענוג גרויס) אין די פאַרבאַנדן; ווען ניט, האָבן די אַרבעטער מורא צוצושטיין צו דער יידישער ס״ד פּאַרטיי...

אין אָרטס-גרופּע גופא, וועלכע, לאָמיר זאָגן, האָט שוין קיין אזהרות ניט און פירט רואיק איר אַרבעט, איז די לאַגע פון די „סעפּאַראַטיסטן״ דאָך אומנאָרמאַל. גאַליציע האָט פאַר זיך אַן אייגענע געווערקשאַפטס-קאָמיסיע. די אויפגאַבע אירע איז מיטצוהעלפן דער ווינער רייכס-קאָמיסיע, דורכפירן אירע באַשטימונגען, דערפילן אירע אָנווייזונגען. די קאָמיסיע ווערט געוויילט אויף דער גאַליצישער געווערקשאַפטס-קאָנפערענץ, וואו די מערהייט (אַמאָל נאָר קינסטליך) האָט די פּ. פּ. ס. און וואו זי איז אַם ענדע די איינציקע פאָרשטייערין פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע אין גאַליציע, ווייל דער גאַליצישער בונד איז פאָרמעל ניט אָנערקענט פאַר אַ סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטיי. די קאָמיסיע ליגט דעריבער נאַטירליך אין די הענט פון דער פּ. פּ. ס. און אין דערזעלבער צייט, ווען זי קען דירעקט אָנפירן די פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג און צוגעבן איר אַן איינהייטליכן און פּלאַנמעסיקן כאַראַקטער, איז די ווירקונג פון דער יידישער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פּאַרטיי צעבראָקלט און ניט גענוגנד, ווייל זי איז נאָר אַ לאָקאַלע (פון דעם אָדער יענעם אָרטיקן קאָמיטעט) און אַ צופעליקע (ניט אין אַלע אָרטסגרופּן קומען די פאָרשטייער פון קאָמיטעט), און אַפילו דאָרטן, וואו זי איז יע דאָ, קענען פּאַסירן אַזעלכע צופאַלן, ווי דער פאָלגנדיקער: אין אַ ביוראָ זיינען אַלע אויסער איינעם געווען פאַר דעם, מען זאָל אַ טייל פון אַ באַוואוסטער הכנסה אָפּגעבן דעם אָרטיקן קאָמיטעט. נאָר ווייל דער איינער איז געווען קעגן, האָבן זיך אַלע געמוזט אָפּזאָגן פון זייער באַשטימונג. די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פּאַרטיי פון יידישן פּראָלעטאַריאַט אַרבעט אין אירע אייגענע פּאַראיינען... אומלעגאַל!

איך באַריר נאָך איצט ניט די אויפפירונג פון דער פּ. פּ. ס אין די געווערקשאַפטן בנוגע צו די סעפּאַראַטיסטן, נאָר שוין אַפילו

פון דעם קאַרגן מאַטעריאַל קאָנען אונזערע לעזער זעהן, ווי אומפאַרגלייכליך שווערער איז די לאַגע פון די גאַליציאַנער בונדיסטן איידער די לאַגע פון רוסלענדער „בונד", ווען ער איז באַקעמפט געווען פון דער „פאַרטיי". דער „בונד" איז אַרויסגעטראָטן פון דער פאַרטיי, ווען ער איז אין אָרגאַניזאַציאָנעם הינזיכט אפשר די שטאַרקסטע אָרגאַניזאַציע געווען. פון דער אַנדער זייט, וואָלט אין רוסלאַנד קיינער ניט געוואַגט ערנסט צו באַטראַכטן דעם „בונד" ווי אַן אַנטיסאָציאַליסטישע פאַרטיי. דער גאַליצישער בונד, פאַרקערט, איז אַרויסגעטראָטן פון דער פּ. פּ. ס. ד. ווען די ס"ד. באַוועגונג בכלל צווישן די יידישע אַרבעטער איז נאָך קליין געווען און די אַלגעמיינע אַרבעטער-באַוועגונג, איבערהויפּט אין עסטרייך, איז שוין געווען גענוג אַנטוויקלט און די פּאַרטיי שטאַרק. ביי אַזעלכע באַדינגונגען איז אויסגעקומען און קומט נאָך איצט אויס צו קעמפן ניט אייגנטליך דירעקט פאַר דער אָנערקענונג, נאָר פאַר דער עלעמענטאַרער מיגליכקייט צו קענען כאָטש ווי עס איז אַרבעטן. אין דעמדאָזיקן קאַמף איז זיין לאַגע געווען העכסט אומגינסטיק, מען האָט אים רודף געווען, ווי נאָר מ'האָט געקענט, און אויב ניט קוקנדיק אויף דעם אַלעם, איז אַנטשטאַנען אַזאַ ברייטע, סעפּאַראַטיסטישע באַוועגונג אין גאַליציע, איז אַ סימן, דאָס אין דער יידישער אַרבעטער-מאַסע אין גאַליציע איז דאָ זער אַ גינסטיקער באָדן פאַר דער יידישער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע.

יאַנואַר 1907.

# סטאַניסלאַוו וויספּיאַנסקי.

אין קראָקע, אין אַ פּריוואַטן קראַנקנהויז, איז געשטאָרבן
דער גרעסטער אין דער איצטיקער צייט—פּוילישער מאָלער, דיכ=
טער און דראַמאַטורג.

פאַר די בעסערע שיכטן פון פּוילישן דור, וואָס איז אויפ-
געשטאַנען נאָך דער צווייטער פאַרשפּילטער פּאָווסטאַניע, איז
וויספּיאַנסקי געווען יענער געניוס, אפשר יענער נביא, נאָך
וועלכן דער דאָזיקער דור בענקט אַזוי טיף. וויספּיאַנסקי האָט
געטראָגן אויף זיך אַן אוממענטשליכע משא ניט נאָר פון דעם
אַלטן לעבן פון גריכנלאַנד און רוים,—וואָס ס'איז נאָך שווערער—
די הונדערטיאָריקע פּיינליכע געשיכטע פון פּוילישן פאָלק. אַ מאָל
קלאָר און דייטליך, ווי אַן אמת'ער געניוס, אַ מאָל מיסטיש=פאַר=
וויקלט, מיט רמזים פאַרבונדן, אָבער כמעט נביאיש מעכטיק,
האָט וויספּיאַנסקי איינס און דאָסזעלבע, אָבער וואונדערליך פאַר=
שיידנאַרטיק, געזונגען, צייטנווייז אַלטטימליך, ווי די זינגער פון
מיטלאַלטער, זיין ליד וועגן גרויסער מאַכט, וואָס באַדאַרף איבער=
בויען דאָס לעבן און ווידער אויפלעבן די „עצמות היבשות" פון
פאָלק. אין דער פּוילישער ליטעראַטור שטייט וויספּיאַנסקי שוין
לאַנג אין איין ריי מיט מיצקעוויטשן, קראַסינסקי'ן און סלאָוואַצקי'ן.

פאַר דער אַלגעמיינער קולטור איז וויספּיאַנסקי געווע
איינער פון די ערשטע אייראָפּעאישע קינסטלער. דער טיף נאַצי-
אָנאַל=פּוילישער אינהאַלט פון זיין שאַפונג האָט מיטגעבראַכט, אַז
וויספּיאַנסקי איז גענוג באַקאַנט אין אייראָפּע אַלס מיטעלער מאָ-
לער און סקולפּטאָר, אין דער צייט ווען פון זיינע אפשר געניאַ-
לע דראַמען האָבן ביז דער לעצטער צייט געוואוסט נאָר די, וואָס
לעזן פּויליש. וויספּיאַנסקי'ס דראַמען איז אומגעוויינליך שווער איבער
צוזעצן אין אַנדערע שפּראַכן. זייער אָרט אין דער אייראָפּעאישער-
ליטעראַטור וועלן זיינע ווערק ערשט איצט פאַרנעמען. —

לויט זיינע נעגאַטיווע איבערצייגונגען, לויט דעם, וואָס ער האָט פיינט געהאַט, שטייט וויספיאַנסקי אין די רייען פון די הערליכסטע קעמפער פאַר דער צוקונפט פון דער מענטשהייט. זיינע אַלגעמיינע שטרעבונגען האַרמאָנירן אויך מיט'ן בעסטן צוקונפטס־אידעאַל. קיין פאָזיטיווע, קאָנקרעטיזירטע איבערצייגונגען האָט ער אין זיינע ווערק אונז ניט באַוויזן. ס'קאָן זיין, אַז ער אַליין האָט זיי ניט געהאַט און אפשר ניט געקאָנט האָבן. ניט אומזיסט רופן אים זיינע קריטיקער „ספינקס“.

דאָס פוילישע פאָלק איז היסטאָריש פאַרבונדן מיט אונז, יידן, און די פוילישע קונסט האָט צו טאָן מער אַלס אַנדערע (אויסער דער רוסישער) מיט דעם יידישן לעבן. אויך אין וויס־פיאַנסקי'ס ווערק טרעפט מען אָן צייטנווייז דעם יידן. איך קאָן ניט געענוי אַלע וויספיאַנסקי'ס ווערק, נאָר אין די, וואָס איך ווייס, האָב איך ניט געפונען קיין איין שטריך, מיט וועלכן וויספיאַנסקי זאָל אויסן זיין באַליידיקן דאָס נאַציאָנאַלע זעלבסט־ערן־געפיל פון יידן.

וויספיאַנסקי איז געשטאָרבן פון אַ לאַנגער און זייער שווע־רער קראַנקהייט. די לעצטע פאַר יאָר איז ער פאַראַליזירט געווען, דאָך האָט ער פאַר דער צייט, אויסער קליינע זאַכן, אָנגעשריבן צוויי דראַמען און איינע איבערגעאַרבעט פון פראַנצויזישן. דער האַלב־אָפגעשטאָרבענער גוף האָט ביז דער לעצטער מינוט ניט געקאָנט בייקומען די אומגעהייערע לעבנס־פעאיקייט פון קינסטלערס גייסט.

ער איז געשטאָרבן 38 יאָר אַלט.

נאָוועמבער 1907.

# אָטאָ וויינינגערס לערע וועגן געשלעכט און כאַראַקטער.

מיר ווילן דאָ איבערגעבן אינקורצן דעם אינהאַלט פון אָטאָ וויינינגער'ס באַרימטן בוך „געשלעכט און כאַראַקטער". מיר מוזן זיך פאָראויס אַנטזאָגן איבערצוגעבן דעם אינהאַלט פון דעם דאָזיקן מערקווירדיקן בוך אינגאַנצן. וויינינגער'ס בוך איז פול מיט ביישפילן און באַווייזן פון מאַטעמאַטיק, פיזיק, כעמיע, באָטאַניק, ביאָלאָגיע, אַנאַטאָמיע און אַז. וו. און מיר האָבן נאָך ניט אויף יידיש עד-היום קיין שפראַך=מיטלען פאַר זיי. איין קאַפיטל פון וויינינגער'ס בוך מוזן מיר דורכלאָזן גאָר צוליב אַנדערע מאָטיוון. אין דעם קאַפיטל ווערט באַהאַנדלט די פראַגע וועגן אַ געוויסער סעקסועלער (געשלעכטליכער) אומנאָרמאַליטעט, ווערט באַהאַנדלט אַזוי ערנסט, ווי עס קען נאָר באַהאַנדלען אַזעלכע פראַגן אַזאַ גייסטיק=איידעלע פערזענליכקייט, ווי אָטאָ וויינינגער. אָבער אונזער גאַס וואָלט עס אייגנאַרטיק אויסגעטייטשט און אָנגענומען אַלס אַ פיקאַנטן מאַטעריאַל, ווי טאָג=ביכער פון דינסט=מיידלעך, אָדער אַלס פראָפאַגאַנדע פון סדום=זינד.

אָטאָ וויינינגער'ס בוך איז איינע פון די אינטערעסאַנטסטע ווערק אין דער וועלט=ליטעראַטור. דאָס בוך מיט זיינע אויספירונגען,—אומגעריכטע, ווי בליצן, אַמאָל פעסטע און דייטליכע, ווי אַ מאַטעמאַטישע פאָרמעל, אַמאָל ניט גענוג באַגרינדעטע אָדער גאָר ניט באַגרינדעטע, אָבער זיכערע און איבערצייגנדיקע, ווי געניאַלע קונסטווערק, און די פאַרוויקלטע, טראַגישע פערזענליכקייט פון זיין אַווטאָר — פאַרלאַנגען פאַר זיך אַ זעלבשטענדיקע ערפאָרשונג. אין איינעם פון די נאָענטסטע ביכער „ליטעראַרישע מאָנאַטשריפטן" האָפן מיר צו געבן אַזאַ אַרטיקל וועגן אָטאָ וויינינגער און זיינע ווערק.

מאַן און ווייב — די דאָזיקע צוויי באַגריפן געהערן צו די עלטסטע פון די, וואָס די מענטשהייט פאַרמאָגט. ניט איין מאָל האָט מען זיי געפּרובט פאַרריכטן, אַמאָל באַגרעניצן, אַמאָל פאַרברייטערן, אָבער דאָך איז מען נאָך איצט אויך גרייט צו באַנוצן זיי אויפן אַלטן אופן, אָן קיין שום ענדערונגען. מיר רעדן אָפּט וועגן מאָגערע, דינע, פלאַכע, מוסקול-קרעפטיקע, ענערגישע אָדער געניאַלע „ווייבער"; וועגן „ווייבער" מיט קורצע האָר און נידעריקע שטימען; וועגן „מענער", ביי וועלכע עס וואַקסט קיין באָרד נישט; וועגן „מענער", וואָס האָבן „ניין מאָס רעד". מיר זיינען אַפילו מודה, אַז ס'זיינען דאָ ניט-ווייבליכע „ווייבער", „מאַנווייבער" און ניט-מענליכע, ווייבליכע „מענער". מיר גיבן-צו אַלזאָ צו די באַגריפן אַזעלכע באַשטימונגען, וואָס לייקענען אָפּ די באַגריפן גופא. דאָס איז לאָגיש אוממיגליך. פרויען און מענער ווערן שטענדיק אַקעגנגעשטעלט, ווי ווייסע און שוואַרצע פיגורן, ביי וועלכע די גלייכפאַרביקע אונטערשיידן זיך ניט איינע פון די אַנדערע. ווי אומעטום, וואו פאַרשיידענע זאַכן ווערן באַצייכנט מיט איין באַגריף, איז דאָס וואָרט פון דעם באַגריף ניט אינגאַנצן גלייך צו דעם באַגריף גופא. צי איז דען טאַקע דאָ אַ שטרענגער אונטערשייד צווישן אַלע „ווייבער" פון איין זייט און אַלע „מענער" פון דער אַנדער זייט? צי זיינען דען אַלע מענער צווישן זיך און אַלע פרויען צווישן זיך פולשטענדיק גלייך אין אַ גאַנצער ריי פאַקטן? אין ערגעץ אין דער נאַטור געפינען מיר ניט אַזאַ אוממיטלבאַרע צעטיילונג. אומעטום זיינען דאָ איבערגאַנגס-שטופן: פון מעטאַלן צו ניט-מעטאַלן, פון כעמישע פאַרבינדונגען צו מישונגען, פון חיות צו פלאַנצונגען און אַז. וו. צוליב דער פראַקטישער באַדערפעניש צו קלאַסיפיצירן, טיילן מיר אָפּ די ערשיינונגען איינע פון די אַנדערע מיט קינסטליכע גרעניצן און צעטיילן אויף איינציקע אַריעס די אומענדליכע מעלאָדיע פון דער נאַטור. אָן קיין שום אַנדערע באַווייזן, פון דער אויבנגעבראַכטער אַנאַלאָגיע אַליין, דאַרף פאַלן אַ חשד, צי איז טאַקע באמת דאָ אין דער נאַטור אַזאַ שטרענגע גרעניץ צווישן מין זכר און מין נקבה, אַזוי אַז וועגן יעדע לעבעדיקע באַשעפעניש זאָל מען קאָ-

נען באַשטימט זאָגן, אויף וועלכער זייט פון דער דאָזיקער גרעניץ זי געפינט זיך.

## „מענער" און „ווייבער".

איצט ווייס מען זיכער, אַז סיי דער מענטשליכער עמבריאָן (ולד) סיי דער עמבריאָן פון חיות און פלאַנצונגען זיינען גע־שלעכטליך, בנוגע צום מין, ניט דיפערענצירט.

ביי דעם מענטשליכן עמבריאָן, למשל, קאָן מען ביז דער פינפטער וואָך בכלל ניט דערקענען, צו וועלכן געשלעכט ער וועט געהערן. ערשט פון דער פינפטער וואָך הייבן זיך אָן די פּראָצעסן, וואָס פירן צו דער אַנטוויקלונג פון די געשלעכט־סימנים.

די געשלעכטליכע דיפערענצירונג איז קיינמאָל ניט קיין פולשטענדיקע. אַלע אייגנטימליכקייטן פון דעם מענליכן געשלעכט געפינען מיר אויך, כאָטש זעער שוואַך אַנטוויקלט, ביי דעם ווייבליכן געשלעכט; פונקט אַזוי געפינען מיר ביים מאַן געשלעכטס־אייגנשאַפטן פון דער פרוי, כאָטש אָפּגעשטאַנענע אין זייער אויס־בילדונג. ביי דער סאַמע ווייבליכער פרוי געפינען מיר, אויפ׳ן אָרט פון דעם מענערישן באָרד, אַ דינינקן פוך פון ניט־פיגמענ־טירטע הערלעך. ביי דעם סאַמע מענליכן מאַן געפינען מיר אויפ׳ן ברוסט אָפּגעשטאַנענע אין זייער אַנטוויקלונג געשלעכטס־אייגנשאַפטן פון דער פרוי. דאָס זעלבע איז צו באַמערקן ביי ביידע געשלעכטן אינ׳ם געביט פון די געשלעכטס־אָרגאַנען.

צווישן מאַן און ווייב זיינען דאָ אומצאָליקע איבערגאַנגס־שטופן, סעקסועלע צווישנפאָרמען. פונקט אַזוי ווי דעם פיזיקער קומט אויס צו רעדן פון אידעאַלע גאַזן, וואָס זיינען ניטאָ אין דער ווירקליכקייט, כדי דייטליכער צו באַצייכענען, ווי דער דערפונענער געזעץ ווערט געענדערט אויף דער פּראַקטיק, אַזוי קאָנען מיר אויך קאָנסטרואירן אַלס סעקסועלע טיפן, (וועלכע זיינען ניטאָ אין דער ווירקליכקייט) אַן אידעאַלן מאַן M און אַן אידעאַלע ווייב W. די וויסנשאַפטליכע פיזיק האָט צו טאָן מיט אינגאַנצן שטאַרע און אינגאַנצן עלאַסטישע קערפּערס, כאָטש אין דער ווירקליכקייט האָבן מיר ניט די, ניט יענע. די וויסנשאַפטליכע פיזיק נעמט די

עקסיסטירנדיקע צווישנפאָרמען אַלס אַן אויסגאַנגס־פּונקט צום זוכן דעם טיפּישן, אידעאַלן שטאַרן אָדער עלאַסטישן קערפּער. אומ־קערנדיק זיך צוריק פון דער טעאָריע צו דער פּראַקטיק, באַטראַכט זי די עקסיסטירנדיקע צווישנפאָרמען אַלס געמישטע צופאַלן. פּונקט אַזוי עקסיסטירן אומצאָליקע פאַרמיטלענדיקע שטופן צווישן אי־דעאַלן *) פאָלקומענעם מאַן און אַן אידעאַלער פאָלקומענער ווייב. נאָר אַזוי ווי דיווירקליכקייט האָט ניט קיין פאָלקומענעם „מאַן" אָדער פאָלקומענע „ווייב", מוז יעדער בעזונדער באַטראַכט ווערן אַלס אַ צווישנפאָרם, אַלס אַ פאַרמיטלונגס שטופע צווישן M און W, אַלס איינער, וואָס איז אין דער זעלבער צייט—אין פאַרשיידענע פּראָפּאָרציעס—אי M אי W. מען מוז געדענקען, אַז דאָ רעדט זיך ניט בלויז וועגן אַנלאַגן פון איין געשלעכט אין דעם צווייטן, נאָר וועגן געדויערנדיקער טאָפּלגעשלעכטליכקייט, און אויך ניט וועגן אַזעלכע מיטלשטופן, ווי קערפּערליכע אָדער פּסיכישע אַנדרוגינוס'ן (הערמאַפראָדיטן), נאָר וועגן דער שטענדיקער צו־נויפמישונג פוןביידע געשלעכטן אין יעדן מענטשן.

„מאַן" און „ווייב" זיינען צוויי עלעמענטן, צוויי סובסטאַנצן, וואָס זיינען אין לעבעדיקע אינדיווידואומען צונויפגעמישט אין פאַרשיידענע פּראָפּאָרציעס. אין דער דערפאַרונג, קאָן מען זאָגן, איז ניטאָ ניט קיין „מאַן" און ניט קיין „ווייב", נאָר מענליכס און ווייבליכס. אַן אינדיווידואום A און אַן אינדיווידואום B דאַרף מען ניט דעריבער באַצייכענען נאָך זייער געשלעכט אַלס מאַן—A—און ווייב B. A—האָט אין זיך אויסער מענליכס—M—אויך אַ געוויסן טייל W—ווייבליכס. אַזוי אויך B—האָט אין זיך אויסער W אויך אַ טייל M.

מען קאָן ברענגען אַ סך ביישפּילן, צו וועלכע די דאָזיקע פאָרמעל זאָל קאָנען זיין צוגעפּאַסט. איניקע ביישפּילן האָבן מיר שוין אויבן געבראַכט. מיר וועלן נאָך דערמאָנען אַזעלכע ערשיי־נונגען, ווי „מענער" מיט אַ ווייבליכער ברוסט, מיט ווייבליכע

---

*) „אידעאַלער" אין זין פון טיפּיש, אָן קיין שום עטישער אָדער וועל־כער עס איז אַנדערער באַווערטונג.

בעקן, מיט אַ קאַרגן באָרד-וואוקס אָדער גאָר אָן אים, מיט אויס-געשפּראָכענע פּרויען-טאַליעס, ווי פרויען מיט אַ פלאַכער ברוסט, שמאָלן דיך, נידעריקע, רויע שטימען, פרויען מיט וואָנסעס אָדער באָרד-שפּראָצונגען...

געזעצן פון דער סעקסועלער אָנציאונג.

יעדער מענטש האָט בנוגע צום אַנדערן געשלעכט זיין איי-גענעם אייגנטימליכן געשמאַק. ווען מיר זאָלן באַטראַכטן די פּאָר-טרעטן פון די פרויען, וואָס אַ באַרימטער מאַן האָט געליבט אין זיין לעבן, וועלן מיר כמעט שטענדיק איינגעפינען צווישן זיי אַלע-מען אַן ענליכקייט—אויפן ערשטן בליק—אין געשטאַלט (אין וואוקס) אָדער אין געזיכט און—נעענטער באַטראַכטנדיק—אַפילו אין זייערע קלענסטע שטריכן. אַ פרוי, וואָס מאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אויף אַ מאַנספּאַרשוין, רופט ביי אים ארויס אין זכרון אַן אַנדער פרוי, וואָס האָט אַמאָל ענליך געווירקט אויף אים. יע-דער האָט באַקאַנטע, וועמענס געשמאַק בנוגע צום אַנדערן גע-שלעכט איז אים אינגאַנצן ניט פאַרשטענדליך. מען זאָגט אָפט: „כ׳פאַרשטיי בשום אופן ניט, ווי קאָן אים אַזאַ געפעלן".

די סעקסועלע אָנציאונג איז כמעט שטענדיק קעגנזייטיק: וואו מיר טרעפן אַ יוצא-מן-הכלל, דאָרט מוזן מיר זוכן אַזוינע. דיפערענצירנדיקע מאָמענטן, וועלכע לאָזן ניט דעם אוממיטלבאַרן געשמאַק זיך צו פאַרווירקליכן. אין יעדן מענטשן ליגן געוויסע אייגנשאַפטן, צוליב וועלכע אים איז ניט אַלץ-איינס, מיט וואָס פאַר אַן אינדיווידואום פון אַנדער געשלעכט ער זאָל אריינטרעטן אין אַ סעק-סועלער פאַראייניגונג.

יעדערער ווייס פון זיין אייגענער דערפאַרונג, אַז געוויסע פּערזאָנען פון אַנדערן געשלעכט האָבן אויף אים אַפילו אַן אָפּ-שטויסנדיקע ווירקונג, אַנדערע האָבן גאָר קיין ווירקונג ניט, אַנדערע רייצן א. אַז. וו. ביז ער טרעפט ענדליך (אפשר אויך ניט שטענדיק) יענעם (אָדער יענע), וואָס איז פאַר אים די איינ-ציקע (דער איינציקער) אין דער וועלט. ווער איז עס? וועלכע אייגנשאַפטן דאַרף עס באַז׳צן? אויב יעדער טיפּ צווישן מענער

האָט זיין אַנטשפּרעכנדיקן טיפּ צווישן פרויען און פּאַרקערט (און אַזוי איז עס אין דער אמת׳ן), באַדאַרף דאָך דאָ הערשן אַ געוויסער געזעץ, אַ רעגלמעסיקייט. וואָס איז דאָס פאַר אַ געזעץ? דאָ ווירקן, פאַרשטייט זיך, פאַרשיידענע געזעצן. וויינינגער ערפאָרשט נאָר איין געזעץ, וועלכער געפינט זיך אין צוזאַמענהאַנג מיט די איבעריקע הויפּט־אידעען פון זיין לערע. דעם דאָזיקן געזעץ פאָרמולירט ער אַזוי:

צו סעקסועלער פאַראייניגונג שטרעבן שטענדיק אַ גאַנצער מאַן (M) און אַ גאַנצע ווייב (W), וואָס זיינען צעטיילט אין צוויי פאַרשיידענע אינדיווידואומען אין יעדן איינצלנעם פאַל אין פאַרשיידענע פּראָפּאָרציעס.

אין דער סעקסועלער פאַראייניגונג פון פאַרשיידענע געשלעכטן שטרעבן גאַנץ צו ווערן די טיילן M (מענליכס) און W (ווייבליכס), וועלכע יעדער „מאַן“ און יעדע „ווייב“ האָבן אין זיך. יעדער איינציקער האָט אין זיך אַזויפיל פון אַנדערן געשלעכט, וויפיל אים אַליין פעלט פון אייגענעם געשלעכט. וואָס מער איינער איז מאַן (M), אַלץ ווייניקער האָט ער ווייבליכס (W) און פאַרקערט. די סעקסועלע אָנציאונג קומט פאָר דעמאָלט, ווען די פרוי האָט אין זיך אַזויפיל מענליכס, וויפיל דער מאַן—ווייבליכס, ד. ה. וויפיל אים אַליין פעלט M. ביי דער סעקסועלער פאַראייניגונג פון דיביידע פערזאָנען ווערן גאַנץ די צעשפּאָלטענע טיילן פון M און W. דער טייל M, וואָס דער מאַנספּאַרשוין אַנטהאַלט, און דער טייל M פון דער פרוי—גיבן דעם גאַנצן M, דעם אידעאַלן מאַן; דאָס גלייכן, די טיילן W פון דער פרוי און פון דעם מאַנספּאַרשוין וואָלטן קאָנען בילדן דאָס אידעאַלע ווייב, דאָס פולשטענדיקע W. ווען איינער אַנטהאַלט אין זיך, למשל, 3 פערטל M און 1 פערטל W, וועט זיין בעסטע „פּאָר“ — וואָס וועט אין זיך אַרויסרופן די שטאַרקסטע אָנציאונג צו זיך—זיין יענער אינדיווידואום, וואָס וועט אַנטהאַלטן 1 פערטל M און 3 פערטל W. מען מוז בעמערקן, אַז 3/4 M און 1/4 W קאָן ענטהאַלטן ניט נאָר אַ מאַנספּאַרשוין, נאָר אויך

אַ פרויענצימער, און פאַרקערט—עס קאָן געבן אַזאַ מאַנספּאַרשוין, וואָס זאָל אַנטהאַלטן נאָר איין פערטל M און דריי פערטל W.

מען מוז זיך דאָ איינגאַנצן אָפּזאָגן פון „עסטעטישן", פון „שיינהייט"־מאָמענטן. וואָרום ווי אָפט קומט עס פאָר, אַז איינער איז אַנטציקט פון אַ באַשטימטער פרוי, ער איז אויסער זיך פון איר „אומגעוויינליכער" שיינקייט, און דער אַנדערער „וואָלט וועלן וויסן, וואָס אַזוינס ער געפינט אין איר". אַ פאַרליבטן מענטשן קאָן אויסזעהן ׳שיין דאָס, וואָס איז פון ריין־עסטעטישן שטאַנדפונקט אַפילו ניט־שיין *). כמעט יעדעס „פאָרל", וואָס מען טרעפט אין גאַס, קאָן דינען פאַר אַ ראיה. ווייניגער האָט אויסגעפּרובט דעם אויבן־דערמאָנטן געזעץ אין עטליכע הונדערט צופאַלן, און אין אַלע צופאַלן האָט דער דאָזיקער געזעץ אויסגעהאַלטן. ווייניגער פלעגט מאַכן אַזוינע פּראָבעס. ער פלעגט נעמען אַ פאָטאָגראַפיען־קאָלעקציע פון שיינע פרויען, וואָס איטליכע פון זיי אַנטהאַלט אַ באַשטימטן טייל W, און ווייזן זיינע באַקאַנטע. זיי זאָלן אויסקלייבן „די שענסטע". זייער אויסוואַל פלעגט רעגל־מעסיק זיין פונקט יענער, אויף וועלכן ווייניגער פלעגט זיך ריכטן. אַנדערע זיינע באַקאַנטע, וואָס האָבן שוין געוואוסט, צו וואָס מען פרעגט זיי, פלעגט ווייניגער אַליין אָנווייזן, וועלכע פון דער קאָלעקציע געפעלט זיי מער, און פלעגט שטענדיק טרעפן.

## די עמאַנציפּירטע פרויען.

גאָר אַנדערש דאַרף אויסזעהן די פרויען־פראַגע פון ווייניגער׳ס שטאַנדפּונקט. דער פרינציפּ פון סעקסועלע צווישנפאָר־מען צעשטערט די אַמאָליקע באַגריפן פון „מאַן" און „ווייב", און לייגט אַריין אין זיי אַ נייעם אינהאַלט. ווי ס׳איז שוין פריער באַמערקט געוועזן (און דאָס איז לייכט אָנצונעמען, אויב עס ווערט נאָר אָנגענומען דער אויבנדערקלערטער אַלגעמיינער פרינציפּ),

---

*) „ריין־עסטעטיש" באַדאַרף מען ניט פאַרשטיין אַלס דאָס אַבסאָ־לוט־שיינע, נאָר איינפאַך: דאָס שיינע, ד. ה., דאָס, וואָס ס׳געפעלט עסטע־טיש, ווען מען זאָל אַפּוואַרפן די סעקסועלע מאָמענטן.

קאָן עס געבן אַזאַ „מאַן", װאָס זאָל זײַן מער W, װי אַ פרוי, און פאַרקערט, עס קאָן זײַן, אַז אַ באַשטימטע פרוי זאָל אַנטהאַלטן אין זיך מער M, „מאַן", װי אַ מאַן. באַטראַכטנדיק די פרויען־פראַגע, די שטרעבונג פון דער פרוי זיך צו עמאַנציפּירן, מוז מען זאָגן, אַז די דאָזיקע עמאַנציפּאַציע־באַדערפעניש און עמאַנציפּאַציע־פעאיקייט ליגט אין דעם טייל M, װאָס די געגעבענע פרוי פאַרמאָגט. אונטער „עמאַנציפּאַציע" דאַרף מען דאָ ניט פאַרשטײן דעם װילן צו האָבן אַ גרעסערע דעה אין שטוב, אָדער דעם מוט צו גײן בײַנאַכט אַהײם אָן אַ באַגלײטער; די דרײסטקײט עובר צו זײַן אויף די פאַרהײליקטע געבאָטן, װאָס פאַרװערן דער פרוי אַלײן צו גײן אין געסט צו אַ מאַנספּאַרשוין און אַז. װ.; אויך ניט דאָס זוכן אַזעלכע שטענדיקע באַשעפטיגונגען,—אַ מלאכה, אַ שטעלע, אוניװערזיטעט־שטודיום, קאָנסערװאַטאָריע און ד. גל. די עמאַנציפּאַציע, פון װעלכער עס רעדט זיך דאָ, איז ניט דער װאונש פון דער פרוי אויסערליך צושטײן גלײך מיט דעם מאַנספּאַרשוין, נאָר דער װילן צו װערן מיט אים אינערליך גלײך, דערגרײכן צו זײַן גײסטיקער און מאָראַלישער פרײהײט, צו זײַנע אינטערעסן און שאַפנס־קראַפט. צו דער דאָזיקער עמאַנציפּאַציע האָט דאָס W, דאָס װײבליכע קײן שום באַדערפעניש ניט און ממילא אויך קײנע פעאיקײטן צו דעם. אין אַלע פרויען, װאָס שטרעבן װירקליך צו עמאַנציפּאַציע, און אין אַלע, װאָס זײַנען מיט אַ געװיסן רעכט באַרימט געװאָרן און גײסטיק באַדײטנדיק געװען, קאָן מען שטענדיק אײַנגעפינען זײער פיל מענליכע שטריכן, און אַז מ'זאָל זיך גוט צוקוקן, אַפילו אַן אַנאַטאָמיש־מענליכן געבײ, אַ קערפּערליכע ענליכקײט צו אַ מאַנספּאַרשוין. כמעט אַלע היסטאָריש־באַרימטע פרויען זײַנען געװען מענליך. צװישן די צאָלרײכע געליבטע פון דער באַרימטער זשאָרזש זאַנד איז געװען אַלפרעד מיוסע, דער װײבליכסטער ליריקער אין דער װעלט־פּאָעזיע, און שאָפּען, װעלכן מען האַלט פאַר דעם ערשטן פון די װײבליכע מוזיקער. די שרײַבערין דאַניעל סטערן איז געװען די געליבטע פון פראַנץ ליסט, װעמעס לעבן און װערק האָבן אין זיך

עטוואָס ווייבליכס. דאָרט, וואו מיר האָבן ניט קיין גענויע ידיעות וועגן די סעקסועלע באַציאונגען פון באַרימטע פרויען, געפינען מיר אַנדערע באַווייזן, למשל, א סך מיטטיילונגען וועגן זייער אויסערליכן אויסזעהן, וועגן זייערע מענליכע פיזיאָנאָמישע שטריכן. מען רעדט פון דזשאָרדזש עליאָט׳ס ברייטן, מעכטיקן שטערן. „אירע באַוועגונגען און אירע מינעס פון געזיכט זיינען געווען שאַרפע און באַשטימטע, ס׳האָט זיי געפעלט די ווייבליכע ווייכקייט". וועגן אַן אַנדער שרייבערין דערציילט מען, אַז „איר געזיכט איז געווען כמעט אַ פולקום מענליכע". דער פּאָטרעט פון איינער אַ דייטשער פּאָעטעסע דערמאָנט אָן די געזיכטס-שטריכן פון דאַנטע. ביי סאָפיאַ קאָוואַלעווסקאַ איז דער האָרוואוקס פון קאָפּ געווען אומגעוויינליך אָרים. ווייניגער ברענגט נאָך אַ גאַנצע ריי ענליכע היסטאָרישע ביישפּילן, וועלכע באַווייזן, אַז די באַרימטע עמאַנציפּירטע פרויען זיינען געווען מענליכע פרויען. ניט די פרוי וויל זיך עמאַנציפּירן, נאָר דער מאַן, וואָס זיצט אין איר. די פרוי, דאָס W האָט קיין שום באַדערפעניש ניט אין עמאַנציפּאַציע. דער גרעסטער, דער איינציקער פיינד פון דער עמאַנציפּאַציע פון דער פרוי, איז די פרוי אַליין.

דאָס צו באַווייזן איז די אויפגאַבע פון צווייטן טייל פון ווייניגערס בוך.

---

מאַי 1908.

# דרך ארץ!...

די לעצטע צייט נעמען זיך צו ליטעראַטור־קריטיק פיל ניט־באַרופענע, וואָס האָבן אַ קנאַפּע שייכות, אָדער גאָר קיין שייכות ניט, צו ליטעראַטור. אַלע שרייבן: רעדנער, אַגיטאַטאָרן, פּאָלע־מיקער, גלאַט אַזוי אויפגעריסענע מיילער און ווער נאָר ס׳האָט אַ פּען אין האַנט, אַ ביסל העזה און אַ שטענדער, פונוואַנען אַראָפּ־צו׳דרש׳ענען וועגן קונסט און ליטעראַטור.

אָט זיינען עטליכע קוריאָזן פון אַזאַ אַרט קריטיק.

„זיי (די קינסטלער, הייסט עס) ציען אַרויס די נשמה פון איר ערדישן מלבוש, גלעטן זי נאַקעטערהייט, קושן זי, צערטלען זי, אָנקוועלנדיק פון גאָטס יצירה" (אין קלאַמערן ווערט פּאַרטייטשט יצירה מיינט מען שעפּפונג.), אָדער:

„יעדער יידישער עקסטערן האַלט עס פאַר זיין אומבאַדינגטן חוב דורכצושטודירן האָמער׳ס איליאַדע, וויסן בעל־פּה די גריכישע מיטאָלאָגיע, קענען אַלע טראַגעדיעס פון עסכיל, סאָפאָקל און עוריפּיד". א. אַז. וו. און אַז. וו.

מילא, דאָס איז אַ האַלבע צרה. צו באַנאַליטעטן און נאַריש־קייט איז מען ווי עס איז צוגעוויינט און מ׳עון גייט פאַרביי זיי מיט גלייכגילטיקייט. די נאַקעטע נשמה, וואָס די קינסטלער, כּביכול, גלעטן זי און קושן זי און צערטלען זי און קוועלן אָן פון איר יצירה, שעפּפונג בלע״ז—איז דאָך ניט מער ווי אַ נאַרישע באַנאַלי־טעט. דאָס גלייכן דער עקסטערן, וואָס האַלט פאַר אַן אומבאַדינגטן חוב צו שטודירן האָמער, צו וויסן בעל־פּה די גריכישע מיטאָלאָ־גיע און קענען אַלע (!!) טראַגעדיעס פון עסכיל, סאָפאָקל און עוריפּיד—איז ניט מער ווי אַ נאַרישע היפּערבעל, אַ גוזמאָ פון אַ בעל־דרש׳ער, וואָס האָט זיך פאַררעדט ביז צו נאַרישקייט. ער־גער איז אָבער, ווען די פּראַזע ווערט אויסגעלאַסן, ווען דער בעל־דרש׳ער ווערט פאַרשייט און פאַרגעסט גאָר אינגאַנצן,

אַז ס׳זיינען פאַראַן אויף דער וועלט זאַכן, וועלכע מען מוז פילן און באַגרייפן און באַציען זיך צו זיי מיט אַ געוויסן גראַד רעס־פּעקט, און נישט לאָזן פריי דאָס מויל, רעדנדיק וועגן זיי.

אָט איז אַ ציטאַט וועגן מענדעלע מוכר ספרים:

„מ ע נ ד ע ל ע איז ניט קיין אמתער קינסטלער. מ ע נ ד ע ל ע ז ו כ ט נ י ט". די לעצטע ווערטער זיינען, צוליב זייער וויכטי־קייט, אונטערגעשטריכן פון הער קריטיקער אַליין. דאָס איז שוין אַביסל צו פיל!

פראַזן ווערן אומעטום ג ע ד ו ל ד ע ט, ווי אַלע אומפאַרמייד־ליכע בייז; אַזאַ נאַטור האָט שוין די פראַזע, אַז זי זעהט אויס, ווי אַן אומשולדיק, אַ ביסל נאַריש, נאָר ניט געפערליך שטיפקינד. די אויסגעלאַסענע פראַזע—דאָס איז שוין אַן אַנדער זאַך; ז י איז גע־פערליך. ז י מוז גערופן ווערן צו אָרדענונג.

---

פּערץ 1908

# דער אָנהייב.

דוכט זיך, ביי אַלעמען איז געווען אַזוי, ביי אַלע פעלקער אין אָנהייב פון זייער ליטעראַרישן שאַפן. אָנגעהויבן האָט מען פון דעם אומגעוויינליכן, פון דעם אויפפאַלנדיקן. איבערשאַפן פלעגט די ליטעראַטור אָדער דאָס, וואָס איז אין אמתן ניט געוויינליך, אָדער דאָס, וואָס זעט נאָר אויס אַזוי. קומען אין דער ליטעראַטור אַריין. פלעגט נאָר דאָס אויסטערלישע.

און ממילא—דאָס געפעלשטע.

פאַלש איז געווען די אַרט שאַפן. ניט צונויפגעגאָסן איז געווען דער שאַפנדיקער מיט דעם געשאַפענעם. אַ מיין, אַ כונה אַ זייטיקע, איז געלעגן צווישן זיי. די ליטעראַטור האָט געוואָלט ווײַלן אָדער מיט דעם פאַנטאַסטישן פון דעם אַלטן פסעוודאָ-קלאַסיציזם, אָדער מיט דעם קאַלס-צוגעטראַכטן פון דעם אַלטן ראָמאַנטיזם, אָדער גאָר מיטן וויץ, מיט דער קאָמישער תנועה פון דער אַלטער הומאָרעסקע.

פאַלש איז געווען דער אינהאַלט פון דעם שאַפן. אַפילו אין סאַמע אָנהייב פון איר אַנטשטיין פלעגט יעדע ליטעראַטור האָבן צו טאָן מיט די אייביקע פראַגן אונזערע, מיט די שטענדיקע פאַרבן פון לעבן—סוף-כל-סוף מיט דעם זין פון לעבן. נאָר אויפגעדעקט פלעגט ווערן אָט דער זין פון לעבן אין דער קרומקייט פון זעלטענעם און דאָס אַליין פלעגט דעם דאָזיקן זין פאַרקרימען.

און שטענדיק פלעגט קומען איינער, דער אמתער, דער, אין וועמען ס'פלעגט זיך אָנזאַמלען די שאַפנדיקע קראַפט פון גאַנצן פאָלק, פלעגט זיך אויך אָננעמען פאַר די אַלטע פאָרמען און פלעגט זיי גובר זיין. מיט דעם גוואַלדיקן כח, וואָס נאָר אַ גאַנץ פאָלק קאָן געבן, פלעגט ער סוף-כל-סוף דורכברעכן דאָס פאַלשע פון די אַלטע פאָרמען און קומען צום אמתן שאַפן, צום עטישן שאַפן.

און וואָס גרעסער די שאַפנדיקע קראַפט פון דעם איינעם פלעגט זיין, וואָס שטאַרקער און עטיש-געזינטער דאָס פאָלק פלעגט זיין, אַלץ ווייניקער שפורן פון דעם אַלטן פלעגט בלייבן ביי דעם נייעם שעפער, ביי דעם אָנהייבער פון דער נייער עפּאָכע, און אַלץ ווייניקער לעבנס-פעאיק פלעגן בלייבן די דאָזיקע שפורן.

---

דוכט זיך, אַז אין אָנהייב פון יעדער ליטעראַטור צוזאַמען מיט דעם פאַנטאַסטישן הערשט די סאַטירע. דאָס איז די צוגענגליכסטע פאָרם פון יענער צייט. פאַר די, וואָס שאַפן מיט דעם מיין צו פאַרווילן, איז די סאַטירע דאָס גינסטיקסטע מיטל. דאָס פאַנטאַסטישע מאַכט מיד; נעמט מען דאָס, וואָס זעט אויס אומגעוויינליך, וואָס האָט דעריבער דעם אויסזען פון דעם פאַנטאַסטישן, נעמט מען דאָס זעלטענע, אין וועלכן עס ליגט אַ צופעליקע דיסהאַרמאָניע—דאָס אויבערפלעכליך-קאָמישע.

צום ביישפּיל, ליבע—דאָס אייביקע טעמע. אַ לעגענדאַרער ריטער ליבט אַ פאַרכישופטע פרינצעסין. איינער, אַ מענטש, ליבט אַ געוויינליך מיידל. אַ קרומער „בורקוט" איז פאַרליבט אין אַ בלינדער מאוסקייט, מיט וועלכער ער גייט איבער די הייזער. אין אָנהייב פון דער ליטעראַטור זעט דעם שרייבערס אויג אָדער דאָס ערשטע אָדער דאָס לעצטע. דער געוויינליכער פאַל, דער צווייטער, פאַרדינט ניט זיין אויפמערקזאַמקייט. און פון די ביידע אומגעוויינליכע, פון די אינטערעסאַנטע פעלן, איז אין דער צייט דער אינטערעסאַנטסטער, דער צוגענגליכסטער דער דריטער פאַל—דער קאָמישער, דער אויפפאַלנדיק-קאָמישער.

ווי אין אַ צירק. עס שפרינגט אַרויס דער פּאַיאַץ. אומגעוויינליך געקליידט, אַן אומגעוויינליך אויסזען. גוואַלדיק ברייטע הויזן און גוואַלדיק קורצע. אַ משונהדיקער ראָק. האָט שטענדיק האָר פון אַ ניט געוויינליכער פאַרב. אַ פאַנטאַסטישע נאָז. און געקרוינט מיט דער פּאַיאַץ-מיץ, מיט דער באַרימטער פּאַיאַץ-מיץ... יעדער טריט זיינער באַדאַרף זיין אַ פאַרדרייטער, ביי יעדן

וואָרט — אַ תנועה, אַן „אינטערעסאַנטע״ תנועה. לאַכט ער — באַדאַרף ער לאַכן גוואַלדיק, וויינט ער, דוכט זיך — טייכן גיסן זיך, פאַלט ער — דרייט ער זיך דריי מאָל מיטן קאָפּ אַריבער...

און אַז עס קומט דער איינער, דער אמתער, נעמט ער אויך די אַלטע געפּעלשטע פאָרם, הייבט ער אויך אָן פון דעם פאַלשן קלאַסיציזם, פונם אויסגערעכנטן ראָמאַנטיזם אָדער — עפּ־טער — פון דער אַזוי־גערופענער סאַטירע און איז זיי — די אַלטע פאָרמען — גובר; בויענדיק אין זיי, צעשטערט ער זיי און לייגט דעם ערשטן, דעם וויכטיקסטן ווינקלשטיין אויף דעם צוגעגרייטן באָדן.

אַזוי האָט גאָגאָל אָנגעהויבן פון דעם קאָמישן פריץ, וואָס האַנדלט מיט טויטע נפשות, און אין דער אַלטער פאָרם פון אויפ־פאַלנדיקן און אויסטערלישן, פון צופעליקער דיסהאַרמאָניע און צייטווייליקע ווידערשפרוכן, און געשאַפן אַ געניאַל־טראַגיש בילד פון אַ גאַנצן דור בפרט און פון אַ גאַנצן פאָלק בכלל. אַזוי האָט סערוואַנטעס אָנגעהויבן פון דעם אַלטן באַקאַנטן קאָמישן פּאַר־שוין, וואָס גלויבט אַליין אין זיינע לופט־שלעסער, און געענדיקט מיט אַ מאָנומענטאַלן טיפּ, פון דעם דאָן־קישאָט, וועלכן קיין קינסטלער פון קיין פאָלק האָט נאָך עד היום ניט געקאָנט אַריבערשטייגן.

---

נישט דוקא מיט דער סאַטירע, וואָס איז גובר זיך אַליין, הייבט זיך אָן די ליטעראַטור. נעבן גאָגאָלן איז געשטאַנען פּושקין, וואָס האָט באַזיגט די אַלטע פאָרמען אין דעם קלאַסיציזם און אין דעם ראָמאַנטישן. גייסטיק־רייכערע פעלקער, אָדער גייס־טיק־טיפערע (טראַגישע) פעלקער האָבן דוקא אין דעם ראָמאַנ־טישן געפונען דעם נייעם וועג, וואָס פירט פון דעם געפּעלשטן צו דעם אמתן, צו דעם עטישן.

אַ פאָלק, וואָס פאַרמאָגט אַזאַ רייכע קולטור־ירושה, אַ פאָלק, וואָס איז דערצו אַזוי טיף טראַגיש, ווי יידן, האָט אייגנטליך אויך געדאַרפט געפינען דעם וועג צו דעם עטישן שאַפן ניט אין דער הלצה, אין דעם אייגנטליך־אומעטישן וויץ פון דער סאַ־

טירע, נאָר אין דעם ראָמאַנטישן. אַזוי האָט באַדאַרפט צו זיין, נאָר אַזוי איז ניט געווען.

ווער ווייסט פאַרוואָס? ווער ווייסט, פאַרוואָס און ווי אַזוי עס רייסן זיך פלוצלינג איבער ביי אונז די קוואַלן פון שאַפן, פאַרוואָס און ווי אַזוי מיר זיינען געקומען פון דעם מקונן ירמיהו דורך די מאַיעסטעטישע שפּאַנישע יידן, דורך די געניאַלע שע־פער פון נאָך שפּאַניע—צום בדחן. ווער ווייסט? נאָר אַ פאַקט איז דאָס. דער אָנהייב פון אונזער ליטעראַרישן שאַפן איז געווען די בדחנישע סאַטירע.

געוועזן איז דער אָנהייב—שלום יעקב אַבראַמאָוויטש.

און ניט דאָס, וואָס ער איז געווען, איז ער געוואָרן. פון אַבראַמאָוויטשעס פסעוודאָנים ביז דעם כאַראַקטער פון זיין שפּראַך און—נאָך מער—ביז דעם כאַראַקטער פון זיינע העלדן, איז מענ־דעלי מוכר ספרים איינגעטונקט געווען אין די אַלטע געפעלשטע פאָרמען, אין דער אַזוי גערופענער יידישער סאַטירע. פאַרמאָגט אָבער שלום יעקב אַבראַמאָוויטש די קראַפט, וואָס דאָס גאַנצע פאָלק האָט אַזוי פיל צענדליקער יאָרן געזאַמלט צום שאַפן און זי צום שאַפן ניט אויסגענוצט. פאַרמאָגט ער די גוואַלדיקע קראַפט, וואָס דער אמתער, דער אָנהייבער באַדאַרף צו האָבן, און אין די אַלטע פאַרדאָרבענע פאָרמען האָט ער אויסגעבויט ריינע בנינים, איינגעמויערט די ווינקלשטיינער פון דער יידישער ליטעראַטור, געשאַפן איר אָנהייב.

ער האָט דעם אַלטן בדחן באַזיגט. אין זיך אַליין האָט ער אים באַזיגט. דער נייער אינהאַלט, דער עטישער אינהאַלט פון מענדעלעס שאַפן האָט צעשטערט די פאָרמען פון זיין שאַפן. די גרייס פון מענדעלע מוכר ספרים איז די גרייס פון פאָלק אין דער צייט. וויפיל שאַפונגס־קראַפט דאָס פאָלק האָט אין יענער צייט פאַרמאָגט, אַזויפיל האָט עס מענדעלען אָפּגעגעבן. און פונקט אַזוי ווי דאָס פאָלק האָט נאָך אין יענער צייט ניט געהאַט דורכ־געמאַכט, ניט פאַרענדיקט די תקופה פון דעם בדחן—און אפשר האָט זי זיך דאַן ערשט אָנגעהויבן—אַזוי האָט אויך מענדעלע מ"ס ניט אינגאַנצן באַזיגט די אַלטע פאָרמען. די אַלטע פאָרמען זיינען

נאָך אויף אַ לאַנגער צייט—אונזער צייט אויך אין כלל אַריינגע־רעכנט—געבליבן לעבנספּעאיק.

און דעריבער ציִען אַלע דעם יחוס פון אים. אַלע זיינען מיר—די גרויסע און קלענערע, די גרעסערע און גאָר קליינע—אַלע זיינען מיר מענדעלעס אייניקלעך. נאָר אין מענדעלעס משפחה געפינט זיך נאָך עד היום דער בדחן און ער האָט אויך דאָס רעכט אויפן יחוס־בריוו.

מענדעלע מ״ס איז דער אָנהייב פון דער יידישער ליטע־ראַטור, נאָר דער אָנהייב, וואָס ציט זיך נאָך, וואָס איז נאָך אַלץ אַן אָנהייב. איצט זעט מען שוין, ווער פון די אייניקלעך איז פאַרמשפּט אָן אַ ליטעראַרישן דור צו בלייבן און ווער וועט ווייטער שמידן די רינגען פון דער קייט. דערווייל אָבער איז נאָך די יידישע ליטעראַטור ניט דורכגעגאַנגען די אַלע פּאַזיסן פון מענדעלעס אָנהייב...

זיין איז ער אָבער דער אמתער, דער אָנהייבער, דער, וועמעס נאָמען די יידישע ליטעראַטור וועט שוין שטענדיק טראָגן, ווי איר פאָן.

אַכטונג און ערע אים!...

(„מענדעלע מוכר ספרים״, זאמלבוך, ווארשע 1910).

# ביכער און לעזער.

ס'איז נאָך קיינמאָל אַזוי פ י ל יידישע ביכער און אַ ז ו י נ ע יידישע ביכער ניט ערשינען. עס האַנדלט זיך וועגן דער כמות: צאָל און דער גרויס פון די ביכער.

נאָך גאָר ניט לאַנג האָט — דורכשניטליך — דאָס טייערסטע בוך געקאָסט 20—30 קאָפּ. און דאָס גרעסטע פלעגט באַשטיין פון 5—6 בויגן. אַ גרעסער בוך מיט אַ העכערן פרייז פלעגט ערשיינען אין געציילטע פאַלן.

איצט איז ניט קיין זעלטנהייט אַ יידיש בוך פון 200, אַפילו 300 זייטן. אַ רובל — איז געוואָרן דער מעסיקער פרייז פון אַ יידיש בוך.

אַליין און פאַר זיך האָט דער פאַקט קיין באַדייטונג ניט. פון דער צאָל בויגן און פון פּרייז איז נאָך ניט צו זעהן די גוטסקייט פון בוך. און אין אמת'ן איז איצט דער ביכער-מאַרק געפאַקט מער מיט „סחורה", מיט קויפּבאַרן, ווי מיט ליטעראַרישע ווערטן. דער גרעסטער טייל פון די ביכער, וואָס ערשיינען, איז מער ניט אַ לעזע-מאַטעריאַל, אָבער ניט קיין שאַפן. נאָך מער, מען קאָן זאָגן, אַז איצט ערשיינען נישטיקע ביכער אַ סך מער, ווי פריער. און גאָר אַ קליינע צאָל ביכער פון די איצטיקע וועט בלייבן אין אונזער קולטור-בנין.

נאָר דער אָנגעוויזענער פאַקט האָט אַ גרויסע באַדייטונג, ווי אַ סימן פון דעם, וואָס עס קומט איצט פאָר אין אונזער געזעלשאַפט אינערליך.

אַ נייער לעזער האָט זיך באַוויזן: דער פאַרמעגליכער לעזער. פריער איז דער אַרבעטער געווען דער איינציקער לעזער און קויפער פון יידישן בוך. איצט לעזט און קויפט דער פ אַ ר מ ע גל י כ ע ר ב ע ל-ה ב י ת און — אין אַ געוויסער מאָס — דער אַזוי-גערופענער אינטעליגענט. אויף די ביידע האַלט זיך דאָס טייערע בוך.

מען זאָגט, אַז שלום־עליכמ׳ס ווערק ווערן זייער גוט פאַרקויפט. דוכט זיך, אַלע זיינע ווערק זיינען פריער געווען גע־דרוקט אין באַזונדערע ביליגע אויסגאַבן און בראָשורן. איצט ער־שיינען זיי אין גרויסע בענדער מיט הויכע פרייזן. און מען קויפט. און ס׳איז אָן ספק, אַז דער הויפּט-קויפער פון זיינע ווערק איז דער פאַרמעגליכער בעל־הבית.

אַחוץ דעם, וואָס דאָס זיכערט אַ מאַטעריעלן באָדן פאַר אונזער ליטעראַטור, ענדערט דאָס צו גוטן די גייסטיקע באַדינ־גונגען, און די נייע יידישע ליטעראַטור וואַקסט.

צווישן פיל אַנדערע, טיפערע סבות האָט געשאָדט אונזער ליטעראַטור די איינאַרטיקייט פון אירע לעזער. פרץ און שלום־עליכם האָבן געשריבן פאַר איין פובליקום, הגם זייער שרייבן איז אַזוי פאַרשיידן, אַז דער לעזער פון איינעם קאָן כמעט גאָרנישט געפי־נען ביי דעם צווייטן. און ביידע, אייגנטליך פאַרשיידענע, לעזער האָבן מיטן זעלבן געשמאַק געלעזן ביידע פאַרשיידענע און קעגנ־זעצליכע שרייבער, און אַזוי ווי דאָס פובליקום האָט ניט געהאַט קיין אויסגעבילדעטן געשמאַק, פלעגט עס ביידע צונויפמישן אינ־איינעם. מען קאָן נאָך אַפילו איצט טרעפן זעער און זעער פיל לעזער, וואָס זוכן—און געפינען, מן הסתם—ביי פרצ׳ן—דעם „וויץ״ און ביי שלום־עליכמ׳ען—דאָס טראַגישע. און אויך דעריבער—עס זיינען דאָ אַנדערע וויכטיקערע סבות — איז אין קיין ליטעראַטור ניט מיגליך אַזוי לייכט צו פעלשן, ווי ביי אונז; אין קיין אַנדער ליטעראַטור שטייען ניט צוזאַמען אין איין תחום, פאַר איין פוב־ליקום, ליטעראַרישע בעלי־מלאכות און קינסטלער, „מאַשינאָווע״ שרייבער און שעפער.

דאָרט האָט זיך יעדער זיין עולם. דער עולם האַלט נאַ־טירליך זיין שרייבער פאַר דעם ערשטן גאון. אָבער אָט דער „ערשטער גאון״ האָט שוין קיין דריסת־הרגל ניט אין תחום פון דעם אַנדערן עולם. ביי אונז איז כמעט ביז דער לעצטער צייט געווען נאָר איין עולם.

און איצט טיילט זיך דאָס.

עס קומט דער בעל־הבית און נעמט דאָר זייניקע, וואָס איז

גייסטיק נאָענט צו אים און געמאַכט געוואָרן פאַר אים. ער האָט דאָס פולע רעכט דערויף.

פון צוויי זייטן האָט דער בעל־הבית מיטגייער. אַ טייל פון פריערדיקן לעזער האָט אויך הנאה פון דעם זעלבן ליטעראַרישן געקעכטס. אַ טייל פון דער אינטעליגענץ, אַז זי לייענט יידיש, וויל זי אויך דאָס בעל־הבתּישע, דאָס „אינטערעסאַנטע״ און יידיש־ליך-וויציקע.

און עס טיילט זיך ביסלעכווייז אויס נאָך אַ לעזער. דער ייד, וואָס קומט צו דער נייער יידישער ליטעראַטור פון דער אמת־יידישער אַלטער קולטור, און דער אַזוי־גערופענער אינטעליגענט, וואָס קומט צוריק פון דער פרעמד, צו דער אייגענער קולטור;

---

וואַרשע, פעברואַר 1920

# „זֵכֶר לְחוּרבָּן“.

ווי משונה גיך עס ווערן צעשטערט די אַלטע, די יידישע פֿאָרמען פון אונזער לעבן!

אַלע זעהען מיר דאָס, נאָר זעלטן ווען עס קומט צום באַוואוסטזיין, וואָס דאָס אויג זעהט, זעלטן ווען מיר באַמערקען, אַז דאָס, וואָס איז נאָך אָקאָרשט געווען, איז שוין ניטאָ, אַז דאָס, וואָס מיר, נאָך יונגע מענטשן, האָבּן בעת אונזער קינדהייט אין יידישן הויז געזעהן, איז שוין איצט כמעט ווי נישטאָ, שוין אינגאַנצן נישטאָ.

איך זיץ און לעז פאַר איינעם אַמאַנוסקריפּט. איך לעז, ווי אַ יידיש הויז איז באַשריבּן. איבּערן טיר — לעז איך — דער „זכר לחורבן“, דער ניט־פּאַרקאַלכטער טרויער פון יידישן הויז. שטעלט מיך אָפּ דער, פאַר ווּעמען איך לעז: „זכר לחורבן“—דאָס דאַרף מען דייטליכער אויסדריקן... און מיט־אַמאָל ווערט קלאָר, שרעקליך קלאָר, אַז איצט באַדאַרף מען שוין פאַרטייטשן, באַשרייבּן, דערציילן, ווי דער „זכר לחורבן“ האָט אַמאָל אויסגעזעהן, ווייל זעלטן ווער עס זעהט איצט אָט דעם אַמאָליקן ד׳ על ד׳, וואָס פלעגט אין יידישן הויז דערמאָנען, וואָס איז אַמאָל מיט אונז געווען, וואָס איז איצט און וואָס מען דאַרף, עס זאָל ווערן. איצט זעהט מען דאָס ניט.

„דעם אַמאָליקן ד׳ על ד׳...— ווען אַמאָל? סך־הכל מיט צוואַנציק יאָר צוריק איז קיין איין הויז אין שטעטל ביי אונז ניט געווען אָן דעם „זכר לחורבן“. איצט איז שוין אין קיין הויז ביי אונז קיין זכר לחורבן נישטאָ...

פאַרקאַלכט!.. אַ רוסישער שרייבּער האָט אַמאָל אויף דער נייער „קולטור“, וואָס האָט דאָס רוסישע דאָרף פאַרפלייצט, אויסגעשריען: „די פאַבריקמאַכערישע ציוויליזאַציע“.. אָט דער אינטעלי־

גענט־פאַריקמאַכער, דער יידישער משכיל איז געקומען און האָט פאַר־שמירט, באַפּוצט—לויט זיין געשמאַק—די אַלטע שיינקייט פון דעם יידישן הויז, זיין אוממיטלבאַרן און אויפריכטיקן טרויער, האָט פאַריקמאַכעריש ציוויליזירט דאָס יידישע הויז, דאָס יידישע לעבן, און צעשטערט אַלע פאָרמען, אַלע שיינקייטן, אַלע ווערטן, אויף וועלכע ער איז געראָד בכוח זיין האַנט אין שלעכט אויסגעוואַשע־נעם מאַנזשעט צו פאַרמעסטן.

ווייס איך, אַלטע פאָרמען מוזן און דאַרפן צעשטערט ווערן, מוזן אָפּלעבן. און דאָס איז גוט, דערין ליגט דער סוד, וואָס דאָס לעבן איז אַזוי און קאָן זיין אַזוי פאַרבלענדליך־פאַרביק. נאָר, גע־וויינליך, ניט ביי אונז בלייבט דאָס ווערטפולע פון די אַלטע פאָר־מען, גייט זייער חן איבער צו די נייע בירושה, שמידט זיך,—לאָ־מיר באַנוצן דעם בילדליכן אויסדרוק, וואָס פּרק האָט פון אַלטן ספר אויפגעלעבט—ציט זיך די גאָלדענע קייט, די זיידענע שנור, וואָס בינדט אַלע דורות צונויף. ווייס איך, אָנשטאָט די אַלטע פאָר־מען ווערן נייע באַשאַפן און די נייע האָבן דאָס זעלבע און אין זייער צייט נאָך אַ גרעסער רעכט צו עקזיסטירן, ווי די אַלטע. נאָר די נייע פאָרמען, וואָס די יידישע „פאַריקמאַכערישע ציוויליזאַציע" האָט באַשאַפן, האָבן קיין רינג ניט, אין דער גאָלדענער קייט זיך אַריינצושמידן.

אָט, דערמאָן איך זיך, האָט דער ציוויליזירטער ייד זיין „זכר לחורבן". איך האָב געזעהן ניט לאַנג ביי אַ יידן אַ נאַציאָנאַ־ליסט אין הויז, אין קאַבינעט, איבער זיין אַרבעטס־טיש אַ מאָדער־נעם זכר לחורבן. אַ בראָנז־ברעטל, דוקא שיינע אַרבעט (דוכט זיך, „בצלאל־אַרבעט) מיט אַן אויפשריפט: „מה עשית היום בעד עמך וארצך ?" און איך בין זיכער, אַז יעדערן, וואָס זאָל אַזאַ ברעטל אין אַ יידישן הויז דערזעהן, און וואָס זאָל עס מיט אָפענע אויגן דערזעהן, אַז יעדערן וואָלט קאָלט געוואָרן פון אינערליכן שרעק, אַז יעדער וואָלט מוזן דערפילן, אַז אָט שטייט פאַר אים דער לעצ־טער ייד, אַז אָט צאַנקט דאָס ליכטל פון דער יידישער נשמה און האַלט ביים אויסלעשן זיך.

דערפילן, בין איך זיכער, מוז מען דאָס, נאָר פאַרוואָס איז

דאָס אַזוי, דאָס איז משונה שווער צו באַווייזן. ניין צענטל פון אונז זיינען יידן, וואָס וואָלטן אַזוינע ברעטלעך ביי זיך איבערן טיש אויפגעהאַנגען. און די ניין צענטל איז דאָס מוראָדיק שווער צו דערווייזן. גאָר אַנדערע ווערטער באַדאַרף מען האָבן דערצו. ניט די, וואָס מען באַנוצט געוויינלעך.

פאַרוואָס? ווייל אַזאַ ברעטל איז—שקר, גראָב, פאַלש, אויס־געטראַכט, צוגעקלערט. אַ פאָלק זאָגט קיינמאָל קיין שקר ניט, אַ פאָלק איז שטענדיק אויפריכטיק, אַ פאָלק טראַכט ניט צו, אַ פאָלק שאַפט. וואָס אַ פאָלק שאַפט, קאָן זיין אומפאַרשטענדליך, קאָן ווערן אומפאַרשטענדליך, קאָן ווערן פרעמד, נאָר עס וועט קיינמאָל ניט אויסזעהן ווי אַ ליגן. תפילין — טוטפות בין עיניך, — אַזאַ שווערע, אַזאַ ניט-נאַטירליכע זאַך פאַר מענטשן, וואָס גייען אין סורדוטן און פידזשאַקן און טראָגן היט אויפן קאָפּ, און דאָך וועט עס אַפילו אַ פרעמדן, אַפילו אַ כופר ניט אויסזעהן פאַרלאָגן. און אין אַזאַ ברעטל פילט זיך דער שקר, צוגעטראַכט האָט דאָס דער, וואָס איז אָ פ ג ע ר י ס ן פון פאָלק.

ווי אַזוי וואָלט דאָס איינער, וואָס שטייט א י ן פאָלק, זיך א י ב ע ר דעם פאָלק געשטעלט, איבער אַ נאַציאָן אַ גאַנצער — „וואָס האָ ס ט ו געטאָן פ אַ ר דיין פאָלק?"

ווי אַזוי קאָן זיך דאָס יידישע באַווייזן, ווי אזוי קאָן זיך אין דער קייט פון די דורות אַריינשמידן אַזאַ מאָדערנע מזוזה? דאָס פאָלק פאַרמאָגט אוממיטלבאַרע געפילן, פשוטע, איינפאַכע— אין גוטן זין פון די ווערטער — „אַ זכר לחורבן" איז טרויער אין פשטות, אָן קונצן. זעהט דאָס איינער, ווען ער איז אַ קינד געוועזן, בלייבט דאָס אים אין האַרצן אויפן גאַנצן לעבן. דאָס פאָלק פאַר־מאָגט דעם אמתן פאַטאָס. אַ מזוזה איז פאַרגליווערט. נאָר אָט גייט דער ייד, וואָס האָט אַ מזוזה אין הויז, אין שול אַריין, הערט איר דעם גרעסטן, דעם אמת'סטן פאַטאָס פון „אחד", דעם פאַטאָס, וואָס פאַרמאָגט ב א מ ת גרייטקייט, פשוטע גרייטקייט אויף מסירת נפש פון די עשרה הרוגי מלכות...

האָט איר פשטות אין דעם פרעטענציעזן ברעטל? האָט איר

אמת׳ן, יידישן פּאַטאָס אין אים? פּאַטאָס איז דאָ, נאָר דער פּאַ־טאָס איז פאַלש. גראָב צוגעטראַכט, טרוקן און מורא׳דיק אָרים.

און אָט דער קולטורעלער דלות, די קאַלט־צוגעטראַכטע „בצלאל“־ברעטלעך קומען אויפ׳ן אָרט פון אונזער פריערדיקער באמת ניט־געוויינליכער רייכקייט, אויפן אָרט פון דעם ווירקליכן פאָלקס־שאַפן...

דער זון און דער אייניקל פון דער השכלה האָבן זיך אָפּ־געריסן פון פאָלק, האָבן כמעט אַלע אונזערע יידישע לעבנס־פאָר־מען צעשטערט און אָנשטאָט זיי עפּעס אָנגעשלעפּט, אָן געשמאַק און אָן יידישן חוש, פון דער פרעמד, און אונזער לעבן געמאַכט נרוי און שענדליך־אָרים. צי איז ניט צייט צוריק?!...

מערץ 1910.

# אונזער צייט.

עס איז נאָך ניט מיגליך אויסצומעסטן דעם טיפן חורבן וואָס די מלחמה האָט אַריינגעבראַכט אין אונזער נאַציאָנאַלן לעבן. ניט אויפגעהערט האָט נאָך דער גוואַלדיקער אימפּעט פון איר צעשטערנדיקער קראַפט און עס קען גאָר זיין, אַז די מאוימדיקע פינפטהאַלבן יאָר פון דער אויסוויינקסטער מלחמה זיינען ניט, מער ווי אַן אָנהייב פון אַ גאַנצער תקופה מלחמות אינעווייניק-סטע, וואָס וועלן ברעכן און אויסוואָרצלען אַלע יסודות פון דעם איצטיקן וועלט-סדר. און וואָס לענגער די תקופה וועט געדויערן, אַלץ טיפער וועט (יעדנפאַלס—קאָן) ווערן דער חורבן ביי אונז, און ווער ווייס, צי וועלן מיר קענען אויפגעבויט ווערן נאָך אַזאַ חורבן.

וואָרום אַפילו דאָס, וואָס איז שוין געשעהן מיט אונז, איז גענוג געפערליך פאַרן קיום פון אַ פאָלק.

קודם-כל האָט די מלחמה צעריסן אונז, אַ גאַנץ פאָלק, וואָס האָט געוואוינט אין איין לאַנד, אויף קליינע און קליינטשקע טיילן, איינגעצוימטע אין די גרעניצן פון די נייגעוואָרענע מלוכות, און דערמיט צעשפּאָלטן און געוויס געמינערט אונזער שאַפנספע-איקייט. אָנשטאָט דעם פריערדיקן גרויסן קולטור-לעבן אין רוס-לאַנד, זיינען מיר איצטער איינגעצוימט אין אַזוינע מלוכה-לעך. וואָס זייערע אייגענע הערשנדיקע פעלקער זיינען אַליין קולטורעל-אָרים און געזועלשאַפטליך ניט דערוואַקסן. אָדער זיי זיינען היס-טאָריש אַזוי אַיינגעבראָכן, אַז זיי זיינען ניט פעאיק אויסצובויען אַ פעסטן מלוכה-בנין, וואו אַלע שכנים, וואָס דער היסטאָרישער גורל האָט זיי צונויפגעפּירט אין איין לאַנד, זאָלן זיך קענען גע-רוים צונויפלעבן. אָנשטאָט דעם אָנטייל, וואָס מיר האָבן גענומען אין מדינה-לעבן פון רוסלאַנד, שטייען מיר איצט אין די נייגע-בילדעטע מלוכות אָן אַ זייט, פּאַסיוו און גלייכגילטיק צו דער

גאַנצער בוי־אַרבעט פון לאַנד, און אַפילו אונזערע אייגענע רעכט זיינען מיר אויך ניט ביכולת מיט די אייגענע כוחות אויסצוקעמפן ביי אונזער איצטיקן מצב.

אין אַלע געגנטן, וואו מיר זיצן, זיינען מיר איצט אויך, גליין ווי אין די ערגסטע צייטן פון דער צעבושעוועטער מלחמה, ניט באַוואָרנט מיט עלעמענטאַרער זיכערקייט פון אייגנס און לעבן: אויף אַלע אונזערע קיבוצים ליגט אַ פחד פאַר פאָגראָמען. אין אמת'ן איז שוין לאַנג ניט געווען אין דער וועלט אַזאַ טיפע אָנגעשטרענגטע שנאה צו אונז, ווי איצט. און מיר אַליין פאַרשטייען ניט, ווי צו שטילן די געפערליכע שנאה, און קענען ניט געפינען קיין אופן, ווי אַזוי זיך צוזאַמענצולעבן מיט אונזערע באַשערטע שכנים.

און נאָך מאַומדיקער איז אונזער עקאָנאָמישער מצב, מאַוםדיקער דערפאַר, ווייל סוף־כל־סוף פון אים און דערהויפּט פון אים נעמט זיך אונזער גוואַלדיקע אָפּהענטיקייט אין אונזער אינעווייניקסטן לעבן און די שאַרפקייט און גיפטיקייט פון דער שנאה צו אונז פון דרויסן.

עס רעדט זיך ניט פון די אומגעוויינליכע, אומבאַשרייבליכע אומגליקן, וואָס די מלחמה האָט געבראַכט, פון די אַכזריותדיקע, שפּאַנישע גירושים, וואָס האָבן חרוב געמאַכט צענדליקער טויזנטער יידישע פאַמיליעס, פון די גע'הרג'עטע, פאַרוואונדעטע און געפאַנגענע, וואָס זיינען אָפּגעקומען פון אונזער נאַציאָנאַלער אַרבעטס־קראַפט... אָט די אַלע וואונדן פון דער מלחמה, אַפילו די שרעקליכסטע פון זיי, וואָלטן זיך עקאָנאָמיש פאַרהיילט אין אַ געוויסער צייט. ניט אַזוי די אומגליקן פון דער מלחמה, ווי אירע גליקן האָבן צעשטערט אונזער עקאָנאָמישן מצב. דעם זומפּ אין אונזער לעבן האָט געשאַפן דער גאָלדענער רעגן, וואָס האָט זיך געגאָסן אין דער וועלט בעת דער מלחמה און דערהויפּט די לעצטע 2—3 יאָר. אומעטום האָט די מלחמה געענדערט און פאַרדאָרבן דעם עקאָנאָמישן לעבן און האָט אונזערע פרנסות, וואָס זיינען פריער אויך געווען קראַנקע און האָבן זיך נאָר ביסלעכווייז און פאַמעליך געבעסערט, לתלוטין געמאַכט געפערליך. אָן טיפע, גע־

וונטע עקאָנאָמישע וואָרצלען, מיט האַרבע דינים וועגן אַלץ, וואָס געהערט צום „בין אָדם למקום", און גאַנץ שוואַכע באַגריפן וועגן דעם, וואָס מען איז מחויב אָפּצוהיטן בין אָדם לחברו, האָבן מיר זיך מער ווי אַלע אַנדערע אַ לאַז געטאָן אויסצונוצן דעם מאָמענט, אַריינכאַפּן וואָס מער פון דעם, וואָס לאָזט זיך כאַפּן. די מיאוס-דיקע פאַרדאָרבענע שמוכלעריי איז געוואָרן אַ מין יידישע נאַציאָ-נאַלע פּרנסה. ווי אַ שלעכטע סאַרקאָמע פרעסט זי אויף די אַרו-מיקע געזונטע טיילן, פאַרשפּרייט זיך אָן אָפּשטעל איבערן גאַנצן קערפּער און שטעלט זיין קיום אין סכנה. די שמוכלעריי אין די היגע געגנטן און ספּעקולאַציע אויף יענער זייט האָט חרוב גע-מאַכט אונזער נאָרמאַלן האַנדל, צעשטערט אונזער האַנטווערקע-ריי און אויסגעראָטן כמעט אינגאַנצן דעם ווילן צו פיזישער אַר-בעט, וואָס איז פון תמיד אָן גאַנץ קליין געווען ביי אונז, נאָר וואָס האָט ביסלעכווייז, אָבער זיכער און אָן אויפהער געשטיגן אין די לעצטע פּאָר צענדליק יאָרן. די סומע נוצליכע אַרבעט, וואָס מיר ברענגען אויף דער וועלט, איז נישטיק-קליין געוואָרן.

צוליב דעם זיינען אַזוי פיינדליך געוואָרן די באַציאונגען אונזערע מיט די שכנים, מיט וועלכע מיר מוזן זיך ווי עס איז איינלעבן... און צוליב דעם איז ביי אונז אינעווייניק אַזוי פויל און אָפּגעלאָזן, און אונזער לעבן איז ענליך אויף אַ פאַרשיכּורטן טומל פון אַ יריד.

און די סיבות, וואָס האָבן אונז געבראַכט צום איצטיקן מצב —די מלחמה אויפן ערשטן פּלאַן — זיינען נאָך ניט בטל געוואָרן. עס איז נאָך לאַנג און אפשר זעער לאַנג צו וואַרטן אויף דער רואיקער צייט, ווען מיר וועלן קאָנען אויפשטעלן צוריק די צע-שטערטע יסודות פון אונזער לעבן. עס גייט אַ צייט אָדער אַ תּקופה פון צעשטערן. און קודם כל מוזן ליידן פון איר די קוואַלן פון דער יידישער פּרנסה. און די טיפע נעזועלשאַפטליכע פאַרדאָרבנ-קייט, וואָס זי ברענגט מיט זיך, מוז זיך קודם כל אָנקלעפּן אָן אונזער קערפּער. און אויב עס איז אמת, אַז אָט די תּקופה וועט ניט נאָר צעשטערן, נאָר אויך אויסבויען אַ נייעם וועלט-סדר, איז אַ פראַגע, צי וועלן מיר קומען אין דער נייער וועלט אַריין ווי

אַ גאַנץ פאָלק, אָדער ווי שטיקער פון אַמאָליקן גאַנצן, וואָס זי‎ אַכזריותדיקע רעדער פון לעבן האָבן צעבראָכן? דוכטן דוכט זיך, אַז דער ערשטער קרבן פון די נייע סאָציאַלע עקספּערימענטן, בשעת זיי וועלן קומען אין אונזער געדיכטן יידישן ישוב, וועלן מיר זיין, מ י ר, די, וואָס דער משוגענער יריד פון דער מלחמה האָט אונז רייך געמאַכט אין פּאַפּירענעם געלט און פאַראָרימט און אָפּגעצערט אונזערע לעבעדיקע כוחות צום שאַפן.

און דאָך איז פלאַים׳דיק ניט חרוב געוואָרן אונזער גייסט; אין ווילדן טומל פון די לעצטע יאָרן האָט ניט אויפגעהערט ביי אונז דער ווילן צום קולטור־שאַפן; אונטערן געדיכטן אַש פון דער מלחמה־שווינדלעריי גליען אמתע קולטור־באַדערפעניש; עס פילט זיך, אַז עס ליגן ערגעץ אָנגעזאַמלט גרויסע מיגליכקייטן, באַדייטנ־דיקע קולטור־כוחות, וואָס וועלן זיך אַנטפּלעקן אין דער ערשטער גינציקער שעה. די יידישע שול, וואָס האָט זיך פאַר דער צייט צעצווייגט און איינגעוואָרצלט, דאָס יידישע טעאַטער, וואָס שטייט שוין היינט אויף גאַנץ פעסטע יסודות, דאָס וועלטליך יידיש בוך, וואָס איז כמעט געוואָרן אַ מאַסן־באַדערפעניש — דאָס זיינען אַלץ סימנים פון דעם גאַנץ געבליבענעם גייסט פון פאָלק. און אויב אין די איצטיקע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע באַדינגונגען איז לעת־עתה ניטאָ קיין שטיץ־פונקטן אויף צו ענדערן אונזער שווערן סכנותדיקן מצב, דאַרפן מיר אָנווענדן אונזער היסטאָריש־אויסגע־פּרובטן מיטל, מיט וועלכן מיר פלעגן שטענדיק ווי־עס־איז אויפ־שטעלן אונזערע מאַטעריעלע חורבונות. מען דאַרף בויען י ב נ ה! מיר דאַרפן אַ טיפע און ברייטע קולטור־אַרבעט, מיר דאַרפן אַן אָנגעשטרענגטע קולטור־שאַפונג.

---

ווילנע, דעצעמבער 1918

ЛИТОВСК... (library stamp)

# ליכט און שאָטן.

**די בירזשע פון זאַוואַלנע-גאַס.**

די בירזשע פון זאַוואַלנע-גאַס—דוכט זיך, עליה השלום— איז געווען די מיאוסטע פון אַלע מיאוסע פרנסות, וואָס האָבן זיך פאַר אונזער לאַנגן לעבן ניט איין מאָל צוגעקלעפּט צו אונז.

די גאַנצע וועלט האָט געהאַנדלט און האַנדלט מיט ווערט-פּאַפּירן. איין צד לייגט צו דערביי, דער צווייטער פאַרדינט. אַזוי איז, לכל הפחות ביז היינט, געווען דער סדר עולם. נאָר די בירזשע פון דער גרויסער וועלט האָט זיך געהאַלטן אויף ממשותדיקע זאַכן, אויף אמתע באַדערפעניש, אויף געשאַפענע ווערטן אונזער בירזשע, פאַרקערט, קאָן האַנדלען נאָר מיט זאַכן, וואָס האָבן קיין שום ממשות ניט: מיט דער חתימה פון קאַסיר אויפן געלט-פּאַפּירל, מיטן מענטשעלע, וואָס איז אויסגעמאָלט אויף אים, מיט זיין גרויס און לענג, מיט זיין שטייפקייט אָדער צעריבנקייט, נייקייט און אַלטקייט—מיט דער געדיכטער אומוויסנקייט פון דאָרף און שטאָט-געסל, מיט דעם תוהו ובוהו פון מלחמה און רעוואָלוציע.

דער האַנדל מיט ווערט-פּאַפּירן איז אַ גאַנץ געוויינלעכע זאַך, נאָר מיר, די ניט-הענדלער, האָבן פון אים ניט געליטן אָדער געליטן אין זעלטענע פאַלן. אָבער פון האַנדל מיט פּאַפּירלעך אויף זאַוואַלנע-גאַס האָבן געליטן אַלע, אַחוץ די וואָס האָבן אויף יענעם ווינקל געקנאָטן דעם קויט און פון איין בוזים אין דעם אַנדערן געציילט די פּעקלעך פּאַפּיר. אויפן גאַנצן עקאָנאָמישן לעבן איז די בירזשע געזעסן ווי אַ צרעת און פון צרבעטער ביזן בעל-הבית האָבן אַלע געפילט דעם דאָזיקן קרעץ אויפן קערפּער.

און ביז היינט האָט אין דער גרויסער וועלט די פאָרם פון האַנדל מיט ווערט-פּאַפּירן קיינעם די אויגן ניט געריסן און איז געווען ענליך אויף אַלע איבעריקע אַרבעטן און פרנסות.

אונזער בירזשע אָבער האָט אויסגעזעהן ווי אַ משונה׳דיק פאַרקרימט פּנים, ווי אַ בייזע גרימאַסע. בפומבי, אין מיטן גאַס, פלעגט זיך טאָג־טעגליך צונויפקלייבן אַ פּאָר הונדערט יידן אין גוטע פעלצן און קאַפּעליושן, טויטשן זיך אויף די פיס אין זומפּ פון ראָג סטעפּן־גאַס און אין איבלדיקער ענגשאַפט און טומל, ווי פאַרשיכורטע אָדער פאַרכישופטע, דרייען צווישן זיך דעם ווילדן פלאָנטער פון זייערע חשבונות. עס פלעגט זיין אַ פּיין און אַ בזיון צו גיין פאַרביי אָט דעם מערקווירדיקן עולם און ביי יעדערן, וואָס האָט כאָטש עפּעס אַ חוש פאַר אָנשטענדיקע לעבנס־פאָרמען און געוויסע געזעלשאַפטס־זיטן, פלעגט זיין משונה׳דיקער אויס־זעהן אַרויסרופן אַ ווייטאָגדיקע באַדערפעניש, תיכף, דאָ אויפן שטעל, מיט אַ לאַנגן און פייכטן בייטש, צעיאָגן אָט די, וואָס האָבן קיין חרפּה און קיין בושה ניט.

און נאָך איינס. עס טוט וויי צו זאָגן, נאָר מען מוז: די בירזשע איז געווען אַ יידישע. ניט קיין יידן האָט מען דאָרט ניט געקענט געפינען. אונז ציט פון אינעווייניק און עס שטופּט פון דרויסן צו אַלע אומגעזונטע פּרנסות, און די אומגעזונטסטע פון אַלע, די אָסט־בירזשע־פּרנסה, האָט אונז אַריינגעצויגן מיט אַ גוואַל־דיקער קראַפט אין דער סאַמע טיפעניש פון איר זומפּ. אין הפקר פון די לעצטע יאָרן האָבן מיר זיך פונאַנדערגעשפּילעט ברייטער ווי אַלע אַנדערע און געבושעוועט ווי נאָר מיר האָבן געקאָנט. איז געווען אַ פרייער פּלאַץ ביי סטעפּן־גאַס, וואוהין קיינער, אַ חוץ אונז, האָט קיין חשק ניט געהאַט צו גיין שינדן די נבלה פון די כּל־ערליי רובלס, וואָס האָבן פאַרלאָרן זייער ממשות, האָבן מיר זיך אַהין אַ לאָז געטאָן, פאַרנומען אים פון עק צו עק און—געטאָן אין עסק.

איצט איז די בירזשע אויס. אויבנאויף איז זי ניטאָ. פאַר־שטייט זיך, אַז אינעווייניק האָט זיך גאָר נישט געענדערט. מיר האַנדלען, ווי פריער, מיט די זעלבע „אָסטן". נאָר זי שטעכט שוין מער ניט, לכל הפּחות, אין די אויגן, די יידישע בירזשע. און פון דעם אַליין איז שוין אויך עפּעס גרינגער. —

ווילנע, יאַנואַר 1919.

# דאָס טעאַטער.

### פראַגמענטן.

### I.

אַלע מאָל פלעגט קומען עמיץ, מיט גוטע אָדער שלעכטע צילן, און פלוצלינג איבעררייסן די שנור פון אונזער קולטור-געוועב און פאַרהיפּנאָטיזירן: „פאַרגעסט אַלץ״!... אויפוואַכנדיק, פלעגט אונז אונזער אייגענע שאַפונג אויסזעהן פרעמד און אומפאַרשטענדליך. ביז זי פלעגט ניט ווערן ביסלעכווייז ווי-ס׳איז באַפאַרבט מיט די געוויינליכע פאַרבן פון דעם ווייטערדיקן וואָכלעבן. און שטענדיק פלעגט אַ וועלכער-ס׳איז שפּעטערדיקער דור באַמערקן די פריערדיקע ווירקליכע פאַרב פון דעם אָדער יענעם טייל קולטור-ירושה און ניט פאַרשטיין, פונוואַנען נעמען זיך אַזעלכע בונטע פאַרבן אויפן גרויען פאָן פון יידישן עבר. אַזוי האָט דער יידישער פאָלקס-גייסט איינעם פון די געניאַלסטע וועלט-ספרים—דעם זוהר—באַשאַפן. באַשאַפן—און פאַרגעסן. פאַרגעסן דעם טייטש פון די ווערטער, דעם אָפענעם זין פון דער פאָרמעל. און איינגעהויקערטע, אויסגעדאַרט-אַסקעטישע דורות לייגן אַריין ווייערע ענויי-הגוף-כוונות אין די ליידנשאַפטליכע לעבנס-דורשטיקע, מיט פאַרהייליקטער זינדיקייט דורכגעדרונגענע קאַפּיטלעך פון דער אַלטער חסידות... עמיץ האָט די שנור פון דעם פאָלקס-זכרון איבערגעריסן !...

און אויב ביסלעכווייז פלעגט דאָך געלינגען ווי-ס׳איז צונויפצוקניפן דעם איבערגעריסענעם פאָדים אין אַנדערע געביטן פון אונזער קולטור-לעבן, איז דאָס יידישע טעאַטער געבליבן אינגאַנצן אָפגעריסן פון דער פאַרגאַנגענהייט, פון די באַפרוכטונגס-קוואַלן פון דער יידישער-געשיכטע. גלייך ווי אַנדערע פעלקער, האָבן מיר אויך געהאַט דעם אָנפאַנג פון טעאַטער-קונסט—פאָלקס-שפילן

און פאָלקס-פאַרווײלונגען, וואָס זײַנען פאַרבונדן געווען מיט גאָט-דינסט, מיט רעליגיעזע קולטן. אַ האַלב-באַזיגט פאָלק האָט נאָך געקענט אַ פרעמדן, אַ גריכישן דיאָניסיען-קולט איבערשאַפן אין אײגענעם גײסט און די הײליקײט פון יום-טוב-טעג פײערן דורך רײַצנדיקע טאַנץ-נעכט פון ווײַס-געקלײדטע יונגפרויען און מענער-יוגנט אין די גערטנער פון ירושלים. איבערגעשאַפן — און פאַרגעסן. אויפגעכאַפט זיך באַזיגט און אָנגעשטרענגט דעם גאַנצן ווילן אויף הײ-שעה: בלײַבן לעבן, ניט אומקומען. פאַרגעשריבן אַ שטרענגע גײסטיקע דיעטע: זיך באַנוגענען מיט ווײניק, כדי ניט גײן צו פרעמדע; אַרומצוימען זיך, כדי ניט מקנא צו זײַן — און געהאָפט. דאָס פרײערדיקע לעבן איז געבליבן ווײַט, אָפּגעטײלט, ווי אויף יענער זײַט פון אַן אָפּגרונט. אויף יענער זײַט זײַנען אויך געבליבן די עלעמענטן פון טעאַטער-קונסט. די אַמאָליקע לעבנסלוסט — פאַרגעסן; אַלץ איז אין טרויער געלעגן. דער טרויער איז אָבער געווען אַ וואָכעדיקער, גרויער אַן אָפּגעשוואַכטער דורך רואיקע, מיושב'דיקע נחמה-האָפענונגען, און די דאָזיקע טרײסט-רואיקײט האָט דעם טראַגיזם פאַרטריבן. אַזוי איז דער ערשטער קוואַל פון דער יידישער טעאַטער-קונסט — די יום-טוב-שפּילן — אויסגעטריקנט געוואָרן.

ווײַטער ליגט אַ וויסט פעלד. אין דער צײַט פון אײראָפּעאישן רענעסאַנס זײַנען מיר פאַרטאָן אין פילאָזאָפיע און טעאָלאָגיע, אין מעדיצין, אין פילאָלאָגיע. שאַפן וואָס אונזערע קינסטלער, שלינגט עס אײַן די שול, שמידט עס צו צו זיך דער עמוד. דאָרט, אין דער גרויסער וועלט, הערשט אויך דער קלויסטער. אָבער יענער איז אָפן און זאָרגלאָז. אונזער שול איז ענג פאַרשלאָסן, אײַנזאַם און פאַר'דאגה'ט. דער קלויסטער ווערט אַ טעאַטער-בינע, אונטער זײַנע זײַלן ווערן מיסטעריען באַשאַפן און אויפגעפירט. אונזער רעליגיעז לעבן האָט שוין אָבער פאַרגעסן זײַנע אַמאָליקע קולטן. אַ שול פון אַ פאָלק, וואָס האָט קריעה געריסן און דערנאָך זאָרגפול פאַרנײט דעם צעריסענעם לאַץ, קאָן נאָר שטילע, עלעגיע-מעלאָדיעס שאַפן.

דערנאָך שרײַבט דאָס פאָלק אַ נײַעם געשיכטע-בוך, וועלכן קײנער קאָן עד-היום ניט פאַרשטײן און דערקלערן. שרײַבט פּי-

בערהאַפטיק, קרענקליך אָנגעשטרענגט, געשפּאַנט זוכנדיק. נעמט אָן אַ נייע שפּראַך און קערט זיך אום צו אַלטע רעליגיעזע קולטן. פאַלשע משיחים, מיסטישע פאָלקס־טריבונען, פאַר׳סוד׳עטע בעלי־מופת און קאָלאָסאַלע פאָלקס־אומגליקן.

אפשר זיינען עס אין יענער צייט באַשאַפן געוואָרן אונזערע אייגנאַרטיקע, מיטן האַלב־וואָכעדיקן פורים־יום־טוב פאַרבונדענע מיסטעריען—די „עקידת־יצחק" און „מכירת־יוסף". וואָלט אונזער נאַציאָנאַל לעבן דעמאָלט געווען אָרגאַניזירט, וואָלט אונזער אָרגאַניזירט רעליגיעז לעבן ניט געווען אין יענער צייט דער איינציקער צוויבער־מיטל קעגן קולטור־טויט,—וואָלט אפשר דעמאָלט ווי געהעריק אָנגעוואַקסן דער פּרוכטבאַרער באָדן פאַרן פאָלקס־טעאַטער.. דערנאָך איז פלוצלינג ווידער איבערגעריסן געוואָרן די גייסטיקע אַרבעט פון פאָלק, און דאָס יידישע טעאַטער איז אַנטשטאַנען אין, אייגנטליך, אַ וואָכן־טאָג, בשעת דאָס גאַנצע פאָלק איז געלעגן גייסטיק און פיזיש באַטויבט, און נאָר צעשפּרייטע יחידים האָבן ערגעץ־וואו געשפּונען האָפענונגס־פעדים פון דער אַלטער השכלה־וואָל. דאָס יידישע טעאַטער איז געבאָרן געוואָרן צו שפּעט און צו פרי, עס האָט באַדאַרפט אַנטשטיין אָדער גאָר פרי אָדער נאָך שפּעטער.. ווייל, דאַכט זיך, ערשט איצט פאַרענדיקט זיך דאָס לעצטע עטליך־הונדערט־יאָריקע בוך און קומט צו זיין ערשטן בלאַט פון נייער פּיבערהאַפטער גייסטיקער שאַפונג.

## II.

דער פאַרוויקלטער וכוח צווישן די אַלטע און נייע פאָרמען אין טעאַטער־קונסט האָט צו דעם איצטיקן טעאַטער דירעקט קיין שייכות ניט. אין אייראָפּעאישן, איבערהויפּט אין רוסישן, טעאַטער קעמפן די נייע שטרעבונגען קעגן די אַלטע פאָרמען פונ׳ם רעאַליזם. דאָס יידישע טעאַטער אָבער איז נאָך אַפילו צו די אַלטע אייראָפּעאישע פאָרמען אויך ניט דערוואַקסן. אונזער טעאַטער איז נאָך אַ פרימיטיוו טעאַטער.

ס׳איז ניט אינגאַנצן ריכטיק, אַז אונזער טעאַטער שטאַמט

פון „מכירת-יוסף״ און „עקידת-יצחק״. פון אונזערע מיסטעריען וועט שטאַמען דאָס צוקינפטיקע טעאַטער. דאָס איצטיקע איז נאָך דערווייל די „מכירת-יוסף״ אַליין,—פאַרשטייט זיך, אין אַ גע-פעלשטער פאַרדאָרבענער פאָרם. דער גייסט פון יידישן טעאַטער איז נאָך עד-היום דער אַמאָליקער בדחן, דער לץ. זיין שאַפונג איז קיינמאָל קיין קונסט ניט געווען און וועט ניט זיין. אין בעסטן פאַל, קען זי זיין פאַרוויילנדיק, אינטערעסאַנט. דעריבער שטייט דער יידישער בדחן, אויף וויפיל ער באַווייזט זיך אין אונזער טעאַטער, ניט נידעריקער פאַר׳ן אייראָפּעאישן פאַרסן-און וואָדע-ווילן-אַווטאָר, און אונזערע „ביידע קונעלעמלס״ זיינען אפשר ער-גער פאַרן פראַנצויזישן פאַרס (צוליב זיין ספּעציעלן פראַנצויזישן גייסט), נאָר פונקט אַזוי אינטערעסאַנט און ניט-קינסטלעריש, ווי דער רוסישער און פוילישער פאַרס.

ניט מיט זיין פאַרס-רעפּערטואַר באַליידיקט אַזוי טיף דאָס יידישע טעאַטער דעם יונגן יידישן דור. דער פאַרס איז בכלל אַ שטיפקינד פון טעאַטער, געבאָרן פון דער צירק-אַרענע מיט דעם גאַס-באַלאַגאַן. אַפילו ניט מיט זיין אַלטן רעפּערטואַר („בר-כוכבא״, „שולמית״), כאָטש אויף זייער נאַאיווער מיסטעריען-פאָרם ליגן שוין פלעקן פון בדחנ׳ישער באַגרענצטער פּאַרשפּיצטקייט, פון פאַרטעמפּטן בעל-הבת׳ישן לצנות-וויץ. דאָס יידישע טעאַטער איז אַזוי קרענקליך-באַליידיקדיק נאָר מיט זיין נייעם, האַלב אַמע-ריקאַנער, האַלב רוסלענדער, מאַרגאַרין-רעפּערטואַר און מיט זיינע סצענישע מיטלען, מיט׳ן אַרט שפּילן, וואָס איז מיט אים אַזוי אָרגאַניש צונויפגעוואַקסן און אַזוי גוט צוגעפּאַסט צו דער בול-וואַר-דראַמע.

אונזער טעאַטער איז שטיין געבליבן צווישן דער סטיכישער פאָלקסטימליכקייט און אינטעלעקטועלער קונסט-שאַפונג. פון דער ערשטער איז דאָס טעאַטער אָפּגעריסן, ווייל ביז דער לעצטער צייט איז איר קוואַל געלעגן אין יענע פאָלקס-שיכטן, וואָס האָבן זיך צום טעאַטער בכלל באַצויגן פיינדליך, ווי צו אַ מכשול פון דער זינד-וועלט, ווי צו אַ פאַרדעכטיקן דבר-חול, וואָס קען די ריינקייט פון דער נשמה באַשמוצן. צו דער צווייטער, צו דער

אינטעלעקטועלער קונסט-שאַפונג איז דאָס טעאַטער צוליב באַ-וואוסטע סיבות—פון וועלכע כ׳וועל שפּעטער רעדן—ניט דער-וואַקסן. און דאָס טעאַטער האָט אָנגעהויבן ציען סיי זיין גייסטיקע, סיי זיין מאַטעריעלע חיונה פון די יידישע מיטל-שיכטן, פון די, וואָס זיינען צו פּראַקטיש-קלוג פאַר דער נאַאיווער פאַלקסטימליכ-קייט און צופיל קרעמער פאַר דער אמת׳ער קונסט. אין טעאַטער איז דער אָרקעסטער און די ראַמפּע בלויז מאַטעריעלע מחיצות צווישן אַרטיסט און צושויער. גייסטיק זיינען זיי צענויפגעגאָסן. אין יידישן טעאַטער ווירקן די מחיצות נאָך ווייניקער ווי אין אַנדערע. ניט אומזיסט איז עס אַזוי נאַטירליך, אַז אין יידישן טעאַ-טער זאָל דאָס פּובליקום פּרובן צייטנווייז זיך דורכשמועסן מיטן אַקטיאָר און האַלטן זיך פריי, ווי ביי זיך אין שטוב. און די בינע האָט זיך געשטעלט אויף דער הויך פון קרעמערישן קולטורעלן צו-שטאַנד—אויף דער הויך פון איר פּובליקום.

אויף דער הויך שטייט דער בדחן.

אַלס אַ שמ״ר-בלאָשטיין פון טעאַטער-קונסט, האָט ער די וועלט אויסגעמאָסטן מיט זיין הינטערן-אויוון-אייל און פאַרקלענערט זי ביז זיין אייגענעם קאַרליק-וואוקס. ערנסט אָנגענומען דעם פאַלשן סענטימענטאַליזם פאַרן העכסטן אויסדרוק פון ראָמאַנטישן, די גראָבע שטריכן פון אַ שילדן-מאָלער—פאַר די העכסטע פאָרם פון אמת׳ן רעאַליזם. קיין זכר פון מאָס-געפיל, קיין סימן פון טאַקט. די גוטסקייט, די ערליכקייט איז שטענדיק פון דער גרעס-טער מאָס, פון ל״ו צדיקים; דאָס גלייכן פאַרבר עכערישקייט, בייז-קייט—אויך די גרעסטע, די ווייטסטע, פון לעצטן גיהנום. און ניט געשילדערט די מאָס פון דעם גוטן און בייזן, נאָר צוגעשריבן: אַזוי פיל און אַזוי פיל; דער איז דער בעסטער, יענער דער אויס-וואורף; ווי שילדן, אויסגעהאַנגענע אויף יעדן העלד, ווי די ציי-כענונג פון די אַרבעה-בנים אין דער פסח-הגדה. זיין עבירה איז קצביש-מגושמ׳דיק, זיין צדקות איז פּרימיטיוו-פּראָסט. דער ליבע-טראַגיזם—די אייביקע נשמה-וואונד פון מענטשן—ווערט פאַרקער-פּערט ביי אים אין אַ קליינליכן — ווי פריער געזאָגט, פּרימיטיוו געשילדערטן—פאַמיליען-קאָנפליקט: איינער פון דיביידע צדדים

ווייל ניט דעם שידוך. און מערקווירדיק—מערסטנטיילס, צוליב געלט־מאַטיוון. אין קיין טעאַטער שפּילט ניט אַזאַ ראָלע דער געלט־מאָטיוו, ווי אין אונזערן. אַ ליבע־דראַמע—צוליב געלט, אומטרייהייט —צוליב געלט, גאָטס־שטראָף—פאַר אַ קאָנפליקט אין געלט־ענינים, זינד און תשובה טאָן—ווידער אין געביט פון געלט. אומשולדיק פאַרפאָלגט זיין און צום סוף באַזיגן — ווידער מיט געלט. בשעת דוד (אין „דוד׳ס פידעלע״) נעמט אַרויס אין לעצטן אַקט פון טאַש אַ משונה גרויסן פּאַק פּאַפּיר־געלט, גייט דורך איבערן גאַנצן טעאַטער־זאַל אַ דויערנדיקע באַוועגונג. אַזוי שטאַרק איז דער עפעקט. אַפילו דער טויט איז פאַרוויקלט מיט אַ געלט־קאָנפליקט (צווישן די יורשים: אַמאָל צווישן ברידער אַליין, אַמאָל צווישן ברידער און יונגע שטיפמוטער). אַזוי האָט דאָס געלט אין אונזער קרעמערישן טעאַטער פאַרנומען דעם אָרט פון דעם אַלט־גריכישן און רוימישן „פאַטום״, פון דעם פאַרבאָרגענעם טעאַטער־גאָט. די שטאַרקסטע טענער פון אונזער טעאַטער זיינען שלעכט אויסגעטראַכטע רעדעס־מאָנאָלאָגן אָדער לאַנגע „פּסוק־אום־פּסוק״־דיאַלאָגן.

דאָס איז זיין אינערליכער דראַמאַטיזם, אַ מאָל באַפּאַרבט אין אַ גרויעם רחמנות־סענטימענטאַליזם, אַ מאָל באַדעקט מיט אַ גלאַנץ פון קליין־שטעטישן מגידישן מוסר. דאָס באַציט זיך אַפילו אויף די צוויי לעצטע „דראַמען״, וואָס זיינען ערשינען אויפן שוועל פון דער נייער ליטעראַטור—אויף שלום־עליכמ׳ס „צעזייט און צעשפּרייט״ און דוד פּינסקיס „פאַמיליע־צבי״. ניט אומזיסט האָט זיי אַזוי גיך פאַרדייט אונזער קאָנסערוואַטיוו־איינגעשפּאַרטער טעאַטער.

דער רעפּערטואַר איז די אויסערליכע פיזיאָנאָמיע פון אַרטיסט. אין דעם איצטיקן רעפּערטואַר פון יידישן טעאַטער שפּיגלט זיך אָפּ דער יידישער אַקטיאָר. דער זעלבער בדחן, וואָס שרייבט די טעאַטער־שטיק, פירט זי אויף דערנאָך. אַלע אָפּשטויסנדיקע פעלערן פון זיין שרייבן באַווייזן זיך דערנאָך אין אַן אַנדער פאָרם אין זיין שפּילן. ווי אַ בדחן, האָט דער יידישע אַקטיאָר צוויי פּנימער: איינעם פון דעם העלד, וועלכן ער שפּילט, וועלכן ער „מאַכט נאָך״, דעם צווייטן—פון שפּילער גופא, וואָס ווינקט צום עולם: איך „מאַך נאָך!״ געפעלט אייך?...

די בעסטע יידישע אַרטיסטן קאָנען זיך ניט באַפרייען פון דער צעשפּאָלטענער טאָפּלטקייט, וואָס איז אַזוי צוגעפּאַסט צום „שכל־הישר" פונם קרעמערישן פּראַקטיציזם. די ערגסטע מאָמענטן פון דער אויפפירונג זיינען גרופּן-סצענעס. אונזער טעאַטער האָט ליב צו ווירקן אויף זיין צושויער מיט סצענעס פון אוממיטלבאַ־רער שרעק. אויף דער יידישער בינע גוסס'ט אַן אַקטיאָר צייטנ־ווייז פינף־צעהן מינוט צייט (600 סעקונדן!), און די מיטה מיטן בר-מינן שטייט אַמאָל נאָך לענגער. אין אַזעלכע סצענעס ווערט נאָך בולט'ער און מיאוס'ער די דאָזיקע טאָפּלטקייט.—גלייך ווי זיין רעפּערטואַר, האָט דער געוויינליכער יידישער אַקטיאָר נאָר עלע־מענטאַרע טענער, וועלכע האָבן ניט קיין איבערגאַנגס־שטופן און וועלכע ער צעטיילט אָן מאָס און טאַקט אויף צוויי עקסט־פּונקטן. קיין טעאַטער פאַרמאָגט ניט אַזאַ פאַלשן, ווידעריקן פּאַטאָס, אַזעל־כע משונה'דיקע „אָ, פאָטער!", ווי אונזערער. און קיינער פון דער זייט פלעגט אַזוי סיסטעמאַטיש ניט פאַרדאַרבן אונזער שפּראַך און האַרטנעקיק פאַרהאַלטן איר אַנטוויקלונג, ווי אונזער אייגן טעאַטער מיט זיין אוממיגליכן בערדיטשעווער „דייטש", מיט זיין אומגע־לומפּערטן, עקלהאַפטן „הויכן סטיל". וואָרום סוף כל סוף רעדט מען אין אונזער טעאַטער „דייטש" און אונזערע טרופּעס רופן זיך יידיש־דייטשע ניט נאָר צוליב דעם אַלטן פּאָליציי־אישן פאַרבאָט, וואָס איז ביז דער לעצטער צייט געהאַנגען איבער דעם יידישן טעאַטער. דאָס „דייטשעריש" האָט געשטאַמט פון דעם האַס צום „זשאַרגאָן", אין וועלכן דער אַקטיאָר מיטן צושויער זיינען סאָ־לידאַריש געווען, און ממילא אויך פון דער שטרעבונג „ווירקלי־כער" איבערצוגעבן אַזעלכע געפילן, ווי ליבע א. אַז. וו.—און צו־זאַמען מיט דעם דאָזיקן פּאַטאָס הערט מען אין יידישן טעאַטער אַזוינע בולוואַר־זידלערייען, זעהט מען אַזאַ פּראָסטע גאַסן־מאַניר, פון וועלכע עס ווייס נאָר די צירק-אַרענע.

און אויף דעם אַלעם רוט אַ זיכערע, איינגעשפּאַרטע באַר־באַרישע אומוויסנהייט, וואָס קאָן בשום אופן זיך אַליין ניט פאַרשטיין.

———

## VIII

אויב אונזער קולטור-שאַפונג בכלל איז צוליב דעם פאַר-אָרימט, וואָס אַ באַדייטנדיקער טייל פון פאָלק פאַלט אָפּ פון איר פאָלקס-שפּראַך, האָט פון דעם דאָס טעאַטער מער ווי אַלע אַנדערע קולטור-צווייגן געליטן. געליטן אין צווייען. געבליבן, ערשטנס. ביי אַ פּרימיטיוון צושויער, וואָס האָט אים גופא פּרימיטיוו געמאַכט, אמת, איצט איז דער צושויער אויסגעוואַקסן און איבערגעוואַקסן איבער זיין אַרטיסט; אָבער פריער האָט ער דעם אַרטיסט דער-נידעריקט און זיין וואוקס פאַרהאַלטן. און צווייטנס: צוליב דעם וואָס די מער אַנטוויקלטע שיכטן פון פאָלק רעדן אַנדערע שפּראַכן, צוליב דעם וואָס די פאָרמען פון זייער לעבן זיינען ניט קיין יידישע, מוז זיין דער אינהאַלט פון יידישן טעאַטער (וועלכער מוז דערוויל זיין אַ רעאַליסטישער) איינאַרטיק, אָרים.

אַ ונזער טעאַטער אַנטוויקלט זיין טעטיקייט אין אַן איזאָלירטן נאַציאָנאַלן לעבן. ווי אַ רעאַליסטישע (כאָטש איר רעאַליזם איז אַ געפעלשטער) בינע אָן פעסטע טראַדיציעס, מוזן זיין אירע אויסער-ליכע פאָרמען ביז דער העכסטער גראַד וואָרהאַפטיק. אירע פאָר-מען מוזן דעריבער זיין נאַציאָנאַלע פאָרמען. די ראָלע פון אַ קריסט, וואָס באַדאַרף אויף דער בינע רעדן יידיש, וועט בשום אופן ניט אויסגעפירט ווערן ווי געהעריק אפילו דורך דעם בעסטן יידישן אַרטיסט; קיין אילוזיע פון קינסטלערישער פאַרקערפּערונג וועט ער ניט באַשאַפן. דאָס יידישע טעאַטער, ווי ווייט עס וויל און מוז דערוויל זיין אַ רעאַליסטישס, באַדאַרף האָבן פאַר זיין שאַפונג ניט נאָר דעם רעאַלן אינהאַלט פון דעם אויסערליכן לעבן, נאָר אויך זיינע רעאַלע פאָרמען. אָבער ביז דער לעצטער צייט האָט דער גרעסטער טייל פון יידישן לעבן געטראָגן ניט-יידישע פאָרמען, דעריבער האָבן מיר באַגאַבטע קאָמיקער, ווייל זיי האָבן אין אוי-סערליכן לעבן דייטליך-אויסגעשפּראָכענע פאָרמען. מיר האָבן אָבער נאָך ניט קיין ערנסטע דראַמאַטישע טאַלאַנטן, ווייל דער גרעסטער טייל פון דראַמאַטישן שטאָף אין יידישן לעבן ווערט. אין דער ווירקליכקייט אויסגעדריקט אויף אַנדערע שפּראַכן. דערי-

בער ווערן אַזוי געשטרויכלט אונזערע אַרטיסטן אין יענע סצענעס, וועלכע זיינען מער קאָמפּליצירט, ווי דאָס געוויינליכע מיטעלע פאָלקס־לעבן. דאָרט האָבן זיי פאַר זיך קיין רעאַלן מוסטער ניט. די יידישע העלדן פון יושקעוויטש'עס דראַמען, וואָס ברעכן אַזוי באַרבאַריש די רוסישע שפּראַך, זיינען וואָרהאַפטיקער פאַר יידישע אינטעליגענטן, וואָס רעדן אויף אונזער רעאַליסטישער בינע יידיש. אויך צוליב דעם אפשר רעדט מען אין אונזער טעאַטער „הויך־דייטש”. ווילן מיר איבערשאַפן אונזער טעאַטער, ווילן מיר האָבן אַזאַ בינע, וואָס זאָל אונז ניט באַליידיקן, באַדאַרפן מיר פריער פאַר אַלץ איבערשאַפן די באַליידיקנדיקע פאָרמען פון אונזער לעבן און אומקערן זיך צו די נאַציאָנאַלע פאָרמען—אָנהייבן פון אָנהויב דעם לעצטן בוך פון אונזער קולטור־שאַפונג.

---

ווילנע פעברואר 1908.

# ווילנער טעאַטער.

די טרופּע, וואָס שפּילט אין ווילנער יידישן מלוכה-טעאַטער, האָט לעת-עתּה באַוויזן אויסצופירן סך הכּל צוויי פּיעסעס (הירש-בײנס „פּוסטע קרעטשמע" און „די נבלה"), און עס איז נאָך שווער דערווייל אָפּצושאַצן סיי דעם ווערט פון איינצלנע אַרטיסטן, סיי די באַדייטונג פון דער גאַנצער טרופּע פאַר דער אַנטוויקלונג פון יידישן טעאַטער. נאָר געוויסע אַלגעמיינע שטריכן האָבן זיך שוין דייטליך אַרויסגעוויזן, און אויב עס איז נאָך פרי אַרויסצוזאָגן אַן ענדגילטיקע מיינונג, איז שוין צייט זיך צו פאַרטראַכטן און פרעגן וועגן דעם ווייטערדיקן וועג פון דעם ניי-געבילדעטן טעאַטער.

און אין אַלגעמיינע שטריכן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די טרופּע פון ווילנער טעאַטער טראָגט אין זיך יענע פעלערן פון אַלטן טעאַטער, וואָס פלעגן מאַכן צו גאָרנישט זיין גאַנצע אַרבעט ניט נאָר דעמאָלט, ווען ער פלעגט שפּילן אָפּערעטעס און מעלאָ-דראַמעס, נאָר אין זיינע פּרובן צו ווערן—ווי דער טעאַטער-לשון פלעגט דאָס רופן—„ליטעראַריש" און שפּילן דעם נייעם און נייסטן רעפּערטואַר. דער אַלטער טעאַטער האָט ניט פאַרשטאַנען צו זאָרגן פאַר דער גאַנצקייט פון איינדרוק, וואָס די פאָרשטעלונג דאַרף געבן, פאַר דער האַרמאָניע, וואָס דאַרף ליגן צווישן איינצלנע טיילן פון דער פּיעסע און איינצלנע שפּילער פון דער פאָרשטע-לונג. דאָרטן האָט מען קיינמאָל ניט געשפּילט קיין פּיעסעס, קיין גאַנצע טעאַטער-ווערק, נאָר אויפטריטן און סצענעס. און תּמיד האָבן דאָרטן געשפּילט איינצלנע אַרטיסטן; די איבעריקע פלעגן דאַרפן נאָר אונטערשפּילן. און שפּילן פלעגט יעדערער פאַר זיך אויפן אייגענעם חשבון, ניט גערעכנט זיך און ניט געטראַכט וועגן דער זאַך, וואָס ווערט געשפּילט, און וועגן דעם איינדרוק, וואָס זי דאַרף שאַפן. אין אַלטן יידישן טעאַטער האָט מען קיינמאָל ניט פאַרשטאַנען, אַז די אויפפירונג פון אַ פּיעסע איז אַ גאַנצע קינסט-

לערישע אויפגאַבע, וואָס קאָן פאַרענטפערט ווערן נאָר דורך דער צונויפגעפאַסטער, האַרמאָניזירטער קאָלעקטיווער אַרבעט פון די שפּילער.

פון אָט די גרונד-פעלערן איז ניט פריי די טרופּע פון אונזער ווילנער טעאַטער. ניט אַזוי גראָב און עם-הארצותדיק, ווי אין עכטן אַלטן יידישן טעאַטער, נאָר גענוג בולט און פאַרדראָסיק האָט עס זיך באַוויזן אין דער „פוסטער קרעטשמע".

וואָס פאַרלאַנגט אָט די אויסגעצייכנטע, באמת טעאַטראַלישע פּיעסע, כדי זי זאָל אונז געבן אַ גאַנצן קינסטלערישן איינדרוק?

אַחוץ דעם גוטן שפּילן (און דאָס איז אייגנטליך אַזאַ עלעמענטאַר-פאַרשטענדליכע זאַך, אַז מען פאַרשפּאָרט דאָס צו דערמאָנען: אָן דעם וועט די אויפגאַבע פון דער אויפפירונג בשום אופן ניט פאַרענטפערט ווערן), פאַרלאַנגט זי, אַז קודם כל זאָל זיך אַנטפּלעקן פאַרן צוזעהער די סיבה פון דער דראַמע, דער כוח, וואָס געוועלטיקט דאָ און פירט צום אומגליק, און אַז עס זאָל דערוויזן ווערן, אַז דאָס אומגליק, וואָס פאַסירט, איז באַשערט, איז אומפאַרמיידליך און מוז געשעהן. איז דאָס, אַ פּנים, אַזוי שווער? ניין. די „פוסטע קרעטשמע" שטעלט ניט קיין שוועריקייטן דעם רעזשיסאָר, וואָס דאַרף זי אויפפירן. הגם זי איז געוועבט טיילווייז פון מיסטישן שטאָף און הגם די לעצטע סיבה פון דער פּיעסע איז אַן אומרעאַלע (שדים), איז זי דאָך אַן איינפאַכע, אַ רעאַליסטישע פּיעסע פון דעם מאָמענט, ווען איר הייבט אָן צו זעהן דאָס אַרומיקע דורך די פענסטער פון פאַרוואָרפענעם ישובישן הויז, מיט די אויגן פון דעם אַלטן זיידן שכנא... ער, דער, וואָס עפנט די פאָרשטעלונג, איז ביי הירשביינען און דאַרף זיין אין שפּילן אַן אַלטער יידישער פויער, אַן ערד-מענטש, כמעט אַ געצנדינער: מיט אַ קעלבל—אַ בהמה, וואָס האָט קיין נשמה ניט—רעדט ער ווי מיט אַ מענטשן; צי וועט זיין רעגן צי ניט, דערוויסט ער זיך פון פייגלען. פאַר אים זיינען די שדים פון דער פוסטער קרעטשמע פונקט אַזוינע רעאַלע, ממשותדיקע לעבעדיקע שכנים, ווי ר' אייזיק, וואָס וויל זיך מיט אים מתחתן זיין. לאָמיר דערפילן, ווי אָפּגעזונדערט דאָס יידישע הייזל איז פון מענטשן און ווי צונויפגעגאָסן מיט

וואַלד און פעלד, ווי פאַרמענטשליכט דאָ זעהט אויס שטיין און בוים, חיה און פייגל, ווי פאַנטעאיסטיש מען זעהט דאָ די וועלט — און די אויסווייניקסטע סיבה פון דער פּיעסע וועט ווערן אויפ־געדעקט.

און דערנאָך דאַרף באַוויזן ווערן די אינעווייניקסטע סיבה פון דער פּיעסע — דער קרומער שידוך, וואָס בענדעט טוט מיט זיין טאָכטער, און דער געפערליכער פּלאַן זיך אָנצוהייבן מיט די שכנים פון דער פוסטער קרעטשמע. ביי הירשביינען גופא זיינען מטושטש די פסיכאָלאָגישע מאָטיוון, וואָס באַוועגן בענדעטן אויף אַזוינע מעשים. כלומרשט רעדט זיך וועגן געשעפטן, וועגן געלט־פאַר־דינסטן, נאָר הירשביינס העלדן בכלל פאַרשטייען ניט קיין צורת־מטבע, הגם זיי רעדן כסדר וועגן געלט־ענינים. ניט נאָר צוליב געלט פאַרמעסט זיך בענדעט אויף דער פוסטער קרעטשמע, און ניט דערפאַר, וואָס ער גלויבט ניט אין שדים. אמת, ער איז מיט אַ דור יינגער פאַר שכנא׳ן און ווייס מן הסתם, אַז אין די שטעט האַלט מען דאָס פאַר נאַרישקייטן, און דאָך זיינען זיי פאַר אים עד היום אַ זיכערע זאַך, אַ ממשותדיקער פאַקט. און מורא האָט ער אויך פאַר זיי, ווי אַלע אין דעם דאָזיקן הויז. נאָר ווייל ער האָט מורא, ווייל זיי האָבן שוין אים אפשר אַ יאָר צוואַנציק נאָכאַנאַנד דערעסן מיט זייער שכנות, לאָזט ער זיך אַזוי לייכט אָנרעדן און איז גרייט איצט ביי אַ גוטער געלעגנהייט, איין מאָל פאַר אַלע מאָל זיך אַ נעם טאָן און אויסראָטן זיי פונדאַנען, גלייך ווי ער וואָלט זיך ניט געשטערט „אַרויסצוזעצן" פון דער קרעטשמע אַן אומאָנגענעמען מענטשליכן שכן, וואָס וואָלט אים געטאָן נגישות. ער איז אַ האַרטער, אַ שטאַרקער און ענערגישער ייד און ווי אַ וואַלד־מענטש — אַן עקשן. זיין עקשנותדיקע ענערגיע, אויסגע־מישט מיט דעם ביטול צו דעם גאַנצן ענין פון אויסקלייבן חתנים („מען האָט חתונה און יוצא"), ברענגט אים צו דעם קרומען שידוך קעגן דעם ווילן פון מייטען. אין טאָג פון דער חתונה, נאָך דעם אַז זיין עקשנות איז צופרידנגעשטעלט, איז ער אַ צעשפּאָלטענער מענטש, — צעשפּאָלטן צווישן שמחה און האָפענונג און חרטה און מורא. אין דער גאַנצער שטוב פילט זיך די פאַרבאָרגענע חרטה.

נאָר עס איז אַ שמחה, און מען מאַכט זיך פריילעך. און אַלע באַ־
האַלטן איינע פון די אַנדערע, וואָס זיי האָבן אין זיך, דעם פּאַר־
דראָס אויפן עבר און די מורא פאַרן מאָרגן, און אַז עס קומען
אָן די צעהן אומגעריכטע און אומבאַקאַנטע געסט, איז שוין דאָס
אומגליק צייטיק—עס איז שוין געשעהן.

די „פּוסטע קרעטשמע״ פאַרלאַנגט אפשר אַ קונציקן שפּילן
(אין דריטן אַקט די סצענע צווישן מייטען מיט איציקן), נאָר קיין
רעזשיסאָרישע קונצן פאַרלאַנגט זי געוויס ניט. פּשטות, ריכטיקע
פּירוש־המלות און אַ האַרמאָניש צונויפגעפּאַסט שפּילן—און די פּיע־
סע אַנטפּלעקט זיך פאַר אונז גאַנץ, פול און דייטליך. און דאָס
האָט די פאָרשטעלונג פון דער „פּוסטער קרעטשמע״ ניט געגעבן.

ניטאָ קיין וואַלד, קיין ישוב. יעדערער פון די שפּילער—
ניט גערעדט פון גוט אָדער שלעכט שפּילן—גיט זיך זיינס, ניט
צונויפגעבונדן מיט דעם זינען פון דער האַנדלונג. שכנא—אַ ניצוץ
פון טאָלסטאָיס יעראָשקאַ—איז אַ רעזאָניאָר אַ פּרוש און ניט קיין
ערד־מענטש. ער האָט ווי פאַרבלאָנדזשעט אַהער פון אַן אַנדער
פּיעסע, און עס דוכט זיך, אַז אָט וועט ער זאָגן אַ וויץ, אַ גראַם
(„איז ער געגאַנגען צו דערלאַנגען״). ער איז אַ שטאָטיש יידל, פול
מיט ביטול, קלוג מיטן יידישן טרוקענעם שכל און ניט מיט דער
חכמה פון פעלד און וואַלד. דאָס, וואָס ער דאַרף טאָן עפּענענדיק
די פּיעסע, גייט לאיבוד און ער אַליין ווערט אַן איבעריקער מענטש
אויף דער בינע, אַ מענטש, וואָס העלפט ניט, נאָר שטערט (דורך
זיין איבעריקייט) דער אַנטוויקלונג פון די געשעהענישן. בענדעט
שטעלט זיך ניט קיין צילן, וואָס זאָלן ווערן קלערער און דייטלי־
כער מאַכן דעם פאַרפּלאָנטערטן געוועב פון זיינע פּלענער.
אייזיק האָט קיין פּנים ניט און גייט אַרויף אויף דער בינע נאָר
צוליב דעם, אַז אַנדערע זאָלן קאָנען רעדן צו אים: ער אַליין
ענטפערט אָן לשון, אָן כאַראַקטער. און מיר זיינען דאָ ווידער
אַ מאָל אויסן ניט אַזוי דעם שפּילן פון די אַרטיסטן, ווי דעם פּלאַן
פון שפּילן—די פּלאַנלאָזיקייט. וואָרים, למשל, כיענע, די מוטער,
וואָס ווערט געשפּילט, בכלל גערעדט, גאַנץ גוט, איז אויך ניט די

מוטער, וואָס אָט די פּיעסע פאַרלאַנגט, איז סתּם אַזוי אַ מוטער און ניט די, וואָס איר איז באַשערט אַרונטערצופאַלן מיט איר איינציקער טאָכטער אונטערן כּישוף פון די שכנים-שדים. און אַלע אַרטיסטן צוזאַמען גענומען האָבן קיין איין מאָל ניט באַטאָנט יענע שטעלן אין דעם ערשטן אַקט, וואָס זאָגן אָן לכתּחילה, אַז דאָס אומגליק וועט מוזן געשעהן, האָבן קיין איין איינציקן מאָל ניט דערשראָקן זיך מיט אָן אמת פאַר דעם רעיון גופא צו רוגירן די שדים פון זייער שטענדיקער דירה. מ׳האָט איין מאָל אָדער צוויי מאָל אויסגעשריען, בעת עס האָט זיך גערעדט וועגן איבערבויען די „פּוסטע קרעטשמע", עטליכע מאָל זיך כּלומרשט דערשראָקן, נאָר קיין אמתע שרעק האָט קיינער ניט איבערגעשאַפן און קיי־נער ניט באַוויזן. דעם גאַנצן אַקט האָבן געשפּילט אויפגעקלערטע היינטמאָדישע מענטשן, וואָס ווייסן אויף זיכער, אַז קיין שדים איז אויף דער וועלט ניטאָ און אַז די גאַנצע מעשה איז אַ ליגן. און איז אַ ליגן די מעשה מיט די שדים, מוז דער גאַנצער בנין פון דער פּיעסע איינפאַלן ביזן פונדאַמענט.

און ער פאַלט איין. דער צווייטער אַקט, דער שענסטער און דער וויכטיקסטער אַקט, אויף וועלכן עס האַלט זיך די גאַנצע פּיעסע, צעשיט זיך. היינט, אין דעם זעלביקן טאָג, ווען די חתונה קומט פאָר, צעוואַרפט מען די פּוסטע קרעטשמע, פאַרפירט מען אַ מחלוקת מיט ניט־גוטע, און היינט איז די חתונה, אַ יידישע חתונה, וואָס ניט-גוטע האָבן תּמיד אַ שליטה אויף איר און מען זעהט מיט אַלע מיטלען זיך אָפּצוווערן פון זיי. איז דאָך געגוג גרויס, געַנוג דייטליך די סכּנה. נאָר קיינער פון די שפּילער פילט דאָס ניט. קיינער האָט קיין מורא ניט. מען איז זיך גוט משמח, מען לויפט אום און מען טומלט און מען עסט און די מוזיק רוישט. עס קומט א י צ י ק אויף דער חתונה און מען זעהט און מען קען ניט ניט זעהן, וואָס עס קומט פאָר מיט דער כּלה, נאָר די שפּילער זעהען דאָס פאָרט ניט: עס איז רוישיק און פריילעך און מער גאָר נישט. דערנאָך קומען די צעהן סוחרים (אין דער פאָרשטעלונג—אַכט)— פאַרשטעלטע שדים פון דער פּוסטער קרעטשמע. זייער שליטה האָט זיך שוין לאַנג געדאַרפט פילן, נאָך איידער זיי זיינען אַנגע־

קומען, נאָר זי פילט זיך אַפילו איצט ניט, ווען זיי זיינען שוין דאָ. עפעס אַ רמז אויף זייער מהות איז געווען אין זייערע איינ־אַרטיקע בגדים, אָבער אַ קנאַפּער, אַן אייבנאויפיקער. ווייל זיי זיי־נען אינעווייניק פאַרבאָרגענע, ווייל זיי זיינען פאַרשטעלט און ווען זיך באַלד אויפדעקן און אַרויסווייזן, דאַרפן זיי זיין אויס־ווייניק דייטליכע, בולטע. עס דאַרפן קומען צעהן בלישטשעדיקע, געשמאַקלאָז אויסגעפּוצטע לייט, דורכגעריבענע יונגען, וואָס האָבן אָנגעצויגן אויף זיך כלומרשט אַ מיושב׳דיקן אויסזעהן; קונצנמאַכער, וואָס קאָנען אַלע מלאכות (אַז מען דאַרף, זיינען זיי כלי־זמר), העזהדיקע קריכער און פרייליכע נשמות. און אַ גוואַלדיקע עשירות און פּזרנות. און תּיכּף ווי נאָר זיי קומען, דאַרפן זיי ווערן די בעלי־בתּים פון דער חתונה. אין שטוב דאַרף ווערן ענג, ווי מען וואָלט צונויפגעפּרעסט די לופט, גלייך ווי מען וואָלט איבערגע־פילט די שטוב מיט מענטשן, און אַלע באַדאַרפן תּיכּף דערפילן, אַז עס זיינען אָנגעקומען אומגעוויינליכע און זעער פאַרדעכטיקע מענטשן. די צוויי ווייבער, וואָס זאָגן דאָס אַרויס אין דער הויך, זיינען ניט די ערשטע, וואָס האָבן דאָס אַ טראַכט געטאָן, זיי האָבן נאָר די ערשטע דאָס פון מויל אַרויסגעבראַכט. אין דער פאַר־שטעלונג אָבער קומען אַראָפּ אַכט יידן און זעקס אָדער זיבן פון זיי פאַרשעמען זיך, וואָס מען האָט זיי אַרויסגעפירט פאַר אַ גרויסן עולם אויף דער בינע. מען שטעלט פאַר זיי אַ טיש אין הינטער־גרונט און זיי בלייבן דאָרטן זיצן פאַררוקט ווי אָרימע קרובים אויף אַ רייכער שמחה. די מחותּנים טוען זיך זייערס, עסן און טרינקען, און די אָנגעפאָרענע געסט האָבן צו זיי קיין שייכות ניט. און שפּעטער, אַז עס הייבט אָן צו וואונדערן אַלעמען די פּזרנות פון די אומבאַקאַנטע, פאַלט די באַוואונדערונג דערהויפּט אויף דעם געשאַנק און ניט אויפ׳ן שענקער, אויף די סאַמעט און זיידנס און ניט אויף די סוחרים (אגב, די פּזרנות גופא האָט געקענט און גע־דאַרפט אַ סך דייטליכער און מאָלערישער געשילדערט ווערן), און אַפילו דעמאָלט, ווען דער ערשטער סוחר ווערט דער אמת׳ער רעדלפירער פון דער שמחה און הייבט אָן אַרויסווייזן זיין טייוולשן מהות, באַמערקט מען אים נאָך אַלץ ניט.

וואָס עס טוט זיך אין פערטן אַקט, איז פאַרן צוזעהער ממש ניט צו באַגרייפן. ביי אַ בעסערן שפּילן וואָלט דער איינדרוק פו־לער געווען, נאָר אויב דאָס שפּילן וואָלט געבליבן אַזוי דיסהאַר־מאָניש ווי איצט, וואָלט זיך קיין פולער קינסטלערישער איינדרוק דאָך ניט באַקומען. דער פערטער אַקט האָט ניט קיין איינהייטליכן גייסט; ער ווערט אינגאַנצן אָפּגעשפּילט אויפטריטנווייז; יעדער אויפטריט בלייבט הענגען באַזונדער און דער צענטר, דער עיקר פון דער האַנדלונג, ווערט פאַרשוואונדן. הירשביינס מיסטיק, די שוואַרצע הון, וואָס וואָלט אין אַלע פאַלן געשטערט, אַז מען ברענגט זי אויף דער בינע, דאַרף ווערן פאַרדעקט און אָפּגערוקט אין דער געהעריקער פּערספּעקטיוו דורך אַ צונויפגעפּאַסטן שפּילן וואָס דאַרף לאָזן פילן קודם־כל דעם עלנדן צער און די מאוימ׳די־קע פאַרלאָרנקייט, וואָס ליגט אין שטוב. ביי דעם דעזאָרגאַניזירטן שפּילן אָבער פון יעדערן פאַר זיך באַקומט די שוואַרצע הון, מיט וועלכער מען טראָגט זיך אום אַזוי לאַנג איבער דער בינע, אַ זעלבּ־שטענדיקע באַדייטונג, אַ באַדייטונג פון אַ עיקר, פון אַ הויפּט־מאָ־טיוו און דער צוזעהער באַקומט אַן איינדרוק פון אַ ביליגן, פּוסטן, אַבסטראַקטן, כלומרשט מיסטישן רמז, וואָס פאַרשטעלט אינגאַנצן דעם לעבעדיקן און מיט אינהאַלט פולן מענטשליכן צ ע ר.

נאָר מערקווירדיק, צוזאַמען מיט דעם ניט־זיין פון דער קעגנ־זייטיקער דיסציפּלין, מיט דעם ניט־זיין פון רעזשיסאָר, וואָס דאַרף האַרמאָניש מסדר זיין אין אַ גאַנצער זאַך דאָס באַזונדער שפּילן פון איינצלנעם, צוזאַמען דערמיט באַווייזט זיך אין דער פאָרשטע־לונג געגנוג אָפט יענע רעזשיסאָרישע האַנט; וואָס צעשטערט דעם קינסטלערישן איינדרוק. אָט די האַנט פון רעזשיסאָרישן קונצנמאַ־כער האָט איבערגעפילט סיי די „פּוסטע קרעטשמע" סיי די „נבלה" מיט אַ געמיינעם נאַטוראַליזם און שפּאַרט אַריין אין מיטן דער האַנדלונג פון דער פּיעסע אַזעלנע מגושמ׳דיקע פּרטים, וואָס צע־רייסן דעם איידעלן געוועב פון בילדליכן וואָרט,—אַזוי מגושמ׳דיק שווער איז געווען אויפגעפירט די חתונה און אַזעלנע דיסהאַרמאָ־נישע נאַטוראַליסטישע פּרטים זיינען געווען אין שפּילן פון איינצלנע אַקטיאָרן, ווי למשל, דער אַנסופּי׳קער שטיף אין שטרוי אין דער „פּוס־

טער קרעטשמע”, די מיט אַ בכּיוון אינטערגעשטריכענע פיזישע אומציכטיקייט אין דער „נבלה” וכדומה.

די „פוסטע קרעטשמע” איז איינע פון די בעסטע פיעסן אין אונזער רעפערטואַר און לאָזט זיך אַזוי מסדר זיין, און דאָך ווערט זי אָפּגעשפּילט אָן אַ בעל-הבית, אָן אַ אינעווייניקסטער אָרדענונג, און דווקא „די נבלה”—אַ ישיבה-בחוריש געמאַכטע אַנטי-קינסטלערישע מעלאָדראַמע — איז איבערגעקנאָטן געוואָרן דורך אַ פעסטער האַנט, וואָס האָט אַריינגעבראַכט עפּעס אַ סדר אין אָט דער אומגעלומפּערטער פּיעסע. עס לאָזט זיך בשום אופן ניט גלויבן, אַז ביי דעם זעלבן רעזשיסאָר, וואָס האָט געשטעלט די „נבלה”, זאָל זיך קאָנען באַקומען אַזאַ צעשאָטענע, אַזאַ אָנ׳סדרדיקע פאָרשטעלונג, ווי די „פוסטע קרעטשמע”. דיביידע פאָרשטעלונגען זיינען צוויי פאַרקערטע און סותרדיקע טיפּן פון סצענישער אַרבעט, און פאַר די צוזעהער, וואָס האָבן געזעהן לעת-עתה נאָר אָט די צוויי פאָרשטעלונגען, בלייבט אַ פראַגע, וועלכע פון זיי איז אַ צופעליקע, בלייבט אָפן די פראַגע, די וויכטיקסטע פאַרן עתיד פון דעם ווילנער טעאַטער: אויף וועלכן וועג וועט ווייטער גיין זיין אַנטוויקלונג.—אויפן וועג פון האַרמאָניזירטן שפּיל (וואָס שטערט ניט און דאַרף ניט שטערן דעם שאַפן פון דעם איינצלנעם אַקטיאָר, נאָר פאַראייניקט די איינצלנע אין דעם קאָלעקטיוון שאַפן) אָדער אויפן וועג פון דער דיסהאַרמאָנישער צעשפּליטערונג פון דער פאָרשטעלונג... דער ערשטער וועג פירט צום נייעם טעאַטער, דער צווייטער פירט צוריק—אויף מוראַנאָוו און קאַראָוואַ-גאַס אין וואַרשע...

---

איך לאָז דורך מיט אַ בכּיוון אין מיין אַרטיקל דעם שפּילן פון איינצלנע אַקטיאָרן. עס איז שוין, אויך אין דעם מאָמענט, קלאָר בנוגע צו אייניקע (אַזראַ, טייטלבוים). אַז מיר האָבן צו טאָן מיט אינטערעסאַנטע אַקטיאָרן, וועגן וועלכע מען דאַרף און עס איז דאָ וואָס צו שרייבן. עס איז אויך ניטאָ וואָס צו

צווייפלען, אַז ע ל מ י ת פאַרמאָגט אַ באַדייטנדיקן, אפשר אַ גרויסן סצעניש טאַלענט. עלמית און אַזרא זיינען, ענדליך, געווג באַקאַנט אין ליטע און פוילן פון דער צייט פון אָקופּאַציע. נאָר סיי וועגן זיי סיי וועגן די איבעריקע מיטגלידער פון דער טרופּע וועט גרינגער זיין צו משפּט׳ן שפּעטער, אַז זיי וועלן זיך אַרויסווייזן דייטליכער און קלערער אין די ווייטערדיקע פאָרשטעלונגען.

---

ווילנע 1 מערץ 1919

# ישעיהו בן שמעון דאָמאַשעוויצקי
## (בערשאַדסקי)

ישעיהו בן שמעון דאָמאַשעוויצקי (בערשאַדסקי) איז געבאָרן דעם 14 אָקטאָבער 1871 יאָר אין אַ דאָרף ביי ניי-מוש, גראָדנער גובערניע, ביי רייכע עלטערן. דערצויגן איז ער געוואָרן אינדערהיים, ביי מלמדים, וואָס דער פאָטער פלעגט ברענגען פון ביאַליסטאָק. פון 1886 ביז 1887 יאָר לערנט זיך בערשאַדסקי ביים ראָסער, דערנאָך ביים דערעטשינער רב. אין 87-טן יאָר קומט ער אָן קיין ביאַליסטאָק לערנען זיך און — לערנען: ער ווערט אַ העברעאישער לערער... אין דער צייט האָט ער אָנגעשריבן זיין ערשטע דערציילונג. אין 1896 יאָר פאָרט בערשאַדסקי קיין באַקו, וואו ער נעמט אָן אַ שטעלע אין אַ באַנק. ער האַלט זיך דאָ אויף נאָר אַ קורצע צייט. ער פילט זיך שלעכט. ער פאָרט אַוועק פון באַקו קיין יעקאַטערינאָסלאַוו און ווערט ווידער אַ העברעאישער לערער. אין 1899 ערשיינט אין פאַרלאַג „תושיה" זיין ערשטער ראָמאַן „באין מטרה" און אין אַ יאָר אַרום — נאָך אַ ראָמאַן „נגד הזרם" און „טפוסים וצללים" אין צוויי טייל. ער גיט זיך איבער אינגאַנצן דער ליטעראַטור. אין 1903 יאָר דרוקט בערשאַדסקי זיין ערשטע סקיצע אין יידיש. אין 1904 יאָר לאַדעט אים איין פאַר אַ מיטאַרבעטער דער רעדאַקטאָר פון „הזמן", וואָס איז דעמאָלט ערשינען אין פעטערבורג.

אינגיכן פאַרמאַכט זיך דער „הזמן" און בערשאַדסקי קלייבט זיך איבער פון פעטערבורג קיין וואַרשע. ער דרוקט פון צייט צו צייט סקיצן אין „פריינד", „הצופה", זעצט איבער פאַרן „וואָסכאָד" אויף רוסיש זיין „באין מטרה". אַז דער „הזמן" עפנט זיך ווידער אין ווילנע, קומט אָן אַהין בערשאַדסקי אַלס רעדאַקטאָר פון

דער בעלעטריסטיק און אַרבעט דאָרט ביז אַווגוסט 1906. די לעצטע צוויי יאָר שרייבט ער כמעט אויסשליסליך יידיש (אין דער „פאָלקס־שטימע", „נייעם וועג", אין די זאַמלביכער „די וועלט", „דאָס יודישע פאָלק" „פריינד" און אַנד.)

ניט האָבנדיק קיין מיטלען צו היילן זיך, פאַרלאָזט בער־שאַדסקי זיין קראַנקהייט (האַלז־סוכאָטע). די לעצטע פאָר חדשים ווערט זיין לאַגע אַזוי געפערליך, אַז ער לאָזט זיך פאָרן היילן קיין אָטוואָצק. נאָר ס'איז שוין צו שפעט.

די לעצטע טעג פון בערשאַדסקין באַשרייבט זיינער אַ באַ־קאַנטער אין אַ פריוואַטן בריוו אַזוי:

„קומענדיק אַהין (קיין אָטוואָצק, אין אַ פּאַנסיאָן), האָב איך אים כלאחר יד אַריינגעלייגט אין בעט... מיטוואָך, אויף מאָרגן נאָך זיין קומען, האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער איז זייער צופרידן, וואָס מיר האָבן אים אַריינגעגעבן צו ג. אין פּאַנסיאָן און וואָס ער איז פּטור געוואָרן פון וואַרשעווער יידישן שפּיטאָל (וואו בער־שאַדסקי איז געבליבן, פאָרנדיק פון ווילנע קיין אָטוואָצק)... איך האָב אים געקויפט אַ טערמאָמעטער, און ווי גרויס איז געווען אונ־זער פאַרוואונדערונג, אַז בערשאַדסקי האָט אַפילו ניט געוואוסט, ווי מען מעסט די טעמפּעראַטור, און האָט מיך בתמימות געפרעגט, צי מען לייגט דעם טערמאָמעטער אויפן העמד, צי אויפן הוילן לייב, און אויף וועלכן אָרט. —

מיטוואָך ביי נאַכט האָט אים ב. אויסגעמאָסטן די טעמפּע־ראַטור און געפונען 40,3. ער האָט געמאַכט אַ טומל. ס'איז געקו־מען דער פעלדשער... און ס'איז אים בעסער געוואָרן. אויף מאָרגן האָט ער מיר דאָס דערציילט מיט זיין ליבן שמייכל, ווי זיי האָבן זיך נעכטן דערשראָקן און ווי דער פעלדשער האָט אים געראַטע־וועט... ער האָט פאַרלאַנגט, מען זאָל אים אַלע טאָג ברענגען דעם... (אַ וואַרשעווער צייטונג, — די אַנדערע וואַרשעווער צייטונ־גען האָט ער ניט געוואָלט לעזן). די היץ האָט זיך ביז שבת גע־האַלטן ביי 40. שבת האָט ער זיך זייער גוט געפילט, געוויצלט זיך, גערעדט פון פּאָליטיק — פון דעם קיסרס ענטפער צו די דוּמאָ־ריאַנעס. ווען איך בין ביי אים געווען, איז געקומען דער דאָק־

טאָר—ער פלעגט קומען צוויי מאָל אַ טאָג.—איך האָב באַמערקט, אַז דער דאָקטאָר איז עפּעס צעשראָקן. „שלעכט!—האָט ער מיר געזאָגט—ניטאָ קיין האָפענונג״. בערשאַדסקי האָט אָבער אויסגעזעען מונטער, מיט זיין שטענדיקן שמייכל. בשעת איך בין געקומען פאַרנאַכט, האָב איך אים שוין געפונען אין אַ שרעקליכן צושטאַנד. אין האַלז האָט אים געשטיקט, ס׳פלעגט אים אויספעלן אָטעם, אַ קורצע צייט געווען ניט ביים דעת, געקריצט מיט די ציין, געביסן די צונג... מען האָט אָנגעהויבן לייגן אייז, געבן טרינקען א. אַז. וו., און ס׳איז אים בעסער געוואָרן. אַז ער איז געקומען צו זיך, האָט ער געפרעגט אַזוי ערנסט: „וואָס איז דאָס געווען מיט מיר?״

פון וואַרשע האָבן מיר אַרויסגערופן י—ן (אַ נאָענטן פריינד פון בערשאַדסקי). ער איז געקומען 1 ביינאַכט. די נאַכט איז געווען אַ שרעקליכע, און אויף מאָרגן אין דער פרי (זונטאָג) איז ער שוין געווען ניט ביים זינען. ער האָט דורכאויס גערעדט... איינציקע פראַזן... ווער ס׳האָט ניט געזעען בערשאַדסקין זונטאָג און מאָנטאָג, האָט ניט געזעען קיין דערהויבנס, קיין גרויסעס!... ער האָט גערעדט עפּעס אַזוי מוטיק און שטאַרק, געמאַכט מיט די הענט—און די אויגן האָבן געלויכטן... איך האָב געהערט: „יאָ, ס׳זיינען פאַראַן טאַלאַנטן, אַ סך טאַלאַנטן, יונגע, גרויסע, ניט ווי... (ער האָט אָנגערופן איינעם פון די עלטערע שרייבער). אַ וועלט! אַ ווייסע וועלט, אַ ליכטיקע וועלט... איך שטאַרב, יאָ, דאָס געוויס... איך שטאַרב... דינה״ (דעם נאָמען האָט ער אָפט דערמאָנט). ביינאַכט האָט ער אָנגעהויבן ריידן העברעאיש...

ביי אונז איז געבליבן, מיר זאָלן אים אָפּפירן שטאַרבן קיין וואַרשע... אין וואַגאָן אויפן בעט איז ער געלעגן, געקוקט אויף אַלעמען מיט זיינע ליכטיקע אויגן, און איך האָב געהערט, ווי ער האָט געזאָגט: „אָכור לדבר״.—די לעצטע ווערטער, וואָס איך האָב פון אים געהערט...

געשטאָרבן איז בערשאַדסקי דעם 26-טן פעברואַר 1908 אין וואַרשע, אויפן 38-טן יאָר פון זיין לעבן.

ווילנע, מערץ 1908.

# VI. פֿון ווייטערס איבער־
# געבליבענע כּתבים.

# פון ווייטערס איבערגעבליבענע כתבים.

פאַקסימילע פון עטליכע שטיקלעך פון אַ מין אַווטאָביאָגראַ־פישער דערציילונג און פון אַ דערציילונג אין צוויי וואַריאַנטן, משמעות, נאָטיצן פאַר אַ פּלאַן פון אַ גרעסערער דערציילונג אַויס דער צייט פון דער מלחמה.



1. וואס האט געדרייט די שטוב.

? 2 הערבסט.

3 אין וועג ארויס.

4/3 – ווער און וויאזוי.

5/4 – אין ווארשע

ער 6/5 – " גראסן.

7/6 – האטעל – די שווארצע נאכט. וואס איך האב געזען. דער ווי.

---

8/7 – פ"ט. קאנטאר און דער מאטיאס

ז' ו' 9/8 – אין קאווערנע. קאנטאר. די טאנצערקע!

10/9 – דער מאטיאס. די דעכעל.

---

11/8 – זוקערמאן. דער עסור. כאראבאווע. זונערמאנט טאנצער.

ער 12/ – " " " "

13 – דאס " די דעכעל...

---

ז' 14 – קאנטאר.

15 – מאטיאס און קאנטאר

16 – די דעכעל. אנטלויפן. די טעמפעראמענטן תשובה.

17 די ביינער לזרון ואטן.

[illegible]

---

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

KORPORATSIOON ... TARTU

## דער אָנהייב פון דער אויבן=דערמאָנטער דערציילונג פון דער מלחמה=צייט.

חייט, אַלכסנדר יאַקאָוולעוויטש, אַ ווילנער דאָקטאָר, האָט זיך אין מיטן ווינטער אינגאַנצן באַפרייט פון מיליטער=דינסט נאָך פערטהאַלבן יאָר מלחמה און געקומען אַהיים קיין פעטערבורג, וואוהין זיין פאַמיליע איז אַנטרונען געוואָרן בעת דער בהלה אין אָסיען פון 15-טן יאָר. נאָר קיין פרייד פון דער באַפרייאונג האָט ער ניט געפילט, און אין שטוב ביי אים איז געווען אומעטיק און ניט גוט. ער האָט געוואוסט, אַז דאָס נעמט זיך פון פיל סבות: ערשטנס, איז זיין באַפרייאונג ניט געקומען אומגעריכט, ווי ער פלעגט זיך געוויינליך פאָרשטעלן, טראַכטנדיק וועגן דעם סוף פון דער מלחמה, וואָס מוז דאָך אַמאָל אָנקומען. פאַר דער לעצטער צייט פלעגט ער גאַנץ אָפט קומען אַהיים פון ריגע, וואו זיין לאַזאַרעט איז געשטאַנען, און פאַרזאַמען דאָ וואָכנלאַנג. און אַז ריגע איז געפאַלן און אָפיצערן האָבן אָנגעהויבן אַזוי צו דעזערטירן ווי פראָסטע זעלנער, איז ער אויך געקומען אַהיים ווי אויף תמיד און האָט גאָר ניט בדעה געהאַט צו פאָרן צוריק אויפן פראָנט, ביז די נייע דיקטאַטאָרישע רעגירונג, פאַר וועלכער מען האָט תיכף באַקומען אָפשיי און מורא, האָט ניט פאַראָרדנט, אַז די דאָקטוירים און אָפיצערן זאָלן זיך אומקערן אויף זייערע ערטער. נאָר איצט האָבן שוין אַלע געוואוסט, אַז די מלחמה האָט זיך פאַקטיש געענדיקט און אַז דאָס פאָרן איז נאָר אַ פאָרמאַליטעט, וואָס מען דאַרף דורכמאַכן, אום געזעצליך זיך אינגאַנצן צו באַפרייען. זיין איצטיקע פרייהייט אַלזאָ האָט ער באַקומען ביסלעכווייז און דעריבער האָט זיך די שמחה אויך צערונען טראָפּנווייז... צווייטנס, האָט זיך אין אמתן די מלחמה ניט געענדיקט. קיינעם איז דאָס לעבן ניט גרינגער געוואָרן. דאָרטן אויפן מערב

פראָנט האָט נאָך די מלחמה געפלאַקערט ווי פריער און אינעווייניק, אין לאַנד גופא, האָט מען אָן אַן אויפהער געשאָסן איינע אין די אַנדערע. די הויפּט-שטאָט האָט געהונגערט. אַ שמאָלן פּעניצל ברויט פלעגט מען אַרויסגעבן אויף צוויי טעג פאַר איין מענטשן און דער יקרות אויף פּראָדוקטן איז געווען מאוימדיק. אין אָוונט פלעגן שוין פּאַרזיכטיקע מענטשן ניט אַרויסגיין פון שטוב און אויף אַלע גאַסן פלעגט מען כסדר הערן שיסערייען. אין אַזוינע צייטן איז קיינעם ניט פריילעך, אַחוץ איינצלנע, וואָס פאַרכאַפּן אין זייער האַנט די מאַכט פון מלוכה אָדער די מאַכט פון געלט. און ענדליך איז זייער פּערזענליכע לאַגע אויך געווען גענוג שלעכט. אַלכסנדר יאַקאָוולעוויטש האָט פון ערשטן טאָג אָן אויסגעהאַנגען זיין ברעטל אויפן אַריינגאַנג, נאָר פאַר דער גאַנצער צייט איז געווען איין חולה, אַן אויסגעהונגערטער גאַס-מענטש, וואָס איז געקומען בעטן אַ צעטל אויף ווייסע מעל און שאָקאָלאַד, און וואָס האָט מן-הסתם בדעה געהאַט עפּעס אַראָפּנעמען אין פּאָדערהויז אָדער אויסבעטן אַ נדבה. קיין האָנאָראַר האָט דער דאָזיקער פּאַציענט ניט באַצאָלט. אָנקומען אויף אַ שטעלע צו דער נייער רעגירונג האָט זיך ניט געוואָלט. אָנשטענדיקע מענטשן האָבן זי באָיקאָטירט. הונדערטער און טויזנטער אינטעליגענטע אַרבעטער, באַאַמטע, דאָקטוירים, אינזשענערן, זיינען אַליין אַוועק אָדער מען האָט זיי אָפּגעשאַפט. און אָנקומען אויף אַזאַ פרייגעוואָרענע שטעל איז געווען אַ בזיון. אַ ביסל געלט פון דעם, וואָס דינאַ מאָאיסייעוונאַ האָט מיטגעבראַכט פון ווילנע און אַריינגעלייגט אין באַנק, איז נאָך גאַנץ געווען, נאָר די נייע רעגירונג האָט שוין געהאַלטן די בענק אין אירע הענט און פלעגט אַרויסגעבן די קליענטן מיט גרויסע שוועריקייטן צו עטליכע הונדערט רובל אַ חודש, וואָס האָט קוים געקלעקט אויף ברויט, וואָס מען פלעגט קריגן צו קויפן באַהאַלטענערהייט ביי זעלנער און אַרבעטער פון בעקערייען. און דאָס איז נאָך זיין מיינונג געווען די גרעסטע סיבה פון דעם אומער, וואָס איז געלעגן סיי אויף אים, סיי אויף דינאַ מאָאיסייעוונאַ. די גאַנצע האָפענונג איז געווען, אַז אָט-אָט וועט זיך עפענען די גרעניץ און זיי וועלן זיך אַריבער-

קלײבן צוריק קיין ווילנע, וואו די דאגת־הפּרנסה וועט תּיכּף פאַר־
שווינדן צוזאַמען מיטן קאָשמאַר פון רוסישן בירגער-קריג. און
נאָך אַ סיבה האָט ער געוואוסט, צוליב וועלכער אין שטוב איז
אַזוי אומעטיק געווען, נאָר געוואוסט ניט אויף זיכער און מיט
אַלע גייסטיקע מיגליכקייטן געזועגן ניט צו טראַכטן פון איר.

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .
. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .
. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .
. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

---

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .
. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

* * * [1]

עס גייט אַוועק דער ווינטער שוין,
עס קומט דער מאָנאַט מאַי;
אויפגעלעבט האָט דאַן מיין האַרץ
און ליבט שוין אויף דאָס ניי — — —

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

אייישישאָק 1897

---

1) אַן איינציק פאַרבליבענע סטראָפע פון ווײַטערס אַליד, איבערגע-
געבן דורך זיין יוגנט-פריינד ישראל ראַבינאָוויטש פון ביניאַקאָני.

# אַ בריוו.

פון א. ווייטער צו זיין שװעסטערקינד
און ידיד ש. בלאָך אין װאָראָנאָװע.

אחי שבתיאל בלאך!

אחרי כל ההרפתקאות דעדו עלי, אחרי כל הטלטולים שהביאני לידם מלך מלכי המלכים, אחרי כל הנסיונות הקשים והעבודה הרבה, אחרי כל העסקים הטובים והרעים, אחרי התחנונים והבקשות ואחרי בואי כמעט אל מחוז חפצי, — שכבתי היום כמעט רפה־כח במעוני על הקושֶטקה או „הַסַפָּה" לנוח מעט. ממילא מובן, כי במצב כזה נפלו עלי חבלי שנה. אשמורות עיני נדבקו, נשמתי עלתה לשמים לתת דין וחשבון לפני יוצרה ובוראה, את אשר לא עשתה בלילה, שעבר עלי מבלי שנה, — ואישן שנה מתוקה, כשנת העובד ימים על ימים. ובשנתי זאת חלמתי, אחי, חלומות רבים; והחלומות נעימים הם מאד. נעימים מהחלומות בהקיץ, כי עתה המוח, מקור כל השכל הרע, המכחיש וכופר בכל המציאות, העוקר הררי האמונה ונוקב עד התהום, — המוח הרע הזה ינוח ברגעי השנה מעבודתו, ואך הלב, מקור כל הגעגועים והאהבה, מקור כל התקוה והרֵעות, מקור כל דבר נחמד וטוב, — אך הוא יחלום חלומות, יהרהר הרהורים, וכל אלה טובים לי. ובחלמי את חלומי — והנה יד נוגעת בי, והיד רכה היא וענוגה, יד אשה, שבה טמון איזה כח נפלא, המרעיש את כל העצבים המרגישים של אדם, שעוד לא כהו כל חושיו, — כח אלקטרי. בי, אחי, נתנה מאת הטבע הרגשה דקה, להרגיש את זיק האלקטרי הזה היוצא מן האשה, מן אבריה, ונכנס אל הנוגע בה.

תיכף הקיצותי והנה האשה הזאת מושטת לי מכתבך, אשר נתגלגל גלגול מחילות כל היום עד אשר בא לידי. — קראתי את

KORPUS

מכתבך ומתוך כך נזכרתי את כל אשר היה עמדי בוו. והמקרים והמאורעות האלה מביאים לידי שחוק; אך אתה, אחי, אל תשחק לי, פן יראה אלהיך ורע לו ויביא גם אותך לידי נסיונות כאלה. אנכי בבואי לווילנא לא סרתי תיכף אל מעונו של ה׳ ראבינאוויץ; אך הלכתי לקנות לי את הדברים הצריכים לי ואחפוץ לסור למעון אחד ממכרי, אך קיבתי החלה לדרוש את תפקידה, כי השעה היתה כבר השעה האחת עשרה. עיף ויגע באתי למעוני — והנה מתלאה: אשה זקנה, אלמנה עם שתי בתולות, כנראה, בנותיה, צועקות ומגדפות ומחרפות את בעל מעוני ואשתו, העומדים ופניהם לבנים וחוורים כפני מת. טרם הספקתי לדעת על מה כל הרעש הזה וטרם הגידו לי כי נושה היא בו כסף הרבה ואת האכסניא ביחד, והנה הפריסטאוו בא הביתה. ראיתי מעשה ונזכרתי הלכה, כי עוד מעט ישאל ממני את תעודת־מסעי, במצאני עומד בין המריבים בבית אכסניא. אחרי המשמוש בכיסי נוכחתי לדעת, כי שכחתי את תעודתי זאת בביתי, ואמהר אל הפויזד לראות את אי״ד ולספר לו את הדבר; אך אחרתי לדאבון לבבי את המסע ההוא. ובכן ישבתי בבית התחנות עד השעה השלישית; שמה סעדתי את לבי באכילה קלה ואקרא בכתבי עת; אך בכל זאת, כידוע, קשה כקריעת ים־סוף לשבת שלש שעות תמימות בבית הנתיבות ולחכות על המסע, כלבוא משיח...

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

הנני מקצר את מכתבי.

הוראת־שעה אחת יש לי. חמשה רובל הנני מקבל עד יום בוא אבי הנער, ובבוא האב יוסיף, בלי ספק, רו״כ אחד על שכרי. עוד הוראת־שעה אחת תלויה בספק, אנכי כמעט נתיאשתי ממנה. עד 20 לחודש זה הנני הולך כמעט בטל מפני סבות שונות, ואחר אשוב לעבודתי לעבוד בשקידה רבה. —

דרוש בשלום „דיין שווער און שוויגער״.

דרוש בשלום ש״ב היקר לי מר ד״י דעוועניסקי.

היה שלום, אחי! א. מ. דעוועניסקי.

כתבתי: . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

P. S. את המכתב הזרגוני צרף אל מכתבך ושלחהו לווראנאווא. —

נ. ב. תיכף תעלה על המוקד את המכתב הזה או תטמנהו במקום, שהכלב לא יחפש אחריו!... הנ״ל.

קיבנה, ix, 1898.

# אַ בריוו *).

ברודער מיינער, שבתיל בלאָך!

נאָך אַלע פּעריפּעטיעס, וואָס זיינען מיט מיר געשעען, נאָך אַלע וואָגלענישן, וואָס דער קיניג פון אַלע קיניגס-קיניגן האָט מיר גורם געווען, נאָך אַלע שווערע נסיונות און סך אַרבעט, נאָך אַלע גוטע און שלעכטע עסקים, נאָך אַלע תחנונים און בקשות און נאָכדעם ווי איך בין כּמעט געקומען צו מיין צוועק, — האָב איך זיך היינט געלייגט כּמעט אָן כּוח אין מיין וואוי-נונג אויף דער קושעטקע אָפּרוען אַ ביסל. ס׳פאַרשטייט זיך ממילא, אַז אין אַזאַ מצב איז אויף מיר אַרויף אַ שלאָף, די ווימפּערלעך פון מיינע אויגן האָבן זיך צונויפגעקלעפּט, די נשמה מיינע איז אַרויף אויפן הימל אָפּצוגעבן דין וחשבון פאַרן באַשעפער אירן און איר אויסבילדער וועגן דעם, וואָס זי האָט ניט געטאָן אין דער נאַכט, וועלכע איז מיר דורכגעגאַנגען אָן שלאָף, — און איך בין אַיינגעשלאָפן אַ זיסן שלאָף, ווי דער שלאָף פון אַ מענטשן, וואָס האָט טעג נאָך טעג געאַרבעט. און אינם דאָזיקן שלאָף מיי-נעם, ברודערל דו מיין, האָב איך געזעען אַ סך חלומות. און די חלומות יענע זיינען זייער ליב, ליבער פון די חלומות אויפן וואָר, דען איצט איז דער מוח, דער מקור פונם גאַנצן בייזן שכל, וואָס פאַרניינט און לייקנט אין דער גאַנצער מציאות, וואָס רייסט אויס די בערג פון גלויבן און לעכערט דורך זיי ביזן תהום, — אָט דער דאָזיקער שלעכטער מוח רוט אָפּ אין די מאָמענטן פונם

---

*) איבערז. א. י. ג — דס.

שלאָף פון דער אַרבעט זיינער און בלויז דאָס האַרץ, דער קוואַל פון אַלע בענקשאַפטן און ליבע, דער מקור פון דער גאַנצער האָפענונג און פריינדשאַפט, פון אַלץ וואָס ליב און גוט איז,—בלויז דאָס האַרץ חלומט חלומות און פאַרטיפט זיך אין פאַנטאַזיעס, און דאָס אַלץ איז גוט צו מיר. און אין רעכטן חלום מיינעם — נון רירט מיך אָן אַ האַנט, און די האַנט איז צאַרט און איידל, אַ פרויען-האַנט, וואָס אין איר איז עפּעס אַ וואונדערליכע קראַפט באַהאַלטן, וואָס מאַכט אויפציטערן אַלע איידעלע נערוון פון אַ מענטשן, וואָס זיינע חושים אַלע זיינען נאָך ניט אָפּגעטעמפּט געוואָרן, אַ כוח אַן עלעקטרישער. מיר, ברודער, איז פון דער נאַטור געגעבן אַ הרגשה אַ דינע צו שפּירן דעם דאָזיקן שטראָם דעם עלעקטרישן, וואָס גייט פון דער פרוי אַרויס, פון די גלידער אירע, און דרינגט אַריין אין האַנט פון דעם, וואָס רירט זי אָן.

תיכף האָב איך אויפגעוואַכט, און אָט — די פרוי די דאָזיקע דערלאַנגט מיר דיין בריוו, וואָס האָט דורכגעמאַכט דעם טאָג אַ גאַנצע ריי גלגולים, ביז ער איז געקומען אין מיין האַנט אַריין.

איך האָב דורכגעלייענט דיין בריוו און האָב זיך אַ דאַנק דעם דערמאָנט אַלץ, וואָס איז מיט מיר פאָרגעקומען אין וואָראָנאָווע. די דאָזיקע אַלע מעשיות און געשיכטעס ברענגען מיך צום לאַכן. נאָר דו, ברודער, זאָלסט ניט לאַכן פון מיר, טאָמער וועסטו, עס דערזען דיין אָפּגאָט, וועט נאָך ברוגז ווערן און אויך דיך ברענגען צו אַזוינע נסיונות.

זייענדיק אין ווילנע, בין איך ניט אַריין צו ראַבינאָוויטשן*), נאָר אַוועק זיך מאַכן נייטיקע קניות און געוועלט אַריין צו אַ באַקאַנטן, אָבער דער מאָגן האָט אָנגעהויבן פאָדערן זיין רעכט, דען עס איז שוין געווען עלף אַ זייגער. מיד און פאַרמאַטערט בין איך געקומען אויף מיין קוואַרטיר — מיטאַמאָל אַ מעשה: אַן אַלטע פרוי, אַן אַלמנה מיט צוויי בתולות, משמעות, אירע טעכטער, שרייען און זידלען דעם בעל-הבית פון מיין קוואַרטיר און זיין ווייב, וואָס שטייען מיט פנימער טויט-בלאַס. איך האָב נאָך ניט

*) זייערביידנס יוגנט-פריינד.

באַוויזן צו דערגיין, איבער וואָס איז דאָס דער דאָזיקער געפיל־
דער, און מ׳האָט מיר נאָך ניט געהאַט געזאָגט, אַז זי מאָנט ביי
אים אַ סך געלט צוזאַמען מיט דער אַכסניא, ווי ס׳איז אַריין אין
שטוב — אַ פּריסטאַוו. ס׳איז מיר תּיכּף איינגעפאַלן, אַז ער וועט
ביי מיר באַלד פאָדערן מיין פּאַס, וויבאַלד ער געפינט מיך שטיי־
ענדיק צווישן די קריגער אין אַכסניא. איך האָב אַ זוך געטאָן
אין די קעשענעס און איבערצייגט זיך, אַז איך האָב מיין פּאַס
פאַרגעסן אין דער היים. בין איך שנעל אַוועק צום צוג צו זען
אי״ד *) און דערציילן אים די מעשה, אָבער צו מיין פאַרדרוס האָב
איך פאַרשפּעטיקט דעם צוג. בכן האָב איך זיך אַוועקגעזעצט אין
וואָקזאַל ביז דריי אַ זייגער. דאָרטן האָב איך לייכט איבערגעביסן
און געלייענט צייטונגען. פונדעסטוועגן איז, כּידוע, שווער ווי
קריעת ים סוף צו זיצן דריי גאַנצע שעה אין וואָקזאַל און וואַרטן
אויפן צוג, ווי אויף משיחן.. . . . . . . . . . . . .

. . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . .

איך פאַרקירץ מיין בריוו.

איך האָב אַ שטונד. איך באַקום פינף רובל ביזן קומען
פונם יינגלס פאָטער, און אַז דער פאָטער וועט קומען, וועט ער בלי
ספק מיר מוסיף זיין אַ רובל. נאָך אַ שטונד הענגט אין־דער־לופטן,
איך האָב זיך כּמעט מיאש געווען פון איר. ביזן 20־טן פון דעם
חודש גיי איך כּמעט ליידיק צוליב פאַרשיידענע סיבות, און נאָכ־
דעם וועל איך זיך ווידער נעמען מיט גרויס התמדה צו מיין
אַרבעט...

זיי געזונט, ברודער!

א. מ. דעוועניסקי.

מיין אַדרעס: . . . . . . . . . . . . . .

*) אברהם יצחק דעווענישסקי, א ברודער פון ווייטערס מוטער.

גריס מיין טייערן פריינד דוד יצחק דעוועניסקי*).
גריס אויך דיין שווער און שוויגער **).
פּ. ס.: דעם זשאַרגאָנישן בריוו לייג־צו צו דיין בריוו און שיק אים אָפּ קיין וואָראָנאָווע.
נ. ב.: תּיכף זאָלסטו דעם דאָזיקן בריוו מבער זיין אין פּייער אָדער באַהאַלט אים אין אַן אָרט, וואָס אַ הונט זאָל אים אַהין ניט נאָכזוכן!...

הנ"ל.

---

*) ווייטערס שוועסטערקינד און ידיד נאמן, אַ זון פון זיין פעטער אליהו, וואָס איז געווען רב אין האָראָדאָק.

**) פאַמיליע גאָלדאַנסקי אין וואָראָנאָווע, קרובים פון א. ווייטער.

# קורצע רשימה פון א. ווייטערס ווערק.

מחמת ס'איז נאָך ניט געלונגען (ניט אין ווילנע און ניט אין וואַרשע) צו באַקומען די קאָמפּלעקטן „פריינד" פאַר די יאָרן 1908, 1909, 1910 און 1911 מיט זייערע ביילאַגעס, וואו ווייטער האָט פאַרעפנטליכט אַ גאַנץ היבשע צאָל אַרטיקלען, ווי אויך דעם „באַברויסקער וואָכנבלאַט", וואָס ווייטער האָט געהאַט צו אים אַ נאָענטע שייכות, דעם לעמבערגער „סאָציאַלדעמאָקראַט" (אָרגאַן פון גאַליציאַנער „בונד"), וואו ער איז געווען אַ געוויסע צייט שטענדיקער מיטאַרבעטער, און „דאָס יידישע פאָלקסבלאַט" (פּעטראָגראַד 1917/18), וואו ער האָט פאַרעפנטליכט עטליכע אַרטיקלען, — זיינען מיר געצוואונגען צו געבן דערווייל נאָך אַלץ אַ ניט־פולשטענדיקע רשימה פון א. ווייטערס בעלעטריסטישע ווערק, פובליציסטישע אַרטיקלען, נאָטיצן און איבערזעצונגען.

## I. באַזונדערע אויסגאַבעס:

1. ד ע (דעווענישסקי) — דאָס 48־סטע יאָר אין פראַנקרייך. „די וועלט", ווילנע 1907 (פּערטהאלבן בויגן).

2. א. ו ו י י ט ע ר — פאַרטאָג. א דראמאטישע פּאָעמע. פיר אקטן. פארלאג „די וועלט". ווילנע. 1907. ז. 68 (קלענערער פאָרמאט). צווייטע פארבעסערטע אויפלאגע 1911. פיר בויגן (געוויינליכער בוך־פאָרמאט). דריטע אויפלאגע אין „ווילנער פארלאג" פון ב. א. קלעצקין, 1922.

3. א. ו ו י י ט ע ר — אין פייער. א דראמע אין דריי אקטן. פארלאג „די וועלט". ווילנע 1910 (ז. 80). צווייטע אויפלאגע אין „ווילנער פארלאג" פון ב. א. קלעצקין 1920. מיטן בילד פון מחבר.

4. א. ו ו י י ט ע ר — דער שטומער. א דראמע אין פיר אקטן. „ווילנער פארלאג" פון ב. א. קלעצקין 1912. צווייטע אויפלאגע אין זעלביקן פארלאג 1920. ז. 84. מיטן בילד פון מחבר.

5. **א. ווייטער** (אייזיק־מאיר דעוועניסקי) — **כתבים.** 1־טער באנד. מיט זיין ביאגראפיע, בילד און פאקסימילע. צונויפגעזאמלט און אויפגעשטעלט דורך א. י. גאָלדשמידט. „ווילנער פארלאג" פון ב. א. קלעצקין 1923. 10 בויגן (חוץ דער ביאָגראפיע).

## II. אַרטיקלען.

1. **א. וו.** (א. ווייטער) — **א נייער טאַלענט.** (וועגן בערגלסאָנס „ארום וואָקזאַל"). „דער פריינד" 1909, נ. 161.
2. **וו.–עלילת דם.** „דער פריינד" 1911, נ. 99.
3. **א. ד.** (אייזיק דעוועניסקי) — **אַרום פאַקטן: א פלאָנטער.** דאָרטן נ. 118.
4. **א. ד. — אַרום פאַקטן: געשעפט.** דאָרטן נ. 119.
5. **א. ד. — אַרום פאַקטן: לינטשס משפט.** דאָרטן נ. 120.
6. **א. ד. — אַרום פאַקטן: פאַטריאָטישע בנינים.** דאָרטן נ. 121.
7. **א. ד. — אַרום פאַקטן: רעליגיעזע וויכוחים.** דאָרטן נ. 125.
8. **א. וו. — א נייע כרעסטאָמאַטיע.** דאָרטן, נ. 127.
9. **א. וו. — דאָס יידישע קינד.** דאָרטן, נ. 134.

(דער דאָזיקער קאַפּיטל איז צונויפגעשטעלט לויט „ביכער־וועלט" נ. 4—5, קיעוו 1919.)

## III. איבערזעצונגען:

1. **קנוט האַמסון — מלכת שבא.** „ליטער. מאָנאַטשר." 1908, נ. 2. נייט ארויס באַזונדער אין „ווילנער פארלאג" פון ב. א. קלעצקין.
2. **פון שאַרל באָדלער.** „די וואָך" 1919, נ. 2.
3. **פון פּעטער אַלטענבערג.** דאָרטן, נ. 3.
4. **מ. גאָרקי** (אַלעקסיי מאַקסימאָוויטש פּיעשקאָוו) — **מיין קינדהייט.** אין 2 ביכער. „ווילנער פארלאג" פון ב. א. קלעצקין. 1920. ז. 299. אין דער מהומה פון די אַפּריל־טעג 1919 זיינען פארלאָרן געגאַנגען עטליכע בלעטלעך פון ווייטערס איבערזעצונג פון צווייטן בוך, — האָט זיי ממלא געווען אן צווייטער, **דוד בערעזאָווסקי** (דודל). צוויי קאַפּיטלעך („א שיינע זאַך" און „פּעטער פּיאָטר") זיינען נאָך פריער געווען געדרוקט אין די צוויי ביכער פון דעם חודש־זשורנאַל „די נייע וועלט" 1919.

* *
*

די דערמאַנטע „ביכער-וועלט״ שרייבט-צו א. ווייטערן אויף זיכער נאָך צוויי ארטיקלען (דעם צרטיקל וועגן חיספיאַנסקיס „ריכטער״ אין די „ליטער. מאָנ.״ ]. און „די הריגה אין דראָהביטש״, „דער פריינד״ 1911, נ. 135), וואָס זיינען אונטערגעשריבן „א. שוועבער״, און מיט א פראגע-צייכן אן ארטיקל „י. ל. פרץ אין ווילנע״, „דער פריינד״ 1912, נ. 48, אונטערגעשריבן „א. ווילנער״. מ׳קען צוגעבן נאָך אן ארטיקל פון א. שוועבער — „די פאַלקס-ציילונג אין עסטרייך און די יידן״, „פראגן פון לעבן״ (בונדיש זאמל-בוך), ווילנע, יולי 1911. דאָס איז אָבער א טעות: לויט זלמן רייזען דעם בעל ה„לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור און פרעסע״, איז א. שוועבער געווען דער רעדאַקטאָר פונם לעמבערגער „סאָציאַלדעמאָקראַט״, א. ווייטער אָבער איז געווען בלויז מיטאַרבעטער. וואָס איז שייך דער אונטערשריפט „א ווילנער״, איז ערשטנס האָבן זיך אזוי אונטערגעשריבן א שיין ביסל ווילנער; צווייטנס איז עס גאָר געווען דער שטענדיקער פסעוודאָנים פון ש. ניגער פאַר ארטיק-לען אויף ווילנער טאָג-פראגן, און דריטנס איז א. ווייטער גאָר אין ווילנע ניט געווען דעם פורים, ווען פרץ איז אהין געקומען האַלטן זיין לעקציע. היוצא מדברינו איז, אז „א. שוועבער״, „א ווילנער״ און א. ווייטער זיינען ניט אידענטיש.

בכל אופן איז נאָך ביז איצט קיין מיגליכקייט ניטאָ צונויפצוזאמלען ניט בלויז יענע צענדליקע נאָך אומבאַוואוסטע ארטיקלען פון „פריינד״, „באָברויסקער וואָכנבלאַט״, לעמבערגער „סאָציאַלדעמאָקראַט״ און „דאָס יידישע פאָלקסבלאַט״, נאָר אפילו די ניין צרטיקלען, וואָס זיינען אויסגערעכנט אין אונזער „רשימה״, קאַפּ. ]]. און עס איז א יושר, אז אַלע לעזער פון א. ווייטערס ווערק, וואָס ביי זיי געפינט זיך צופעליק דער „פריינד״ פאַר די יאָרן 1908, 1909, 1910 און 1911 אָדער „באָברויסקער וואָכנבלאַט״, „דאָס יידישע פאָלקסבלאַט״ און דער לעמבערגער „סאָציאַלדעמאָקראַט״, זאָלן אזוי פריינדליך זיין און געבן צו וויסן דעם זאַמלער פון א. ווייטערס שריפטן לויטן אדרעס:

ווילנע, וועננריי-געסל, ה. 25, וו. 16. א. י. גאָלדשמידט.

# אינהאַלט:

זייט


צו די לעזער . . . . . . . . . . . . . III

אייזיק מאיר דעווענישסקי (א. ווייטער) —
זיין לעבן און ווירקן — א. י. גאָלדשמידט . . . . V


## I בעלעטריסטיק.


א. אין וועג („פאָלקסצייטונג“, נ' 203, ווילנע ו' כסלו תרס"ז —
10 נאָוו. 1906) . . . . . . . . . . . . . . . 3

ב. יובל („פצ"ג“, נ' 208, 16 נאָוו. 1906) . . . . . . . . . 7

ג. אין דער פרעמד („פצ"ג“, נ' 221, 1 דעצ. 1906) . . . . . 12

ד. אשת איש („פצ"ג“, נ' 245, 27 דעצ. 1906) . . . . . . 18

ה. אין א שטעטל (פסח־זאמלבוך „פרייהייט“, ווילנע 1907) . . . 24

ו. אמאָל („פאָלקסצייט.“, נ' 333, 17 אפריל 1907) . . . . . . 31

ז. א מעשה מיט א יידישן קיניג („די האָפנונג“, נ' 13, כ"ט תשרי
תרס"ח — 24 סעפּט. — 7 אָקט. 1907) . . . . . . . . 34

ח. ביים שאמאן („די וואָך“, נ' 1, ווילנע, 8 יאנואר 1919 . . . . 39


## II דראַמע.


ט. אן אימגליק (איינאַקטער, „די וואָך“, נ' 4, ווילנע 8 פעב. 1919) . 51


## III לידער.


י. * * * („ווייטער־בוך“ ווילנע 1920. איבערגעגעבן צום דרוק
דורך ווייטערס יוגנט־פריינד אייזיק פּאַדגור) . . . . . 63

יא. * * * (רוסיש, — דאָרט; איבערגעגעבן דער זעלביקער) . . . . 64

יב. גשמים („הצפירה“ 1920, נ' 7, פארעפנטליכט דורך זיין יוגנט־
פריינד י. שאַדאָווסקי) . . . . . . . . . . . . . 66

יג. שירת מלאָכים (איבערגעגעבן צום דרוקן אין די „כתבים“ דורך
זיין שוועסטערקינד און יוגנט־פריינד שבתיאל בלאָך) . . . . 71

זייט

## IV עסייאיש.

יח. דער גאון („ביכער־וועלט״, קיעוו 1919, נ״נ 4—5) . . . . . . 75

## V פובליציסטיק.

טו. דער גאליצישער „בונד״ („פאלקסצייטונג״, 30 יאנ. 1907, נ׳ 272) . 83
טז. סטאניסלאוו וויספיאנסקי („דער מארגענשטערן״, ווילנע נאוו. 1907, נ׳ 2) . . . . . . . . . . . . . . . . . 94
יז. אטא ווייניגערס לערע וועגן געשלעכט און כאראקטער („ליטעראַרישע מאנאטשריפטען״, ווילנע, מאי 1908, נ׳ 4) . . . . . . . 96
יח. דרך ארץ!... (דארטן, מערץ, נ׳ 2, — ניט אונטערגעשריבן, נאר אנאנסירט מיט דער אונטערשריפט) . . . . . . . . . 105
יט. ביכער און לעזער („דער פריינד״ ווארשע, 1910, נ׳ 31) . . . 108
כ. „זכר לחורבן״ (דארטן, 1911, נ׳ 75) . . . . . . . . . 110
כא. אונזער צייט („די וואך״, ווילנע, 8 יאנ. 1919, נ׳ 1) . . . . 114
כב. ליכט און שאטן (דארטן, 17 יאנ., נ׳ 2) . . . . . . . . 118
כג. דאס טעאטער („ליטער. מאנ.״, ווילנע, פעבר. 1908, נ׳ 1) . . . 120
כד. ווילנער טעאטער („די נייע וועלט״, ווילנע, מערץ 1919, נ״נ 1—2) . 129
כה. ישעיהו בן שמעון בערשאדסקי („ליטער. מאנ.״, מערץ 1908, נ׳ 2, — ניט אונטערגעשריבן, נאר אנאנסירט מיט דער אונטערשריפט) . 138

## VI פון ווייטערס איבערגעבליבענע כתבים.

כו. פאקסימילע פון עטליכע נאטיצן („ווייטער־בוך״) . . . . . . 143
כז. אנהייב פון א דערציילונג פון דער מלחמה־צייט („ווייטער־בוך״) . 146
כח. רעשטל פון א ליד (איבערגעגעבן פאר „כתבים״ דורך זיין יוגנטפריינד ישראל ראבינאוויטש) . . . . . . . . . . 148
כט. א בריוו (העבר.) פון א. ווייטער צו זיין שוועסטערקינד און ידיד ש. בלאך . . . . . . . . . . . . . . . . 149

---

קורצע רשימה פון א. ווייטערס ווערק . . . . . . . . . . 155

---

**תיקון־טעות:** זייט 51 אונטערן קעפל „און אומגליק״ שטייט: ערשטער אקט

דארף זיין: **איינאקטער.**